STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01568

IN TEMPN VINKL

V. V. Veresaev

*Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence & Yvette Gralla
in honor of
the Glickenstein & Gralla Families*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צו רחל זיסער
פֿון חיה ארלינג

וו. ווערעסאיעוו

ו. ווערעסאַיעוו

אין טעמפּן ווינקל

ראָמאַן

ייִדיש ד. רויכל

1925

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

Printed in Poland

W. Weresaiew. „In Tempn winkl“.

Drukarnia B. A. KLECKINA, Wilno.

פאָרוואָרט

וויקענטי וויקענטיעוויטש ווערעסאַיעוו (סמידאָוויטש) איז געבוירן אין טולע דעם 4 יאַנואַר 1867. אין יאָר 1884 האָט ער געענדיקט די אָרטיקע גימנאַזיע און איז אַריין אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט (אויף היסטאָריש-פילאָלאָגישן פאַקולטעט). ווי ער אַליין איז זיך מודה האָט ער געלערנט בלויז פאַר די עקזאַמענעס און די איבעריקע צייט, אין משך פון די פינף יאָר, האָט ער זיך בלב ונפש איבערגעגעבן דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, באַטייליקנדיקזיך אין פאַרשיידענערליי סטודענטישע קרייזלעך. אָט די געזעלשאַפטלעכקייט האָט ער אין זיך איינגעזאַפט פון די פריסטע יאָרן זיינע. דער פאָטער, אַ פאָפולערער טולער דאָקטאָר, איז געווען אַן אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער טוער און מ'קאָן ווערעסאַיעוון מיט רעכט באַצייכענען אַלס אינטעליגענט בן אינטעליגענט, וואָס האָט אין זיך די ספּעציפישע רוסיש-אינטעליגענטישע אומרואיקע זוכעניש און שוואַנקעניש. ער האָט אַליין באַוואוסטזיניק דורכגעמאַכט די אַלע עטאַפּן, דורך וועלכע ס'איז דורכגעגאַנגען די עוואָלוציע פון רוסישן אינטעליגענטישן געדאַנק. נאָכדעם, ווי ער ענדיקט אין יאָר 1889 דעם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, טרעט ער אַריין אין דערפּטער אוניווערסיטעט, וואו ער שטודירט מעדיצין. דאָ קומט אין אים פאָר אַ שינוי און ער נעמט זיך געשמאַק צום לערנען און ווערט אַ סטודענט אַ מתמיד. און דאָך... וואַכט אין אים ניט איינמאָל אויף דאָס איינגעבוירענע „געזעלשאַפטלעכקייט". אַזוי למשל לאָזט ער זיך אין יאָר 1893 „אויף כאָלערע" אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, וואָס האָט גורם געווען, ער זאָל פאַרשפּעטיקן אויף אַ גאַנץ יאָר דאָס ענדיקן דעם אוניווערסיטעט. צו דעמדאָזיקן פּעריאָד געהערן אויך זיינע ערשטע דערציילונגען („חברים" און „דער האַסט"), וועלכע

האָבן אויפגעדעקט דיזעלבע צעטומלטע אינטעליגענטישע נשמה מיט אירע ניט פאַרענטפערטע פראַגן און ניט באַפרידיקטע פאָדערונגען.

אין 1894 האָט ווערעסאַיעוו געענדיקט דעם דערפּטער אוניווערסיטעט און האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע. פאַרנעמענדיק אַ בכבודיקן אָרט צווישן די אָנגעזעענסטע רוסישע שרייבער פון די ניינציקסטע יאָרן און פון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָט דאָס ווערעסאַיעוו צו פאַרדאַנקען ניט דעם גלאַנץ און פאַרבן־רייכקייט פון זיין קינסטלערישן טאַלענט. זיין פּאַליטרע איז כלל ניט רייך מיט פאַרבן. אין דעם שרייבער קעמפט דער קינסטלער מיט דעם פובליציסט און גאַנץ אָפט איז דער לעצטער דער זיגער. דאָס שאַדט אָבער אויף אַ האָר ניט דעם אויסערלעכן ערפאָלג ווערעסאַיעווס: דווקא זיין פובליציסטישע ווערק „כתבים פון אַ דאָקטאָר" רופט אין זיין צייט אַרויס אַן אומגעוויינלעכן אינטערעס צום שרייבער, ניט ווייניקער איידער זיינע קינסטלערישע ווערק. ווערעסאַיעווס באַדייט באַשטייט ניט אין דער שיינקייט, ניט אין דער בונטקייט און שטאַרקייט, נייערט אין דעם אמת פון זיין שאַפן, אין דעם אמת, וואָס פילט זיך אומעטום, אין אַלע זיינע ווערק — סיי אין די קינסטלערישע, סיי אין די פובליציסטישע, סיי אין די קריטישע.

אין זיין לעצטן ראָמאַן „אין טעמפּן ווינקל", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין דעם סאַמע פייערדיקן קנויל פון דער בלוטיקער רוסישער רעוואָלוציע, ווייזן זיך אַרויס די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון ווערעסאַיעווס שאַפן. זייענדיק דורכגעזאַפּט מיט די אינטעליגענטישע זוכענישן, שטעלט ער אויך דאָ אַוועק אין צענטער קאַטיען די אינטעליגענטין, די צעטומלטע, די זוכנדיקע. ווייל בײַ זיין גאַנצער אָביעקטיווקייט, בײַ וועלכער ס'איז תמיד שווער פאָרצושטעלן זיך זיינע סימפּאַטיעס צו דעם אָדער יענעם העלד, איז ער דאָך אין אַלע זיינע ווערק — און „אין טעמפּן ווינקל" בפרט ניט גלייכגילטיק און אַלע זיינע סימפּאַטיעס געהערן צו די צעטומלטע און זוכנדיקע; צו די אַלע, וואָס האָבן געפונען, דערגרייכט זייער ציל באַציט ער זיך מיט אַ ניט באַהאַלטענער קנאה (ווערא, לעאָניד, וואָראָנקאָ, דער מאַטראָס). ער האָט ליב קאַטיען, ער קוקט איר מיט ליבע אַריין אין אירע אויגן, וואָס ברענען מיט אַ טיפן, אָנגעשטרענגטן

פּייערל, ווען זי גייט מיט אַלע אירע רעיונות, מיט איר גאַנץ וועזן אַרויף אויף דעם וועג פון זוכן די אמתקייט, פון זוכן און — ליידן.

אין דעם פייערדיקן קנויל פון דער גרויסער, אַכזריותדיקער רעוואָלוציע, האָט ווערעסאַיעוו אין דעם טעמפּן ווינקל פון רוסלאַנד, אין קרים, אָפּגעזוכט די באַליבטע צעטומלטע אינטעליגענטן זיינע און מיט זיי אינאיינעם דורכגעמאַכט דעם ווייטערדיקן עטאַפּ פון דער עוואָלוציע פון דעם רוסישן אינטעליגענט. דורכגעמאַכט אים אין דעם גרויסן קנויל פון גרויליקע מעשים און באַהאַרצטער העלדישקייט פון דער גרויסער אַרבעטער־און פויערים־מאַסע, אָנטרעפנדיק אויף טריט און שריט אויף באַגרענעצטקייט און דערהויבנקייט און זייענדיק אינגאַנצן צעטומלט־פרעמד אָט דער סביבה. און איין אויסוועג בלייבט אים, דעם אויטאָר, פאַר דער געליבטער העלדין זיינער, קאַטיען, — צונויפפאַקן די זאַכן און זיך לאָזן ווייטער אין וועג אַריין — אומבאַוואוסט וואוהין...

אַגב, איז דאָס אויך אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך אין ווערעסאַיעווס שאַפן: די אַלע זיינע ווערק, וואו עס ווערט געשילדערט די אינטעליגענץ, ווערן אינמיטן איבערגעריסן, און ס׳מאַכט דעם איינדרוק, אַז דער אויטאָר טוט דאָס מיט אַ כיוון. ס׳שטייט ניט דער שאַבלאָנער „המשך קומט״ — נאָר דער אויטאָר ווייס פאַר זיך גאַנץ גוט, אַז עס וועט אים נאָך אויסקומען נאָך אַמאָל און אָבער אַמאָל זיך אומקערן צו אָט די העלדן זיינע מיט זייערע אייביקע און נייע ספקות און אַנטוישונגען, מיט זייערע אייביקע און נייע זוכענישן און דערגרייכונגען — דערביי זיינען די לעצטע שטענדיק פול מיט קליינע שטריכעלעך אין נשמה־גראַבלענישן, וואָס פאַרסמען אָט די דערגרייכענישן... און די איינציקע טרייסט געפינען זיי אין דער אידילישער שטילקייט פון דער טויטער נאַטור און אין דער סביבה פון די שטומע בעלי־חיים.

ד. ר.

און די בני אֱלהים זיינען אויך געווען פאַר־מישט צווישן אַט דעם מיאוסן המון. אין דעם גרויסן געראַנגל, וואָס גאָט דער האַר האָט געפירט מיט דעם מיאוסן פירשט, זיינען זיי פאַרבליבן—אַליין פאַר זיך. קעגן גאָט האָבן זיי זיך ניט געשטעלט, אָבער טריי זיינען זיי אים אויך ניט געבליבן. דער הימל האָט זיי אָפּגעשטויסן, און דער שוועבל־גיהינום האָט זיי אויך ניט צוגענומען, ווייל זיי זיינען פאַר אים קיין כָּבוד ניט געווען.

דאַנטע. „דער גיהינום״ III, 37—42.

ערשטער טייל.

ס׳האָט געלעבט אַן אַלטער מיט זיין אַלי־טיטשקער ביי דעם סאַמען בלויען יַם...

אין אַ שטורעם פלעגן די ווייסגרויועדיקע כוואַליעס זיך צו־קאַטשען כמעט ביז אונטער דער טעראַסע פון דעם ווייסן הייזל מיט דעם טשערפּענעם דאַך און מיט גרינע לאָדנס. אין דעם הייזל האָט זיך רואיק געלעבט, מיט דער פרוי און טאָכטער, אַן אַלטער זעמסקי דאָקטאָר איוואַן איליאיטש סאַרטאַנאָוו, אַ באַשטענדיקער אָנ־טיילנעמער אין די פּיראָגאָוו־צוזאַמענפאָרן *). די רוסישע דאָקטוי־רים איז געווען גוט באַקאַנט זיין הויכוואוקסיקע, מאָגערע פיגור אין אַ העמדל אונטער דעם פּידזשאַק, מיט די גרויע האָר ביז צו

---

*) אַלע יאָר קומען אין רוסלאַנד פאָר צוזאַמענפאָרן פון דאָקטוירים, וועלכע ווערן אָנגערופן אויף דעם נאָמען פון באַוואוסטן דאָקטאָר כּלל־טוער פּיראָגאָוו. — אָנמ. פון איבערז.

די אַקבל און מיט דער ניט געקרייזלטער באָרד, ווי אַזוי ער פֿלעגט זיך אויף דעם צוזאַמענפֿאָר מיט אַ זייט רוקן צו דער קאַטעדער, לייענען די סטאַטיסטיק פֿון טויט-שטראָפֿן און צום סוף אַריינטראָגן אַ פּראָיעקט פֿון אַ שאַרפֿער רעזאָלוציע, ווי אַזוי דער פּריסטאַוו פֿלעגט אויפֿשפּרינגען פֿון זיין אָרט און פֿאַרמאַכן די פֿאַרזאַמלונג, ניט לאָזנדיק אים דערלייענען די רעזאָלוציע ביז צום סוף. אין דער צייט פֿון דער מלחמה, האָט ער אויף די צוזאַמענפֿאָרן אונטערגעפֿירט דעם סך-הכל פֿון דער סטאַטיסטיק פֿון די פֿאַרוואונדעטע און געהרגעטע אויפֿן פֿראָנט, אַרויסגעכאַפּט זיך מיט דעם וואָרט „שחיטה" — און מען האָט אים אַריינגעשלעפּט אין בוטירקן *.

מיט אַ יאָר צוריק איז ער, שוין בשעת דער ראַטן-מאַכט, אַרויסגעטראָטן אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון דאָקטוירים פֿון זיין גובערניע, מיט אַ ניט באַטראַכטער, ווי אַלע מאָל, רעדע, קעגן די באָלשעוויסטישע צעשיסונגען. די טשעקאַ האָט אים אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט קיין מאָסקווע צוזאַמען מיט צוויי ספּעקולאַנטן און אַ שוואַרץ-מאַהניק אַ גענעראַל. אין וועג האָט זיך איוואַן איליטש דערמאָנט אָן זיינע יונגע יאָרן, ווי ער איז צוויי מאָל געלאָפֿן פֿון סיביר, ביינאַכט, בשעת דער צוג איז פּאַמעלעך געגאַנגען, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען און אַנטלאָפֿן. די פֿריינד האָבן פֿאַר אים געשאַפֿן אַ פֿאַלשן פּאַס, און ער האָט זיך מיט גרויסע שוועריקייטן און פֿאַרלויפֿענישן דערקליבן קיין קרים.

* * *

דער פֿעווראַל נאָרד-אָסט האָט ווילד געבלאָזן, דערפֿאַר האָט איוואַן איליטש געהאַקט דאָס האָלץ אין קאַמער. אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט מיט אַ קיישל אין האַנט, פֿאַרראַשט, אַריינגעקוקט צו אים אין קעמערל:

— איוואַן איליטש, איך גיי אין קאָאָפּעראַטיוו, און קאַטיע וואַשט גרעט. וואַרף אַוועק דאָס האָלץ, גיי, מאַך צורעכט דעם

---

*) אַ טורמע אין מאָסקווע. — אָנמ. פֿון איבערז.

באָרשטש. נעם פֿון דער פּאָליצע אַ לעפֿל מעל, מיש דאָס אויס און אַ האַלבער גלאָז וואַסער, — אין קאַלטער, ניט אין הייסער! — נאָכ־דעם גיס דאָס אַריין אין דעם באָרשטש, לאָז דאָס איינמאָל אויפֿ־קאָכן און שטעל אים אַריין אין אייוועלע. פֿאַרשטאַנען? אין אַ האַלבע שעה אַרום וועלן מיר עסן מיטאָג, ווי נאָר איך וועל קומען צוריק וועלן מיר גלייך גיין עסן.

זי האָט אומרואיק אַריינגעקוקט אין זיין אויסגעמאַטערט גע־זיכט און זיך איליק געלאָזט גיין צו דעם טירל.

איוואַן איליטש האָט זיך געלאָזט גיין אין קיך אַריין, זיך לאַנג געפּאָרעט ביי דער פּאָליצע צווישן די שקאַרמוצן, אויסגעמישט דאָס מעל און אַוועקגעשטעלט דעם באָרשטש אויף דער קיך. קאַטיע איז אַריינגעקומען מיט אַ גרויסער שיסל גרעט, וואָס זי האָט אי־בערגעשווענקט ביים ים. די דינע מיידלשע הענט, פֿאַרקאַשערט ביז איבער די עלנבויגנס, זיינען געווען רויט פֿון קעלט, די אויגן האָבן געגלאַנצט פֿון פֿרייד.

— זע נאָר, פּאַפּאַ, ווי איך האָב דאָס גרעט אויסגעוואַשן!

איוואַן איליטש האָט מיט שרעק געקוקט אויף דעם קאָכנ־דיקן פֿענדעלע.

— יאָ, יאָ! זייער גוט... וואַרט, ס'זאָל נאָר, חלילה, ניט אויסלויפֿן!...

— ס'וועט ניט אויסלויפֿן. גיב נאָר אַ קוק! — זי האָט פֿאַר אים אויסגעשפּרייט אַ ליילעך. — אַזוי ווי שניי אויף דער זון! מ'קאָן מיינען, אַז ס'איז מיט קראָכמאָל געוואַשן! נו, איצט קען איך שוין זאָגן, — איך קען וואַשן! זאָג־זשע, — אמת, פֿיין?

— נו, געוויס, פֿיין!

— איך האָב אויסגעפֿונען דעם סעקרעט, ווי אַזוי צו וואַשן. און מ'דאַרף אַזוי ווייניק זייף האָבן...

— ס'לוינט צו פּטרן אויף דעם אַזויפֿיל כוחות. ווייסער, גרויער— ס'איז דען ניט אַלץ איינס!

— נו, זאָג דאָס נישט! אַז מ'טוט, דאַרף מען שוין דאָס טון, ווי עס באַדאַרף צו זיין... אַזוי ווי דער שניי אויף אונזערע

בערג! אַך, ווי אינטערעסאַנט!... נו־ו, ווי ווייניק איבערראַשסטו דו ביכט!

— וואַרט! ס'האָט שוין אויפגעקאָכט!

ער האָט פֿאַרזאָרגט אַראָפּגענומען דאָס פֿענדל פֿון דער קיך און דאָס אַרײַנגעשטעלט אין דעם אייוועלע. קאַטיע האָט מיט באַגייסטערונג גערעדט:

— איך וועל דיר געבן צו פֿאַרשטיין. מ'דאַרף גאָרניט פּטרן קיין כּוחות ביים וואַשן. פֿריער דאַרף מען אַרײַנלייגן דאָס גרעט אין קאַלט וואַסער, אַז די קויטיקייט זאָל זיך אָפּווייקן, נאָכדעם דאָס אויסדרייען, גוט אָנזייפֿן, דאָס באַגיסן מיט וואַסער און אַוועקשטעלן קאָכן...

— נו, מוטערל, דאָס וועל איך ניט פֿאַרשטיין... מ'דאַרף גיין האַקן האָלץ...

— דאָס איז אינגאַנצן, מער דאַרף מען גאָרנישט! נאָר אַ ביסל איבערריבן!... ס'איז זייער אינטערעסאַנט! איך וועל גיין דאָס אויפהענגען.

איוואַן איליטש איז אַרויסגעגאַנגען אין קאַמער און זיך ווידער גענומען פֿאַר דעם האָלץ. זיינע באַוועגונגען זיינען געווען ניט קיין זיכערע, דער קלאַפּ אַ שוואַכער. ער צעהאַקט איין שטיק האָלץ, דאָס צווייטע, — און לאָזט אָן כּוחות אַראָפּ די האַק, אָטעמט שווער, האַלב־אויפגעמאַכט דאָס מויל און ציין.

ס'הערט זיך קאַטיעס געשריי:

— פּאַפּאַ, עסן! די מאַמאַ איז געקומען!

איוואַן איליטש האָט אַרויפגעוואָרפן אויף די פּלייצעס אַ בינדל האָלץ און מיט אַ מונטער געזיכט זיך געלאָזט גיין אין קיך אַרײַן. אננאַ איוואַנאָוונאַ איז געזעסן אויף אַ טאַבורעטקע מיט קראַפּטלאָז אַראָפּגעלאָזענע אַקסלען, נאָר בשעת איוואַן איליטש איז אַרײַנגעקומען, האָט זי זיך אויסגעגלייכט. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס האָלץ אין ווינקל.

— נו, וואָס, האָסטו באַקומען קעראָסין?

— ניטאָ אין קאָאָפּעראַטיוו. אומזיסט געגאַנגען. קיין מעל איז אויך ניטאָ.

קאַטיע האָט דערלאַנגט צום טיש דעם באָרשטש. אַננאַ איוואַנאָווונאַ האָט אויפגעהויבן דאָס דעקל, אַריינגעקוקט אין פענדל און איז געבליבן טויט:

— וואָס האָסטו אַהין אַריינגעשיט?

איוואַן איליטש האָט באַאומרויִקט געענטפערט:

— וואָס הייסט, וואָס? מעל, ווי דו האָסט געזאָגט.

— אַך, דו, גאָט מיין גאָט! וואָרען!... זי האָט אַמיש געטאָן דעם באָרשטש מיט דער קאָכלעפל און אויפגערעגט זי ווידער אַראָפגעלאָזט. — דו האָסט אַהין קאַרטאָפל־מעל אַריינגעשאָטן, ס'איז געוואָרן אַ קיסעל... אַזוי ווי אַ קליין קינד, מ'טאָר אים גאָרניט געטרויען.

— וואָס רעדסטו? איז ניט־זשע האָב איך גענומען קאַרטאָפל־מעל? — איוואַן איליטש האָט זיך פאַרשעמט.

— ווי אַזוי זשע זעט מען דאָס ניט, אַז עס איז קאַרטאָפל־מעל?

— איך זע, ווייסע מעל, און וואָס פאַר אַ מעל — ווער קאָן וויסן? נו, ס'מאַכט ניט אויס! ס'איז דאָך זייער נאַרהאַפט. גיב מיר, וועל איך פאַרזוכן. נו, אָט, ס'איז זייער געשמאַק.

אַננאַ איוואַנאָווונאַ האָט זיך געוואָלט באַהערשן און האָט גענומען צעלייגן דאָס האָלץ אויף דער קיך, ס'זאָל זיך טריקענען. קאַטיע האָט זשעדנע געגעסן און, אָפבייסנדיק דאָס ברויט, גערעדט:

— דערפאַר איז דאָס ברויט אַזוי געשמאַק! אמת ווייצן־ברויט, און עס, וויפל דאָס האַרץ גלוסט. און איר געדענקט אין פאָרזשאַרסק וואָס פאַר אַ ברויט מען האָט אַרויסגעגעבן, בסך־הכל אַ האַלב פונט אַ טאָג, מיט שטרוי, אויף דער העלפט מיט פלאַקס.

זיי האָבן אָפגעגעסן דעם פאָסנעם באָרשטש און געפרוירענע, לאַקריצדיק זיסע געקאָכטע קאַרטאָפל אָן פוטער, און נאָכדעם פאַרטרונקען מיט טיי — איבערגעקאָכטע ווילדע רויזן; געטרונקען אָן צוקער. נאָך דעם ניט זאַטן עסן און שווערער אַרבעט, האָט זיך געוואָלט פאַרזופן עפּעס זיס. יעדערער האָט זיך געמיט ווייזן, אַז

ער טרינקט מיט גרויס פאַרגעניגן, אָבער אין קערפּער האָט ער געפילט אַ שטילע צערייצטקייט און אומעט.

אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט באַאומרואיקט געזאָגט:

— און טימאָפיי גלוכאַר איז ווידער ניט געקומען פאַרריכטן דעם דאַך. דאָס דריטע מאָל נאַרט ער שוין אָפּ; וואָס וועט זיין, אַז עס וועט אָנהייבן רעגענען?

קאַטיע האָט זיך פּלוצים צעלאַכט:

— טייערע, איר געדענקט די אַמאָליקע צייטן, ווען מ׳פלעגט שטוינען, ווי אַזוי די סטודענטן לעבן? אָרימע סטודענטן! זיי לעבן נאָר מיט טיי און קאָלבאַס! שטעלט אייך נאָר פאָר: אמתע כינעזישע טיי, צוקער, אַזוי ווי שניי אויף דער פּראָסטיקער הון, אַ רויטע פראַנצויזישע בולקע, און רויזע פעניצלעך קאָלבאַס... אָרימע, אומגליקלעכע סטודענטן!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. דאָס דערמאָנען זיך אָן דעם, איז ווירקלעך געווען קאָמיש אין פאַרגלייך מיט דעם איצטיקן לעבן. ס׳איז געוואָרן פריילעך, און די צערייצטקייט איז געוואָרן שוואַכער. קאַטיע האָט ווייטער גערעדט:

— אָדער נעמט די קאַלאָשן, איר געדענקט וואָס פאַר אַ קאַלאָשן די סטודענטן פלעגן טראָגן? אָפּגעריבענע, געפּלאַצטע מיט איין לעכעלע אויף דעם זויל? באַטראַכט זיך נאָר: קאַלאָשן! טראָגט ניט אָן אין שטוב קיין בלאָטע, די זאָקן זיינען טרוקן, נאָר איין שוך איז אַ ביסעלע נאַס! — באמת, אומגליקלעכע סטודענטן?

די דרויסנדיקע טיר האָט זיך אָן אַ קלאַפּ געעפנט, און קיך איז אַריינגעקומען אַ הנעוודיק מיידל אין אַ וואַרימער שאַל, מיט אַן איידעלער רויטקייט, מיט וואונדערלעכע, ריינע אויגן און מיט אַ גרויס רויט מויל.

— גוט מאָרגן!

— אַ, אוליאַשע!... זעצט זיך, טרינקט טיי.

דאָס מיידל האָט אַוועקגעשטעלט אויף דעם טיש צוויי פלעשער מילך, זי איז רויט געוואָרן און זיך געזעצט אויף אַ טאַבורעטקע. איוואַן איליאיטש האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער דער קיך און האָט געפרעגט:

— נו, וואָס האָט איר עפּעס געהערט וועגן די באָלשעוויקעס? וואו זיינען זיי איצט?

— איר מוזט, אַוודאי, בעסער וויסן.

— פון וואַנען זאָלן מיר וויסן?

— נעכטן איז אָנגעקומען די פּאָסט פון שטאָט, דער שמייסער האָט געזאָגט — אין דזשאַנקאָי.

איוואַן איליאיטש האָט זיך צעלאַכט:

— אָהאָ! זיי שפּאַנען דאָס ביי אייך שנעל!... וואָס זשע, מ׳וואַרט אויף זיי אין דאָרף?

אוליאַשע האָט גאָרנישט געענטפערט און מיט אַן אומבאַשטימטן שמייכל אַ קוק געטאָן אין ווינקל.

— אפשר, אַז עס פעלן ניט ביי אייך קיין באָלשעוויקעס?

— ווער ווייס זיי?... — זי האָט פאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן און מיטאַמאָל אויסגעשאָסן: — אַלע זיינען באָלשעוויקעס.

— אַזוי גאָר?

— דער טאַטע איז אַ באָלשעוויק, און אַלע זיינען אויך באָלשעוויקעס.

— און איר אויך?

— נו, יאָ.

— און וואָס איז דאָס אַזוינס באָלשעוויזם?

— איר ווייסט דאָס אַליין.

— ניין, איך ווייס ניט, יעדער האַלט זיך ביי זיין מיינונג.

— איר מאַכט זיך.

— נו, און דאָך — וואָס איז דאָס אַזוינס באָלשעוויזם?

אוליאַשע האָט געשוויגן.

— ראַבעווען די דאַטשעס.

— וואָס?!

— ראַבעווען די דאַטשעס.

איוואַן איליאיטש האָט זיך הויך צעלאַכט אויף דער גאַנצער קוך.

— גענוי און ריכטיק באַשטימט. בראַוואָ, אוליאַשע.

קאַטיע האָט געזאָגט:

— אָט זאָגט איר, אוליאַשע, אַז איר זייט אַ באָלשעוויטשקע. איז וואָס־זשע, וועט איר, למשל, אונז אויך גיין ראַבירן?

— אַלע וועלן גיין. מ׳רעדט זיך שוין איצט וועגן דעם אָפּ. אָפּזאָגן זיך וועט קיינער ניט קאָנען. און וואָס דאַרפֿן מיר אונזערס פֿאַרלירן?

— איז פֿאַרוואָס־זשע דאַרף מען דאָס נאָר די דאַטשניקעס באַרויבן?

— זיי זיינען רייכע.

— און די פּויערים ביי אייך אין דאָרף זיינען ניט קיין רייכע? אָט האָט אַלבאַנטאָוו אין האַרבסט פֿאַרקויפֿט בלויז ווייץ אויף הונדערט צוואַנציק טויזנט רובל. איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז ביי יעדן פּויער קאָן מען געפֿינען באַהאַלטן צוואַנציק־דרייסיק טויזנט קערענקעס. און אַלץ האָבן זיי, בהמות און עופֿות. ווי קומען מיר, דאַטשניקעס, צו זיי?

— ניין, די פּויערים הייסן ניט קיין רייכע.

— פֿאַרוואָס־זשע? אָט נעמט אייער פֿאָטער — ער האָט צוויי פֿערד, צוויי קי, גענז, הזירים, אַ פּאָר צענדליק שאָף... איר וואָלט אַפֿילו איין טאָג ניט געקענט עסן, דאָס, וואָס מיר עסן. איצט זיינען בלויז די פּויערים רייך.

— מיר אַרבעטן, און די דאַטשניקעס ליגן אַ גאַנצן זומער נאַקעטע ביים ים, און קלייבן בלומען אויף די בערג.

קאַטיע איז געוואָרן אַן אויפֿגעקאָכטע. זי האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן אינטעליגענטער אַרבעט, און ווי שווער זי איז. נאָכ־דעם האָט זי אָנגעהויבן דערקלערן, אַז די באָלשעוויקעס ווילן זיך דערשלאָגן, אַז איינער זאָל דעם אַנדערן עקספּלאָאַטירן, און צוליב דעם איבערגעבן די אַרבעטנדיקע אין זייער רשות די ערד און די אינדוסטריע, און ניט דאָס, אַז מ׳דאַרף ראַבירן אַנדערע.

איוואַן אילאיטש איז געוואָרן אָנגעצונדן און איז אָנגעפֿאַלן אויף קאַטיען:

— דאָס רעדסטו גאָר וועגן סאָציאַליזם, און ניט וועגן באָל־שעוויזם. פֿאַרוואָס ביסטו דעמאָלט אַנטלאָפֿן פֿון סאָוודעפּיע?... ניין, אוליאַשע, דער אמתער באָלשעוויזם איז טאַקע דאָס, וואָס איר

האָט געזאָגט: ראַביר, כאַפּ אַלץ וואָס דו זעכט, און דיינס — לאָז ניט! הער אויף אַרבעטן און ווער אַ פּוסט=און=פּאַסניק. און טראַכט נאָר וועגן זיך אַליין.

אוליאַשע האָט אויסגעטרונקען די טיי, געזאָגט „אַ דאַנק“ און זיך אויפֿגעהויבן.

— דער פֿאָטער האָט געהייסן זאָגן, אַז פֿון מאָרגן אָן וועט אַ פֿלאַש מילך קאָסטן דריי רובל.

אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט אַ פּלעסק געטאָן מיט די הענט:

— וואָס רעדסטו, אוליאַשע! פֿון אָנדערהאַלבן אויף דריי, צוויימאָל טייערער!

— און נאָך האָט ער געזאָגט, איך זאָל אייך מער ניט טראָגן, קומט אַליין נאָך דער מילך. ער זאָגט, אַז מ'פּטרט אַ סך צייט.

איוואַן אילאיטש האָט געזאָגט:

— נו, איז ניטאָ וואָס צו ריידן. אַזוי פֿיל צאָלן קאָנען מיר ניט. מ'דאַרף ניט. טרינקט אַליין.

אוליאַשעס אויגן זיינען געוואָרן ערנסט, זי האָט באַדייטנדיק געענטפֿערט:

— מיר טרינקען איצט ניט קיין מילך: ס'איז פּאָסט.

איוואַן אילאיטש האָט זיך צעלאַכט.

— מילך טרינקען טאָר מען ניט, און ראַבירן מעג מען יאָ? ניין, אוליאַשע, ס'איז אַ פֿאַרגעניגן מיט אייך.

— מיר וועלן פֿירן אין שטאָט: סמעטענע, קעז.

— נו, איז פֿירט אייך געזונטערהייט.

אוליאַשע האָט שעמעוודיק אַ שמייכל געטאָן, זי איז רויט געוואָרן און געזאָגט:

— צום ווידערזען!

— צום ווידערזען!

קאַטיע האָט טרויעריק געזאָגט:

— הייסט דאָס, אַז אָן מילך אויך!

איוואַן אילאיטש איז מיט כעס אויף איר אָנגעפֿאַלן:

— איך פֿאַרשטיי ניט, וואָס האָסטו מיטאַמאָל גענומען פֿאַר איר פֿאַרטיידיקן די באָלשעוויקעס. טאַקע געטראָפֿן וועו.

— זאָל זי וויסן, וואָס עס הייסט אַזוינס באָלשעוויזם אין דער אידעע.

— „אין דער אידעע!...“ טשעקאַ, שיסן, דאָס איפּרייצן די נידעריקסטע אינסטינקטן — און די אידעע!

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שפּאַרן, מיט היץ און כעס. איוואַן איליטש האָט אַמאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועק צו זיך אין שלאָפצימער.

ער האָט זיך געלייגט אויף דעם געלעגער און גענומען די צייטונג. אין אַ געוויינלעכן אַלטן סטיל האָט זיך געשריבן וועגן דער ברייהשקייט פון די פרייוויליקע מיליטער-טיילן, אַז „אויספירנדיק דעם פון פריער אָנגעמערקטן פּלאַן“, האָבן זיי אָפּגעטראָטן אויף אַ צאַק וויאָרסט צוריק; אין אַן אינטערוויו מיט דעם הויפּט-אָנפירער פון קרים האָט זיך דערציילט, אַז קרים האָט זיך גאָרניט וואָס צו שרעקן — די באָלשעוויקעס וועלן אַהערצו ניט קומען; מען האָט מודיע געווען, אַז דאָס צעבונטעוועטע חייל האָט געהרגעט טראָצקין, אין גאַנץ רוסלאַנד קומען פאָר פויערים-אויפשטאַנדן, אַז אין קרעמל שטייט שטענדיק גרייט אַן אַעראָפּלאַן — לענין זאָל קאָנען אַנטלויפן. אין קיין זאַך האָט מען ניט געגלויבט, און דאָך איז דאָס אָנגענעם געווען צו לייענען.

פון דאָרף איז געקומען נאָך איוואַן איליטשן אַ וואונדערשיינער באָלגאַר: זיין פרוי האָט אָקאָרשט וואָס געבוירן און האָט אַ בלוט-שטורץ. איוואַן איליטש איז מיט אים געפאָרן. ביי דער געווינערין האָט זיך פאַרהאַלטן דאָס אָרט. איוואַן איליטש האָט פאַרהאַלטן דאָס בלוט און זיך געפּאָרעט אַרום איר אַ שעה אָנדערטהאַלבן. ביים געזעגענען זיך האָט דער באָלגאַר פאַרלעגן געשמייכלט און געגעבן איוואַן איליטשן אַ פּאַפּירל:

— אָט, נאַט אייך אַ קליניקייט!

אַהיים איז איוואַן איליטש געקומען פאַרנאַכטלעך. קאַטיע האָט געפרעגט:

— וויפיל האָט מען דיר געגעבן?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אָט ס׳אַר אַ באַלעבאָסטע דו ביסט דאָס געוואָרן! גלייך האָט זי שוין אין זין דאָס געלט!

— ניין ערנסט — וויפל?

איוואַן אילאיטש האָט אָן השק געענטפערט:

— דריי רובל.

קאַטיע האָט אַוש אַ זיפץ געטאָן:

— איז אַ פונט ברויט קאָסט פינף און זיבעציק קאָפּיקעס! הייסט דאָס פיר פונט ברויט, אַמאָליקע צען קאָפּיקעס! און ווי שעמט ער זיך ניט? ס׳איז דאָך אַלבאַנטאָו, דער רייכסטער פויער אין דאָרף, זיי האָבן דאָך אין האַרבסט פאַרקויפט בלויז ווייץ פאַר הונדערט צוואַנציק טויזנט רובל. פאַרוואָס־זשע האָסטו אים ניט אויסגעזידלט, וואָס ער באַצאָלט אַזוי ווייניק אַ דאָקטאָר?

איוואַן אילאיטש האָט זיכער און ערנסט געענטפערט:

— מיט דעם האַנדלט מען ניט און מ׳דינגט זיך ניט. לאָמיר דאָס לאָזן.

— יאָ, זיי לוינט דאָס: פאַר אַ פלאַש מילך נעמען זיי אָנדערהאַלבן רובל, און דעם דאָקטאָר צאָלן זיי דריי. אָט ווער ס׳איז דער אמתער עקספּלואַטאַטאָר.

— מאַרפאַ, מאַרפאַ! נעמסט זיך צופיל צום האַרצן! — האָט איוואַן אילאיטש אָפּגעזיפצט און איז אַוועק צו זיך.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די סאַמע שווערסטע צייט פון טאָג. קיין קעראָסין איז ניט געווען, און געברענט האָט מען בוימאייל. אין אַ גלאָז מיט בוימאייל איז געשוואומען אַ קאָרק מיט אַ קנויטל. דאָס פלעמל איז געווען אַ קליינס. מען האָט ניט געקאָנט ניט לייענען, ניט אַרבעטן. אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט געשטריקט ביים טיש, צונויפגערוקט די ברעמען און אויפהייבנדיק אויף דעם שטערן די ברילן. אַמאָל איז זי געווען אַ רעוואָלוציאָנערין, אָבער שוין אַ לאַנגע צייט, אַז זי איז געוואָרן אַ גאַנץ געוויינלעכע אַלטיטשקע; פון דעם פריערדיקן זיינען בלויז געבליבן גרויסע קיילעכדיקע ברילן און דאָס, וואָס זי האָט ניט געגלויבט אין גאָט. איוואַן אילאיטש האָט פאַמעלעך אַרומגעשפּאַצירט איבער דעם שמאָלן שלאָפצימערל, אויפגערעגט פון דער געצוואונגענער לידיקגייערשאַפט. אין דעם איי־

זערנעם אייוועלע האָבן געפּלאַקערט די דינע העלצלעך. ס׳איז געווען שרעקלעך היים און דושנע. אין דרויסן האָט געבושעוועט דער שרעקלעכער נאָרד־אָסט, דער ים האָט מיט אַ ווילדן רעווען געשליידערט אויף דעם ברעג זיינע כוואַליעס. קאַטיע האָט צו־נויפגענומען דאָס געפעס און איז אַוועק אין דעם קעמערל הינטער דער קיך, וואו ס׳איז ביז איצט געשלאָפן די דינסט. דאָרט האָט זי, ניט שוינענדיק די אויגן, זיך צוגערוקט צום קאַניצל און גע־נומען לייענען.

* * *

אינאָוונט האָט מען געטרונקען טיי אין קיך. פון דרויסן האָט מען אָנגעקלאַפּט אין קיך־טיר. איוואַן איליטש האָט אויפגעעפנט.

— אַ־אַ, פּראָפעסאָר!

ס׳איז אַריינגעקומען דער פּראָפעסאָר מיט דער פרוי, — דער באַוואוסטער אַקאַדעמיקער דמיטריעווסקי, אַ פּולער און אַ דויכוואיקסי־קער, מיט אַן אומגעהייער גרויסן קאָפּ. זיינע אַרבעטן וועגן פיזיק זיינען גוט געווען באַקאַנט אין אויסלאַנד. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער אַנטדעקט דעם מיטל ווי אַזוי זים צו מאַכן דאָך ים־וואַסער און געאַרבעט, ווו אַזוי ביליקער צו מאַכן אָט דעם מיטל. אָבער די אַלע קאָמפּליצירטע אַפּאַראַטן זיינען פאַרבליבן אין רוסלאַנד, און ער וואוינט שוין דאָס צווייטע יאָר אין זיין קרימער דאַטשע, מאַכט צורעכט פאַר די פויערים זייער געפעס און מאַכט פאַר דעם קאָאָפּע־ראַטיוו בלעכענע קאַניצלעך. אַגב, הוצדעם פאָרט ער נאָך צוויי מאָל אין דער וואָך אין שטאָט אַריין, וואו ער לייענט לעקציעס וועגן פיזיק אין דאָרטיקן פאָלקס־אוניווערסיטעט. ער איז געווען שטאַרק פּאָ־פּולער אין די אַרבעטער־קרייזן.

דער פּראָפעסאָר האָט מיט אַ זאַפטיקער, לעבנסלוסטיקער שטים, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַנצע קיך, געזאָגט:

— נו, אַ דרויסן? קוים זיך דערשלעפּט צו אייך. דער ווינט וואַרפט ממש פון די פיס. אַ רעגנדל שמייסט און ווערט באַלד פאַרפרוירן... Gruss aus Russland

ער האָט גערייניקט די באָרד פֿון די אייז־צעפּלעך. די פּראָפֿעסאָרין האָט טרויעריק געזאָגט:

— יאָ. - Gruss aus Russland... אַזוי איז דאָס! קעלט, אַלע צונויפֿגעדריקט אין איין פֿאַררויכערט ווינקל, נאָגן אַ פֿאַרדאַרט שטיקל ברויט מיט שטרוי און וואַרטן אויף אַ הויזזוכונג.

קאַטיע האָט אַראָפּגענומען דעם סאַמאָוואַר פֿון טיש און אים אַוועקגעשטעלט אויף דער פּאָדלאָגע לעבן דער קיך.

— זעצט זיך, אָט באַלד וועל איך אָנוואַרימען דעם סאַמאָוואַר.

— מ'דאַרף ניט, מיר האָבן שוין געטרונקען.

— אַלצאיינס דאַרף איך געקאָכטע וואַסער. איך דאַרף פֿאַרפֿאַרען קלייען פֿאַר דעם הזירל.

די פּראָפֿעסאָרין האָט זיך געזעצט אויף אַ טאַבורעטקע לעבן דער קיך.

— און ביי מיר, אַננאַ איוואַנאָוונאַ, איז היינט געשען אַן אומגליק. אַ גאַנצן טאָג האָב איך געוויינט. שטעלט זיך פֿאָר, ס'איז היינט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן מיין בריליאַנטענער רונג, וואָס איך האָב געקראָגן פֿון מיין מאַן אַ מתנה אין טאָג פֿון אונזער התונה.

— וואָס רעדט איר, נאַטאַליאַ סערגייעוונאַ! איר האָט דאָך אים קיינמאָל פֿון פֿינגער ניט אַראָפּגענומען.

— יאָ, ייאָ, אַזוי מאָדנע! — נאַטאַליאַ סערגייעוונאַ האָט מאַשינעל זיך אומגעקוקט און אָנגעהויבן ריידן שטילער. — איר קאָנט די פֿירשטין אַנדראָזשסקאַ?...

— די, וואָס וואוינט ביי בובליקן? די שיינע?

— יאָ. איר מאַן האָבן די מאַטראָסן בשעת דער רעוואָלוציע אַריינגעוואָרפֿן אין ברען־אויוון. זייער גוט איז קאָנפֿיסקירט. זי וואוינט מיט איר קליין טעכטערל און מיט אַן אַלטער מוטער ביי בובליקאָוון. וואָס זי האָט געהאַט האָט זי שוין אויספֿאַרקויפֿט. ער וויל איר אַרויסטרייבן פֿון דער דירה, ווייל זי צאָלט ניט קיין דירה־געלט... זי איז דייער אַן אומגליקלעכע. איז אָט, קומט זי היינט אינדערפֿרי צו אונז, איך האָב גראָד געקנאָטן ברויט. זי האָט דערזען דעם רונג און אַזש געוואָרן אויסער זיך פֿון איבעראַשונג.

„ווי קאָן מען דאָס מיט אַזאַ רונג קנעטן ברויט! ער ווערט דאָך, — זאָגט זי, אַ תּל!“ — „איך האָב מורא, — זאָג איך, — אים פֿאַרלירן, ער איז מיר זייער טייער, דער רונג“. נו, און דאָך האָט זי מיר איינגערעדט, איך האָב אים אויסגעטאָן און אַוועקגעלייגט אויף דעם טואַלעט־טישל. אין אַ פֿערטל שעה אַרום איז זי אַוועקגעגאַנגען, און נאָך מיטאָג האָב איך זיך געכאַפּט: דער רונג איז ניטאָ. דאָס גאַנצע טואַלעט־טישל האָב איך איבערגעקערט, אַלץ האָב איך אָפּגערוקט — נישטאָ. בשעת די פֿירשטין איז געווען, האָט דער מאַן מיינער געוואַשן די פּאָדלאָגע אין עסצימער, ער האָט געזען, ווי די פֿירשטין איז צוגעגאַנגען צום טואַלעט־טיש און זיך מאָדנע עפּעס געהאַלטן... איר זאָלט דאָס אָבער, הלילה, קיינעם ניט זאָגן! — האָט זיך נאַטאַליאַ סערגייעוונאַ דערשראָקן.

— אפֿשר, האָט דאָס גאָר אַן אַנדערער גענומען?

— ס'איז קיינער, זאָג איך, אין שטוב ניט געווען. איך האָב איר אָנגעשריבן אַ בריוו, מאָרגן אינדערפֿרי וועל איך עס איר שיקן. איך ווייס שוין אַליין ניט... איך שרייב: איר האָט אין אַ שפּאַס גענומען ביי מיר דעם רונג, כּדי מיך אָפּצושרעקן, ווייסנדיק, ווי טייער ער איז מיר. אָפּגעשפּאַסט און גענוג. זייט אַזוי גוט און שיקט מיר אים אָפּ צוריק.

קאַטיע האָט אויפֿגערעגט אויסגעשריען:

— ניין, עס קאָן ניט זיין! אַזאַ פֿיינע, זי זעט אויס אַזוי אַריסטאָקראַטיש, קולטורעל!

— אַ שווער געשעעניש! — האָט זיך דער פּראָפֿעסאָר פֿאַרקרימט.

— גאָט מיינער, ווי טרוקן מיר זיינען דאָס אַלע געוואָרן! ס'איז קלאָר, אַ מענטש גייט אויס פֿון הונגער.

נאַטאַליע סערגייעוונאַ האָט מיטפֿילנדיק אָפּגעזיפֿצט און פֿאַרנומען מיט אירע זאָרגן האָט זי ווייטער דערציילט:

— און איר האָט געהערט, ביי די אַגאַפּאָווס האָט מען נעכטן אויסגעזעצט די שויבן. און ביים גלה האָט מען אַנומלטן די קוך אונטערגעצונדן. די פּויערים פֿילן, אַז די באָלשעוויקעס זיינען נאָנט... גאָט מיינער, וואָס־זשע וועט דאָס זיין! איך האָב אַזוי מורא, אַזוי

מורא! מיר זיינען נאָר צווייען אין אונזער דאַטשע, איינער אַליין; ער איז שוין אַן אַלטער. טו מיט אונז, וואָס דו ווילסט.

קאַטיע האָט אומגעדולדיק פֿאַרביסן די ליפּ און אָנגעהויבן צוואַרפֿן קוילן אין דעם סאַמאָוואַר. זי האָט ניט געקענט פֿאַרטראָגן אָט דעם נאָיענדיקן, שרעקעדיקן טאָן פֿון דער פּראָפֿעסאָרין, מיט דער אייביקער מורא פֿאַר דער צוקונפֿט, מיט דעם ניט וועלן באַהאַלטן פֿאַר אַנדערע אירע צרות און שרעק. צי מעג מען דאָס דען אַזוי, און נאָך איצט?

דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך געווענדט צו איוואַן אילאיטשן.

— איר האָט באַמערקט, ווי דאָס דאָרף איז פּוסט געוואָרן? די גאַנצע יונגוואַרג איז אַוועק אין די בערג. דאָס איז אַן ענטפֿער פֿון דאָרף אויף דער מאָביליזאַציע פֿון דער קאָנט-רעגירונג. קיין איינער האָט זיך ניט געמאָלדן. מ'שמועסט, אַז מ'וועט שיקן די טשעטשענער פֿון דער ווילדער דיוויזיע אויף עקזעקוציע, ס'איז באַשלאָסן אָנצווענדן די שטרענגסטע מיטלען.

איוואַן אילאיטש האָט זיך צעלאַכט:

— און דאָס הייסט אַ פֿ ר י י וו י ל י ק ע אַרמיי!

— יאָ-אָ... די זאַך ווערט מיט יעדן טאָג ערגער. מ'זאָגט, אַז די טעג זיינען אין דאָרף געווען באָלשעוויסטישע אַגיטאַטאָרן, צונויפֿגערופֿן דעם עולם און ערקלערט, אַז קיינער זאָל זיך ניט מעלדן צו דער רעקרוטירונג, אַז די רויטע אַרמיי גייט שוין צו צו פּערעקאָפּ און אין צוויי וואָכן אַרום וועט זי שוין זיין דאָ. און אין שטאָט, וואו איך האָב נעכטן אַלעקציע געלייענט, האָב איך נעכטן געהערט, אַז די שיפֿן-קאָמאַנדעס פֿון פֿעאָדאָסיע שטרייקן, פֿאָדערן ראַטן-מאַכט; אין סעוואַסטאָפּאָל האָבן די פּאָרט-אַרבעטער זיך אָפּגעזאָגט אויסצולאָדן די סחורה פֿון די שיפֿן, וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר דער פֿרייוויליקער אַרמיי, זיי האָבן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז מען דאַרף ניט וואַרטן אויף די באָלשעוויקעס, נאָר אַליין צוטרעטן צו דער אַרבעט אַראָפּצוואַרפֿן די רעגירונג. אומעטום שמייען אַרום אַגיטאַטאָרן.

אננאַ איוואַנאָוונאַ האָט אויפֿגערעגט געזאָגט:

— מען האָט דאָך געוואַרט, און פֿעאָדאָסיע האָט זיך דאָך געדאַרפֿט אַרויסזעצן אַ גריכישער דעסאַנט?

— נאָר ער האָט זיך אַרויסגעזעצט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָרטן איז אַ רעוואָלוציע, די רעגירונג איז אַנטלאָפֿן.

— גאָט מיינער, וואָס עס טוט זיך דאָס אויף דער וועלט! — האָט נאַטאַליאַ סערגייעוונאַ פֿאַרצווייפֿלט אויסגעשריען. — איז ניטזשע וועלן די אַליאירטע אונז פֿאַרלאָזן אויף גאָטס באַראָט! מ'זאָגט, אַז די פֿראַנצויזן האָבן שוין פֿאַרלאָזט אָדעס... איך האַלט נאָר אין איין קלערן: די באָלשעוויקעס וועלן אַריין אין קרים — וואָס וועט דעמאָלט זיין מיט מיטיען?

איוואַן איליאיטש האָט אַרומגעשפּאַנט איבער דער קיך. ער האָט ברוגז געזאָגט:

— ער האָט נייטיק געדאַרפֿט גיין צו די פֿרייוויליקע!

— איר קענט דאָך אים: אַ מענטש, להלוטין אַן אַפּאָליטישער. ער האָט נאָר געדאַרפֿט זיצן אין קאַבינעט מיט זיינע גריכישע ביכער, און קאָפּ קריכן אים נאָר עלעווסינער מיסטעריעס, און קאַבירעס אַזעלכע. ווי נאָר מען האָט ערקלערט די מאָביליזאַציע, — וואָס זשע, — טענהט ער, — איך וועל זיך אויסבאַהאַלטן, לעבן אומלעגאַל? איך בין ניט פֿעאיק צו דעם.

בשעת נאַטאַליאַ סערגייעוונאַ האָט גערעדט וועגן דעם זון איז קאַטיעס געזיכט געוואָרן אומנאַטירלעך. זי האָט גלייכגילטיק געפֿרעגט:

— ער האָט אייך שוין לאַנג ניט געשריבן?

— שוין לאַנג. ער איז אַליץ אויף דעם פֿראָנט. דאָס האַרץ טוט מיר וויי...

אין קיך האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק קלאַפּן. ס'האָבן אַ גלאַנץ געטאָן גאָלדענע עפּאָלעטן, אַ יונג קול האָט לעבעדיק געזאָגט:

— וואָס מאַכט איר! שלום־עליכם! דער פּאַפּאַ און די מאַמאַ זיינען ביי אייך?

— מיטיאַ!!

אַלע זיינען אויפֿגעשפּרונגען און זיך געלאָזט אים אַנטקעגן. אַ גענגאָלטער מיט אַן איידל און פֿאַרווייעט געזיכט, מיט

שמייכלענדיקע ליפּן, איז דמיטרי געזעסן בײַם טיש, זשעדנע געגעסן און געטרונקען, און דערציילט, באַטראַכטנדיק אַלעמען מיט אַ זשעדנע פרייד.

זייער פּאָלק האָט מען געשיקט אויף אָפּרו אין דזשאַנקאָי, ער האָט איבערגעיאָגט זיין עשאַלאָן און איז געקומען אַהער, מאָרגן מוז ער אומבאַדינגט פאָרן צוריק. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין בליק אויף קאַטיען און אים שנעל אָפּגעווענדט. נאַטאַליאַ סערגייעווונאַ איז געזעסן לעבן אים און מיט גרויס ליבע געקוקט אויף אים.

— נו, וואָס הערט זיך דאָרט בײַ אייך, ווי האַלט דאָס? דערציילט.

— און איר ווייסט, דאָ אין טיל בײַ אייך, ווייזט זיך אַרויס, אַרבעטן די „חברים". איצט, בשעת איך בין געפאָרן צו אייך, האָט מען זיך נאָכגעיאָגט נאָך זיי. די קאָנטר־ראַזוועדקע האָט אויפגעדעקט אַ גאַנצע שייקע אין אַ דאַטשע בײַ קאַדיקאָיע. עפּעס אַן אונטערערדישער צוזאַמענפאָר. און צוויי פון זיי זיינען גאָר נאָענט פאַרבײַ מיר דורכגעלאָפן דעם וועג אויף די בערג אַרויף. איך האָב זיך גלייך ניט געכאַפּט. ערשט אַז איך האָב דערזען אונזערע, וואָס האָבן זיך נאָך זיי געיאָגט, האָב איך פאַרשטאַנען. דאָך האָב איך זיי נאָכגעשיקט אַ פּאָר קוילן, איין „חבר" האָב איך דוכט זיך פאַרטשעפּעט, — ער איז געלאָפן ווייטער צוהינקענדיק אויף אַ פוס.

קאַטיע האָט זיך צוגעקוקט צו דמיטריען, עפּעס האָט זיך בײַ אים באַוויזן אַ נייס: ער איז געוואָרן פאַרגרעבט, די באַוועגונגען שאַרפער און פרייער, און ער האָט אַזוי פשוט דערציילט וועגן זיין אָנטייל אין אָט דעם געיעג אויף מענטשן.

איוואַן אילאַיטש האָט זיך צעלאַכט:

— אָהאָ! ס'אַר אַ קריגער דאָס איז געוואָרן!

דער פּראָפעסאָר האָט אין איילעניש געפרעגט:

— ווי האַלט דאָס בײַ אייך אין דער אַרמיי?

— ווייסט, פּאַפּאַ, ס'איז קאָמיש, ס'איז אָבער פאָרט אַזוי: מיר ווייסן דאָרט אַ סך ווייניקער, איידער איר דאָ.

— ניין, איך מיין ניט דאָס. וואָס פאַר אַ פּאָליטישע שטימונג,

איז בײַ אײַך אין דער אַרמײ? פֿאַר וואָס פֿאַר אַ אידעע האַלט איר דאָס מלחמה?

דמיטרי האָט ניט גערן געענטפֿערט:

— פֿאַרשײדן. ס'זײַנען פֿאַרהאַן טײלן, וואָס זײַנען אינגאַנצן שוואַרצמאַהדיקע, זײ טרוימען, וואָס גיכער אומקערן דאָס אַלטע, — למשל, דער געמישטער גוואַרדײאישער פּאָלק, דער אויבערשטער גענעראַליטעט. אָבער די אָפֿיצערישע יוגנט, דערהױפּט די ניט קאַדראָווע, איז כּמעט אינגאַנצן פֿאַר דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג.

איוואַן איליטש האָט זיך צעלאַכט מיט זײַן הילכיקן געלעכטער:

— און איר גלייבט, אַז מען וועט אײַך ניט פֿאַרנאַרן אַזוי ווי יונגע שפּערלעך מיט גרײַפּעלעך?

דמיטרי האָט שוואַך און שולדיק אַ שמײכל געטאָן. קאַטיע האָט מיט אַ הילצערנעם לעפֿל געמישט די קלײיען אין שיסל. ער האָט געפֿרעגט:

— וואָס מלאָכהט איר דאָרט, קאַטיאַ?

— עסן פֿאַר דעם הזירל. איך גײ עס באַלד קאָרמען. — זי האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל און זיך אײַנגעהילט אין אַ שאַל. — איר ווילט זען מײַן הזירל?

— קומט! גיט אַהער וועל איך טראָגן די שיסל... מאַמאַ, מיר קומען באַלד.

— טו זיך אָן, ס'איז קאַלט.

* * *

דער ווינט האָט בײז געפֿײַפֿט דורך די ווילדע אײלבערטן פּאַזע דעם דראָט־צוים און ווילד געקלאַפּט אין דער וואַנט פֿון דער דאַטשע. איבער דעם ים האָט זיך אויפֿגעהויבן די טרויעריקע האַלבע לבנה. די ערד איז געווען באַדעקט מיט אַן אײַז־הײטל, און פֿון אונטער דעם גלאַנצנדיקן הײטל האָבן געשטאַרצט די שטענגעלעך פֿון פֿאַראַיאָריקן גראָז.

קאַטיע מיט דמיטריען זיינען געגאַנגען אויף יענער זייט דאַטשע. אונטער די טרעפּ פֿון דער אָפֿיצינע איז געווען אַ קעמערל, פֿון דאָרטן האָט זיך געהערט אַ אויפֿגערעגט כּריוקען און קוויטשען.

— גיט מיר די שיסל. — קאַטיע האָט געעפֿנט די טיר און איז פֿאַרשוואונדן מיט דער שיסל אין דער פֿינסטערניש פֿון קעמערל. ס'האָט זיך געהערט איר לאַכעדיקן קול: — וואַרט די, נאַרעלע!... אַך, דו, גאָט מיינער!... וועסט איבערקערן די שיסל!... אַוועק!... נו, עס!...

זי איז אַרויסגעגאַנגען פֿון קעמערל. דמיטרי האָט איר אויסגעשטרעקט ביידע הענט.

— נו, קאַטיאַ, וואָס מאַכט איר!

און איר שטאַרק געדריקט די הענט, און זיך איינגעקוקט אין איר שענער געוואָרן געזיכט.

— דערציילט, קאַטיאַ, ווי לעבט זיך איך דאָ.

— ווי איך לעב. איך לעב שטענדיק גוט. אפֿשר, וועט דאָס מיר דערעסן, אָבער דערווייל איז אַלץ זייער און זייער אינטערעסאַנט. אָט נעמט דאָס הזירל — וויפֿל נייס, אומדערוואַרטס, איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז הזירים זיינען אַזוי קלוג. די קוואָקע זיצט שוין אויף די אייער. ביים וועש וואַשן האָב איך דערפֿונדן אַ נייעם מיטל. און אין קיך קאָכן איז אויך זייער אינטערעסאַנט. איר ווייסט — אַז מ'הערט זיך צו האָבן אַלע זאַכן זייער קול. יעדער פֿענדל אויף דער קיך, יעדער רענדל האָט זיך זיין קלאַנג. ניט זעענדיק, הער איך, ווי עס זידט די מילך. ווי די קאַשע ווערט געדיכטער. ס'איז זייער אינטערעסאַנט צו הערן אין אָט דעם קאָכן און צישען קוים באַמערקטע לעבעדיקע קלאַנגען. און צוטראַכטן נייע מאכלים. באַמערקסט גאָרניט די צייט, די טעג טראָגן זיך אַזוי ווי די וויזערם — זשיק, און פֿאַלן.

דמיטרי האָט געקוקט אויף איר מיט ריידנדיקע אויגן און געשמייכלט.

— איך קוק אויף אייך, און איך דערמאָן מיך אָן פֿאַסקאַלן. ער זאָגט, אַז אונזער געדאַנק איז שטענדיק געווענדט צום פֿריער און צום שפּעטער, און וועגן דעם איצט טראַכטן מיר קיינמאָל ניט,

און דעריבער לעבן מיר קיינמאָל ניט, און האָפן בלויז, אַז מיר וועלן לעבן... און אָט איר קאָנט דאָס, און אַלץ זען און פילן דעם איצט. ווי זעלטן דאָס איז!

— נו, דמיטרי, אַלץ איז נאַרישקייטן. דערציילט וועגן זיך. דעם אמת. וואָס הערט זיך ביי אייך?

דמיטרי האָט אָפּגעזיפצט:

— וואָס הערט זיך ביי אונז?... קאַטיאַ, ס'איז אַזוי ביטער, אַזוי שלעכט, אַז ערגער, קאָן שוין גאָרניט זיין! אין ערגעץ זעט מען ניט קיין סימן פון קיין וואָרצלען, דאָס פאָלק באַציט זיך צו אונז פיינדלעך... ער איז אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט באָלשעוויסטישן האַס, אינגאַנצן ווילד, די אויגן זיינען געוואָרן היהשע, די לאַפּעס נִשעדנע, בלויז רייסן, פליקן, צונעמען אַלץ, וואָס מ'זעט. און אַליין ווערסטו אויך ווי אַ חיה. אַרום און אַרום בלוט, שמוץ אָן אַ סוף. און ערגעץ אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט — אַ לאָמפּ מיט אַ גרינעם אַבאַזשור, עסביל, העראַקליט, מיין אומפאַרגלייכלעכער ערווין ראָדע, ווילאַמאָוויץ. און ס'דוכט זיך, אַז שוין קיינמאָל, קיינמאָל וועט עס קיינער ניט דאַרפן. ס'קומט אָן אַ נייער אָנלויף פון באַרבאַרן. אין אמתן איז דאָס דאָך אַ מלחמה קעגן דער קולטור, קעגן די אַלע העכערע גייסטלעכע דערגרייכונגען. אָנשטאָט ווימנשאַפט — די פּובליציסטיק פון „פּראַוודאַ“, אָנשטאָט פּאָעזיע — דעמיאַן בעדני, אָנשטאָט קונסט — גראָבגייביקע גלהים און היה־רעהדיקע גענעראַלן אויף די פּלאַקאַטן.

— דמיטרי, מ'טאָר ניט אַזוי, ס'איז דאָך נאָר ציטווייליק.

— צייטווייליק? און די קולטור גייט אונטער, אַרום און אַרום ווערט אַלץ חרוב, מ'ברענט, מ'צעשטערט. וואָס גייט מיר אָן, וואָס אין זיין צייט איז געקומען דער רענעסאַנס? און די מילאָסער ווענערע איז פאַרט אָן הענט, פידיעס סקולפּטורן זיינען אָן קעפּ, פון אַרכילאָכן, סאַפאָ, העראַקליטן זיינען געבליבן בלויז פיצלעך, ברעקלעך. און דער עיקר, איך האָב איצט פאַרלאָרן די גאַנצע אמונה אין דעם פאָלק. איצט האָט עס אויפגעדעקט זיין אמתע צורה — אַ טעמפּע, אַ לדהיטריקע, אַ גרויזאַמע. ס'איז אַ שטאָק־פינסטערער גייסטיקער ציניזם, ס'איז אַ ווירוואַריזם! אין דעם סאַמע טיי־

ערטן, און דעם סאַמע געגאַרטסטן זיינעם האָט מען אָנגעשפּיגן אין צורה — אין זיין זאָט! און ער האָט פֿאַרבראָכן דעם דאַשעק, פּייפּט און קנאַקט יאָרערן! וואָס וועלן איצט, שפּעטער אַמאָל זאָגן זיין נשמה וואַסעצאָוו, נגעסטעראָוו, רובלעוו? *)

צעפּאַטלטע וואָלקנס האָבן געשוועבט איבער דעם הימל, אומ־זיניקע און אייליקע. דער ווינט איז, ווי אַן אומזיניקער רויב־פֿויגל, אַלעמאָל אָנגעפֿלויגן פֿון הינטער דעם ווינקל, געשטופּט זיי ביידן אין פּלייצע און אָנגעהויבן ווילד צו רייסן די מיט אייז באַדעקטע צווייגן פֿון די אַקאַציעס און טאָפּאָלן.

— ס'איז אייך קאַלט, דמיטרי? אמת, ס'ווילט זיך גאָרניט אַוועקגיין?

— ס'מאַכט ניט, לאָז זיין קאַלט.

— אָט וואָס. לאָמיר גיין אויף דער טעראַסע. זי גייט אַרויס אויף דרום זייט. דאָרט איז שטיל.

קיין שטולן איז אויף דער טעראַסע ניט געווען, ס'איז נאָר געשטאַנען אַ גרויסער סאָד־טיש. אויף דעם טיש איז געלעגן פֿאַר־פֿרוירענע ערד, שערבלעך פֿון ערדענע בלומען־טעפּ. דאָס רוישן פֿון ווינט האָט זיך דאָ געהערט שוואַכער, דערפֿאַר האָט אָבער דער ים געקאָכט. אונטער דעם קאַלט־גרינלעכן לבנה־שיין זיינען ווייסע וואַסער־בערג געוואַקסן און, ס'האָט זיך געדוכט, זיך אָנגעקלאַפּט אין דער טעראַסע און מיטאַמאָל איינגעזונקען געוואָרן.

— דמיטרי, פֿאַרוואָס־זשע זייט איר פֿאָרט מיט זיי? ניט זשע פֿילט איר ניט די צילן זייערע, פֿאַר וואָס זיי קעמפֿן?

דמיטרי האָט מיט אויפֿגעבראַכטקייט געענטפֿערט:

— וואָס פֿאַר אַ ציל זיי זאָלן זיך ניט שטעלן! מיט וועמען איר ווילט, אָבער קענען אָט די לײַדאַקעס!... אָך, קאַטיע, דאָ, אין אייער ווינקל, האָט איר גאָר קיין השגה ניט וועגן זיי זיינען. ווען איר זאָלט דאָס זען מיט אייערע אויגן — וואָלט איר פֿאַרשאָלטן דאָס לעבן. פֿאַרשאָלטן אַלץ וואָס איז דאָ אויף דער וועלט...—

ער איז אויפֿגערעגט אַנטשוויגן געוואָרן. — איך האָב עס קיינעם

*) רוסישע מאָלער. — אָנמ. פֿון איבערז.

ניט געוואָלט דערציילן. איר זאָלט דאָס אָבער קיינעם ניט זאָגן. איך האָב אַהער געבראַכט אַגאַפּאָוס אייניקע זאַכן פֿון זייער דערהרגעטן זון מאַרק. ער איז דערהרגעט, יאָ. אָבער ווי אַזוי... אונטער טאַטאַרקע איז בײַ אונז געווען אַ שלאַכט. דער אַוואַנגאַרד פֿון די באָלשעוויקעס — מאַטראָסן אין לעדערנע זאַכן — זײַנען אויף אונז געגאַנגען אין אַ געשלאָסענער קאָלאָנע, אויף דעם דײַטשישן שטייגער. מ'דאַרף זאָגן דעם אמת, — אַזוי ווי לייבן זײַנען זיי געגאַנגען אונטער דעם פֿײַער פֿון די קילנוואַרפֿערס. אין אָוונט האָבן זיי אונז צעשלאָגן און פֿאַרטריבן. אונזער ראָטע־קאָמאַנדיר איז געפֿאַלן מיט אַ דורכגעשאָסענעם פֿיס, ער האָט אונז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך געמאַכט אַ טויט אונטער די קלאַנגען פֿון מוזיק.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— אַ האַנט־גראַנאַט אונטער דעם קאָפּ, מ'גיט אַ שלעפּ דעם קאַפּסול און טראַך!... דאָס הייסט בײַ אונז טויט אונטער די קלאַנגען פֿון מוזיק. מ'זאָל צו זיי לעבעדיקערהייט ניט אַרײַנפֿאַלן... האָבן מיר זיך צעשפּרייט אין אַלע זײַטן. פֿאָרט אויף אַ טאַטשאַנקע אַ באַלעבאָס. דעם רעוואָלווער צום שלייף. איך האָב בײַ אים צוגענומען דעם פּידזשאַק, די הויזן, זיך איבערגעטאָן און זיך געלאָזט לויפֿן מיט דער באַלקע.

קאַטיע האָט אַ ציטער געטאָן.

— אָט פֿון וואָס איר קאָנט נאָך ווערן אויפֿגעבראַכט! — האָט דמיטרי אַ שמייכל געטאָן. — זע איך, ס'שלעפּט זיך מאַרק. אויף דער האַנט טראָגט ער זײַן צווייטע האַנט, אַ דורכגעשאָסענע בײַם סאַמע עלנבויגן. פֿיר איך אים. ס'איז שוין נאַכט. פֿון דערווײַטן אַ בילן פֿון הינט, פֿײַער. גייען מיר צו פֿאָרזיכטיק, פּלוצים: „שטיי! ווער גייט?“ ומען האָט אונז גענומען און אַוועקגעפֿירט. אַ באַן־כטאַנציע, דער גאַנצער זאַל איז געפּאַקט מיט מאַטראָסן. אַן אומגעהייער הויכער, דיקער מאַטראָס — איך וואָלט אים גיז צו דער ברוסט דערגרייכט, — גייט צו צו מיר: „ווער ביסטו?“ אַ באַלעבאָס, זאָג איך, אַ מעליטאָפּאָלער. איך זע, אַ פֿאַרוואונדעטער מענטש, האָב איך אים געפֿירט, איך ווייס ניט, ווער ער איז. — „אַ־אַ, —

זאָגט ער, — וואַשע בלאַגאָראָדיע!" אַ פֿאָך מיט דעם קולאַק גלייך
מאַרקן אין אויער.

— אַ פֿאַרוואונדעטן?

— אַ פֿאַרוואונדעטן. ער האָט אָנגעהויבן פֿליִען אונטער די קולאַקעס און שטויסן איבער דעם גאַנצן זאַל. די צעקלאַפּטע האַנט באַמבלט זיך, אַ האַרצרייסנדיקער געשריי, — איר פֿאַרשטייט, — אַ געשריי פֿון אַ חיה, וועלכע מ'דערשלאָגט צום טויט.

קאַטיע האָט שטיל אַ זיפֿץ געטאָן.

— מ'דאַרף ניט!

דמיטרי האָט אומברחמנותדיק ווייטער דערציילט:

— אינגיכן איז ער שטיל געבליבן, און דער קערפּער פֿליט נאָך אַלץ פֿון איין ווינקל צום אַנדערן. מיט די שווערע שטיוול מיט דעם גאַנצן פּענט גלייך אין פּנים אַריין. אַ געלעכטער, גראָבע ווערטלעך... דער דיקער צו מיר: „אַנו, חבֿר, קום נאָר אַהער!" די האַנט אַריינגעשטעקט צו מיר אין בוזים. אָנגעטאַפּט אין דער בוזים-קעשענע פֿון וועסטל דעם פּאָלאַרעס, אים אַרויסגעשלעפּט: און דאָרט ליגט מיין לעגיטימאַציע, — פּאָרוטשיק דמיטריעווסקי. ער האָט אַ פֿאָך געטאָן מיט דעם גאַנצן כּוח, און ווייטער געדענק איך שוין גאָרנישט... געקומען צו זיך בין איך אין קעמערל פֿון קאַסיר. אין פֿענסטערל פֿון דער בילעטן-קאַסע דרינגט אַריין די ליכט פֿון זאַל. לעבן מיר ליגט מאַרק מיט אַ פֿאַרבלאָז, שוואַרץ געזיכט, מיט גלעזערנע אויגן, ער זשיפּעט שוין ניט. איך באַטאַפּ זיך. דער גאַנצער קערפּער טוט וויי, נאָר די ביינער זיינען גאַנץ. פֿונדערווייטן הערט זיך אַ שיסעריי, אַלץ נעענטער. אַ קילנוואַרפֿער טראַסקעט, ס'קלינגען אויסגעזעצטע שויבן. אַ טומל, די מאַטראָסן פֿאַלן אויף דער ערד. — „ס'איז אַ פֿאַרזען, ס'זיינען אונזערע!" דער קאָמיסאַר לויפֿט צו צו דעם טעלעפֿאָן. פּליצים — „הוראַ!" ניין, ס'איז ניט „אונזערע"... אַ האַנט-גראַנאַט אין זאַל אַריין, די מאַטראָסן שפּרינגען דורך די פֿענסטער, אַ שיסעריי, דער לאָמפּ פֿאַלט אַראָפּ און עס ווערט פֿינסטער. ס'עפֿנט זיך די טיר, ס'גייען אַריין צוויי אין אונזער צימערל, איינער האָט אָנגעדריקט דאָס קנעפּל פֿון אַ עלעקטריש לאַמטערנדל, דער שיין איז געפֿאַלן אויף זיין אַרבל, —

אַ שאַרבן מיט געקרייצטע שווערדן. מאַרקאָווצעס!... איך האָב גע־וואָלט אַ געשריי טאָן, און האָב קוים אַ זיפּץ געטאָן. זיי גייען צוריק. „רבותי! דאָרט ליגן נאָך ה ב ר י ם!" איך האָב זיך אָנגענומען מיט כּוח און אַ געשריי געטאָן: „אייגענע! אייגענע!" און ווידער פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. קאַטיע האָט אַלעמאָל איפּגעציטערט מיט איר גאַנצן קערפּער.

דער ווינט האָט גענומען וואָיען און מיט קראַפט זיך טראָגן איף אַרויף. גוואַלדאָוונע כוואַליעס זיינען געקראָכן אויף דעם ברעג, געשיפּעט מיט דעם שוים, זיך צעקלאַפּט מיט אַ הילכיקן מעטאַל־קלאַנג, און, פאַרכלינענדיק זיך, געקראָכן צוריק.

— און איצט, קאַטיאַ, זאָגט...

— מ'דאַרף ניטריידן... — קאַטיע האָט געבלאָנדזשעט מיט די אויגן — וואָס איז דאָס פאַר אַ קלינגען? אַזאַ צאַרטער־צאַרטער?...

דמיטרי האָט מיט פאַרוואונדערונג געקוקט איף איר.

— איך הער ניט. דער ים הודזשעט.

קאַטיע האָט באַשטאַנען געזאָגט:

— ניין, עפּעס אַן אַנדער קלינגען. אַ גלעזערנער, אַ באַזונ־דערער.

— טאַקע.

— אַך, אָט וואָס! דאָס קלינגען די פאַרפראָרענע צווייגן... אַזוי מאָדנע.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דעם געלענדער. די אייזצעפּלעך, וואָס האָבן באַהאַנגען די צווייגן, האָבן זיך אַראָנק דעם ווינט אָנגע־קלאַפּט איינס אָן דעם אַנדערן, און אַ מעלאָדישער, שטילער, קרי־שטאָלענער קלינגען האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן, אומאָפּהענגיק פון דעם מעשענעם רעווען פון ים.

— קומט, — האָט קאַטיע געזאָגט.

זיי זיינען געגאַנגען. הינטער דעם הויז איז דאָס רעווען פון ים געוואָרן שטילער, און קלאָרער האָט זיך געהערט איבער דעם גאַנצן סאַד דער סודותפולער, צאַרטער קרישטאָלענער קלאַנג.

קאַטיע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— דמיטרי! — זי האָט קוים געכאַפּט דעם אָטעם און געקוקט אויף אים. — מיטיאַ! טייערער מיינער! איז אָט וואָס עס קומט דיר דאָרט אויס איבערצולעבן...

ער האָט פּלוצים אַרומגעכאַפּט איר האַלז מיט זיינע הענט און איר שטאַרק געקושט.

— קאַטיאַ!

דאָס מיידל איז צוגעפֿאַלן צו זיין אַקסל, ער האָט אַריינגעקוקט אין איר רויטן פֿון קעלט, אומגעוויינלעך שיינעם געזיכט און געקושט אין די ליפּן, אין די אויגן.

* * *

קאַטיע האָט איילנדיק צעהאַנגען אויף די שטריק צווישן די ביימער דאָס בלאַנקענדיק-ווייסע, צעריסענע גרעט. פֿון מערבֿ האָט געבלאָזן אַ וואַרעמער, טרוקענער ווינט; די ערד, די הוילע צווייגן פֿון די קוסטעס, פֿון די ביימער, — אַלץ איז געווען פֿייכט, שוואַרץ און האָט געגלאַנצט אַנטקעגן דער זון. בלויז אין די ווינקלען האָט נאָך טונקל געגלאַנצט דאָס אייז-הייטל, וואָס האָט צוגעדריקט די גרויע שטענגעלעך פֿון דעם גראָז.

ענדלעך איז געקומען דער מולער טימאָפֿי מיט זיין זון מישאַ. איוואַן איליטש האָט זיך מיט זיי צונויפֿגערעדט.

— גוט, פֿופֿציק רובל, נאָר איר זאָלט גוט פֿאַרשמירן און וווּ מ'דאַרף זאָלט איר איבערבייטן די טשערעפּעס. אַ יאָר צוויי, זאָגט איר, וועט ער זיך האַלטן, דער דאַך?

— און פֿינף יאָר אויך, איך קאַוויר איך... וווּ איז דער קאַלך? קום, מישקע.

זיי האָבן פֿאַרמישט דעם קאַלך. איוואַן איליטש האָט געפֿרעגט:

— מ'זאָגט, אַז איר זייט אַ באָלשעוויק?

טימאָפֿיי האָט אין איילעניש געענטפֿערט:

— וואָס פֿאַר אַ באָלשעוויק בין איך, וואָס רעדט איר? אָט די כוליגאַנעס, מאָשעניקעס, — דאַנקען גאָט זיך אָנגעזען מיט זיי.

— בײַ די ערשטע באָלשעװיקעס זײַט איר דאָך געװען אין רעװאָלוציאָנערן קאָמיטעט.

— מען האָט מיך געצװאונגען, בין איך געגאַנגען. װאָס־דען האָב איך געזאָלט טאָן? װאָלט איך ניט געגאַנגען — צום װענטל. און דאָס לעבן איז מיר טײַער.

איװאַן איליטש האָט זיך דערפֿרײט און אָנגעהױבן צו דערציילן װעגן די אַכזריותדיקײטן פֿון די באָלשעװיקעס אין רוסלאַנד, װעגן די שטראָף־עקספּעדיציעס אין די דערפֿער, װעגן דעם, װי מען האָט אונטערדריקט דעם פֿרײַען געדאַנק בײַ די אַרבעטער, װעגן דעם װי עס איז געפֿאַלן די פּראָדוקטיװקײט פֿון דער אַרבעט, װעגן דער אַלגעמײנער לײדיקגײערשאַפֿט.

גלוכאַר האָט צוגעבאַמקעט.

— אַװדאי אַזױ! געװיס! אונזער פֿאָלק קאָן ניט אַרבעטן פֿאַר אַלעמען! איטלעכער איז אויסן נאָר זײַן טובֿה!

דער יונג מישקע האָט מיט אַן אומבאַשטימטן שמײכל געהערט.

קאַטיע האָט צעהאַנגען דאָס גרעט און געאײלט צו די דמיטריעװסקעס.

די פּראָפֿעסאָרין האָט געבאַקן געבעקס פֿאַר דמיטרין אין װעג, דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך אין קאַבינעט געגרײט צו אַלעקציע.

— און װאו איז דמיטרי?

— ער האַקט האָלץ אין קאַמער, ער װעט באַלד אַרײַנקומען. — נאַטאַליאַ סערגײעװנאַ איז עפּעס געװען אױפֿגערעגט. — און איר װײסט, מיר האָבן זיך נעכטן מיט מיטיען פֿאַרזעסן ביז פֿינף אַזײגער פֿאַרטאָג.

אין טיר האָט מען אָנגעקלאַפּט. אַן אױפֿגערעגט פֿרױען־קול האָט געפֿרעגט:

— מ'קאָן אַרײַנגײן?

נאַטאַליאַ סערגײעװנאַ איז בלײך געװאָרן.

— די פֿירשטין. איר װײסט, איך האָב איר טאַקע דעם בריװ אינדערפֿרי אָפּגעשיקט. אַך, גאָט מײַנער!... מ'קאָן, מ'קאָן! שמײכלענדיק פֿאַרלױרן, האָט זי זיך צעשטרײט געלאָזט גײן

צו דער טיר. די פֿירשטין איז אַריינגעקומען מיט גרויסע, צעעפֿנטע אויגן, מיט אַ ניט שמייכלענדיק געזיכט.

— נאַטאַליאַ סערגייעוונאַ! איך האָב אָקאָרשט באַקומען אייער מאָרנעם בריוו... ווי האָט דאָס אייך גאָר געקענט איינפֿאַלן? צי האָב איך דען געקאָנט אייך אָפּטאָן אַזאַ שפּיצל?... איר האָט גוט געזוכט?

— דוכט זיך, אַז איך האָב אומעטום געזוכט.

— איר האָט דאָך, אויף וויפֿל איך געדענק, אַוועקגעלייגט דעם רינג אויף דעם טואַלעט־טישל. איר האָט אָפּגערוקט דאָס טישל?

נאַטאַליאַ סערגייעוונאַ האָט אין איילעניש געענטפֿערט:

— ניין.

— ערלויבט מיר, וועל איך אַ קוק טאָן.

די פֿירשטין האָט זיך גענומען אָפּרוקן דאָס טישל. נאַטאַליאַ סערגייעוונאַ איז געבליבן זיצן אויף איר אָרט.

— נו, וואָרען! אָט איז ער דאָך! ס'איז ביי דער ראַם געלעגן, צווישן מיסט.

זי האָט זיך אויפֿגעהויבן און דערלאַנגט דעם רינג.

— אַך, אַזוי, אָט וואו ער איז געלעגן... יאָ, יאָ.

נאַטאַליאַ סערגייעוונאַ האָט גענומען דעם רינג, אויסמיידנדיק צו קוקן אויף דער פֿירשטין. און יענע האָט אויך ניט געקוקט. און מיט פֿאַרלייכטערונג געזאָגט:

— נו אָט, דאַנקען גאָט! ס'טוט מיר אַזוי הנאה... און ווי האָט דאָס אייך גאָר געקענט איינפֿאַלן, אַז איך וועל אַזוי שפּאַסן. ס'האָט מיר נאָר געפֿעלט, איר זאָלט מיך חושד זיין אין גנבֿה! — האָט זי זיך פֿריילעך צעלאַכט.

— וואָס רעדט איר, פֿירשטין! — האָט נאַטאַליאַ סערגייעוונאַ אויסגעשריען.

די פֿירשטין איז נאָך אַ ווילע געזעסן און איז אַוועקגעגאַנגען. דער פּראָפֿעסאָר איז אַרויסגעגאַנגען פֿון קאַבינעט און געבליבן שטיין אויף דער שוועל. מען האָט געשוויגן. קאַטיע האָט געפֿרעגט:

— און איר האָט געזוכט אונטער דעם טישל?

נאַטאַליאַ סערגייעוונאַ האָט פאַרטעטעריש געענטפערט:

— אַלץ, אַלצדינג איבערגעקוקט. עטלעכע מאָל אָפּגערוקט. און קיין מיסט איז שוין דאָרט להלוטין ניט געווען, איך האָב אַלץ אָפּגעקערט. און זי האָט אים גלייך געפונען.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך פאַרקרימט און איז אַוועק צוריק צו זיך אין קאַבינעט. דמיטרי איז אַריינגעקומען פון דער טעראַסע.

— נו, מאַמאַ, איך האָב דיר אָנגעהאַקט האָלץ, וועט עס קלעקן אויף אַ גאַנצן חודש. אַ־אַ קאַטיאַ!... מאַמאַ, מיר וועלן זיך אַ ביסל דורכגיין. איך דאַרף אָפּטראָגן די אַגאַפּאָוס מאַרקס זאַכן.

— קומט אָבער באַלד צוריק. אין אַ האַלבע שעה אַרום וועט זיין פאַרטיק דער פרישטיק.

קאַטיע מיט דמיטרין זיינען אַרויסגעגאַנגען. דמיטרי האָט געזאָגט:

— איך האָב פאַרגעסן די האַק אין קאַמער. קומט, וועל איך זי נעמען.

אין קאַמער האָט דמיטרי אַרומגענומען קאַטיען און איר אָנגעהויבן שטאַרק קושן. זי האָט זיך פאַרשעמט אַרויסגעריסן און תחנונימדיק געזאָגט:

— מ'דאַרף ניט!

— נו, קאַטיאַ!

— אָט וויפל האָלץ דו האָסט אָנגעהאַקט!... וואו זשע איז די האַק?

— ע, די האַק! זי איז גאָר דאָ ניטאָ.

דמיטרי האָט פעסט געדריקט קאַטיעס הענט און געקוקט אויף איר מיט ליכטיקע אויגן. זי האָט אַ בליץ געטאָן, אים שנעל אַ קוש געטאָן און זיכער אַ שפּאַן געטאָן צום אַרויסגאַנג:

— קום!

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין פאַזע שטראַנד. די גרין־בלוילעכע כוואַליעס זיינען מיט אַן אָנגלויפנדיקן רויש געפאַלן אויף דעם זאַמד, זון איז געווען אומעטום, די ערד האָט שנעל געטריקנט, און אַ וואַרעמער גאָלדענער ווינט האָט געצערטלט די באַקן.

קאַטיע האָט אַריינגעשטעקט איר האַנט אונטער דמיטריס אָרעם און געזאָגט:

— אָט וואָס, מיטיאַ! דאָס, וואָס דו האָסט נעכטן דערציילט וועגן זיך, וועגן מאַרקן, — דאָס איז אַזאַ גרויסע זאַך, — אָט פּונקט אַזוי ווי די אַלע בערג וואָלטן זיך מיטאַמאָל געריררט פון אָרט און זיך גענומען רוקן אויף אונז. איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט. ס'איז דאָך אַן אמתע מלחמה. אויב מענטשן קאָנען איינער דעם אַנדערן הרגענען, אַליין ברענען, הרובֿ מאַכן מיט גראַנאַטן, איז ביי וואָס קען מען זיך דאָ אָפּשטעלן? אויף אַזויפיל זאַכן האָט מען שוין עובֿר געווען, אַז אַלץ איז שוין אַ קלייניקייט. און אַז ס'האַנדלט זיך וועגן יטערשאַפט און כלערליי רויטע קרייצן, הייסט דאָס, אַז אַזעלכע מלחמות האָבן זיך שוין אויסגעלעבט, און אַז מענטשן ראַנגלען זיך פאַר איבעריקע זאַכן. און ווייסט, ס'הייבט זיך אָן דוכטן, אַז בשעת דער זיגער נעמט זאָרגעוודיק באַנדאַזשירן דעם שונאס וואונדן, וואָס ער האָט אַליין געמאַכט, — איז דאָס נאָך אַ סך שרעקלעכער, נאַרישער און שענדלעכער, איידער אים עקן, וואָרעם, ווי האָט ער דאָס דעמאָלט געקאָנט שניידן, שטעכן אַ לעבעדיקן מענטשן? אַן אמתע מלחמה איז די, וואָס האָט אין זיך האַס און שנאה, און דעמאָלט איז אַלץ פאַרשטענדלעך און באַרעכטיקט.

דמיטרי האָט געהערט מיט אַן ערנסט געזיכט, מיט שמייכלענדיקע אין זיך דינע ליפּן.

— דאָס איז אָריגינעל.

— ניין, דאָס איז אמת. און אָט, מיטיאַ... יענע מאַטראָסן, — זיי האָבן געשלאָגן, נאָר געוואוסט, אַז זיי וועט מען אויך שלאָגן און צעשיכן... פאַרמאָגן דעם האַס, וואָס איז נויטיק פאַר אָט דער מלחמה. זיי זיינען איבערצייגט, אַז איר זייט „משרתים פון דער בורזשואַזיע" און קעמפט דערפאַר, ס'זאָלן בלייבן די פּריצים און גענעראַלן. און דו, מיטיאַ, זאָג מיר דעם רעכטן אמת? צו וואָס גייסטו אויף אָט די אַלע גרוילן און אַכזריותקייטן? איז ניט-זשע נאָר צוליב דעם, ווייל זיי זיינען אַזעלכע ווילדע?

אין דמיטרים אויגן האָט אַ בלאַנק געטאָן ליידן און פאַרלוירנקייט, ווי אַלעמאָל בשעת אַזעלכע געשפּרעכן.

— דאָס איז, קאַטיאַ, זייער אַ קאָמפּליצירטע פראַגע.

— גאָרניט אַזאַ קאָמפּליצירטע.

דמיטרי האָט זיך פאָרזיכטיק אומגעקוקט, צוגעטראָגן קאַטיעס האַנט צו די ליפּן און מיט אַ שטילן שעפּטשען געזאָגט:

— צו וואָס, צו וואָס דאַרף מען איצט ריידן וועגן דעם? קאַטיאַ! אַזוי ווייניק צייט איז אונז געבליבן, — לאָמיר פאַרגעסן אָן דעם! ווען מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען! מיר וועלן בלויז זיך גריבלען אין דעם, וואָס מיר וועלן אַלצאיינס ניט איבעראַנדערשן... אָט איז אַגאַפּאָוס דאַטשע. קום אַריין.

— צו וואָס? איך וויל ניט גיין צו זיי. איך וועל דאָ וואַרטן אויף דיר.

— נו, גוט, איך וועל נאָר אָפּגעבן און קום באַלד צוריק.

ער איז אַוועקגעגאַנגען. דער גערטנער האָט צעגראָבן די בייטן ביי דער טעראַסע. די קליינינקע, דאַרע גוריענקאָ-דאָמאַשעווסקאַיאַ איז געשטאַנען ביים טירל פון איר ווילע און ביז געשריען אויף אַ מענטשן, וואָס איז געזעסן אויף אַ בענקעלע ביים שטראַנד.

— שיכורעץ אומגליקלעכער! ס׳איז דיר דאָ ניט קיין שענק! מיינסט, אַז די באָלשעוויקעס זיינען נאָענט מעג מען שוין זיין אַ בלאַזן! וואַרט, ביז דיינע באָלשעוויקעס וועלן קומען!

דער מענטש אויף דעם בענקעלע האָט אָפּגעענטפערט. קאַטיע האָט דערקענט דעם שיכורן סטאָליאַר קאַפּראַלאָוון, דעם שומר פון מירזאַנאָוס דאַטשע. גוריענקאָ איז אַוועקגעגאַנגען. קאַטיע איז צו אים צוגעגאַנגען.

— וואָס וויל זי?

— כע-כע! אַ ט-טייוול! אַוועק פון דאַנען, זאָגט זי. פייער! זאָלסט דאָ ניט זינגען — שטערסט מיר!... איך זיץ דען ביי דיר? איך זיץ מיר אויף דעם ברעג, טשעפּע קיינעם ניט... ס׳אַר אַ שלאַנג! אָט זיץ איך מיר און זינג:

אין קעשענע ליגט מיין האַלבער שטאָף
גלעזלעך לעשן זיך אויף דער גאָז
ביינאַכט, ווען אַלץ און אַלע שלאָפן
אונטערן בריק בין איך באַלעבאָס...

— מ'זאָגט, אַז דו ביסט אַ באָלשעוויק! ניין, זאָג איך, איך בין ניט קיין באָלשעוויק. און דאָך אַז די באָלשעוויקעס וועלן קומען — ביי גאָט, אַז איך וועל דיר דעם קאָפּ פּלעטן!

— און איר זייט ניט קיין באָלשעוויק?

— ניין, איך בין ניט קיין באָלשעוויק! בשעת מען האָט פּאַראַיאָריקס יאָר ברעווערנס עקאָנאָמיע חרוב געמאַכט, האָב איך זיי אָפן ערקלערט: צי זענט איר באָלשעוויקעס, צי פּשוט זשוליקעס — ווער ווייס אייך. איטלעכער שלעפּט זיך וואָס עס קומט אים אונטער דער האַנט — ווער אַ אַקער, ווער אַ הזירל; מ'צעברעכט שפּיגלען. ס'איז דאָך דאָס אייגנטום פון פאָלק, טאָר מען דען אַזוי? אָט גיט מיר אַ בוטעלע וויין — זיך אויסניכטערן. „אָן - זאָגן זיי, — ס'אַה אַ שטיל לעמעלע!“ יאָ-אָ. און וואָס טוט איר? דערפאַר האָבן זיי מיך איצט פיינט, אָנקוקן קאָנען זיי מיך ניט... דאָס לעבן האָבן זיי צעבראָכן — און ווי אַזוי קאָן מען עס איצט אויפשטעלן? פון דער און פון דער אַנדערער זייט גייט דאָס רוסישע פאָלק. ס'איז אַ ברודער-זאַך! אַ ברודער אויף אַ ברודער, אַ חבר אויף אַ חבר!

זיינע אויגן זיינען געווען קלוג און ערנסט, מיט יענער אינטעליגענטער ערנסטקייט, ביי וועלכער עס קלינגט אַזוי מאָדנע: „איטלעכער“ און „פּאַראַיאָריקס יאָר“. קאַטיע האָט פון טיפעניש פון האַרצן געזאָגט:

— אַך, קאַפּראַלאָוו, פאַרוואָס טרינקט איר?

— הם! ווי אַזוי איך טרינק, — זעען אַלע. און ווי איך אַרבעט באַמערקט קיינער ניט.

* * *

— קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ!

צו זיי איז פון דער דאַטשע געלאָפן אַסיאַ אַגאַפּאָוואַ.

— קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ! מיר האָבן אַרעסטירט דמיטרי ניקאָלאַיעוויטשן, מיר לאָזן אים ניט אַרויס, ביז ער וועט ניט אויסטרינקען די קאַווע. און ער רייסט זיך צו אייך, דער געוויסן לאָזט

אים ניט, און וואָרגט זיך מיט דער קאַווע. האָט רחמנות אויף אים, קומט אַריין צו אונז!

זי איז געווען אַ שײנינקע און האָט אינגאַנצן געגלאַנצט, — מיט די אויגן, מיט דעם שמייכל, מיט דעם אַנטבלויזטן האַלז. קאַטיע האָט געזען, אַז זי וועט זיך ניט אַרויסדרייען, און האָט זיך אויפגעהויבן. קאַפּראַלאָוו האָט בײם געזעגענען זיך פאַרהאַלטן איר האַנט:

— און דאָך האָט דאָס אין זינען: דאָס פאָלק וועט גובר זיין. אַלצאיינס, ווי פליגן האָט זיך דאָס אַלאָז געטאָן. ס'איז ניטאָ קיין שטאַרקערע זאַך פון אַ פליג, — ווייל, — זיי זיינען אַ סך. און די בורזשואַזיע — איז אַ הייפּעלע — און זי וועט שוין איצט קיינמאָל ניט מנצח זיין. דאָס פאָלק האָט ערוואַכט און וועט שוין מער קיינמאָל ניט איינשלאָפן.

ביי די אַגאַפאָווס איז געווען זויבער, היימלעך און וואַרעם. דער פּאַרקעט האָט געגלאַנצט. אויף דעם ווייסן טישטעך האָט שמעקעדיק געדויכערט אַ בלאַנקענדיקער קאָפּייניק, ס'איז געשטאַנען שמאַנט־פּוטער, קעז, סאַרדינען, קאָניאַק. דער דאָרף־שלאָסער גרעבענקין האָט אַריינגעשטעלט שויבן אין די אויסגעשלאָגענע פענסטער.

קאַטיע האָט זיך מיט אַלעמען באַגריסט, זי איז אויך צוגעגאַנגען צו גרעבענקינען און אים געגעבן די האַנט.

— אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטש, איר זייט אַ גלעזער אויך? איר זייט דאָך אַ שלאָסער?

גרעבענקין, מיט אַן איינגעפאַלענער ברוסט, האָט פון אונטער דעם שטערן אויף איר אַ קוק געטאָן מיט דערפרייטע אויגן און מיט אַ פרייער שטים געענטפערט:

— איך קאָן אַלצדינג: איך בין אַ שלאָסער, אַ גלעזער, אַ גערטנער, אַ ספּעקולאַנט.

— קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, טרינקט קאַווע, — האָט די פרוי אַגאַפאָוואַ גערופן.

קאַטיע האָט געפילט, — אַלעמען איז עפעס געוואָרן מאָדנע־

פֿײַנטלעך דאָס, וואָס זי האָט זיך באַגריסט מיט גרעבענקינען בײַ דער האַנט.

די פֿרוי אַגאַפּאָוואַ האָט דערציילט דמיטרין, ווי אַזוי עמעצער האָט בײַנאַכט בײַ זיי אויסגעזעצט די שויבן, ווי אַזוי מען האָט בשכנות באַרויבט דעם רײַכן פּריץ ברעווערנען.

— צו וואָס מיר זײַנען געקומען! צו וואָס מיר זײַנען געקומען! און ווי מיר האָבן זיך דאָס אַלע געפֿרייט מיט דער רעוואָלוציע! איך בין אַליין געגאַנגען אין פֿעווראַל מיט אַ רויטן באַנט...

איר מאַן, ניט קיין הויכער, מיט אַ נידעריק געשוירענעם קאָפּ און קורץ אונטערגעשוירענע וואָנסן, האָט גערויכערט אַ סיגאַר און מילד געשמייכלט.

— נו, וואָס זשע, נו, זאָגט אונדז אָפֿן: ווי האַלט דאָס בײַ אײַך אין דער אַרמײ? — האָט אַגאַפּאָוואַ זיך נאָכגעפֿרעגט. — איר וועט אונדז קאָנען באַשיצן, צי ניין?

דמיטרי האָט געלאַכט:

— מיר וועלן קענען!

דער שווינדזיכטיקער אַדוואָקאַט מירימאַנאָוו, — ער האָט אין דאָרף געהאַט אַ דאַטשע און פֿלעגט אַהער יעדן יום־טובֿ קומען זיך אָפּרוען, — האָט אַ קרומען קוק געטאָן אויף דעם גלעזער אין מיט בר־ידענדיק קול שטיל געזאָגט:

— אינגיכן וועט מען אונדז שוין ניט דאַרפֿן פֿאַרטיידיקן.

— פֿאַרוואָס?

מירימאַנאָוו האָט אַ לאַך געטאָן מיט זײַנע קלוגע אויגן:

— אינגיכן וועט זיך אַלץ אויף אַזוי פֿיל בײַטן, אַז איר קאָנט דאָס גאָרניט וויסן. — ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן. — לענין פֿירט שוין צוויי חדשים געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט דעם גרויספֿירשט באָריס וולאַדימיראָוויטש. ס'וועט ווערן אינסצענירט אַ מלוכה־איבערקערעניש. די אידעען־פֿירער פֿון דעם באָלשעוויזם וועלן באַצײַטנס פֿאַרשוואונדן ווערן, און די איבעריקע קאָמפּראָמעטירטע מנוולים וועט מען לאָזן, מ'זאָל זיך מיט זיי אָפּרעכענען, כּדי אָרומצורינגלען דעם באָלשעוויזם מיט אַ מאַרטירער־אָרעאָל און אַוועקגיין מיט כּבֿוד. לענין, טראָצקי און די איבעריקע באַקומען אַ פּענסיע אויף דעם

גאַנצן לעבן צו פֿופֿציק טויזנט רובל אין גאָלד און פֿאַרפֿליכטן זיך אַוועקצופֿאָרן קיין אַמעריקע.

— הלוואי, גאָטעניו! — האָט אַגאַפֿאָוואַ אָפּגעזיפֿצט. — דאָרט וועט מען זיך שוין קענען מיט זיי אַן עצה געבן.

באָריס, מירמאַנאָווס פּלימעניק, האָט זיך געשושקעט מיט אַסיען. זיין געזיכט איז געווען בלייך, און די אויגן זיס־מידע און מאָדנע שיינע. די פֿריילנס אַגאַפֿאָוו האָבן געגלאַנצט מיט יענער באַזונדערער אויפֿגעלעבטקייט, וואָס מ׳קאָן מערקן ביי מיידלעך נאָר אין געזעלשאַפֿט פֿון יונגעלייט. זיי זיינען געווען שיין אָנגעטאָן, און די שיינע מיידלשע העלזער האָבן זיך געבלייכט אין די דעקאָלטן פֿון די קליידער. זייערע אויגן, בשעת זיי האָבן זיך צופֿעליק באַגעגנט מיט קאַטיען, האָבן זיך מיטאַמאָל אויסגעלאָשן און געוואָרן געהיים־אומעטיק און קורצזיכטיק...

קאַטיע האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פֿון דער קאַווע, — ווייל זי איז געווען הונגעריק, ווייל זי האָט געהאַט גרויס חשק צו די אַלע געשמאַקע מאכלים נאָך דער געפֿרוירענער קאַרטאָפֿל און טיי פֿון ווילדע רויזן. דמיטרי איז געזעסן מיט מאַיען, אַסיעס שוועסטער, זיי האָבן מיט התלהבות גערעדט וועגן דער שיינקייט פֿון דער פּראַוואָסלאַווישער עבֿודה. מאַיע האָט געקוקט מיט לאַנגזאַמע, פֿאַרטראַכטע אויגן פֿון אַ מאַגדאַלינע, אונטער וועמעס בליק עס רעדט זיך אַזוי לייכט.

אַסיע האָט זיך געזעצט ביים קלאַוויר און האָט גענומען זינגען. און אַלץ וואָס זי האָט געזונגען איז געווען עפּעס באַזונדערס, געהיים־רייצנדיקס. זי האָט געזונגען וועגן יאַנואַרישע פֿעלדער און פֿאַרשיכורנדיק לויפֿנדיקע אויטאָס, וועגן דעם לילאָוון נעגער פֿון סאַן־פֿראַנציסקאָ, וועגן עפּעס אַ מאַדאַם ליוליו, וועגן זיסע סודות, וואָס זיינען באַהאַלטן אין דעם צערטלענדיקן טשאַד פֿון רוישנדיקן זיידנס, און ברייענד־אַרויסרופֿנדיק איז געווען דער רעפֿריין:

מאַדאַם ליוליו,
איך האָב אייך ליב!
שעפּטשעט מען איר אומעטום...

די בריליאַנטן אין אַסיעס אוירינגלעך האָבן שאַרף אויפגעגלאַנצט.

און ס'איז געווען אַ פאַרשלעפּערנדיקע, זיס תּאוותדיקע שיינקייט אין אירע גלידער. ס'האָט בלויז געשטערט דער רויש פון דעם גלעזער אין זיין שווינדזיכטיקער, אַזוי ווי אומישנער הוסטן.

און די זון האָט געגלאַנצט. און הינטער די פענסטער האָבן זיך ווייך געוויגט די מאַלאַכיט-גרינע כוואַליעס. אויף קאַטיען האָט די מוזיק שטענדיק מאָדנע געווירקט: ס'האָט איר אַרומגעכאַפּט אַ זיסער, ווילנלויזער אומזין, און די נשמה האָט זיך פאַרכישופט געהיידעט אויף פאַרכישופטע כוואַליעס, אָן כוחות און אָן אַ ווילן צו ראַנגלען זיך מיט זיי.

דמיטרי איז צוגעגאַנגען. פון אים האָט זיך לייכט געפילט טייערער קאָניאַק. ער האָט געזאָגט מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיקט:

— מיר וועלן נאָך זיצן אַ פינף מינוט און אַוועקגיין. ווייסט, נאָך דעם ביוואַק-לעבן איז אַזוי אָנגענעם אָט די זויבערקייט, גלאַנץ, אָט די אויפגעלעבטע געזיכטער...

דער אַלטער אַגאַפאָוו איז אויך צוגעגאַנגען.

— איר ווייסט, ס'איז אַזוי מאָדנע צו הערן... אַ מיידל, מיט מיט איר ריינער נשמה, פאַרשטייט גאָר אַליין ניט, וואָס זי זינגט. אָט, הערט זיך צו!

און, שמייכלענדיק גוטמוטיק האָט ער געריבן די הענט.

אך, וואו-זשע זייט איר, מיין קליינער קרעאָל,
מיין שווארצער פּרינץ, פון אנטילער אינזלען,
מיין קליינ-נקער כינעזישער גלעקל.
עלעגאַנט, ווי פּארפום, אזוי ווי אַ ליד אָן ווערטער?
אזא, הילפלויזער, אזוי ווי אַ ווילדער אנעמאָן...

גרעבענקין האָט איבערגעריסן דאָס געזאַנג מיט אַ בכיוונדיק הויכער, מיט גאָרנישט רעכענענדיקער זיך שטים:

— באַלעבאָס, די שויבן זיינען קורץ, — צושטיקעווען שטיקלעך, אָדער איר האָט גרעסערע שויבן?

אַגאַפאָוו איז צוגעגאַנגען צו אים מיט אַ ווייכן שמייכל:

— ניין, קיין גרעסערע האָב איך ניט. שטוקעוועט שוין צו, ניטאָ קיין אַנדער ברירה.

נאָכדעם האָט באָריס, מירימאַנאָווס פּלימעניק, געלייענט לידער מיט אַ מאָדנע צעצויגענעם ניגון. און די פּערזן זיינען געווען פּונקט ווי די פּריערדיקע, — זיי האָבן דערציילט וועגן לייכטן, פּאָסט- און פּאַסן אין רייכן לעבן, פֿון די תאוודיקע ראַפֿינירטע באַציאונגען פֿון מאַנסבילן צו פֿרויען:

אין אַ גרופּע מיידלעך נערוועזע, אין שאַרפער געזעלשאַפט פון פרויען,
די טראַגעדיע פון לעבן וועל איך פאַרוואַנדלען אין אַ חלומותדיקן פאַרס.
אַנאַנאַסן אין שאַמפּאַניער, אַנאַנאַסן אין שאַמפּאַניער!...

די שטים האָט שוין און בויגעוודיק געזונגען, און געשלעפּערט אויף די מעלאָדישע פּערזן. קאַטיע האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון, פֿאַרוואָס זיינען אָט ביי דעם באָריסן די אויגן אַזוי מאָדנע שיין און מידי: זיי זיינען מיסטערהאַפֿט געווען אונטן אונטערגעפֿירט מיט אַ שוואַרץ פּאַסיקל.

קאַטיע מיט דמיטרין האָבן זיך געקליבן אַוועקצוגיין. די פֿריילנס האָבן איינגערעדט דמיטרין, ער זאָל בלייבן נאָך אויף אַ טאָג.

— היינט איז גוריענקאָ-דאָמאַשעווסקעס געבורטסטאָג, אינאָוונט וועלן אַלע זיין ביי איר. זי וועט שפּילן; בעלאָזיאָראָוו וועט געווים קומען, ער וועט זינגען.

— איך קען ניט. איך מוז היינט אינאָוונט זיין אין פּאָלק.

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען. קאַטיע האָט זשעדנע געאָטעמט מיט דעם ים-ווינט, פֿון דער נשמה האָט זיך אָפּגעוואַשן די כּישופֿדיקע שיינקייט פֿון דער שלעפּערנדיקער מוזיק. זי האָט אויפגעציטערט מיט די אַקסל און געזאָגט:

— ס'איז אַ מיאוסקייט! ס'איז אַ מיאוסקייט!

דמיטרי האָט פֿאַרוואונדערט געפֿרעגט:

— וואָס פֿאַר אַ מיאוסקייט?

— אַלץ! אַלע! פֿאַרוואָס קאָן די צעפֿוילטקייט זיין אַזוי שיין און שמעקעדיק? אָט אַזוי ווי אַ פּאַרפֿום-קראָם, וואו אַלע טייערע פּאַרפֿומען האָבן זיך אויסגעגאָסן און ס'דרייט זיך דער קאָפּ, און

עס ווילט זיך ניט אַוועקגיין, און מיטאַמאָל — זון, ווינט, ברייט און ווייט... אַך, ווי גוט!

דמיטרי האָט געהערט און געשמייכלט אין זיך. אין קאָפּ האָט אָנגענעם געדרייט פֿון דעם קאָניאַק, פֿאַר די אויגן האָבן געגלאַנצט די מיידלשע שמייכלען, ס'האָט זיך געשפּירט אַ זיסער געפֿיל פֿון רו און היימלעכקייט.

— און פֿאַר זיי קעמפֿן! ווי אַזוי האָט זי געפֿרעגט: „איר וועט אונז קאָנען באַשיצן?“ און דיר ווילט זיך גאָרניט, בשעת דו קוקסט אויף זיי, אַז דאָס אַלץ זאָל אַוועקפֿליען צו אַלדע רוחות, אַז אָט דאָס אַראָמאַט־צעפֿילטע לעבן זאָל חרוב ונחרב ווערן?

דמיטרין האָט זיך געוואָלט פֿאַרמאַכן די נשמה פֿון דעם צעווילדעוועט־האַסנדיקן שטורעם, וואָס האָט זיך אַהין געריסן פֿון קאַטיעס ווערטער, און ס'האָט זיך גאָרנישט געשפּירט קיין פֿעאיקייט צו פֿאַרטיידיקן אָט דאָס לעבן, צו וועלכן ער האָט, אַגבֿ, ניט געפֿילט קיין שום האַס. ער האָט גענומען קאַטיעס האַנט און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— קאַטיאַ! מיר ווילט זיך אַזוי גאָרניט! ס'ווילט זיך גאָרניט. איין זאַך וויל איך נאָר: איך זאָל מיר האָבן אַ רואיק ווינקל, קיינער זאָל מיר ניט באַאומרואיקן, און איך זאָל איבערזעצן פּראָקלען.

גליקלעך איז דער, וואָס האָט באַזוכט די וועלט
אין אירע געפּערלעכסטע מינוטן.

— איך וואָלט קיינעם ניט געוואונטשן אָט דעם נחת!

— איז דיר דען איצט ניט אינטערעסאַנט צו לעבן?

— גאָרניט אינטערעסאַנט. ס'וואָלט פֿיל אינטערעסאַנטער געווען דאָס אַלץ שטודירן, אַלס לאַנג־פֿאַרגאַנגענע עפּאָכע.

קאַטיע האָט זיך איינגעגעסן אין אים מיט אירע אויגן. דמיטרי האָט זיך אונטער איר פֿאָרשנדיקן בליק דערפֿילט ניט היימלעך.

— פֿאַרוואָס האָב איך דיך ליב באַקומען? — האָט זי געפֿרעגט, אַזוי ווי זיך אַליין. און מיטאַמאָל האָט זי דערזען זיין אומענדלעך מיד געזיכט, דעם קלוגן, וואונדערשיין געשניצטן שטערן, עפּעס

אַ קינדיש-הילפֿלאָזעס אין זײַן גאַנצער פֿיגור, — און אַ היים, מוטער-לעך-צאַרט פֿײַערל האָט אױפֿגעפֿלאַקערט אין דער נשמה.

זײ זײַנען געגאַנגען, ענג געאָרעמט, איבער דעם זאַמד פֿאַזע די רױשנדיקע כװאַליעס. דמיטרי האָט מיט אַן אױפֿגעעפֿנטער נשמה גערעדט:

— ...עפּעס אַ מין פֿולע אַטראָפֿיע פֿון אַקטיװקייט. דאָרט, װאו מען דאַרף דענקען, לערנען, זוכן, איז מײַן ענערגיע גאָר אומדערשעפּלעך. אָבער דאָרט, װאו מ׳דאַרף אין לעבן מאַכן כאָטש אײן זעלבשטענדיקן טריט, כאַפּט מיך אַרום אַ פֿאַרצװײפֿלונג, און דאָס לעבן אַלײן װערט אומעטיק, גראָב און פֿינסטער...

* * *

— װאָס-זשע איז דאָס אַזױנס?

— װאָס הייסט, װאָס איז דאָס אַזױנס?

— איר האָט דאָך גאָרניט געטאָן. װי אַזױ ס׳איז געװען אַזױ איז דאָס.

— און װאָס איז דאָס? דאָ איז דאָך אַ שפּאַלט געװען, איר האָט פֿאַרגעסן? אומעטום, װאו מען האָט גענדאַרפֿט, האָבן מיר פֿאַרשמירט. װאָס נאָך װעט איר אױסטראַכטן!

— נו, אָט גיט אַ קוק: מ׳זעט דאָך דעם הימל דורך די שפּאַלטן.

— דער שפּאַלט זעט זיך פֿון דער זײַט. זײַט רואיק, דורך איר װעט אײַך ניט אַרײַנרינען, איך פֿאַרזיכער אײַך. אױב ס׳װעט אַרײַנרינען, שיקט מיך רופֿן, װעל איך עס אין אײן אױגנבליק מאַכן.

— נו, מאַכט דאָס איצט אין אײן אױגנבליק.

— אַ-אַך, גאָט מײַנער! אָט אַ מענטש! כּדי מ׳זאָל קײן שפּאַלטן ניט זײַן, דאַרף מען דעם גאַנצן דאַך איבערלײגן, איך האָב דאָך אײַך געזאָגט.

— איר האָט מיר געזאָגט, אַז דער דאַך קאָן נאָך שטײן פֿינף יאָר.

מישקע האָט ווי אַ יונג הענדל, וואָס לערנט זיך קרייען, געזאָגט:

— מ׳קאָן דען עפּעס טאָן אויף אַזאַ דאַך? צוויי טשערעפּער פֿאַרשמירט — און צען צעקוועטשט.

— ע, מישקאַ, קום! מיר דאַרפֿן ניט אייערע פֿופֿציק רובל. איר זייט צופֿרידן ווען איר קאָנט באַוועלן אַן אַרבעטער. עקספּלואַטאַטאָרן!

— איך דאַרף ניט אייערע פֿופֿציק רובל...

קאַטיע האָט איבערגעשלאָגן דעם פֿאָטער:

— ריכטיק! מ׳דאַרף זיי גאָרניט געבן. זיי זעען דאָך אַליין, אַז זיי האָבן גאָרניט געטאָן.

— גאָרניט געטאָן. פֿאַר אַ באַלעבאָס איז אַלץ קנאַפּ. פֿאַר אַ גראָשן וואָלטן זיי געוואָלט דאָס גאַנצע בלוט פֿון דעם אַרבעטער אויסזויגן!

איוואַן אילאַיטש האָט מיט ווידערגעפֿיל געשוויגן און אַרויסגענומען דאָס געלט.

— פֿאַרוואָס-זשע גיסטו אים, פּאַפּאַ? זאָל דאָס געריכט דאָס פֿעסטשטעלן — צי עס קומט פֿאַר דערדאָזיקער אַרבעט פֿופֿציק רובל.

— ע, לאָז עס אים זיין געוויסן פֿעסטשטעלן!

איוואַן אילאַיטש האָט ניט געקוקט אויף גלוכאַרן און אים דערלאַנגט דאָס געלט. גלוכאַר האָט עס אַריינגעשטופּט אין קעשענע און ליבלעך געזאָגט:

— אויב מ׳וועט דאַרפֿן דאָס אייוועלע פֿאַרריכטן, אָדער די ווענט איבערשמירן, שיקט נאָך אונז. מיר קאָנען דאָס אויך. צום ווידערזען!

קאַטיע איז אָנגעפֿאַלן אויף דעם פֿאָטער: ווי אַזוי קאָן מען געבן געלט פֿאַר אַזאַ אַרבעט! זאָל ער אָנקלאָגן אין געריכט!

— קאַטענקאַ! ס׳כאַפּט אָן אַן עקל צו קוקן! זאָל ער גיין צו אַלדע רוחות, אַבי זיין פּנים ניט אָנקוקן!

— אַך, אָט די צעוויקטע אינטעליגענטן אונזערע! אויף דעם עשאַפֿאָט גיין, — וועט ער אַפֿילו קיין ציטער ניט טאָן. און אַז מ׳רופֿט אים אומגערעכט אַן עקספּלואַטאַטאָר — ניין, איז שוין גליי-

בער די נשמה אױפֿצוגעבן! זאָל בעסער דער ערשטער זשוליק דיך באַנעמען, װי אַ נאַר, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס אין מיטן העלן טאָג!...

קאַטיע האָט זיך מיט אימפּעט אױסגעדרײט און איז אַרײן אין שטוב.

* * *

די באַװוּסטע קלאַװיר־שפּילערין גוריענקאָ־דאָמאַשעװסקאַיאַ האָט געפּראַװעט איר געבורטסטאָג. אַ קלײנע און אַ דאַרע, מיט גרױסע שװאַרצע אױגן, האָט זי מיט אַ פֿאַרװײנט־איבערגעטריבענער פֿרײד פֿון אַן אַרטיסטין אױפֿגענומען די געסט און יעדערן געזאָגט אַ גוט װאָרט.

מ׳איז געזעסן אין דער גרױמער, רײך מעבלירטער זאַל און געטרונקען טײ. דער טיש איז געװען באַלײכטן פֿון צװײ קיך־לעמפּלעך, מיט גלעזלעך. די טײ איז געװען אמתע. אױפֿן דעק פֿון צװײ קרישטאָלענע צוקערניצעס איז געלעגן צו הײפֿעלעך דריבנע צעקלאַפּטע צוקער. ברױט און ברינזע איז געװען איבערגעניג. ס׳איז געשטאַנען אַ צענדליק פֿלעשער מיט זױערן בולגאַרישן װײן.

די באַלעבאָסטע האָט מיט אַ ביטער־הומאָריסטישער באַרימערײ געטענהט:

— גיט נאָר אַ קוק, זעט נאָר: ס׳אַר אַ קיניגלעכע באַלײכטונג! כ׳אַר אַ מאכלים! און טײ — אמתע! און אַפֿילו צוקער אױך! אַן אמתער באַל... מ׳דאַרף דאָך פֿאַרן הונגער־טױט זיך אָנעסן, אַזױ װי עס באַדאַרף צו זײן, מיט דער פֿולער האַנט!

און אין איר שטים איז געװען: יאָ, איך בין, די באַװוּסטע אַרטיסטין, װעמעס נאָמען מ׳קאָן טרעפֿן אין יעדן ענציקלאָפּעדישן װערטערבוך, — אָט װי איך בין געצװוּנגען צו לעבן, און אָט װאָס עס דערװאַרט מיך צוליב עמיצנס אױסטערלישער אומגערעכטיקײט.

— ניט אמת? מ׳דאַרף דאַנקען גאָט. ס׳איז נאָך דאָ ערגערס. דער זינגער בערקוטאָװ איז געשטאָרבן אין פּעטראָגראַד פֿון הונגער, דער פֿידלער מענטשינסקי האָט זיך געהאַנגען אין מאָסקװע... װעל איך אױך װאַרטן אױף דעם, װאָס עס איז מיר באַשערט...

לעבן קאַטיען איז געזעסן דער שווייגנדיקער אינזשינער זאַבראָדאַ, מיט העל-בלויע אויגן און לאַנגן האַלז פֿון אַ שווינדזיכטיקן. זיין ספּעציאַליטעט האָט ער ניט ליב געהאַט און דאָס פֿינפֿטע יאָר אַרבעט ער שוין פֿאַר אַ מיזערן געהאַלט אַלס בוכהאַלטער אין דעם דאָרפֿישן קאָאָפּעראַטיוו. ער האָט זיך איבערגעביגן איבער קאַטיען און הייזעריק געפֿרעגט איוואַן איליטשן:

— איר האָט באַקומען אַן איינלאַדונג אויף דער אָרגאַניזיר-פֿאַרזאַמלונג פֿון אַ באַזונדערן קאָאָפּעראַטיוו פֿון די דאַטשניקעס?

— יאָ. אין וואָס האַנדלט זיך?

— איך האָב זיך געוואָלט מיט אייך צונויפֿריידן וועגן דעם. גריענקאָ-דאָמאַשעווסקאַיאַ, אַגאַפּאָוו און אַנדערע ווילן גרינדן אַ דאַטשע-קאָאָפּעראַטיוו, כּדי זיך אָפּטיילן פֿון דאָרף. זיי מאָטיווירן דאָס מיט דעם, וואָס די פּויערים לאָזן ניט גערן צו די אינטעליגענטן אין דער פֿאַרוואַלטונג און קויפֿן איין נאָר דאָס, וואָס זיי דאַרפֿן.

— און ריכטיק! — האָט קאַטיע באַשטעטיקט. — מעל און גערשטן, למשל, האָבן זיי אַליין, האַלטן זיי דאָס ניט אין קאָאָפּעראַטיוו, און מיר קאָנען דאָס אין ערגעץ ניט באַקומען.

זאַבראָדאַ האָט ברוגז אַ קוק געטאָן אויף איר.

— מ'קאָן זיי איבערציַיגן. אָבער אָפּטיילן זיך — הייסט אומברענגען דעם דאָרף-קאָאָפּעראַטיוו.

איוואַן איליטש האָט קאַטעגאָריש געזאָגט:

— ס'טויג ניט.

— און דערצו נאָך: וואָס הייסט מ'לאָזט ניט צו די אינטעליגענץ? דער פֿאָרזיצער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג איז בעלאָזיאָראָוו.

— אַך, אייער בעלאָזיאָראָוו! — האָט קאַטיע אויסגעשריען. — אַ זינגער איז ער, געווים, אַן אויסגעצייכנטער. אָבער ער געפֿעלט מיר ניט. ער זוכט כּבֿוד און פּאָפּולאַריטעט און באַמקעט אין אַלץ צו די פּויערים. און אַליין האָט ער עפּעס אַלצדינג — סיי מעל, סיי צוקער, סיי קעראָסין. און מיר קאָנען גאָרניט באַקומען.

דער אָרטיקער הויזבאַזיצער, דער גלח זלאַטאָוווערכאָווניקאָוו מיט אַ צלם אויף אַ געאָרג-לענטע, האָט דערציילט וועגן די באָלשעוויקעס. ער איז געווען אַ פּאָלקאָוואָי גלח אין איינער פֿון די פֿרייוויליקע

טיילן און איז אויף אַוואָך געקומען צו זיך אין אורלויב. אַ גרויסער, אַ פֿעסטער, מיט בולטע געזיכט־שטריכן, האָט ער גערעדט מיט אַ דייטלעכן, געדיכטן באַס. ניט לאַנג האָבן די באָלשעוויקעס אונטער מעליטאָפּאָל געקרייציקט אויף די טירן פֿון קלויסטער אַ גלח, און אויף דעם אַלטאַר האָבן זיי געמאַכט אַ הולאַנקע מיט מיידלעך. דער גלח איז געווען אַן אַלטער און די גאַנצע פּאַראַפֿיע האָט אים זייער געשעצט. די „חברים" האָבן צו אים צוגעשטעלט אַ קאַראַאול און קיינעם צו אים ניט צוגעלאָזט. ער איז געהאַנגען פֿינף טעג אויף די נעגל און געשטאָרבן פֿון דאָרשט.

קאַטיע האָט זיך צעלאַכט:

— לכל־הפּחות האָב איך שוין אַ מאָל פֿופֿציק געהערט וועגן אָט דעם געקרייציקטן גלח און וועגן די מיידלעך אויף דעם אַלטאַר, און אַלעמאָל אין אַנדערע שטעט.

דער גלח זלאַטאָווערכאָוניקאָוו האָט אָפּגעשוויגן און אויפֿמערקזאַם געקוקט אויף קאַטיען.

— ס׳איז ניט קיין חידוש. אין אַ סך שטעט האָבן זיי דאָס געטאָן.

און האָט זיך אָפּגעקערט. זאַבראָדאַ האָט זיך אָנגעבויגן צו קאַטיען.

— זייט פֿאָרזיכטיק אין זיין געזעלשאַפֿט. ער איז אַן „אומזיסטער מיטאַרבעטער", ער האָט באַשטענדיקע באַציאונגען מיט דער קאָנטר־ראַזוועדקע. אַ האַלבן דאָרף האָט ער געמסרט. איך גיב אים ניט די האַנט.

קאַטיע האָט פֿאַרביסן די צונג. זי האָט באַמערקט, אַז אַלעריידן פֿאַר אים פֿאָרזיכטיק.

דער גלח זלאַטאָוועראָוניקאָוו האָט ווייטער דערציילט.

— ס׳איז נאָר צו שטוינען, ס׳אַר אַ ווילדע חיות דאָס זיינען. נאָך ערגער פֿון חיות! מען האָט, למשל, גענדיקט אַ שלאַכט. געוויינלעך איז ביי אַלעמען דעמאָלט איין פֿאַרלאַנג: אָפּרוען. און זיי נעמען זיך גלייך אויסגראָבן אונזערע קברים און חלל זיין די מתים. ס׳קלעקט זיי נאָך כוחות אויף דעם. און וועגן פֿאַרוואונדעטע — איז שוין גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן!

דער אַדוואָקאַט מירימאַנאָוו האָט מ'ט זיין אַלווײסנדיק שמײ-
כעלע, וואָס האָט אַלעמען גענויט אים צו גלויבן, דערציילט, אַז
ניט לאַנג האָט אין מאָסקווע געדאַרפֿט פֿאָרקומען אַ צוזאַמענפֿאָר
פֿון קאָמאינטערן. פֿאַר דער עפֿענונג, האָט מען די אויסלענדישע
אַרבעטער-דעלעגאַטן איינגעלאַדן אויף אַ באַנקעט. פֿרוכטן, בלומען
אום ווינטער, שאַמפּאַניער. דעקאָלטירטע קאָמיסאַרינס. די אַרבע-
טער זעען... „אייער רוסלאַנד גייט אונטער פֿון קעלט און פֿון
הונגער, איר גיט אַרויס די אַרבעטער צו האַלב פֿונט ברויט מיט
שטרוי, און אַליין טרינקט איר שאַמפּאַניער! איצט ווייסן מיר שוין,
אין וואָס עס באַשטייט אייער קאָמוניזם“. און זיינען צוריק אַוועק-
געפֿאָרן.

און אַלע האָבן אַ סך דערציילט.

ווי אַלעמאָל איז בעלאָזיאָראָוו דער אַרטיסט פֿון די קייזערלעכע
טעאַטערס אויך דאָס מאָל שפּעט געקומען. אַ ראַזירטער, מיט אַ
געלבלעך געזיכט, מיט פּרעכטיקע שטוואָס געלאָקטע האָר. מען
האָט אים געמאַכט אַ פֿריידעוודיקן קבלת-פּנים. מען האָט גוטמו-
טיק און איינגעהאַלטן געשמייכלט, אָבער זיך ניט באַגריסט מיט
אים. די פֿרײלנס האָבן מיט באַגייסטערונג געקוקט אויף אים.

די באַלעבאָסטע האָט געפֿרעגט:

— איר קומט פֿון שטאָט. וואָס הערט זיך נייס?

בעלאָזיאָראָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף זלאַטאָווערכאָוניקאָוו.

— אָט, ידער פֿאָטערל, ווייס מסתמא בעסער. אין שטאָט
ציטערט מען אַ ביסל, די קלאַנגען זיינען ממש פֿאַנטאַסטישע. אַ פּנים,
אָן אַ גרונט.

זלאַטאָווערכאָוניקאָוו ,האָט מיט אַוטאָריטעט געזאָגט:

— ס'איז די באָלשעוויסטישע אַגיטאַטאָרס אַרבעט. די לאַגע
איז אַ פֿעסטע. די גאַנצע פּאַניק נעמט זיך דערפֿון, וואָס דאָס מי-
ליטער איז אָפּגעטראָטן צו פּערעקאָפּ צו. אָבער פּערעקאָפּ — דאָס איז
פֿערמאָפּילעס, איין פּאָלק קאָן לייכט איינהאַלטן אַ גאַנצע אַרמיי.
און דעניקין מאַכט דערווייל אַן איבערגרופּירונג פֿון דעם מיליטער.

בעלאָזיאָראָוו האָט גענומען אַ גלאָז טיי, וואָס די באַלעבאָסטע
האָט אים דערלאַנגט, און זיך געזעצט לעבן דער שיינער פֿירשטין

אַנדראָזשסקאַ. און באַלד האָבן אים די דאַמען, אַזוי ווי פֿליגן אויף אַ טראָפּן איינגעמאַכטס, אַרומגערינגלט.

זלאַטאָווערכאָווניקאָוו האָט זיך געזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען. בעלאָזיאָראָוו האָט אים באַגלייט מיט די אויגן און נאָכדעם באַאומרואיקט געזאָגט:

— די לאַגע איז זייער ביטער. ניט היינט, — מאָרגן וועלן די באָלשעוויקעס זיין אויף דער זייט פּערעקאָפּ. אין שטאָט הערשט אַ פּאַניק. פֿערציק באַנקירן און פֿאַבריקאַנטן האָבן געדונגען פֿאַר צוויי הונדערט טויזנט אַ באַזונדערע שיף און קלייבן זיך אַוועקצופֿאָרן.

גוריענקאָ־דאָמאַשעווסקאַ האָט זיך גאַליק צעלאַכט:

— אָט מוז זיך אייער דאָרפֿישער באָלשעוויק אַפֿאַנאַסי כאַנאָוו פֿרייען!... ס'איז ווידער זיין צייט געקומען... און דאָך פֿאַרשטיי איך ניט: פֿאַרוואָס האָבן אים די פֿרייווילִיקע ניט אויפֿגעהאַנגען? ביי דעם ערשטן באָלשעוויזם איז ער געווען אַ קאָמיסאַר פֿון פּאָוויאַט, און גייט זיך רואיק אַרום אויף דער פֿריי און קיינער טשעפּעט אים ניט.

דער פּראָפֿעסאָר דמיטריעווסקי האָט געזאָגט:

— ס'איז אַ זעלטענער מענטש! און זייער אַן אינטערעסאַנטער, מיט אַ זונדיקער נשמה.

די באַלעבאָסטע האָט זיך העפֿלעך פֿאַרנייגט פֿאַר דמיטריעווסקין.

— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, פּראָפֿעסאָר, פֿאַר אָט דער זעלטענער נשמה! בשעת ער איז געווען קאָמיסאַר באַגעגנט ער מיך: „מיר, אַנטאָנינאַ פּאַוולאָווְנאַ, רעקווירירן אייער דאַטשע אויף אַ פֿאָלקס־הויז". — זייער פֿיין! — זאָג איך. — און אייער צווייִשטאָקיק הויז אין דאָרף רעקווירירט איר אויך?

— ער וואָלט זיין הויז אויך רעקווירירט. איר ווייסט, ער האָט דאָך דעם אונטערשטן גאָרן אָפּגעגעבן פֿאַר דעם קאָאָפּעראַטיוו און נעמט פֿאַר אים קיין קאָפּיקע געלט ניט!

— דאָס איז אמת, — האָט זאַבראָדאַ באַשטעטיקט.

— זאָל ער זיינס אַוועקגעבן! און וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט ער דאָס צו באַלעבאַטעווען איבער מיינעם? איך האָב אויך מיט

שווערער האָרעוואַניע זיך דערשלאָגן צו מיין דאַטשע. איך האָב קיינעם ניט עקספּלואַטירט, אַליין פֿאַרדינט מיט אָט די הענט!

דעם פּראָפֿעסאָרס פֿרוי האָט אָפּגעזיפֿצט:

— יאָ, אַנדערע פֿאָרן אַוועק. און מיר מוזן דאָ זיצן און וואַרטן.

אַגאַפּאָוו, וואָס איז באַשיידן געזעסן מיט אַ סיגאַר אין ווינקל פֿון דיוואַן, האָט פּלוצים מיט אַ ליב שמייכעלע געזאָגט:

— מ׳קאָן גאָרנישט טאָן: מ׳מוז זיצן און וואַרטן. מ׳דאַרף דאָך זאָגן דעם אמת: ס׳קומט די אמתע פֿאָלקס-מאַכט. און זאָל זי קומען, איך בין צופֿרידן. לאָז כאָטש זיין אַ וואָסער ניט איז אָרדענונג.

אַלע האָבן פֿאַרגאַפֿט געשוויגן. די באַלעבאָסטע האָט מיט אויפֿגעהויבענע ברעמען געקוקט אויף אַגאַפּאָוון.

— פֿריער האָט איר, מיכאַאיל מיכאַילאָוויטש, אַנדערש גערעדט... אָט, אַז די באָלשעוויקעס וועלן ביי אייך צונעמען אייער מיליאָן, וואָס איר האָט געבראַכט פֿון מאָסקווע, דעמאָלט וועט איר וויסן, וואָס עס הייסט אָרדענונג.

— וואָס פֿאַר אַ מיליאָן? — אַגאַפּאָוו האָט זיך פֿריילעך צעלאַכט — איך דאַנק גאָט, וואָס ס׳האָט זיך מיר איינגעגעבן דורכצושמוגלען פֿערציק טויזנט. און ריידן רייד איך פֿון אַ העכערן שטאַנדפּונקט. צי בין איך צופֿרידן, צי ניט צופֿרידן, אָבער אָנערקענען מוז מען, אַז די מאַכט איז נאָר ביי די באָלשעוויקעס.

בעלאָזיאָראָוו האָט מיט פֿרייד זיך צוגעהערט. דער פּראָפֿעסאָר האָט מיט זיין הויכער, זאַנפֿטיקער שטים געזאָגט:

— יאָ, ס׳איז זייער טרויעריק, אָבער איך בין פֿולקום מסכּים מיט מיכאַאיל מיכאַילאָוויטשן. די ברייטע פֿאָלקס-מאַסן זיינען פֿאַר די באָלשעוויקעס. — דאָס קאָן מען ניט אָפּווענדן.

איוואַן איליאיטש איז געוואָרן אַן אויפֿגעקאָכטער:

— אַ-זו-וי!... ס׳איז פֿון דעם געדרונגען — אַז מ׳דאַרף גיין די באָלשעוויקעס מקבל-פּנים זיין? באַגריסן זייער קומען? אויב נאָר די ברייטע פֿאָלקס-מאַסן זיינען פֿאַר יידישע פּאָגראָמען, דאַרף איך, הייסט דאָס, גיין שלאָגן די זשידעס?

דער פּראָפֿעסאָר האָט ווייך אָפּגעענטפֿערט:

— איך זאָג דאָס ניט. אָבער דאָס קעמפֿן מיט זיי האָט קיין זין און קיין באָדן ניט אונטער זיך. די פֿרייוויליקע וואַרפֿן אַנט־קעגן זיי אַרויס אַלטע, צעפּיצלטע, אויסגעשמירטע פֿאָנעס, און דאָס פֿאָלק איז לגבי די ווייסע אָפֿן פֿיינטלעך. און ביי הײַנטיקן טאָג פֿאַרמאָגן מיר בלויז די ביידע קרעפֿטן. דאַרפֿן מיר דאָך, מיר, די אמתע דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן, ערלעך אַרײַנקוקן דעם אמת אין די אויגן, ווי שווער אָט דער אמת זאָל ניט זײַן.

זאַבראָדאַ האָט באַדויערנדיק געמעקעט. ס'האָט זיך פֿאַרקאָכט אַ הייסע אַמפּעריי צווישן איוואַן אילאיטשן און דעם פּראָפֿעסאָר. אַגאַפֿאָוו האָט אונטערגעהאַלטן דעם פּראָפֿעסאָר. מירימאַנאָוו האָט שווײַגנדיק זיך צוגעהערט און פֿאַרביסן געשמייכלט פֿאַר זיך. די באַלעבאָסטע און די איבעריקע געסט זײַנען געווען אויף איוואַן אילאיטשס צד, אָבער, פֿון זייער אַרײַנמישן זיך אין דער דעבאַטע, האָבן זיי אַלעמאָל זי אָפּגעקערעוועט אָן אַ זײַט: זיי האָבן בלויז געטראָגן אַ געפֿערלעכן האַס צו די באָלשעוויקעס, דורך וועלכן ס'האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן די שנאה צו דעם אויפֿ־וואַכנדיקן פֿאָלק און די שרעק פֿאַר דעם אָנווער פֿון די געוויינלעכע באַקוועמלעכקייטן און וואוילזײַן.

און ווי נאָר דער וויכוח האָט אָנגענומען אַ שאַרפֿן כאַראַקטער, און אין דער באַלעבאָסטעס שטעכיקע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן ניט קיין פֿיינע פֿײַערלעך, האָט דער פּראָפֿעסאָר קונציק פֿאַרריבן דעם געשפּרעך און אָנגעהויבן בעטן די באַלעבאָסטע זי זאָל עפּעס אָפּשפּילן.

גוריענקאָ־דאָמאַשעווסקאַיאַ האָט פֿאַרלאָשן די פֿײַערלעך אין אירע אויגן און האָט ליב אַ שמייכל געטאָן..

— נו, אַלס באַלעבאָסטע, וועל איך שוין די ערשטע אָנהייבן. און נאָכדעם וועלן מיר בעטן וולאַדימיר איוואַנאָוויטשן, ער זאָל אונדז עפּעס זינגען.

גוריענקאָ האָט זיך געזעצט בײַם קלאַוויר. זי האָט געשפּילט בעטהאָווען, שאָפּענען. די גרויסע אויגן האָבן זיך באַלויכטן מיט אינעווייניקסטער ליכט און זײַנען געוואָרן וואונדער־שיין. און מיט־

אַמאָל האָט דער גאַנצער האַס, די גאַנצע געדריקטקייט, דער־שראָקנקייט אָנגעהויבן צו צעגיין אין די מענטשן און זיך אויס־הויכן פֿון זיי. אין דער האַלב־פֿינסטערער זאַל האָט אויפֿגעבליצט אַ שטרענגע, מלכותדיקע שיינקייט.

קאַטיען האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן די פֿירשטין אַנדראָזשסקאַ. זי איז געזעסן אַן עצבותדיקע, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אויף דער האַנט, — אַן עלעגאַנטע, מיט אַ הותם פֿון דינער, הונדערטיעריקער קולטור אין געזיכט און אין די באַוועגונגען. אָבער דער ריינ־געוואַשענער האַלז איז געווען צעביסן פֿון פֿליי און באַדעקט מיט רויטע פֿלעקן; די שיינע הענט זיינען געווען רויט מיט שוואַרצע ראַנצן; אין מויל האָט פֿון פֿאָרנט געפֿעלט אַ צאָן. און דעראָזיקער רונג. דער רונג! אַזוי ווי די לעצטע דינסט... ס'וועט אַוועק נאָך אַ האַלב יאָר, — און די גאַנצע דורותדיקע קולטור וועט פֿון איר אַראָפּקריכן אַזוי ווי פֿאַרב אויף אַ רעגן. זי וועט ווערן אַ וואולגאַרע און אַ פֿאַלשע, מיט זשעדנע אויגן, וואָס קוקן פֿון אינטן אַרויף, — אַזאַ, וועלכע זי האָט פֿריער ניט געקענט אָנקוקן, און דורך וועמעס מי און האָרעוואַניע ס'האָט זיך געשאַפֿן איר איידלקייט און עלעגאַנץ. ס'ליגט אַ וואונדערשיינע ליליע, אַרויסגעריסן מיט דעם וואָרצל, און זי וועט שוין מער ניט לעבן, און עפּעס אַנדערע בלומען וועלן וואַקסן אויף דעם איבערקערטן באָדן... און לעבן בעלאָזיאָראָוון זיינען געזעסן די פֿרייליַנס אַגאַפּאָוו. זיי האָט נאָך די שלעכטע יאָרן ניט אָנגערירט: בריליאַנטן אין די אויערן, ווייסע הענטלעך, עלעגאַנטע קליידער... און זיי, — זיי זיינען שוין אויך דערונטער? אָדער זיי וועלן אַרויספֿשווימען פֿון ים, וואוהין ס'וועט זיי פֿאַרוואַרפֿן דער אָנפֿליענדיקער שטורעמווינט, און וועלן זיך ווידער אומקערן מיט זייערע לילאָווע נעגערס און מיד־זיס תאוודיקע קרעאָלן?

גוריענקאָ האָט אָנגעהויבן שפּילן דאָס „האַרבסט־ליד“ פֿון טשייקאָווסקין. די פֿאַרשלעפּטע מעלאָדיע איז אונטער אירע פֿינ־גער געוואָרן ניי, פֿריש און האָט גערעגט די נשמה. לילאָווע אַלעען. געלע בלעטער פֿאַלן לאַנגזאַם. Les sanglots longs des violons de l'automne. און פֿאַמעלעך גייט אויף אַ וואונדערשיינער געשפּענסט פֿון דעם עבֿר, צודריקנדיק די פֿינגער צו די אויגן.

די פֿירשטין האָט נידעריק אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, אירע אַקסלען האָבן שטיל אָנגעהויבן אויפֿציטערן. קאַטיע האָט זיך שנעל גע־זעצט לעבן איר.

— נו, פֿירשטין, מ'דאַרף ניט!... איך קוק שוין לאַנג אויף אייך... מ'דאַרף זיך שטעלן העכער פֿון דעם מזל, מ'דאַרף מוטיק אַלץ אַריבערטראָגן, אַלץ, וואָס איז אין לעבן נאָר באַשערט...

זי האָט גענומען איר האַנט אין אירער און זי אָנגעהויבן גלעטן. די פֿירשטין האָט פֿאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן, — זיי זיינען ווייניק געווען באַקאַנט, — און האָט פּלוצים האַסטיק אַ דריק געטאָן קאַטיעס האַנט, און געשוויגן איינהאַלטנדיק די איינגערעגטע ברוסט, און שטאַרק געדריקט קאַטיעס האַנט.

נית קיין שלאָף, ניט קיין רו דער פאַרמאַטערטער נשמה
די נאַכט ברענגט מיר ניט קיין פרייד ניט קיין רו...

האָט בעלאָזיאָראָוו אָנגעהויבן זינגען.

כ'איז עפּעס געווען אַ מין הולאַנקע! בעלאָזיאָראָוו האָט געזונגען, גוריענקאָ־דאָמאַשעווסקאַיאַ האָט נאָך אַמאָל געשפּילט; נאָכדעם האָט בעלאָזיאָראָוו געזונגען אַ דועט מיט דער פֿירשטין. די געסט האָבן זיך געזעצט צום אָונטברויט פֿריילעכע, ווידער אויפֿגעלעבטע, פֿאַר־אייניקטע. ס'האָט זיך שוין ניט געוואָלט ריידן וועגן די באָלשעוויקעס און קריגן זיך צוליב זיי. ס'האָט געקלונגען אַ לייכטער געלעכטער, וויצן, ווערטלעך. דער שלעכטער באָלגאַרישער ווין, וואָס האָט געהאַט אַ טעם פֿון עסיק, איז געווען זייער געשמאַק און באַ־טעמט. ביי איוואַן אילאיטש האָט געדרייט אין קאָפּ, ער האָט זיך אַלעמאָל צוגעגאָסן ווין און וואָס ווייטער גערעדט מיט מער אַמביציע און אויפֿגעלעבטקייט. און אַלץ אומעטיקער האָט אַגנאַ איוואַנאָוונאַ געקוקט, און אַלץ אומרואיקער איז קאַטיע געוואָרן.

מ'איז זיך צעגאַנגען. איוואַן אילאיטש האָט מיט אַ צעבאָרשטן קאָפּ געדריקט די הענט דער באַלעבאָסטע, גוריענקאָ־דאָמאַשעווסקאַן און בעלאָזיאָראָוון.

— אַ דאַנק אייך, מיינע טייערע! איר האָט אויפֿגעטרייסלט די נשמה מיט שיינקייט. לייכטער געוואָרן צו אָטעמען!

* * *

ס'איז געווען שטיל, וואַרעם. די האַלבע לבנה איז געשטאַנען הויך איבער די בערג. פֿון פֿאָרנט איבער דעם שאָסיי איז געגאַנגען אַננאַ איוואַנאָוונאַ מיט קאַטיען און מיט דער פֿירשטין, הינטער זיי — איוואַן איליטש, בעלאָזיאָראָוו און זאַבראָראַ. איוואַן איליטש האָט גערעדט אויף אַ קול און געמאַכט מיט די הענט.

בײַם ראָוו פֿון שאָסיי, לעבן טעלעגראַף־סלופּ, זײַנען אין אַ ענגער קופּע געזעסן פֿרויען אין שוואַרצע קליידער, אַרומגעכאַפּט די קני מיט די הענט. די לבנה האָט באַלויכטן די יונגע, אָוואַלע פּנימער מיט די שוואַרצע ברעמען. קאַטיע האָט זיך אײַנגעקוקט און זיך פֿאַרוואונדערט.

— גיט נאָר אַ קוק! ס'זײַנען דאָך אונזעריקע, דאָרפֿישע! וואַססאַ, דאָקאַ! איר? וואָס זיצט איר דאָ?

די פֿרויען האָבן געשוויגן. ענדלעך האָט איינע געזאָגט:

— די ווילדע אָרדע גייט פֿון שטאָט.

— וואָס פֿאַר אַ ווילדע אָרדע?

— איין באַלגאַר אונזערער איז געקומען צו לויפֿן, געבראַכט די בשורה: אַלע מיידלעך נעמען זיי זיך צו.

— איז וואָס־זשע איז דאָס פֿאַר אַ ווילדע אָרדע?

איוואַן איליטש האָט זיך ערנסט אַרײַנגעמישט.

— פֿאַרשטייסט ניט! וואַרט, וועל איך באַלד דערגיין... דאָס הייסט מסתמא די ווילדע דיוויזיע, די טשעטשענער. אמת?

— נו, יאָ.

— וואָס־זשע האָט איר זיך, טײַערינקע, דערשראָקן?

— אונזערע היטן בײַם פֿאָנטאַן. ווי נאָר זיי וועלן עפּעס באַמערקן, וועלן זיי אונז געבן צו וויסן, און מיר וועלן אַנטלויפֿן אין די בערג, אין די סעדער.

איוואַן איליטש האָט זיך צעלאַכט מיט אַ שיכּורן געלעכטער.

— זיי מיינען דאָך גאָרניט אײַך, נאַרעלעך, זיי גייען כאַפּן די יונגען, וואָס האָבן זיך ניט געמאָלדן אויף דער מאָביליזאַציע. זאָגט בעסער זיי אָן, זיי זאָלן אַנטלויפֿן אין די בערג!

די מיידלעך האָבן געשוויגן.

— נו, נו!... זיצט אייך! ס'איז פֿאָרט גלייכער איר זאָלט אייך צוועקגיין... זיצט אייך, מיינע טייערע מיידעלעך!...

מ'איז געגאַנגען ווייטער. איוואַן איליטש האָט אָפּגעזיפֿצט.

— עך, ס'וואָלט אַיושר געווען זיך אָנטרינקען איצט! אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין! אַזוי'. אַז אָט דער איינדייטיקער נאַר אין הימל זאָל אַ טאַנץ טאָן!

— איצט איז זייער גוט אויסצוטרינקען, — האָט בעלאָזיאָראָוו מסכּים געווען. — איר ווייסט, וואָס? קומט אַריין צו מיר. איך האָב וויין. גוטן וויין! אַלטן באַרזאַק.

— וואָס רעדט איר?! טייערער! אָט דאָס הייסט אַ זאַך!... ניזראַ, קאַטיאַ! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — איר גייט זיך אַליין אַהיים, — ס'מאַכט ניט אויס, ס'איז שוין ניט ווייט. און מיר גייען צו מאַעסטראָ אויף אַ שעה, צוליב אַ שיכּורן ענין.

בעלאָזיאָראָוו האָט געוואוינט איינער אַליין אין אַ קליינער, היימלעכער דאַטשע, ניט ווייט פֿון דעם שאָסיי. די לבֿנה האָט אַריינגעלויכטן אין די גרויסע פֿענסטער, און ווינקל האָט געגלאַנצט אַ קאַבינעט־קלאַוויר. בעלאָזיאָראָוו האָט אָנגעצונדן אויף דעם טיש צוויי גראָבע סטעאַרין ליכט. ס'האָט זיך באַלויכטן איבער דעם קלאַוויר אַ פֿאָלירטע ראַם פֿון נים האָלץ מיט וואַגנערן אין בערעט.

איוואַן איליטש האָט זיך פֿאַרוואונדערט.

— אָהאָ! אָט אַ בורזשוי! ווי דאָס לעבט! און ליכט האָט ער!

בעלאָזיאָראָוו האָט וואוילעריש אַ ווינק געטאָן.

— נאָך אין פּעטראָגראַד האָב איך מיר פֿאַרגרייט, שוין לאַנג. איך בין מיר אַ קאָמערסאַנט. איך האָב מיר געקויפֿט ביי די קאָנדוקטאָרן פֿאַר פֿינף און צוואַנציק קאָפּיקעס אַ פֿונט, און איך האָב מיר אויף אַזויפֿיל פֿאַרגרייט, אַז פֿאַר מיין אָפּפֿאָרן האָב איך בערך אַ האַלב פֿוד פֿאַרקויפֿט מיינע באַקאַנטע צו צוויי רובל אַ פֿונט.

— פֿיין! — האָט זיך איוואַן איליטש צעלאַכט. — דו הערסט, כאַכאָל? — האָט ער זיך געווענדעט צו זאַבראָדין. — באַקאַנטע צו צוויי רובל אַ פֿונט, און ניט באַקאַנטע, מסתּמא, צו פֿינף רובל, האַ? אָט וואו די ספּעקולאַציע שטייט אַין! דו, ברודערקע, זע

נאַר! — האָט ער געדראָט בעלאָזיאָראָוו מיט אַ פֿינגער. — אַ זינגער ביסטו אַ געטלעכער, אָבער די הענט דײַנע... זײַנען פֿאַר־ד־ע־עכטיקע! איך זע דיך דורך און דורך.

בעלאָזיאָראָוו האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן און איז געגאַנגען ברענגען ווײַן.

אויף דעם טיש זײַנען שוין געשטאַנען עטלעכע ליידיקע פֿלעשער. דער שײַן פֿון דער לבֿנה האָט זיך איבערגערוקט פֿון דעם וואַליק פֿון טערקישן דיוואַן אויף דעם פּאַרקעט. איוואַן אילאיטש האָט גערעדט. ער האָט דערציילט וועגן זײַן ברויזנדיקער יוגנט, וועגן זשעליאַבאָוו און אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוו, וועגן ווערא פֿיגנער, וועגן דעם אומגעהײַערן אידעאַליסטישן אויפֿשטײַג, וואָס איז דעמאָלט געווען בײַ דער אינטעליגענץ.

— און אָט איצט איז אַלץ צעבראָכן, אַלץ צעטראָטן! וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן די אַמאָליקע מפּלות קעגן דער איצטיקער! הינטער די כאַמע שוואַרצסטע וואָלקנס, הינטער די פֿײַכטסטע נעפּלען האָט זיך געפֿילט די אייביק־לעבעדיקע, הייסע זון פֿון דער רעוואָלוציע. און איצט איז די זון טונקל געוואָרן און לעשט זיך אויס. מיר זײַנען מאָראַליש צעשלאָגן, די רעוואָלוציע איז פֿאַרשפּיגן, זי איז געוואָרן אַ מין פּראָפֿעסיאָנעל פֿאַרדינסטל פֿון דעם כאַם, אַ תּאַווהדיקער פֿאַרגעניגן פֿאַר דעם סאַדיסט. און אויף דעם אַלץ קוקן, דאָס אַלץ זען, — און שטיין מיט צונויפֿגעלייגטע הענט אויף דעם האַרצן, און וויסן, אַז דו האָסט דאָ ניט, וואָס צו טאָן. און אַז ס'איז פֿאַר דיר קיין פּלאַץ דאָ ניטאָ...

מיט אַ ציטערנדיקער האַנט האָט ער זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז ווײַן און זשעדנע אַ זופּ געטאָן פֿון איר.

— און וואָס האָבן זיי מיט דעם פֿאָלק געמאַכט, — מיט דעם גרויסן, זעלטענעם רוסישן פֿאָלק! זיי האָבן פֿון דעם אויסגעריסן דעם געוויסן, די נשמה, און דאָס פֿאַר אַ זשעדנעם גזלן געמאַכט, און אַ היהש האַרץ דעם אין ברוסט אַרײַנגעלייגט.

איוואַן אילאיטש האָט זיך אַ סעקונדע געקווענקלט און פּלוצים קאַטעגאָריש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— נו, ס'איז שוין אַלצאיינס! איך וועל אײַך דערציילן, וואָס

עס האט מיט מיר געטראפן, בשעת איך בין געפארן אהער... אויף א קליינער סטאנציע איז אונזער צוג אומגעריכט אפגעגאנגען. איך האב זיך אנגעכאפט, בשעת דער צוג איז שוין געגאנגען, אין דעם ערשטן וואגאן. איך הענג אויף די הענט און בלויז מיט איין פוס האב איך זיך אנגעשפארט אין טרעפל פון וואגאן. אויף די טרעפלעך אין דורכגאנג פון וואגאן שטייען סאלדאטן, פויערים. קיינער האט זיך פון ארט ניט גערירט. א קאלטער ווינט שמייסט אין פנים, די הענט גליווערן, דער פוס גליווערט, און פון אויבן — גלייכגילטיקע פנימער, אויגן קוקן אויף דיר און גלייך ווי זיי זעען דיך גאר ניט. די שאלעכץ פון די יאדערן פליט דיר אין פנים. „חברים, — זאג איך, — גיט זיך כאטש א ביסל א רוק, לאזט כאטש מיט דעם צווייטן פוס זיך שטעלן אויף דעם טרעפל. איך וועל נאר ביז דער ערשטער סטאנציע, דארט וועל איך אין מיין וואגאן איבערגיין“... זיי שווייגן און קנאקן יאדערן. ס'דוכט זיך, ווען עמעצער נעמט זיי אין די אויגן קיילן א לעבעדיקן מענטשן, וועלן זיי פונקט אזוי גלייכגילטיק קוקן און קנאקן די יאדערן... און כ'האט אויפגעבליצט ביי מיר א געדאנק, אט פאר וועמען איך האב דאס מיין גאנץ לעבן אין טורמעס געמאטערט, אין סיביר פארבראכט, אט פאר וועמען איך האב געהאט אויסצושטיין צרות צרורות פון יעדן פריסטאוו און אקאלאטאטשנעם... ענדלעך, איז פון וואגאן ארויסגעגאנגען עפעס א מענטש און א געשריי געטאן: „וואס, איר זעט ניט, א מענטש פרירט אויף דעם ווינט, אט פאלט ער באלד אראפ? הינטיש בלוט, איר גיט זיך א רוק!“ און מען האט בלויז זיך געראפט עטוואס א רוק טאן, — איינער האט מיט דער קני א ריר געטאן, דער אנדערער מיט דעם אקסל, — און ס'איז אזוי לייכט געווען ארויפצוגיין אויף די טרעפלעך. און דעם אמת געזאגט: נאך איין מינוט, — און איך וואלט טאקע געווען אראפ־געפאלן, איך האב שוין אליין געוואלט אפלאזן די הענט און אראפפאלן אונטער די רעדער... צו אלדע רוחות, ווער דארף דאס דאס לעבן, אז עס קאן זיך אזוינס אפטאן! א, פריינד מיינע!... מיינע ליבע פריינד! א יאר איז שוין אוועק, און אט די וואונד יאטערט זיך נאך אלץ ביי מיר!

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם באַוואַקסענעם קאָפּ אויף דעם עלנבויגן; די אַקסלען האָבן געציטערט, זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט.

בעלאָזיאָראָוו האָט שווייגנדיק זיך געזעצט צום קלאַוויר, גענומען עטלעכע אַקאָרדן און אָנגעהויבן זינגען:

א וואָלגע-מוטער, טייך דו טרייער!
פליסט אין קאַספּי פון צרות פייער.

איוואַן איליאיטש האָט פאַרוואונדערט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— וואָס איז דאָס? ס'איז דאָך אונזערס אַן אַלט ליד, אַ סטודענטיש... פון וואַנעט קענט איר דאָס? איר זייט דען פון דער וואָלגע?

— פון דער וואָלגע. שטערט ניט, — האָט בעלאָזיאָראָוו שטרענג געזאָגט.

א וואָלגע-מוטער, טייך דו טרייער
פליסט אין קאַספּי, פון ליידן פרייער,
און הינטער כוואַליעס, כוואַליעס לייכטע
זיפצט דאָס פאָלק מיט טרערן פייכטע...

די פרייקייט און ברייטקייט פון טייך האָט זיך געפילט אין דער שטים, און דער יונגער טרויער, אין דער יינגער, זיסער האַס, מיט וועלכע עס פלאַקערן בלויז די הערצער, וואָס זיינען גרייט זיך מקריב זיין אויף דעם מזבח פון העלדישקייט. איוואַן איליאיטש האָט זשעדנע געהערט דאָס זינגען, ווי אַ קינד, מיט אַ האַלב-אויפגעעפנט מויל.

דו טראָגסט אַלץ טראַטוועס און שווערע שיפן
פאַרוואָס-זשע ברענגסטו ניט קיין פרייהייט?
דיר איז פריי און ברייט די ווייט צו לויפן
און ביי אונז איז ענג, און שווער און ליידן...

איוואַן איליאיטש האָט געוויינט. לאַנג געוויינט. נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבן זיין נאַס געזיכט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט איבער דעם טיש.

— יאָ! און דאָך... דאָך, — גלויב איך אין דעם רוסישן פאָלק! איך גלויב! עס האָט איבערגעטראָגן די זעלבסטהערשונג, — וועט דאָס אויך אַריבערטראָגן די באָלשעוויקעס! און עס וועט ווידער זיין אונזער גרויס, גרויסמוטיק פאָלק, אונזער לערער פון גוטס און פון אמת! פון דעם אייביקן פאָלקס-אמת!...

וואַקלענדיק זיך און אונטערהאַלטנדיק איינער דעם אַנדערן, זיינען זיי געגאַנגען מיט זאַבראָדען איבער דעם שאָסיי. די רויטע האַלבע לבנה האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט הינטער די בערג. פון צפון האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. איוואַן אילאיטש מיט צעפלאָסענע האָר, דאָס היטל האָט ער פאַרגעסן ביי בעלאָזיאָראָוון, — האָט עמיצן געסטראַשעט מיט דער פויסט און געשריען מיט אַ דונערדיקן קול, וואָס האָט אָפּגעקלונגען איבער דעם גאַנצן דאָרף:

— תלינים פון רוסישן פאָלק!!

אַריינקומענדיק אין קיך, האָט ער זיך אין דער פינסטער אָנגעשלאָגן אָן צונויפגעשטעלטע שטולן, עמיצער איז אויף זיי געשלאָפן. קאַטיעס קול האָט געזאָגט:

— ס'איז איך, פּאַפּאַ.

— וואָס-זשע ליגסטו דאָ?

— לעאָניד איז צו אונז געקומען.

— לעאָניד? וואָס דאַרף ער דאָ, דער ליידאַק?

— שטילער, ער שלאָפט אין מיין צימער. ער איז געקומען, זאָגט ער, געוואָר ווערן און אָפּרוען.

— איך וויים נאָך וואָס ער איז געקומען... אַ שיינער סורפריז!

וואָרטשענדיק, איז ער אַוועק צו זיך אין שלאָפצימער.

* *
*

איוואַן אילאיטש האָט זיך אויפגעכאַפּט זייער שפּעט. ער האָט לאַנג געהוסט, געכראַקעט און געסאָפּעט. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט, אונטער דעם האַרצן האָט אים געשפּאַרט און גענודעט. די פרילינג-זון האָט געלויכטן דורך די שפּאַלטן פון די

לאָרנס. אין קיך האָבן געקלונגען די טיי־לעפֿעלעך, ס'האָט זיך געהערט קאַטיעס פֿריילעך געלעכטער און לעאָנידס קול. איוואַן אילאיטש האָט זיך אָפּגעוואַשן. ער איז ברוגז אַרויסגעגאַנגען אין קיך אַריין, ברוגז געענטפֿערט אויף לעאָנידס באַגריסונג און אים ניט געגעבן די האַנט.

קאַטיע האָט אויפֿגעלעבט געפּלוידערט, אָנגעגאָסן לעאָנידן טיי, אים דערלאַנגט ברינזע.

— עס! ביסט אַזוי אַראָפּ פֿון פּנים! האָסט שוין גרויע האָר אין קאָפּ. ביי אַכט און צוואַנציק יאָר!

איוואַן אילאיטש, — אַ פֿינסטערער מיט אַ ניט־פֿאַרקעמטער באָרד, — האָט געטרונקען טיי און געשוויגן.

קאַטיע האָט גענומען פֿון דער קיך אַ שיסל מיט פֿאַרמישטע קליען.

— וואַרט אַ מינוט, איך וועל נאָר געבן דעם חזירל עסן, קום איך שוין אַריין.

און איז אַוועקגעגאַנגען. איוואַן אילאיטש האָט ברוגז געפֿרעגט:

— קומסט פֿון סאָוודעפּיע?

— יאָ.

— נאָך וואָס ביסטו געקומען?

— אייך געוואָר ווערן. אָפּרוען אַ ביסל. איך בין פֿאַרמאַטערט.

איוואַן אילאיטש האָט זיך אין אים איינגעקוקט: ווי פֿריער איז ביי אים געווען אַ בינטל גרויע האָר איבער דעם לינקן שלייף; גוטהאַרציקע אויגן, אַ גוטהאַרציק קול, נאָר די ליפּן קאַטעגאָרישע און שלעכטע.

קאַטיע איז צוריק אַריינגעקומען. זי האָט ריין געמאַכט דעם קיך־טיש, אַרויסגענומען פֿון פֿאַרטעך זיבן ציפּינקעס און זיי אָנגעהויבן קאָרמענען מיט צעבּרעקלטע אייער.

— זיי האָבן זיך ערשט נעכטן אויסגעפּיקט. זע נאָר, ס'אַר אַ קליינינקע.

— אַ פֿאַרגעניגן!

— אמת, אַזוי ווי פּוכיקע געלע אייער, אייער אויף פֿיסעלעך? און ס'אַר אַ ערנסטע, ערנסטע!

לעאָניד האָט גענומען אַ ציפּקעלע אין האַנט, דאָס פֿאַרדעקט מיט די דלאָניעס און גענומען אויף דעם צאַרט אָטעמען.

— דו ווייסט, איך האָב באַשלאָסן היי־יאָר זיך צו שאַפֿן אַ פּופּציק הינער. מיר וועלן לעבן פֿון דער הינער־באַלעבאַטישקייט. ס'איז פּשוט אַן עקל צו קוקן אויף די דאַטשניקעס, — זיצן, קרעכצן, פֿאַרקיפֿן פֿון זיך דאָס לעצטע העמד, און זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט. מיר וועלן האָבן עטלעכע צענדליק אייער אַ טאָג. מיר וועלן אַליין עסן, ביטן אויף מילך, פֿאַרקויפֿן אין שטאָט. זע: איצט קאָסט שוין אַ צענדליק אייער אַכט — צען רובל.

איוואַן איליאיטש האָט געאַרט, וואָס קאַטיע דערציילט און טיילט זיך מיט אָט דעם מענטשן, וואָס איז איר פּ״עמד לויט דער איבערצייגונג, וועגן אירע באַלעבאַטישע זאָרגן. ער האָט געזען, מיט וואָס פֿאַר אַ באַהאַלטענעם שמייכל לעאָניד הערט דאָס אַלץ אויס, — מיט אַ גוט האַרציקן שמייכעלע פֿון אַ דערוואַקסענעם, בשעת ער הערט אויס דאָס פּלוידערן פֿון אַ קינד. און קאַטיע האָט גאָרניט באַמערקט און מיט התלהבֿות ווייטער דערציילט. איוואַן איליאיטש איז אַוועק צו זיך און זיך געלייגט אין בעט.

— איך האָב נאָך אַ הזירל, האַרבסט וועלן מיר דאָס קוילן, — מירן אויף אַ גאַנצן ווינטער האָבן קאָלבאַס, שינקע און שפּעק. און ס'איז אַ קלוגע די הזירים זיינען דאָס! איך האָב זיך דאָס גאָר קיינמאָל ניט פֿאָרגעשטעלט. איינע פֿון די סאַמע קלוגסטע בעלי־חיים... ווילסט, וועל איך דיר ווייזן מיין באַלעבאַטישקייט:

לעאָניד איז אויפֿגעשפּרונגען.

— באַווייז.

זיין געזיכט האָט זיך פֿאַרקרומט פֿון אַן אומדערוואַרטן ווייטאָק, ער האָט דאָס אָבער גלייך אויסגעגלייכט.

— דיין באַלעבאַטישקייט און אייער גאַנצע דאַטשע ווייז מיר. איך האָב זי דאָך נאָך ניט געזען.

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אין סאָד. לעאָניד האָט עטוואָס צוגעדונקען. די זון האָט געגלאַנצט און געוואַרעמט. דער סאָד איז געווען אַ גערוימער, אַ הוילער, דאָס גראָז האָט אָבער שוין גע־גרינט. אויף די מאַנדל־ביימער האָבן זיך שוין געוויזט די אָנ־

געקוואָלענע קנאָספּן. פֿון צווישן די צווייגן האָט זיך געטונקלט דער ים, אַ גוואַלטיקער און אַ בלויער.

קאַטיע האָט אַרויסגעלאָזט פֿון קעמערל פֿון אונטער די טרעפּ דאָס חזירל. עס איז ווילד אַרויסגעלאָפֿן און מיט אַ פֿריידעוודיקן קאַריער געמאַכט עטלעכע קרייזן, נאָכדעם האָט דאָס זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט און, כריוקענדיק, גענומען צופּן דאָס יונגע גראָז.

— זע נאָר, ס׳איז אַ פֿעט און גרויס דאָס איז! און דו ווייסט, וואָס איך האָב באַמערקט? אַז אַ חזיר איז זייער אַ ריינע בריאה. אין בלאָטע קריכט ער, אָט ווי מיר וואַשן זיך. די בלאָטע טריקנט אויס און דערשטיקט אויף אים די לייז און די פֿליי. און נאָכדעם קראַצט ער אַראָפּ די בלאָטע אָן אַ שטאָם אָדער אָן אַ פּלויט, — און איז ווידער ריין, ווי אַן אויסגעבאָדענער. און דורך די שטשעטינעס זעט זיך בלויז די צאַרטע ראָזע הויט... צו אַלץ וואָס דו קוקסט זיך צו איז אַזוי אינטערעסאַנט.

לעאָניד האָט זשעדנע געקוקט אויף דעם ים.

— ווי גוט דאָ איז ביי אייך!

און מיטאַמאָל האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַן אומדערוואַרטן אינעווייניקסטן געלעכטער.

— מאָדנע! ס׳איז אַ רויִק, שטיל לעבן! און ערגעץ אַנדערש קאָכט עס און ברויזט, אַזוי ווי אויף אַ ווולקאַן... קום, וועסטו מיר ווייזן די דאַטשע.

ער האָט מיט ביטול באַקוקט דאָס חזירל, און, צוהינקענדיק, זיך געלאָזט גיין צו דער טעראַסע.

— פֿאַרוואָס הינקסטו?

— אַזוי... דער וואָגן האָט זיך איבערגעקערט, ווען איך בין אַהער געפֿאָרן, האָב איך מיר צעקלאַפּט אַ פֿוס. ס׳איז גאָרנישט.

קאַטיע האָט אָבער מיט איר פֿרויען־בליק באַמערקט די ניט געניט צוגענייטע לאַטע אויף דעם לינקן הויז און דאָס אָפּגעוואַשענע בלוט אַרום איר.

— און וואָס איז דאָס? אָט צו וואָס דו האָסט נעכטן גענומען אַ נאָדל... ליאָנקע, ס׳איז עפּעס דאָ...

זי האָט מיט ליבע און געבעט אַריינגעקוקט אים אין די אויגן. לעאָניד האָט זיך אָנגעברוגזט.

— אָט צוגעשטאַנען! לאָז מיך צורו, איך בעט דיך! אָט די פּרזיאישע צערטלעכקייטן...

קאַטיע האָט אויפגעציטערט. זי האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אָן דמיטריס דערציילונג, ווי אַזוי ער האָט געשאָסן אויף צוויי, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דער קאָנטר־ראַזוועדקע, און ווי אַזוי ער האָט איינעם פאַרוואונדעט אין פוס.

די דאַטשע האָט, אַחוץ דעם קליינעם צימער מיט דער קיך און קעמערל, וואו די סאַרטאַנאָווס האָבן געוואוינט אין ווינטער, געהאַט נאָך דריי גרויסע זומערדיקע צימערן.

— אַ פיינע דאַטשע! — אין די ווינקלען פון לעאָנידס ליפּן האָט אַ ציטער געטאָן אַ רייך־שמייכעלע. — ווען מיר וועלן דאָ זיין, וועלן מיר זי רעקווירירן פאַר אַ קלוב פון דער קאָמוניסטישער יוגנט.

— און איר וועט דאָ אינגיכן זיין?

— אין אַ וואָך צוויי אַרום, ניט שפּעטער.

קאַטיע האָט זשעדנע געפרעגט:

— ווערען האָסטו פאַר דער צייט געזען?

— איך האָב זי עטלעכע מאָל באַגעגנט. זי אַרבעט אין פּעטראָגראַד — אין פרויען־אָפּטייל. אַ זעלטענע אַרבעטערין. — ער האָט שפּאָטיש אַ שמייכל געטאָן. — און דער פעטער באַציט זיך צו איר ווי פריער?

קאַטיע האָט טרויעריק געענטפערט:

— ווי פריער. ער זאָגט, אַז ווערע איז פאַר אים ווי געשטאָרבן. בשעת ער איז דאָ, דערמאָנען מיר אַפילו ניט איר נאָמען: ער ווערט דעמאָלט אַזוי אומברחמנותדיק... דערצייל, — וואָס איז זי, וואָס מאַכט זי?

נאָך מיטאָג האָט קאַטיע זיך גענומען פרעסן, און לעאָניד איז אַוועק אין די בערג.

געקומען צוריק איז ער אינאָוונט, מיט אַ גרויסן בוקעט שניי־גלעקלעך, און אים אַריינגעשטעלט אין אַ גלעזערנעם סלאָי אויף דעם קיך־טיש. מען האָט זיך גענומען טרינקען טיי. איוואַן איליאיטש

האָט אַזוי ווי פֿריער ניט פֿריינדלעך געקוקט אויף לעאָנידן. ער האָט געפֿרעגט:

— נו, וואָס? ווי האַלט דאָס בײַ אײַך? ווי פֿריער, — איר אַרעסטירט, צעשיסט?

לעאָניד האָט איינגעהאַלטן אַ שמייכל געטאָן:

— ווּעמען מ׳דאַרף, אַרעסטירן מיר און דערשיסן.

— און אַ סך דאַרף מען?

— יאָ, אַ סך, אַ סך! די קאָנטר-רעוואָלוציע צישעט און קוקט אויס, וואו אַ בּיס צו טאָן.

— יאָ, אַ סך, אַ סך! אַלעמען, ווער ס׳איז נאָר ניט אַ באָלשעוויק, הייסט דאָס — כּמעט דאָס גאַנצע רוסישע פֿאָלק. נאָך אַ סך אַרבעט האָט איר.

— דאָס אַרבעטנדיקע פֿאָלק טשעפּען מיר ניט. מיר איבערצייגן זיי, און ווייסן, אַז זיי וועלן בּהדרגה אינגאַנצן איבערגיין צו אונז. און די בּורזשואַזיע, — יאָ, מיט איר וועלן מיר קיין לאַנגע מחוקות ניט מאַכן, זי וועט מיט אונז קיינמאָל ניט גיין, און ריידן מיט איר וועלן מיר ניט — מיר וועלן זי אויסראָטן.

— אויסראָטן? עפּעס פֿאַרשטיי איך דאָ ניט. וואָס הייסט, פּשוט, פֿיזיש אויסראָטן?

— יאָ, זאָל זיין אַפֿילו פֿיזיש. מ׳קאָן זיי ניט ליקווידירן, — זיי גייען אַוועק צו קאָלטשאַקן, צו דעניקינען, און טרעטן אַרויס קעגן אונז.

קאַטיע האָט אַ געשריי געטאָן:

— וואָס רעדסטו, לעאָניד? פֿאַר דעם מאַרקסיזם איז דאָך וויכטיק אויסצוראָטן יענע באַדינגונגען, בּיי וועלכע ס׳איז מעגלעך די בּורזשואַזיע, אָבער ניט די פֿיזישע אויסראָטונג... פֿוי, ווי מיאוס!

לעאָניד האָט מיט בּיטול אַ קוק געטאָן אויף איר.

— ע, טייערינקע מיינע! מיט ריינינקע הענטעלעך מאַכט מען ניט קיין רעוואָלוציע. דער מאַרקסיזם איז קודם-כּל — דיאַלעקטיק; פֿאַר יעדן מאָמענט אַרבעט ער אויס זיינע מעטאָדן.

— וואַרט נאָר, — האָט איוואַן איליטש געזאָגט. — אין קערענסקיס צייטן האָט איר דאָך אַליין געקעמפט קעגן טויט־שטראָף, איר האָט צערעטעלין אָנגערופן תלין. און איך געדענק, איך האָב אַליין אין די צייטונגען געלייענט דיין רעדע אין מאָהילעוו. דו האָסט אין נאָמען פון פּראָלעטאַריאַט ערקלערט די סאָלדאַטן, אַז דער געוויסן פון פּראָלעטאַריאַט קאָן ניט שלום ווערן און וועט קיינמאָל ניט שלום ווערן מיט דעם פאַקט פון טויטשטראָף. דאָס איינציקע מאָל, וואָס איך בין גרייט געווען דיר צו אַפּלאָדירן. און וואָס־זשע איז איצט?

לעאָניד האָט פאַרוואונדערט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— אַ וואונדער! מירריידן שוין גאָר אויף באַזונדערע לשונות... נו, יאָ! דעמאָלט האָט זיך געהאַנדלט וועגן טויטשטראָף, וואָס ווערט אָנגעווענדט אויף סאָלדאַטן, וואָס האָבן באַהאַרצט זיך אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין דער פאַרברעכערישער אימפּעריאַליסטישער שחיטה. און איצט האַנדלט זיך וועגן פאַררעטער, וואָס שטעקן אַריין אַ מעסער אין רוקן פון דער רעוואָלוציע.

— דו האָסט דאָך אָבער געזאָגט, דער פּראָלעטאַריאַט וועט קיינמאָל אין פּרינציפּ ניט שלום ווערן מיט דעם געדאַנק וועגן טויטשטראָף!

— לאָזט געמאַך, פעטער! קאָן זיין, אַז איך האָב דאָס געזאָגט. איז וואָס־זשע איז פון דעם געדרונגען? דעמאָלט איז דאָס געווען אַ נויטיקער אַגיטאַציע־מיטל.

קאַטיע האָט מיט עקל אויפגעציטערט; איוואַן איליטש האָט זיך געכאַפּט פאַרן האַרצן, פאַרביסן די ליפּן און מיט וואַקלענדיקע טריט אָנגעהויבן אַרומצושפּאַנען איבער דער קיך.

— פאַרראַטן די רעוואָלוציע! — האָט ער מיט עצבות אויסגעשריען: — פאַרראַטן אויף שטענדיק און אייביק!

לעאָניד האָט מיט חוזק אַ בליץ געטאָן מיט די אויגן.

— איז ניט־זשע פאַרשטייט איר ניט, פעטער, אַז די רעוואָלוציע — איז ניט קיין מאַנדל־בייגעלע, אַז די ווערט שטענדיק אַזוי דורכגעפירט? איז ניט־זשע האָט איר גאָר קיינמאָל ניט גע־

לייענט וועגן דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, ניט גע-
הערט וועגן אירע טיטאַנען — מאַראַטן, ראָבעספּיערן, סען-זשוסטן,
אָדער לכל-הפּחות וועגן אייער קליינבירגערלעכן דאַנטאָנען? זיי האָבן
דאָך אויך ניט געבאַקן קיין מאַנדל-בייגעלעך, און וועגן זיי זאָגט
איר דאָך ניט, אַז זיי האָבן פֿאַרראַטן די רעוואָלוציע... נו, גוט,
לאָז זיין, אַז מיר האָבן פֿאַרראַטן. און איר, די טרייע פֿאָנענטרעגער, —
וואו זייט איר? מיר זיינען אַ סך, פֿאַר אונז איז די סטיכיע, און
איר, — וויפֿל זייט איר?

— איר זייט אַ סך, ווייל ס'איז דאָ אַ סך כאַמעס.

— לאָז זיין אַזוי. און איר, די ריינינקע, די פֿייניקע, —
מיט וואָס פֿאַרנעמט איר זיך אין אַזאַ צייט? איר, — איך ווייס
ניט, — אפֿשר זייט איר פֿאַר די פֿרייוויליקע?

— ניין, ברודערל, טו מיר ניט אָן דעם כּבֿוד!

— איז וואָס-זשע דען? ווער-זשע דען איז מיט אייך? און
וואָס ווילט איר טאָן? פֿאַרלייגן די הענט אויפֿן האַרצן, זיפֿצן
וועגן דעם פֿאַרלוירנגיין פֿון דער רעוואָלוציע און זידלען? איינ-
פֿירן אַ באַלעבאַטישקייט פֿון הינדעלעך און הוזרימלעך? דער וואָס
געפֿינט ניט אין אַזאַ עפּאָכע פֿאַר זיך קיין אַרבעט, דעם וואַרפֿט
די געשיכטע אַרויס אויף די הינטערטרעפּ. די „כאַמעס“ מאַכן די
רעוואָלוציע, גיסן טייכנווייז פֿרעמד בלוט — יאָ! אָבער נאָך מער
פֿאַרגיסן זיי זייער אייגן בלוט. און די איידעלע אינטעליגענטן, די
„אמתע“ רעוואָלוציאָנערן קוקן נאָר צו און — זידלען זיך!...

איוואַן איליטש איז אַרומגעגאַנגען און געשוויגן. נאָכדעם
האָט ער זיך מיט אימפּעט אויסגעדרייט און זיך אָפּגעשטעלט אַנט-
קעגן לעאָנידן און געפֿרעגט:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, צוליב וואָס ביסטו אַהער געקומען?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, זיך אָפּרוען.

— איז צו וואָס-זשע האָסטו געדאַרפֿט אַזש פֿאַרקריכן אַהער,
זיך דורכגנבֿענען דורך דעם פֿראָנט, איינשטעלן דאָס לעבן? פֿאַר
די „מידע ראַטן-טוער“ אָרדנט איר דאָך איין דעם ענין פּראָסט און
פּשוט: טרייב אַרויס אַ בורזשוי פֿון זיין דירה, אַ פּריץ פֿון זיין
גוט, — און רו זיך אויס וויפֿל דיין האַרץ געלוסט פֿון אָט דער

גאַנצער אַרבעט — פֿון די אַלע טויטשטראָפֿן, אַרעסטן, עקזעקוציעס, שטראָף־עקספּעדיציעס, — קום צו די כּוחות, זאָלסט ווייטער קאָנען אַרבעטן לטובֿת דער רעוואָלוציע!

לעאָניד האָט געשמייכלט אין זיך און געזופּט שווייגנדיק די טיי פֿון דעם טעפּעלע. איוואַן איליטש האָט אויף אים געקוקט מיט אַ שווערן בליק.

— און זאָג מיר, איך בעט דיך: ווען עמיצער קומט צו דיר און שטעלט זיך בײַ דיר אָפּ, איינער, — וואָס דו ווייסט אויף זיכער, אַז ער איז מיט דעם גאַנצן האַרצן קעגן די באָלשעוויקעס, און וועמען דו ביסט חושד, אַז ער איז געקומען אַרבעטן קעגן זיי, — וואָס וואָלסטו געטאָן?

לעאָניד האָט אַ קוק געטאָן מיט אַרויספֿאָדערנדיק־לאַכנדיקע אויגן:

— אַ מאָדנע שאלה! געוויס וואָלט איך געגעבן צו וויסן אין טשעקאַ. זי וואָלט זיך מיט אים אין איין אויגנבליק אָפּגערעכנט.

— וואָלסט געמסרט, הייסט דאָס?

— איך וואָלט אַפֿילו אַ רגע ניט געטראַכט.

איוואַן איליטש האָט שווער געאָטעמט און געקוקט אויף אים. זײַן געזיכט איז רויט געוואָרן, אין האַרצן האָט געבושעוועט אַ שטורעם. באַמיִענדיק צו באַהערשן זיך, האָט ער לאַנגזאַם און רויִק געזאָגט:

— אַט־וואָס, טײַערינקער! איך בין ניט קיין מסור, און מײַן גאַנץ לעבן בין איך קיין מסור ניט געווען. איך וועל דיך ניט מסרן... אָבער... גיי, טײַערינקער, שוין אַוועק פֿון אונז. שוין, באַלד.

קאַטיע האָט זיך מיט אימפּעט אויפֿגעהויבן, אָבער זי האָט גאָרניט געזאָגט. לעאָניד האָט ניט פֿאַרענדיקט טרינקען די טיי. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן מיט אַ ניט קלאָרן שמייכעלע און איז אַרויסגעגאַנגען. ס'האָט זיך געהערט ווי ער האָט אין קאַטיעס קעמערל אָנגעריבן אַ שוועבעלע און אָנגעצונדן דאָס קאַניצל, ווי ער פּאַקט צונויף זײַנע זאַכן. אַלע האָבן געשוויגן.

אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט ניט זיכער געזאָגט:

— מען האָט אים געראַפּט לאָזן דאָ ביז אינדערפֿרי, זאָל ער דאָ איבערנעכטיקן. וואוהין וועט ער דאָס גיין אין אַזאַ פֿינסטערער נאַכט?

— ניין!! — האָט איוואַן איליאיטש ווילד אַ געשריי געטאָן. זיין געזיכט איז געוואָרן טונקל ווי טשוהון. — שוין, די מינוט זאָל ער אַוועק! מסור, תלין! איך וועל ניט ערלויבן צו פֿאַרשוועכן מיין הויז! אַניט וועל איך אַליין אַוועקגיין! אָט ווייסט!

ער האָט אָנגעהויבן אַרומצושפּאַנען איבער דער קיך און פֿלו־צים האָט ער זיך אַוואַקל געטאָן, ווי אַ שיכור. אַננאַ איוואַנאָוונאַ איז בלייך געוואָרן, קאַטיע איז אויפֿגעשפּרונגען און צוגעלאָפֿן צו אים. ער האָט זי אָפּגעשטופּט מיט דער האַנט.

— נ־יין!... מ׳דאַרף דאָך האָבן כאָטש אַ ברעקל עקל! איר זייט דאָך גרייט יהודה איש־קריות אַליין אויפֿנעמען און אים לייגן אויף אייער געלעגער און צודעקן מיט אַ וואַרעמער קאָלדרע!... ניי־ן!...

לעאָניד איז אַריינגעקומען מיט זיין קלומעקל אויף די פּלייצעס.

— איך האָב דוכט זיך מיין שטעקן דאָ געלאָזן.

ער האָט גענומען אין ווינקל דעם שטעקן. זיינע אויגן האָבן געקוקט שטיל, און זיי איז געווען אָט דאָס גוטע, אונטערטעניקע און טרויעריקע, וואָס קאַטיע האָט דאָס געקאָנט אין די מינוטן פֿון נאָכפֿאָלגן און אומגליקן אין די אַמאָליקע צייטן. ס׳האָט איר פֿאַרקלעמט ביים האַרצן.

— וואוהין וועסטו גיין?

— דאָ זיינען פֿאַרהאַן אַ סך פֿון אונזערע, איך וועל אומעטום געפֿינען, וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. צום ווידערזען! — האָט ער וויך געזאָגט.

— וואַרט, לעניאַ!

קאַטיע האָט שנעל אָפּגעשניטן אַ האַלב ברויט און אים דער־לאַנגט.

— ע, נאַרעלע, צו וואָס דאַרף איך דאָס! איר האָט דאָך אַליין ווייניק מעל.

— נו, נו, נעם!

ער האָט גענומען און איז אַרויסגעגאַנגען. אַלע האָבן געשוויגן.

* * *

דער מאַן און די פֿרוי, האָבן געהאַטווילדע אויגן, פֿול מיט מידקייט און פֿאַרצווייפֿלונג. פֿון קאַיאָר ביז שפּעט ביינאַכט האָבן זיי זיך ביידע הילפֿלאָז געמאַטערט אין דעם געדריידל פֿון דער הויז-באַלעבאַטישקייט, ניט געניטע און פֿאַרלוירענע. זיי האָבן זאַלבענאַנד געזעגט האָלץ מיט אַ שטומפּיקער זעג, און וועלכער ס'האָבן געפֿעלט אַ סך ציינדלעך און האָבן זיך שרעקליך געקריגט. ער האָט צעהאַקט דאָס האָלץ מיט אַ טעמפּער האַק, וואָס איז אַלעמאָל אַראָפּגעפֿלויגן פֿון הענטל, זי האָט געמאָלקן די קו, פֿאַר וועלכער זי האָט געציטערט אימת מות. די קו האָט זיך געבריקעוועט, מען האָט איר געפּענטעט די פֿיס. די פֿרוי האָט מיט שרעק געמאָלקן. גרייט יעדע מינוט צו אַנטלויפֿן. און דער מאַן איז געשטאַנען פֿאַר דער מאָרדע פֿון דער קו, געקוקט אויף די הערנער און געפּאַכט דראָענדיק מיט אַ שטעקן און ווילד געשריען. און די קו האָט געהאַט פּונקט אַזעלכע ווילדע אויגן, ווי די באַלעבאַטים.

געלייגט האָבן זיי זיך שפּעט ביינאַכט, — זיי האָבן בשום אופֿן ניט געקאָנט באַוויזן פֿריער צו פֿאַרענדיקן די אַרבעט, און בערך פֿינף אַ זייגער פֿאַרטאָג האָט מען שוין געדאַרפֿט זיין אויף, מעלקן די קו. כאָטש איינמאָל זיך גוט אויסשלאָפֿן, — אָט דאָס איז געווען די העכסטע מדרגה פֿון גוטסקייט, פֿון וועלכער זיי האָבן אַפֿילו ניט געוואַגט טרוימען. און דער רעזולטאַט פֿון אָט דער איבערלישער אַרבעט, וואָס האָט אויסגעזויגן אַלע כוחות, איז געווען דאָס, וואָס אין דעם טאָג איז מען, דאַנקען גאָט, זאַט.

קאַטיע געדענקט זיי פֿון פֿאַר צוויי יאָרן. אַ גליקלעכע, ליבע פֿאַמיליע אין זייער הײמלעכער דאַטשע, מיט קינדערלעך, אויסגעפּוצטע און דערצויגענע. ער איז דעמאָלט געווען אַקציז-רעוויזאָר אין קורסק. ביי איר — פּוכיקע, גאָלדענע האָר אַרום דעם פֿריילעכן פּנימל. איצט — אַ פּנים פֿון אַ זקנה, אויף דעם קאָפּ אויסגעצויגענע הינטישע האָר, די באַוועגונגען וואולגאַרע. צעלאָזטע, שמוציקע

קינדער מיט נאַסע נעזער, די צימערן פֿאַרוויכערט, שמוציק, ניט פֿאַרבעטע בעטן, דער נאַכט־טאָפּ שטייט אין שטוב. און משוגענע, ווילדע רייסערייען אַ גאַנצן טאָג.

— קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, איר פּרעסט אייערע וועש?

— געוויס.

זי האָט מיט נצחון אַ קוק געטאָן אויף דעם מאַן.

— וואָס?

— „וואָס!“ אומזיסט געפּטרט די צייט. אַן אומזיניק פֿראַנ־טעווען, ווען מ׳דאַלט זיך אַזוי אויך קוים אויף די פֿיס פֿון אַזויפֿיל אַרבעטן.

— „פֿראַנטעווען!“ גיט נאָר אַ קוק אויף מיר, קאַטערינאַ אי־וואַנאָוונאַ, — אמת שוין איינמאָל אַ געפֿראַנטעוועטע? כאַ־כאַ־כאַ!... אַ סך ערגער פֿון אַ ליאַדע קעכין!

* * *

— גוט מאָרגן! וואָס מאַכט איר?

— געוויס, שלעכט. איך פֿאַרקויף די זאַכן, — פֿון דעם האָבן מיר געלעבט. און איר?

— אַלע זאַכן האָב איך שוין אויספֿאַרקויפֿט. איך גנבֿע.

— אַז איך וועל אויספֿאַרקויפֿן, — וועל איך אויך מוזן גנבֿענען.

דער פֿרילינג האָט זיך לאַנגזאַם אָנגערוקט, ווי אַלעמאָל אין קרים. די הויכע זון האָט געגאָסן אויף דער ערד אַן אומדערטרעגלעכע היץ, אָבער דער פֿאַרגליווערטער ים האָט זי איבערגעכאַפּט און געלאָזן אין דער לופֿט אַ שאַרפֿע קעלט. ניט געאיילט האָבן זיך אָנגעבלאָזן די קנאָספּן פֿון די אַקאַציעס און טאָפּאָלן. די מאַנדל־ביימער, אַזוי ווי כלות נאָך דער התונה, האָבן פֿאַמעלעך אַראָפּ־געוואָרפֿן זייערע לופֿטיק־ווייסע קליידער און זיך אָנגעטאָן אין גרינע. די שטאָרכן האָבן זיך אינאָוונט ווי שוואַרצע קאַרעלן אויסגעזעצט אויף די טעלעגראַף־דראָטן און געבעקעט אַזוי ווי יונגע ציקעלעך, געקוואָקעט ווי פֿרעש, געצוויטשערט ווי טשאַבאַנעס. אָן שרעק פֿאַר דעם צפֿון איז דער פֿרילינג געגאַנגען.

און די מענטשן האָבן זיך געשראָקן. „זיי קומען? זיי קומען
ניט?“ קיינער האָט ניט געוואוסט. ס'האָט זיך אָבער געפילט, —
עפּעס רוקט זיך אָן, עפּעס ברעכט זיך און טרעשטשעט... וויל=
דער און הוצפּהדיקער זיינען געוואָרן די רעקוויזיציעס, דאָס חייל צעלאָ=
זענער. אויף די וועגן האָבן די קאָזאַקן צוגענומען ביי די פּויערים דאָס
מעל און די וויין, צוגענומען די גוטע פערד און געלאָזן זייערע,
קרומע און פּגירות. אין שטאָט האָבן זיך די אָפיצירן פון געמישטן
גוואַרדעאישן פאָלק אַריינגעריסן אין טורמע, אַרויסגעפירט דריי=
סיק באַנדיטן און באָלשעוויסטישע קאָמיסאַרן און זיי דערשאָסן
אויף דעם ברעג פון ים. די רייכע זיינען אַוועקגעפאָרן מיט די
שיפן קיין נאָוואָראָסייסק, באַטום, קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

דאָס רייִדן און אויפרעגונג פון פאָלק איז געוואָרן דרייסטער.
הוצפּהדיקער זיינען געוואָרן די גזילות אין די עקאָנאָמיעס און
דאַטשע ישובים. אָפּטער דאָס אונטערצינדן הייזער. מיט וויינ=
קער מורא איז מען אַנטלאָפן פון דער מאָבּיליזאַציע. אין קאָאָפּע=
ראַטיוו האָבן אַגאַפּאָוו און בעלאָזיאָראָוו, פאָרזיכטיק אומקוקנדיק
זיך, געטענהט, אַז די פּריווילֵיקע האָבן אָפּגענאַרט דאָס פאָלק,
און אַן אמתע פאָלקס=רעגירונג קאָנען בלויז שאַפן די באָלשע=
וויקעס.

מען האָט ענדלעך געבראַכט מעל אין קאָאָפּעראַטיוו אַריין.
די סאַרטאַנאָוס זיינען שוין אַגאַנצע וואָך געזעסן אָן ברויט און
האָבן געגעסן געקאָכטן מאַאיס. קאַטיע איז געקומען קויפן מעל.

אין דער קילער קראָם מיט די לֵיידיקע פּאָליצעס זיינען געווען
אַבּך מענטשן. מ'איז געזעסן, געדרייט פּאַפּיראָסן, געדרייט די
צינדמאַשינקעס. ס'האָבן זיך געגעלט די באַקי=העמדלעך פון די
יונגען, וואָס האָבן זיך ביז איצט אויסבאַהאַלטן פון דער מאָבּיליזאַציע
אין די בערג. דער באָלגאַר, אַוואַן קליטשנעוו, וואָס איז געקומען
פון שטאָט, האָט דערציילט, אַז אויף דעם מאַרק איז שטאַרק געפאַלן
די פּרייזן פון מעל: די בורזשויעס לויפן, פירן אויף די שיפן
אַלע זייערע זאַפּאַסן, און די דראַגיליעס, אָנשטאָט דאָס צו לאָדן
אויף די שיפן, שלעפּן זיי דאָס אויף דעם מאַרק.

דער מולער טימאָפיי גלוכאַר האָט בייז געזאָגט:

— אָט לייִדאַקעס! דאָס פֿאָלק פּגרט פֿון הונגער, און זיי פֿירן אַרויס די זאַפּאַסן.

אַ דיקע באָלגאַרין מיט פּעך־שוואַרצע ברעמען האָט געפֿרעגט בײַ דער פֿאַרקויפֿערין:

— וויפֿל קאָסט אַ קנײַלכל פּאָדים?

— פֿערציק רובל.

— וואָס הייסט דאָס?!

גלוכאַר האָט זיך אָנגערופֿן:

— וואַרט, די באָלשעוויקעס וועלן קומען, וועט דאָס קאָסטן פֿערציק קאָפּיקעס. זיי וועלן די גאַנצע ספּעקולאַציע אויסראָטן.

קאַטיע האָט, מיט איר באַשטענדיקער געוואוינהייט צו ריידן אָפֿנהאַרציק, פֿאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף אים:

— טימאָפֿיי! ווי קאָן דאָס זײַן, איר האָט דאָך גאָר ניט לאַנג פֿאַרזיכערט, אַז איר זײַט קעגן די באָלשעוויקעס?

— און איר ווילט, ס'זאָלן בײַ אונז בלייבן די קאַדעטן? כע־כע! נ־יין! גענוג! זיך אָנגעריטן אויף אונזערע פּלייצעס!

— איך האָב אײַך ניט געזאָגט, וואָס מיר ווילט זיך.

— וואָדען, אײַך איצט זאָגן! איר האָט זיך איצט פֿאַרטייעט. איר פֿילט, אַז אייערע געשעפֿטן האַלטן שמאָל.

די פֿאָרזיכטיקע באָלגאַרן האָבן מיט אַ שווײַגנדיק שמייכעלע געקוקט אויף קאַטיען. די רוסישע האָבן בייז־פֿריידעוודיק אָנגעהויבן אָפּשפּאָטן פֿון די פּריוויליקע און זידלען זיי. אַ פֿריילעכער יונג אין אַ סאָלדאַטן־העמדל אָן אַ פּאַסיק האָט אָנגעהויבן זינגען:

Пароходик идёт, вода кольцами,
Будем рыбу кормить добровольцами!

קאַטיע האָט זיך געשטעלט מיט דעם טשעק אין דער ריי. די דיקע באָלגאַרין איז צוגעגאַנגען און האָט זיך געשטעלט פֿאַר איר.

— הערט, מאַרינאַ, איר זעט ניט — ס'איז דאָך אַ ריי. וואָס־זשע האָט איר זיך דאָ געשטעלט?

— איך האָב קיין צײַט ניט.

— איך האָב אויך קיין צײַט ניט.

— וואַרט אַ ביסל. וואָס טוט איר דען? מיר אַרבעטן, און איר ליגט זיך נאַקעטערהייט אויף דעם ברעג.

דער עולם האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. דער שיכורלעכער סטאָלער קאַפּראַלאָוו האָט פּלוצים בייז אַ פרעג געטאָן די באָלגאַרין:

— וואָס פאַר אַ נוץ האָט עמיצער פון דיין אַרבעט? ווען איר וואָלט אַרבעטן פאַר דעם כלל, איז עפּעס אַנדערש. אָבער איר באַהאַלט האָך דעם קאָרן אין די גריבער, די קישנס פילט איר אָן מיט קערענקעס, — „מיר אַרבעטן!“ וויפל קישנס האָסטו שוין אָנגעפּאַקט? און לאָמיך קומען צו דיר בעטן אַ ביסל מעל פאַר די קינדער, וועסטו זאָגן: נישטאָ!

ער האָט אָפּגעשטופּט די באָלגאַרין און זיך געווענדט צו קאַטיען:

— שטעלט זיך, פריילן, אויף אייער אָרט. און דיין אָרט איז אָט־וואו. איר פאָטער איז אַ גוטער מענטש.

די באָלגאַרן האָבן געזשמורעט די אויגן, געשוויגן און געקוקט אָן אַ זייט. די דיקע באָלגאַרין האָט שוין ניט אַזוי זיכער אָפּגעענטפערט:

— און מיר זיינען דען שלעכטע, וואָס?

— איר זייט ניט קיין גוטע, און ניט קיין שלעכטע. ער איז פאַר זיין אַרבעט פאַר דעם פאָלק אין טורמע געזעסן, ער היילט די אָרעמע אָן אַ קאָפּיקע געלט, און לאָז צו אייער טיר קומען אַן אָרעמאַן, — „טעכטערל, גיב אַ קוק, דאָרט אונטער דעם גאַניק ליגט אַ סקאָרינקע ברויט, דער הונט וויל דאָס ניט עסן, — גיב דאָס דעם אומגליקלעכן!“ אייער נאָמען איז — „פאַידאַסיז“!...*) אָט זאָלן נאָר די באָלשעוויקעס קומען, — וועלן זיי אייך אייערע קישנס אויפטרענען!

קאַטיע האָט באַקומען אָנדערטהאַלבן פוד מעל און אַרויסגעשלעפּט דעם זאַק אין דרויסן.

---

*) אַ זעלטן טרעפלעך טאַטעריש וואָרט, ער באַטייט: „אַ מענטש, וואָס איז נוצלעך נאָר פאַר זיך אַליין“. אַזוי רופט מען אין קרים די באָלגאַרן.

אויף דעם שאָסע זײַנען געפֿאָרן לײדיקע פֿורן. קאַטיע איז צוגעלאָפֿן און האָט אָנגעהויבן בעטן זי צופֿירן מיט דעם זאַק. אַ וויאָרסט אין ישובֿ. זי האָט געוואָלט באַצאָלן. דער ערשטער פֿויער האָט זי באַטראַכט, איר גאָרניט געענטפֿערט און איז אַוועקגעפֿאָרן ווײַטער. דער צווייטער האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט: „צוויי הונדערט רובל“. (רעמאָלט, האָט מען גענומען הונדערט רובל פֿאַר אַ נסיעה אין שטאָט אַרײַן, בערך צוואַנציק וויאָרסט).

פֿון קאָאָפּעראַטיוו איז אַרויסגעגאַנגען אַ פּויער מיט אַ געל-בערדל און רויטע, אָפּגעצויגענע באַקן, ער האָט אַרויסגעטראָגן זײַנע פּעקלעך און זיי גענומען אײַנפּאַקן אין פֿור. קאַטיע האָט שנעל געפֿרעגט:

— איר וועט פֿאָרן מיטן שאָסע, פֿאַרבײַ די דאַטשעס?

דער פּויער האָט זיך ניט אומגעקוקט. ער האָט אַ בורטשע געטאָן.

— וואָס פֿאַר אַ עסקים האָב איך מיט דיר. גיי!

די דאָרפֿישע, וואָס זײַנען געזעסן אויף דעם בענקעלע בײַ דעם קאָאָפּעראַטיוו, האָבן זיך צעלאַכט.

דער יונג לעווטשענקאָ, מיט דעם פֿאַרבלאָזענעם פּרישטשעוואַטן פּנים, אין שינעל, האָט געזאָגט:

— שלעפּ דאָס אויף דײַן רוקן. הײַנט זײַנען שוין קיין פֿרעמדע רוקנס ניטאָ.

קאַטיע איז אויפֿגעקאָכט געוואָרן.

— איר ווייסט, וואָס? אַז אַ מענטש וואָס קאָן ניט שרײַבן קומט אויף דער פּאָסט און בעט מיך, איך זאָל אים אָנשרײַבן אַן אַדרעס אויף אַ בריוו, — לאַך איך ניט פֿון אים, ווײַל איך ווייס: ער קאָן ניט שרײַבן, און איך קאָן. און אויפֿהייבן דעם זאַק האָב איך קיין כּוח ניט. איר ווילט ניט העלפֿן, — איז דאָס אײַער זאַך. אָבער ווי שעמט איר זיך דאָס ניט צו לאַכן?

די וואָס זײַנען געזעסן אויף דעם בענקעלע האָבן געשוויגן. לעווטשענקאָ האָט געשמייכלט ניט מיט קיין פֿײַן שמייכעלע. דער פּויער אויף דער פֿור האָט פֿאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף קאַטיען און פֿלוצלונג געזאָגט:

— זעצט זיך!

און אַליין אַוועקגעלייגט דעם זאַק אויף דער פֿור.

זיי האָבן זיך גענומען טרייסלען איבער דעם שאָסע. קאַטיע איז געזעסן אויף איר זאַק און מיט פֿרייד גערעדט:

— נו, אָט, איר זעט, מענטשן זיינען פֿאָרט, פֿאָרט בעסער און פֿיינער, ווי ס'דוכט זיך! אָט האָט איר דאָך הרטה געקראָגן! נאָר זאָגט מיר, — פֿאַרוואָס זיינען דאָס אַלע איצט געוואָרן אַזוי אַכזריותדיק?

דער פֿויער האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַ גוט־פֿויערש שמייכל:

— אמת. דאָס פֿאָלק איז געוואָרן פֿאַרביסן ווי אַ טייוול.

— נאָר, פֿאַרוואָס־זשע?

ער האָט אַ טראַכט געטאָן און ניט געפֿונען קיין ענטפֿער. ער האָט אַ הויב געטאָן די אַקסל און אַ שמייך געטאָן דאָס פֿערד מיט דער בייטש.

אַ לייכט ווינטעלע האָט געבלאָזן פֿון די בערג, וואָס זיינען געווען באַגאָסן מיט זונען־שיין. ס'האָט געשמעקט מיט פֿיאָלן. דער פֿויער האָט זיך פֿונאַנדערגערעדט. ער איז געווען פֿון דעם שכנות־דיקן דאָרף. דערציילט האָט ער, אַז נאָכדעם, ווי מען האָט באַרויבט בּרעווערנס עקאָנאָמיע, האָט מען ביי זיי אין דאָרף איינגעקוואַרטירט קאָזאַקן.

— גיב זיי עסן, טרינקען. אַלץ, וואָס זיי דערזעען, נעמען זיי, — פֿעלצלעך, פֿישן. וויפֿל הוזימלעך האָבן זיי דאָס געקוילעט, און גענז און הינער. און וויפֿל ווייַן האָבן זיי דאָס אויסגעטרונקען! די מוידן כאַפּן זיי פֿאַר די ברוסטן, און טאָרסט אַפֿילו אַ פּיפּס ניט טאָן, — באַלד פֿאַר דער שווערד. און וואָס זיינען מיר שולדיק? „צו אייך, — זאָגן זיי, — פֿירט דער שפּור פֿון די רעדער פֿון דער עקאָנאָמיע". ס'קאָן זיין, אַז עמיצער פֿון אונזערע האָט זיך אויך באַטייליקט. ווייניק סאָלדאַטן האָבן זיך פֿון דער מלחמה אומגעקערט! אָבער אויסזאָגן וועט ער דאָך ניט; האָט ער עפּעס געגנבעט, וועט ער דאָס באַהאַלטן. און ענטפֿערן דאַרפֿן דאָס אַלע. אַן אונזעריקן קאָנסטו שטענדיק באַעוולהן. ביי מיינעם אַ שוואָגער אין באַראַקאָל האָבן די קאַדעטן געוואָלט צונעמען אַ פֿערד, לאָזט ער ניט. — „איך, זאָגט ער, שפּייז זיך דורך דעם". — „נו, אָט נאַ

דיר — עס!" און פֿון אַ ליוואָלווער אים באַן אין שטערן. אים אַריינגעוואָרפֿן אין ראָוו און אַוועקגעפֿאָרן. די אַלטע זיינען אַוועק אין שטאָט זיך קלאָגן, אַלץ דערציילט, ווי דאָס איז געשען. יענע זיינען ווידער אַמאָל געקומען: — „איר, זאָגן זיי, האָט זיך געקלאָגט?" — „מיר!" האָבן זיי גענומען און זיי אָנגעקלאַפּט מיט די נאַהייקעס און — היידאַ!

קאַטיע האָט מיט אַ הילפֿלאָזן פֿאַרדראָס געקוקט אויף די ווייטן, וואָס האָבן געגלאַנצט אויף דער זון.

— אָבער די באָלשעוויקעס זיינען ניט בעסער!

— ווער ווייס זיי. אונז איז אַלץ איינס צי אַ קיסר, צי לענין — זאָל נאָר זיין רואיק און אַ אָרדענונג. מ'קאָן שוין ממש ניט אַריבערטראָגן.

דער פויער האָט לייכט געשמיסן די פֿערד. ס'האָט זיך געפֿילט פֿון אים עפּעס אַליכטיקס, אַ שטילס און אַ פֿעסטס, וואָס קאַטיע האָט שטענדיק געפֿילט אין די פויערים דורך זייער זשעדנעקייט, אַכזריות און גראָבקייט.

זיי זיינען צוגעפֿאָרן צום טירל פֿון דער דאַטשע. דער פויער האָט אַריינגעטראָגן דעם זאַק און זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען פֿאַר דעם וועג.

* * *

דאָס קעראָסין־לעמפּל האָט טונקל באַלויכטן די פֿאַרשטויבטע געוועלבן אין קעלער. די פֿענסטער זיינען געווען פֿאַרהאַנגען מיט מאַטן. אַסיאַ האָט מיט אַ לאָפּעטע געמישט די וואַפּנע. אַגאַפּאָוו, אין אַ פֿאַרטוך, האָט געבויט אַ ווענטל, מאַיאַ האָט דערלאַנגט די ציגל. פֿון הינטער דעם ווענטל האָבן אַרויסגעקוקט קאַסטנס, זעק מיט מעל, פֿעסלעך.

גערעדט האָט מען אין דער שטיל.

— און דאָס גאָלד פֿאַרשמיר איך אין אָט דעם שפּאַלט. געדענקט און באַמערקט זיך דאָס, מיידעלעך! אָט, אַ גרין שטיינדעלע, איבער מיין קאָפּ.

מען האָט פֿאַרענדיקט דאָס ווענטל ביז צו דעם סאַמע געוועלב.

מען האָט דאָס פֿאַרשטעלט מיט אַלטע קאַסטנס און ליידיקע פֿעס־
לעך. די פֿאָרלאָגע האָט מען פֿאַרשאָטן מיט מיסט. פֿון קעלער זיינען
זיי אַרויסגעגאַנגען איינציקווייז, זיך גוט אַרומגעקוקט אין דער גע־
דיכטער פֿינסטערניש פֿון דער נאַכט.

* * *

ביים פּראָפֿעסאָר האָט מען געטרונקען טיי. ער איז היינט
געפֿאָרן אין שטאָט לייענען זיינע לעקציעס אין פֿאָלקס־אוניווערסי־
טעט, און קאַטיע איז אַריינגעלאָפֿן זיך דערוויסן נייס. דער פּראָ־
פֿעסאָר איז קענטיק געווען אויפֿגערעגט. נאַטאַליאַ סערגייעווגאַ איז
געזעסן ביים סאַמאָוואַר אַ בלייכע, מיט אַ פֿאַרגליווערט געזיכט.

— די פֿרייוויליקע טרעטן אָפּ אויף אַלע וועגן קיין פֿעאָדאָסיע,
און פֿון דאָרטן קיין קערטש. אין שטאָט הערשט אַ פֿולקומע אַנאַר־
כיע. די אָפֿיצירן נעמען אַלץ צו אין די קראָמען, אין צאָלן אָקאָ־
פּיקע ניט. די סאָלדאַטן רייסן זיך אַריין אין די דירות און רויבן.
מ׳שמועסט, אַז מ׳קלייבט זיך צו מאַכן אַ שחיטה אין די טורמעס.
די אַרבעטער האָבן שוין אויסגעוויילט אַ געהיימען רעוואָלוציאָנערן
ראַט, כּדי צוצונעמען די מאַכט אין זייערע הענט.

נאַטאַליאַ סערגייעווגאַ האָט געזאָגט:

— ביי אונז וואַשט איצט אַ מיידל פֿון דאָרף, דערציילט
זי, אַז אין נאַסיפּקאָיע האָבן גענעכטיקט צוויי אָפֿיצירן, — האָט מען
זיי ביינאַכט דערהרגעט, אויסגעטאָן נאַקעט און ערגעץ אַוועקגעפֿירט.

פֿון דער טעראַסע איז אַריינגעלאָפֿן אַ מיידל, די וועשין, אַ
קלאַפּ געטאָן מיט דער גלעזערנער טיר, אַז די שויבן האָבן אַ ציטער
געטאָן: „קאַדעטן גייען!“ און אין שרעק אַנטלאָפֿן אין קיך.

מען איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע. פֿון באַרג האָט
זיך מיט דעם וועג אַראָפּגעלאָזן אַ הויכער יונגער אָפֿיציר מיט אַ
לענגטע קוילן איבער דעם אַקסל און אומגעהייער הויכע שטיוול
מיט שפּאָרן... אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ביקס, פֿון פּאַסיק
האָבן געשטאַרצט צוויי הילצערנע הענטלעך פֿון האַנט־גראַנאַטן.
אויף דעם באַרג, אויף דעם אָראַנזש פּאָן פֿון דער פֿאַרגייענדיקער

זון, האָט זיך געשוואַרצט אַ פּאָלק־וועגעלע אויף צוויי רעדער און נאָך צוויי פיגורן מיט ביקסן.

— זאָגט, דאָ וואוינט דער פּראָפעסאָר דמיטריעווסקי?

— דאָס בין איך!

— איך האָב צו אייך אַ בריוו פון אייער זון.

— איך דאַנק אייך זייער, פּאָרוטשיק... אפשר וועט איר אַריינגיין טרינקען אַ גלאָז טיי?

— איך דאַנק אייך, ס'וואַרטן אויף מיר די חברים.

— טאָ רופט זיי אויך.

דער אָפיציר האָט אָפּהענטיק אַ שמייכל געטאָן.

— נו, אַ דאַנק. איך גיי זיי רופן.

דאָס וועגעלע, אָנגעלאָדן מיט אַ גרויסע פאַס, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון דעם באַרג. דער הויכער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער טעראַסע מיט נאָך צוויי אָפיצירן. מען האָט זיי מכבד געווען מיט טיי. דער פּראָפעסאָר און נאַטאַליאַ סערגייעווגאַ האָבן זשעדנע גענומען לייענען דעם בריוו.

— איר האָט אַ צעטעלע פון מיטיען, — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט צו קאַטיען.

דאָס צעטעלע איז געווען אָנגעשריבן אויף ס'גיך, מיט אַ נערוועזן כתב. מיטיע האָט געשריבן, אַז זייער פּאָלק איז עקסטראַ אַוועקגעגאַנגען קיין קערטש, און, ווער ווייס, צי ער וועט זיך קאָנען מיט איר אונגיכן זען: „קאַטיאַ, טייערע מיינע! ווער ווייסט צי מיר וועלן זיך בכלל נאָך זען. זיי געזונט, דערמאָן מיך ניט צום שלעכטן!“

דער פּראָפעסאָר האָט געפרעגט די אָפיצירן:

— ווי איז די לאַגע?

דער אָפיציר אין הוסאַרישן היטל, מיט געלע אונטערגעשאָרענע וואָנסן, האָט געענטפערט:

— געווינלעכע מאַנעווערס. צוליב סטראַטעגישע טעמים טרעט דאָס חייל אָפּ צו קערטש צו.

דער הויכער האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט און פלוצים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— וואָס פֿאַר אַ סטראַטעגישע טעמים! פּשוט, די באָלשעוויקעס יאָגן אונז. און אין אמתן איז גאָר ניטאָ וועמען צו טרייבן. די אַרמיי עקסיסטירט שוין מער ניט, זי איז זיך צעקראָכן ביי די נאָטן און ניט ביי די נאָטן, אַזוי ווי שטיוול פֿון דער אינטענדאַנטור. די פֿאַרבינדעטע האָבן זיך פֿון אונז אָפּגעשאָקלט, די פֿראַנצויזן האָבן אָפּגעגעבן די באָלשעוויקעס די שטאָט אָדעס...

דער הוסאַר האָט פֿינסטער אַ קוק געטאָן אויף אים:

— איר זייט ניט קיין פּראָפֿעסיאָנעלער מיליטער-מאַן, דעריבער שטעלט איר זיך אַזוי שרעקלעך פֿאָר די לאַגע. אין יעדער מלחמה טרעפֿט אַמאָל, אַז דער איבערוואָג וואַקלט זיך. אָט וועלן מיר זיך אָננעמען מיט כּוחות, ס'וועלן צוקומען די רעזערוון, — וועלן מיר אַ יאָג טאָן די רויטע, ווי אַ סטאַדע שעפּסן, אָט וועט איר זען. מען דאַרף זיי בלויז איינמאָל צעקלאַפּן, און נאָכדעם וועלן מיר, די קאַוואַלעריע, שוין ווייזן וואָס מ'דאַרף טאָן.

דער דריטער, אויך זייער אַ יונגער פּראַפּאָרשטשיק, אַן אַרטילעריסט, אַ שוואַרצלעכער, מיט אַ פּעפּערל אויף דעם באַק און מיט ערנסטע אויגן, האָט איינגעהאַלטן אָפּגעענטפֿערט:

— מיט אַזעלכע קאָמאַנדירן וועלן מיר זיי קיינמאָל ניט צעקלאַפּן.

דער הויכער האָט מיט האַרץ אַ געשריי געטאָן:

— אָך, די קאָמאַנדירן! אָט פּונקט אַזוי ווי אין די צייטן פֿון קיסר: איינער ערגער פֿאַר דעם אַנדערן, די שטאַבן זיינען איבערפֿול מיט פֿראַנטן — מיט פּוסט-און פּאַסניקעס, וואָס באַווייזן אַפֿילו די נאָז ניט אויף דעם פֿראָנט. די גנבֿה איז ניט צו באַשרייבן. אונזערע סאָלדאַטן זיצן אין די אָקאָפּעס אין צעפּיצלטע שינעלן, אין צעריסענע שטיוול, און אין טיל גייט אַן אויספֿאַרקויף פֿין אַמוניציע, אַלע פּויערים אין די דערפֿער גייען אין ענגלישע פֿרענטשן און אין אַמעריקאַנער שוך. אין די רעסטאָראַנען גיסט זיך שאַמפּאַניער טייכנווייז, מיליאָנען פֿליען, אַזוי ווי רובלען... און וואָס האָבן מיר געטאָן אויף דעם פֿראָנט? אָנשטאָט דעם צו פֿאַרטיידיקן פּערעקאָפּ, — זיי זאָגן דאָך אַליין: פֿערמאָפּילן, — האָט מען אונז געוואָרפֿן ערגעץ ווייט אויפֿן צפֿון, דריי טויזנט אַנטקעגן פֿופֿצן טויזנט

רויטע, — צוליב דעם, זעט איר, כדי מיר זאָלן זיך פּאַראייניקן מיט דעניקינען. נו, האָט מען אונז, געווײנלעך, צעקלאַפּט און פאַרטריבן... און איצט איז אַ טראַנספּאָרט פון אונזערע קרימער געקומען צו דעניקינען, האָט ער אים ניט צוגענומען: איר, זאָגט ער, זייט אַנטלאָפן פאַר די באָלשעוויקעס, איך דאַרף אייך ניט.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אויפגעהויבן.

— אַנטשולדיקט, איר וועט מיר ערלויבן אָנצושרייבן אַ בריוו צו מיין זון.

ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט דער פרוי. קאַטיע האָט, אָן אַ וועלכער ניט איז שייכות צום געשפּרעך, געזאָגט:

— די טעג בין איך געפאָרן מיט אַ פויער פון שכנישן דאָרף, האָט ער מיר דערציילט: די פריווויליקע האָבן צוגענומען ביי זיין שוואָגער אַ פערד, און אַז ער האָט זיי ניט געלאָזט, האָבן זיי אים דערשאָסן.

דער הוסאַר האָט פיינטלעך געקוקט אויף איר.

— ס׳איז אַ באָבע-מעשה! ווי גלויבט איר זיי?

דער הויכער האָט מיד געזאָגט:

— ניין, ס׳מאַכט אַמאָל.

— כ׳איז דאָך נאָך ערגער ווי די באָלשעוויקעס!

— מיר זיינען טאַקע ערגער. אַנומלטן האָבן מיר מיט אַ קוילנוואַרפער צעשאָסן הונדערט צוואַנציק רויט-גרינע אין אַ שטיין-האַקעריי. זיי האָבן זיך געהאַט אונטערגעגעבן, געוואָרפן די ביקסן און אויפגעהויבן אַ ווייסע פאָן. און מיר זיי — מיט קוילנוואַרפערס.

— אונטערגעגעבענע?

— און זיי טוען דען אַנדערש?

— און ווי פילט איר זיך?

דער הויכער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— גאָרנישט. געוואוינט געוואָרן. מיטן שכל, געווײנלעך, פאַרשטיי איך, אַז ס׳איז ניט פיין.

— און נאָך האָט מיר דער פויער דערציילט: ניט לאַנג האָט מען דאָ ביי אונדז באַריבט אַן עקאָנאָמיע, האָט מען ביי זיי צעשטעלט

קאַזאַקן, און זיי האָבן באַרויבט די פּויערים. צוגענומען בײַ זיי די קליידער, שפּייז, וויין.

דער הוסאַר האָט מיט אַ שווערן בליק געקוקט אויף קאַטיען. זי האָט געפילט, אַז ער קאָן די שוין ניט אָנקוקן און האָט זי פיינט בתכלית השנאה.

— ווי דען האַרף מען זיך מיט זיי פירן? מיר זיינען נאַקעט, הונגעריק, און זיי זיינען זאַט, זיצן אין דער וואַרעם; פאַרקויפן ווילן זיי גאָרנישט, פּאַקן אָן פולע קישנס מיט קערענקעס...

קאַטיע האָט פריילעך אַ פּליעסק געטאָן מיט די הענט:

— די באָלשעוויקעס זאָגן דאָך אויך דאָס זעלבע וועגן דער בורזשואַזיע! אַ מעשה!

דער הוסאַר האָט פאַרביסן די ליפּן. דער פּראַפּאָרשטשיק מיט דעם פּעפּערל האָט שטיל געזאָגט:

— אויב מיר וועלן ביזן צוואַנציקסטן ניט באַקומען קיין געהאַלט, וועלן מיר אויך מוזן לעבן פון גזילה.

דער הויכער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— און איצט לעבן מיר ניט פון קיין גזילה? אָט פירן מיר אַ פּעסל וויין, — האָבן מיר באַצאָלט דערפאַר?

דער הוסאַר האָט אויפגערעגט אָנגעהויבן ריידן:

— איר זאָגט, — געשאָסן אין אונטערגעגעבענע. מיט די דייטשן, מיט די עסטרייכער זיינען מיר געווען ריטער. און קענן די באָלשעוויקעס ערלויבט מיר דאָס געוויסן צו טאָן אַלץ! מיך האָבן שיכורע מאַטראָסן געפּאַטשט אין די באַקן, אָפּגעריסן בײַ מיר די עפּאָלעטן, הערם וולאַדימיר מיט די לענטעס. בײַ מיר פאַר די אויגן האָט מען דערשאָסן מיינע חברים. אין אונזער פאַמיליען־גוט באַלעבאַטעווען פּויערים, זיי רייכן די פאַמיליע פּאָרטרעטן, שפּייען אויף דעם פּאַרקעט, באַראַבאַניען אויף דעם קלאַוויר זייער טאַלענטלויזן אינטערנאַציאָנאַל. מיין פרוי איז אַ בעטלערין געוואָרן אין אַ פּאָוויאַט־שטעטל... איך וועל שיסן, ברענען, זיך איזדיעקעווען — אַלץ! און מיט פרייד! זיי האָבן צעשטערט די אַרמיי, פאַרקויפט רוסלאַנד צו די זשידעס... אָן הענט, אָן פיס וועל איך בלייבן, — אויף דעם בויך וועל איך קריכן, מיט די ציין וועל איך שיסן!

דער הויכער האָט פֿאַרקלערט געדרייכערט אַ פּאַפּיראָס.

— איך פֿאַרמאָג ניט אַזאַ האַס צו די באָלשעוויקעס. איך בין אָבער אַ טעטיקער מענטש, און זיצן אין אַזאַ צייט מיט צונויפֿגעלייגטע הענט, האָב איך ניט געקאָנט. און אויסקלייבן האָב איך געקאָנט נאָר איינס: אָדער די באָלשעוויקעס, אָדער די פּרייוויליקע. האָב איך זיך געקווענקלט. אָבער בשעת מען האָט אין פּעטראָגראַד, פֿאַר דעם, וואָס מען האָט געשאָסן אויף לענינען, דערשאָסן פֿינף הונדערט אינגאַנצן אומשולדיקע מענטשן, האָב איך דערפֿילט, אַז מיט די מענטשן גיין — קאָן איך ניט. און איך בין געגאַנגען צו די, וואָס האָבן גערעדט וועגן פֿרייהייט און פֿאַר דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ביים רוב איז דאָס ניט אַזוי, ווי גייט דאָס פֿאָלק כלל ניט אָן. און דאָס פֿאָלק באַציט זיך פֿיינטלעך צו אונז אַלעמען, וואָס מיר ריידן, גלויבט ער ניט, און האָט אונז פֿיינט בתּכלית השׂנאה. גיין קאָנען מיר בלויז עטלעכע מענטשן צוזאַמען, באַוואָפֿנט. אַט ערשט אַנומלטן, האָט מען אין די קאַנטן, ערגעץ אין אַ גריכישער קאָלאָניע, געפֿונען צוויי טויטע נאַקעטע אָפֿיצירן... די בורזשואַזיע בעט גאָט פֿאַר אונז, אָבער מיט איר בלוט, מיט איר געלט וויל זי אונז ניט שטיצן.

קאַטיע האָט אויסגעשריען:

— איז פֿאַרוואָס־זשע בלייבט איר נאָך?!

דער הוסאַר האָט שנעל איפֿגעהויבן דעם קאָפּ.

— וואָס הייסט?

דער הויכער האָט האָפֿענונגסלאָז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ניין, מ'קאָן שוין ניט אַוועקגיין. און הוצדעם — וואוהין? איך וועל זיך שוין מאַטערן ביזן סוף. און ווען מען אונז אינגאַנצן צעקלאַפּן, — וועל איך פֿאָרן קיין אַמעריקע און ווערן אַ שטיוולפּוצער. איך בין שוין איצט צו אַלץ געוואוינט, — ער האָט געוויזן זיינע הענט מיט די מאָזאָליעס. — מיין גאַנץ פֿאַרמעגן — איז אָט די שטיוול. ניט קיין גרויסער באַגאַזש.

דער יונגער אַרטעלעריסט מיט דעם פּעפּערל האָט געזאָגט:

— אַז מ'וועט אונז אינגאַנצן צעקלאַפּן — אין דעם גלויב איך

ניט. דערהאָזיקער טשאַר וועט דאָך סוף־כל־סוף אַריבער, דאָס פאָלק וועט פאַרשטיין, אַז רוסלאַנד, וואָס ער האָט מיט אַזוי־פיל פּיין און ליידן געשאַפן, איז ניט קיין פוסטער קלאַנג. מ'דאַרף זיך נאָר האַלטן, ביז דאָס פאָלק וועט זיך אויסניכטערן און דאָס פאַרשטיין.

— מיר האָבן ערשט די טעג דערשאָסן צוויי אָפיצירן, וואָס האָבן געוואָלט אַוועקגיין, — האָט דער הוסאַר געזאָגט.

דער פּראָפעסאָר איז אַריינגעקומען מיט דעם בריוו.

— און איר, יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, ווילט גאָרניט צושרייבן מיטיען?

— ניין.

די אָפיצירן האָבן זיך אָנגעהויבן געזעגענען. דער פּראָפעסאָר האָט זיי פאַרטעליגט, זיי זאָלן האָ בלייבן נעכטיקן, נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט. דער הוסאַר מיט דעם אַרטעלעריסט זיינען געגאַנגען איינשפּאַנען דאָס פערד. דער הויכער איז געבליבן מיט קאַטיען אויף דער טעראַסע.

— איר ווייסט גאָרניט, ס'איז אַ גרויל דאָס איז, ס'איז אַ קאַשמאַר! — האָט ער געזאָגט. — ווי אַזוי זיינען מיר ביז איצט נאָך פון זינען ניט אַראָפּ!

קאַטיע האָט זיך פאָרזיכטיק אומגעקוקט און פּלוצים קאַטעגאָריש געפרעגט:

— איר זייט גוטפריינד מיט דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש?

— יאָ.

— איז אָט־וואָס. רעדט אים צו — ער זאָל אַוועקגיין. און גייט אַליין אויך אַוועק. ווי אַזוי קאָן מען דאָס אַלץ אַריבערטראָגן פאַר אַ זאַך, אין וועלכער דו גלויבסט ניט!

דער אָפיציר האָט פּאַמעלעך אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ.

— ניין, איך וועל גאָרנישט זאָגן.

און, ניט געזעגענענדיק זיך, איז ער אַוועקגעגאַנגען צו דעם וועגעלע.

די רעדער האָבן גענומען קלאַפּן איבער די שטיינער. אין דעם טרוקענעם אָוונט האָט זיך פון הינטער די בערג באַוויזן די

רויטע לבֿנה. דער פּראָפֿעסאָר איז אַן אויפֿגערעגטער אַרומגעגאַנגען איבער דער טעראַסע. נאַטאַליאַ סערגייעווּנאַ האָט געווײנט, קאַטיע האָט מיט ברענענדיקע אויגן געקוקט אין דער ווײַט.

— גאָט מײַנער, ס׳איז אַ אויגן אָט בײַ דעם גע́לן! אַזוי ווי פּוסטע לעכער! — זי האָט נערוועז אַ צוק געטאָן מיט די אַקסל. — אוי, ס׳איז אַ שווערע אויגן! ער קאָן פּײַניקן, און אַליין דערשיסן, אויב עמיצער וועט אַוועקגיין, — אַליין!

דער פּראָפֿעסאָר האָט אַ שמייכל געטאָן.

— אַלאַנגע! אַרײַנפֿאַלן און זײַן אין עפּעס אַ שאול תחתיה און פֿאַרוואָס? — פֿאַר אַ פֿרעמדער זאַך!

— איך וועל מאָרגן גיין צו אים, איך וועל אים צורײדן, ער זאָל אַוועקגיין, — האָט קאַטיע געזאָגט.

דער פּראָפֿעסאָר האָט געגאַפֿט.

— וואָס רעדסט איר! אויף דעם פֿראָנט! און ווער וועט אײַך צולאָזן? און ווי אַרום וועט איר צוקומען אַהין?

נאַטאַליאַ סערגייעווּנאַ האָט זיך מיט פֿרייד צוגעהערט.

— איך וועל צוקומען. דאָס, וואָס איך וויל, דערגרייך איך אַלע מאָל. ער טאָר ניט, ער טאָר דאָרטן ניט בלײַבן!

* * *

זיי האָבן גערעדט לאַנג און היציק. דמיטריס ליפּן האָבן ניט געשמייכלט מיט זייער באַשטענדיקן סודותדיקן שמייכל, טיף אין די אויגן האָט זיך געזען עצבֿות און ערנסטקייט. קאַטיע האָט מיט אַלע כּוחות, ליידנשאַפֿטלעך געוואָלט אַרײַנלייגן אין זײַן ניט באַשלאָסענער נשמה איר גאַנצע באַשלאָסנקייט און ווילן, זי האָט אָבער געפֿילט, — אַ שטאַרקן ווענטל צוימט אָפּ זײַן נשמה, און אָט דאָס דאָזיקע ווענטל קאָן זי ניט דורכשלאָגן.

און ער האָט געהאַלטן איר האַנט אין זײַנע הענט, און מיט אַ שטילער ליבע געקוקט אויף איר אָפּגעברענט פּנים, וואָס האָט איבערגעזען שלעכט פֿון דעם שווערן וועג, אויף אירע פֿאַרשטויבטע האָר...

— קאַטיאַ, אפשר איז ניט גוט צו דערציילן דיר אַלץ, וואָס עס טוט זיך בײַ מיר אין האַרצן...

— ניין, זאָג, און טאַקע אַלץ, טאַקע אַלצדינג!

— יאָ, און איך וועל דאָס טאַקע זאָגן... אָט זאָגסטו מיר: גיי אַוועק. נו, לאָמיר זאָגן, אַז איך וואָלט אײַנגעגאַנגען אויף אָט דער נבלה — לאָזן די חברים אין אַן עת צרה. נו, און ווייטער? וואוהין זאָל איך מיט דיר גיין? די רויטע וועלן דאָך מיך אָדער שיסן, אָדער מאָבילוזירן, און איך וועל מוזן גיין מיט זיי. אָדער זיך גאָר אויסבאַהאַלטן, ווערן אַ נעלם? וואו? און ביז וואַנען? דער פּאַפּאַ טענהט אויך ניט זיכער: „גיי אַוועק“. און אַז איך וועל אים פרעגן: „וואוהין?“ — וועט ער פינטלען מיט די אויגן... דער גאַנצער קאָשמאַר איז אין דעם, אַז ס׳איז קיין שום ברירה ניטאָ. אָדער מיט די, אָדער מיט יענע. און ווער איז אין דעם צווישן... נו, און דו אַליין. קיינער וועט דיך ניט נויטן, און איז דיר דען לײַכטער? צי דען דו, מיט דײַן אַקטיווער נאַטור, צי קאָנסטו זיך באַפרידיקן מיט דעם, וואָס דו וועסט טענהן צו ביידע צדדים: „גייט אַוועק!“ — גייט אַוועק, און מער גאָרניט.

קאַטיע האָט פאַרבראָכן די הענט. אויף דעם האָט זי ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. און דער שטייף־אָנגעצויגענער ווילן, וואָס איז גרייט געווען אַרײַנצוואַרפן זיך אין דעם לעבן פון צווייטן, האָט זיך איבערגעריסן, ווי אַן אײַנגעשניטענער שטריק פון אַ בויגן.

זיי זײַנען געזעסן אויף אַ בענקעלע אונטער די טאָפּאָלן, לעבן גאַניקל פון אַ דײַטשישן קאָלאָניסטס ווײַס הײַזל. איבער די אַזאָווער כטעפּעס האָט זיך געבלויט אַ מונטערער פרימאָרגן, אָפּטע טונקל־בלויע כוואַליעס זײַנען שנעל געלאָפן פון דעם ים־ווײַט צום ברעג, אין דאָרף האָבן זיך געבלויט די רויכעלעך פון די בויאַק־פײַערן, און ס׳האָט אָנגענעם געשמעקט מיט טשאַד.

אַ סאָלדאַט איז צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— הער פּאָרוטשיק!

— יאָ, יאָ! אָט באַלד!

דמיטרי האָט זיך שנעל אויפגעהויבן.

— דו, האַרפסט גיין, מיטיאַ. זיי געזונט.

— איך וועל דיך באַגלייטן ביזן טויער. איך דאַרף, אַלצ־איינס, גיין אַהין.

הינטער די נידעריקע שייערן האָבן די אַרטילעריסטן איליק אַוועקגעשטעלט די האַרמאַטן מיט די לאַנגע פּיסקעס. די סאָלדאַטן האָבן אין די לימענע ווענט געמאַכט לעכער. צום דאָרף איז מיט שנעלן קאַריער צוגעפֿאָרן אַן אָפּטיילונג פֿון צעפּאַטלטע קאָזאַקן, די פֿערד האָבן געשפּילט. און אומעטום האָט די זון געגלאַנצט, און די קילקייט פֿון פֿרימאָרגן האָט אָפּגעפֿרישט, און די נערוועזע אַרבעט האָט געקאָכט, און סודותדיק האָבן געבאָכעט אין דער נעפּלדיקער ווייט די זעלטענע האַרמאַטן־שאָסן. באַלד וועט דאָ אַ ווירבל טאָן דער בלאַנקענדיקער טויט. אַלעמענס פּנימער זיינען געווען אָנגעשטרענגט, ערנסט, — און אַזוי וואונדערשיין!

— „אַוועקגיין!“ אַוועקגיין קאָן מען בלויז... אין מלכות פֿון שאָטנס. ווען דו פֿילסט שוין גענוג קלאָר, אַז אַפֿילו דאָ ביסטו אַלצאיינס איצט ניט מער ווי אַ טויטער שאָטן פֿון אומנוצלעכן לעבן...

קאַטיע האָט זשעדנע געקוקט אויף אַלץ אַרום איר און האָט פּלוצים לײַדנשאַפֿטלעך אויסגעשריען:

— ווען איך וואָלט דאָ געקאָנט בלייבן אָנשטאָט דיר!

דמיטרי האָט איר שטיל אַ דריק געטאָן די האַנט און ליב אַ שעפּטשע געטאָן:

— אַ דאַנק דיר.

קאַטיע האָט אויף אים פֿאַרוואונדערט געקוקט.

* * *

קאַטיע איז געזעסן בײַם פֿאָנטאַן וואָס אונטערן באַרג און האָט צוגעביסן. די פּיס האָבן געברענט פֿון דעם גיין, די האַלב־מאָגיקע זון האָט געבאַקט איר געזיכט. די וועגן זיינען געווען אומ־געוויינלעך פּוסט, זי האָט אין ערגעץ ניט באַגעגנט קיין איין פֿור. די פּוסטע שטילקייט האָט זיך צו עפּעס צוגעהערט, מיט שרעק געוואַרט אויף עמיצן. אַפֿילו דער ווינט האָט ניט געוואַגט

אַבלאָז צו טאָן. און עפּעס מאָרנע איז געווען, וואָס דווקא די ערד-בינען זשומען און די בליענדיקע קוסטעס פון ווילדע פלוימען, און איבערן וועג שמייען זאָרגלויז אַרום די ליבע מיסט-פייגעלעך, וואָס זעען אים אַזוי ווי די משובאַטע לאַרכן.

פון באַרג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַליניקע. זי איז צוגעפאָרן צו דעם פאָנטאַן. אַהויכער באָלגאַר איז אַראָפּגעגאַנגען אָנטרינקען די פערד. קאַטיע האָט מיט פאַרוואונדערונג און פרייד דערקענט אַפּאַנאַסי כאַנאָוון. און ער האָט זי אויך דערקענט.

— פריילין, דאָס זייט איר? וואוהין גייט איר אין אַזאַ צייט?

— איך גיי אַהיים. און איר פאָרט פון שטאָט?

כאַנאָוו האָט ניט געענטפערט. ער האָט אויסגעשפּאַנט דאָס פערד ביי דער קאָרעטע. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— מ׳טאָר אַצינד ניט גיין איבער די וועגן. זעצט זיך, וועל איך אייך צופירן.

— אַך, אַדאַנק! איך בין אַזוי פאַרמאַטערט!

אָנגעטרונקען די פערד, זיינען זיי אַוועקגעפאָרן אין די בערג, — איבער אַשלעכטן שטיינערדיקן וועג. אַפּאַנאַסי כאַנאָוו האָט שוין לאַנג אינטערעסירט קאַטיען. בשעת די ערשטע באָלשעוויקעס זיינען געווען אין קרים, איז ער געווען דער קאָמיסאַר פון פּאָוויאַט. די דאַטשניקעס האָבן אים גערזידלט, אָבער אַפילו אין אָט די זידלערייען האָט זיך געפילט אַבאַהאַלטענע אַכטונג צו אים. און ער האָט געהאַט זעלטענע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו אַלע דערשיינונגען פון לעבן, וואָס דרינגען אַריין אין דער נשמה.

קאַטיע האָט פאַרמאָגט עפּעס אַמין אומבאַוואוסטזיניק באַזונדערן צוגאַנג צו מענטשן. זי פלעגט אַליין, מעשה-קינד, ריידן שטענדיק דאָס, וואָס זי טראַכט און פילט, און פלעגט צוגיין צו אַמענטשנס נשמה גלייך אָן שום פּניות. דאָס פלעגט פאַרוואונדערן, — און אָפט ווירקן מ׳זאָל מיט איר זיין אָפנהערציק. כאַנאָוו האָט אומבאַמערקט אָנגעהויבן אָפנהערציק צו דערציילן וועגן זיך.

— פריער, זעט איר, האָב איך געהאַנדלט. איך שטיי מיר ביים קאָנטאָרל, און דאָס געלט שווימט אַליין אין די הענט. איך

האָב מיר אויסגעבויט אַ צווייגאָרנדיק הויז — אָט, וואו דער קאָאָפּעראַטיוו איז איצט. און אין געדאַנק פּלאָנטערט זיך אַליץ: ס'איז ניט דאָס! עפּעס אומעטיק אויף דעם האַרצן. האָב איך, פֿאַרשטייט איר, פֿאַרמאַכט דאָס געשעפֿט, און ווידער געוואָרן אַ פּויער. דאָס לעבן איז געוואָרן שווערער, אָבער אויף דער נשמה — לייכטער.

און פֿריער פֿלעגן די פּויערים קוועטשן די ווייַנטרויבן אין די קעלטערס, און איך פֿלעג אויפֿקויפֿן דעם וויין און פֿאַרקויפֿן, און דערביי גאָרניש טאָן. „נאַראָנים, — טראַכט איך מיר, — ווי זעט איר דאָס ניט, אַז מ'זויגט פֿון אייך דאָס בלוט?" ביי מיר אין סאָד וואַקסן אַבריקאָסן, באַרנעס, פּערשקעס, און דעם שומערס קינדער קוקן אַזוי זשעדנע אויף זיי דורך דעם פּאַרקאַן. האָב איך דאָס דעמאָלט פֿאַרשטאַנען — אַז דאָס איז אַן עוולה, און מ'מוז דאָס ליקווידירן. אָט פֿאָרט ברעווערן אין אַ פֿאַעטאָן, שלאָפֿט ביז צוויי אַ זייגער בייטאָג, און ער האָט טויזנט דעסיאַטין ערד. ווי אַזוי קאָן מען דאָס ליידן? און אַז די באָלשעוויקעס האָבן מיר דאָס אַליץ דעמאָלט ערקלערט, האָב איך דאָס גלייך פֿאַרשטאַנען.

— אַפֿאַנאַסי! דאָס איז דאָך נאָך אָבער ניט קיין באָלשעוויזם. דאָס איז סאָציאַליזם, מיר זיינען אויך פֿאַר דעם. אויב איר זייט פֿאַראַיאָרן געווען אַ קאָמיסאַר, האָט איר דאָך געזען, ווי אַזוי מען האָט באַגזלט מענטשן, ווי אַזוי מען האָט זיי געשאָכטן, זיך איזדעקעוועט איבער זיי. האָט עמיצער דען געטראַכט וועגן גערעכטיקייט? יעדערער האָט געכאַפּט פֿאַר זיך. וואָס קאָן פֿון דעם אַרויסקומען?

אין כאַנאָוס קלאָרע אויגן האָט אַ פֿינקל געטאָן אַ פֿאַרלוירנקייט, אַזוי ווי ביי אַ מענטשן, וואָס האָט זיך מיט גרויס מי איינגעפֿונדעוועט אויף אַ בערגל אינמיטן זומפּ, און מ'וויל אים פֿון דעם אַראָפּשלעפּן.

— ניין, איך בין, אייגנטלעך... איך בין גאָרניט קיין באָלשעוויק... איך פֿאַרשטיי, אַז ס'איז נאָך פֿרי דאָס אַליץ דורכצופֿירן. כדי צו גיין צום סאָציאַליזם, — דאַרף מען, אַז די הענט זאָלן זיין — אָט אַזוי. — ער האָט אויסגעשטרעקט די צעשפּרייטע דלאָניע, ווי ער וואָלט אַליץ אַוועקגעגעבן. — און ביי אונז — איז אָט אַזוי. — ער האָט זשעדנע צוגעדריקט די פֿויסטן צו דער ברוסט.

קאַטיע האָט זיך פֿריילעך צעלאַכט.

— אָט טאַקע! און זיי ווילן דאָס דערגרייכן דורך בלוט און שמוץ. מיט צוויי יאָר צוריק האָבן די סאָלדאַטן פֿאַרקויפֿט אויף דעם מאַרק אין פֿעאָדאָסיע יונגע טערקישע מיידלעך, — איר געדענקט, צו צוויי קערענקעס האָבן זיי גענומען פֿאַר אַ פֿרוי? און היינט זיינען זיי באָלשעוויקעס און — פֿירן איין אַ „גערעכטע אָרדענונג פֿון אַרבעטנדיקע". און איר קאָנט מיט זיי גיין?

כאַנאָוו האָט מיט נייגעריקייט געפֿרעגט:

— מיט וועמען דען זאָל איך גיין? מיט די קאַדעטן?

צו וואָס מיט די קאַדעטן? מ'דאַרף שאַפֿן אייגנס, פֿאַראייניקן אָט די אַלע, וואָס זיינען אין דער אמתן פֿאַר גערעכטיקייט — און פֿרייהייט.

— נו, גוט. און איר: אָט נעמט אייער פֿאָטער איז געווען אויף קאַטאָרגע, איר זייט געזעסן אין טורמע. פֿאַרוואָס פֿאַראייניקט איר זיך ניט?

קאַטיע האָט זיך פֿאַרליטן צעלאַכט:

— אָט לאָמיר זיך פֿאַראייניקן... גאָט, וואָס איז דאָס?!

איבער די נידעריקע פּלויטן פֿון די הויפֿן, איינגעבויגן, זיינען געפֿלויגן רייטער אין פּאַפּאַכעס, ס'האָבן געקנאַלט שאָסן, פֿון די כוטאָרס זיינען געלאָפֿן פֿרויען און קינדער. דעם וועג איז איבערגעלאָפֿן אַ מענטש מיט אַ אומזיניק געזיכט און מיט אַן אָדלער־נאָז, נאָך אים האָבן זיך געטראָגן צוויי טשעטשענער מיט אָקן־אויגן. איינער האָט אים אָנגעיאָגט און אים אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער שווערד איבער דעם שוואַרצן געקרייזלטן קאָפּ. דער מענטש איז אַראָפּגעפֿאַלן אין שפּאַלט. פֿון די פֿענסטער פֿון די אָרעמע גריכישע כאַטעס איז געפֿלויגן בעטגעוואַנט, איבער די הויפֿן זיינען אַרומגעלאָפֿן די בויגעוודיקע פֿיגורן פֿון די בערגלייט. זיי האָבן געפּאַקט זאַכן, זיי אָנגעלאָדן אויף די פֿערד. פֿון צוויי הייזער אויפֿן באַרג האָט געזעצט אַ רויך.

און נאָך האָט קאַטיע געזען: אַן אַלטיטשקע מיט צעשויבערטע האָר האָט שרעקלעך געשריען, זיך אָנגעקלאַמערט אָן אַ טשעטשענער, און ער האָט געשלעפּט איף די הענט אין כאַטע

אַרײַן אַ װאַנדערשײַן האַלב־אױסגעטאָן מײדעלע. אין דער לופֿט האָבן זיך געשלאָגן די גאָלדיק־שװאַרצלעכע הענטעלעך און זיך געהױבן די מײדלשע ברוסט.

— גאָט, פֿאַרװאָס איז דאָס!

קאַטיע האָט געװאָלט אַראָפּשפּרינגען פֿון דער ליניקע אין איבעררײדן דעם טשעטשענער. כאַנאָװ האָט זי פֿעסט אָנגעכאַפּט פֿאַר דער האַנט און אַ שטאַרקן שמײַץ געטאָן די פֿערד. זײ האָבן גענומען לױפֿן באַרג אַרױף.

איבערן װעג איז שנעל געגאַנגען אַן אַלטער טאָטער מיט אונטערגעשאָרענע װאָנסן, אַ בלײכער און אַ אױפֿגערעגטער. קאַטיע האָט צו אים אַ געשרײ געטאָן:

— הערט נאָר, איר װײסט ניט, װאָס איז דאָרטן, און פֿאַרװאָס?

— די װילדע אָרדע איז געקומען. געשניטן די גריכן.

— פֿאַרװאָס? זעצט זיך אױף, דערצײלט. מיקאָן, כאַנאָװ?

זײ זײַנען אַװעקגעפֿאָרן. דער טאָטער האָט דערצײלט, אַז דאָ ניט לאַנג האָבן די פּױערים פֿון אַ שכנותדיקן רוסישן דאָרף דערהרגעט צװײ אָפֿיצירן און זײ אונטערגעװאָרפֿן אין אַ גריכישן כוטאָר... האָט מען פֿון דער שטאָט געשיקט טשעטשענער אױף עקזעקוציע.

אינאָװנט איז קאַטיע אײנער אַלײן געזעסן אױף דעם בענקעלע בײַם שטראַנד און מיט ברענענדיקע אױגן געקוקט אין דער פֿרײַער װײַט פֿון ים. דאָס שטאַרקע איז, װאָס האָט פֿאַרשמידט איר נשמה, האָט אַלע מאָל מאָרגע, שרעקיק געפּלאַצט. זי האָט זיך דערמאָנט, װי עס האָט איר אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרקער לײדנשאַפֿטלעכער װילן צו בלײַבן דאָרט, װוּ מענטשן האָבן זיך אין דער קילקײט פֿון פֿרימאָרגן געקליבן צו קעמפֿן און שטאַרבן. און זי האָט זיך געפֿרעגט: װען זי װאָלט געגלױבט אין זײער זאַך, — צי װאָלט זי זיך אָפּגעשאָקלט פֿון איר, מחמת אָט די רציחות, װאָס זי האָט הײַנט געזען?

* * *

אומעטום איז געווען שטיל, שטיל, ווי פֿאַר אַ שטורעם, בשעת די בלעטער ווערן פֿאַרגליווערט, און אַפֿילו דער שטויב דריקט זיך צו צו דער ערד. די וועגן זיינען געווען פּוסט, דער שאָסע אַזוי ווי אויסגעשטאָרבן. ס׳איז געווען ערבֿ פּאַסכע. די טעג האָבן זיך לאַנגזאַם געטראָגן, — אָן אַ ווינט, פֿאַרכמורעטע, און וואַרעמע. פֿון צפֿון־מזרח האָט זיך די גאַנצע צייט אין דער שטילקייט געהערט אַ ווייטע קאַנאָנאַדע. איינע האָבן געזאָגט, — אַז דאָס באַשיסן די באָלשעוויקעס די שטאָט. די אַנדערע, — אַז דאָס רייסן די פֿרייוויליקע אויף די אַרטילערישע סקלאַדעס אויף יענער זייט בוכטע.

די דאַטשניקעס זיינען געווען צעמישט. די באָלגאַרן האָבן זיך אויך געפֿילט דערשלאָגן. היפֿלעך אָרעמע זיינען געשטאַנען אויף דער האָרף־גאַס און זיך אין דער שטיל איבערגעשמועסט. מען האָט געהערט, אַז אין שכנישן דאָרף האָט זיך שוין אָרגאַנידירט אַ געהיימער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט, ס׳זיינען אַהינצו געקומען באָלשעוויסטישע אַגיטאַטאָרן און אָנגעזאָגט, ס׳זאָלן ניט זיין קיין פּאָגראָמען, אַז דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן געהערט דער מלוכה. די פּויערים האָבן זיי מכבד געווען מיט ווייַן, מיט ברויט, אייער, שמאַלץ און זיך אָפּגעזאָגט פֿון געלט.

פֿרייטאָג איז אַננאַ איוואַנאָוונאַ געגאַנגען אין קאָאָפּעראַטיוו און געבראַכט די ידיעה, אַז אין אַוראַמידיס קאַפֿע זיצן אַכט באָלשעוויסטישע אויסשפּירער מיט ביקסן.

פֿאַר מיטאָג איז איוואַן אילאַטש אין לעדערנע הויזן, און אין אַ שמוציקן פֿאַרלאַטעט העמד, געשטאַנען ביי זיך אין גאָרטן און געגראָבן די בייטן. פּלוצים האָט ער דערהערט אַ גאַוודיק־באַפֿעליש געשריי:

— היי, דו! קום נאָר אַהער!

איוואַן אילאַטש האָט מיט האַס געקוקט. דער אָפֿיציר האָט אַראָפּגעריסן פֿון פּלייצע די ביקס און זיך געצילט. פֿאַרבייסנדיק

די לופּ, איז איוואַן איליאיטש פּאַמעליך צוגעגאַנגען צום פּלויט. אויף דעם שאָסע זיינען געווען נאָך צוויי רייטער מיט ביקסן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ דאָרף? — דעם אָפיצירס קול איז געווען אויפגערעגט און באַשלאָסן.

— דאָס איז ניט קיין דאָרף, נאָר אַ דאַטשע-ישוב אַרמאַטליק. דאָס דאָרף איז דאָרטן, הינטערן בערגל.

דער אָפיציר האָט באַטראַכט איוואַן איליאיטשעס געזיכט, ער האָט דערזען זיינע ברילן און איז גלייך געוואָרן איידל.

— זאָגט, איך בעט אייך, איז דאָס אַ גרויס דאָרף?

— אַ גרויס.

— און ווער זיינען די איינוואוינער?

— ס'רוב באַלגאַרן.

— איך דאַנק אייך זייער.

אין אָט דעם גאַוודהדיקן אויסגעשריי און פּלוצלימדיקן איבער-גאַנג צו איידלקייט און צו „איר” בלויז צוליב די ברילן, וואָס איוואַן איליאיטש האָט געטראָגן, האָט ער שאַרף דערפילט יענע אַלטע מיאוס-ומאוסע וועלט, וועלכע ער האָט אַזוי געהאַסט.

דער אָפיציר האָט צוגעלייגט די האַנט צום דאַשעק און איז צוזאַמען מיט זיינע חברים אָפּגעריטן איבער דעם שאָסע, אין דער ריכטונג צום דאָרף צו. דאָרט, וואו דער וועג פאַרקירעוועט זיך האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און לאַנג געשטאַנען, קוקנדיק פאַר-אויס, און זיינען, ענדלעך, אַוועק ווייטער. איוואַן איליאיטש האָט זיי, קווענקלענדיק, נאָכגעקוקט. זיי זיינען פאַרשוואונדן הינטער דעם בערגל.

איוואַן איליאיטש האָט מיט טרייסלענדיקע הענט זיך ווידער גענומען פאַר דער לאָפּעטע. פּלוצים האָבן זיך פון הינטער דעם בערגל דערהערט שאָסן. ס'האָט זיך דערהערט אַ האַסטיקער גאַלאָפּ איבער דעם שאָסע. צוגעבויגן צו די העלזער פון די פערד, זיינען די רייטער מיט אַ קאַריער געלאָפן צוריק. דער אָפיציר האָט גע-האַלטן דאָס ציימל אין דער רעכטער האַנט, פון זיין לינקן אַקסל איז גערונען בלוט.

* * *

ס'איז געקומען דער ליכטיקער זונטאָג. פֿון הינטער דעם ים האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ העלער, זוניקער פֿרימאָרגן, דער בלויער הימל האָט געבלאַנקט. די פֿרײַוויליקע זײַנען פֿאַרשוואונדן. אָן אַ טומל, אָן דונערן זײַנען זיי פֿאַרשוואונדן, זיי זײַנען זיך שטיל צעגאַנגען, אַזוי ווי אַ נעפּל אויף דער זון. איבער דעם שאָסע האָבן זיך איינע נאָך דער אַנדערער, אָן אַן אויפֿהער, געצויגן די ליניקעס און טאַטשאַנקעס, אויף זיי זײַנען געדיכט געווען אָנגעזעצט מאַנכבילשע פֿיגורן אין רויטע בענדער, מיט ביקסן. די יוגנט האָט אויסגעגראָבן פֿון דער ערד די ביקסן, וואָס זײַנען נאָך געלעגן באַהאַלטן פֿון די דײַטשן אָן, און איז פֿון אַלע זײַטן געפֿאָרן און געגאַנגען זיך פֿאַרשרײַבן אין דער רויטער אַרמיי. איבער דעם גאַנצן סטעפּ האָבן העל געבליט די טולפּעס, רויטע, ווי פֿריש בלוט. און אומעטום האָבן געברענט די בוקעטן פֿון די דאָזיקע טולפּעס, — אין די הענט, אין די לאַצן, אויף די היטלען.

פֿון דער שטאָט איז דורכגעלאָפֿן אַן אויטאָמאָביל מיט אַ פֿלאַטערנדיקער רויטער פֿאָן. דאָרט, וואו דער וועג פֿאַרקירעוועט זיך, האָט דער אויטאָמאָביל אָנגעהויבן סאָפּען, האָט שנעל אָנגעהויבן אַרבעטן מיט די פּאַראָשנעס און זיך אָפּגעשטעלט, אײַנגעהילט אין אַ בלויען רויך. ס'האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַ מענטש און אָנגעהויבן הויך רײדן צום המון. אין דער לופֿטן האָבן אַ בליץ געטאָן ווײַסע בלעטלעך פֿון דעם אויפֿרוף, קעגן ווינט האָט זיך אַ וויג געטאָן אַ פֿרײדעוודיקער „הוראַ!" דער אויטאָמאָביל איז אַוועק ווײַטער.

קאַטיע איז געשטאַנען בײַם טױערל פֿון סאָד און זשעדנע געקוקט אויף דעם שאָסע. פֿאַרבײַ איר איז געפֿלאָסן אַן אומגעהײַער גרויסער פֿרײדעוודיקער טײַך, וואָס האָט געקאָכט מיט אַן אַלגעמיינעם אויפֿברויז, און זי איז איינער אַליין געשטאַנען אויף דעם ברעג, אַן אָפּגעפֿרעמדטע און אַ פֿײַנטלעכע צו אָט דעם אויפֿברויז. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די פֿעוראַל־טעג אין מאָסקווע, — ווי אַנדערש דאָס אַלץ האָט דעמאָלט אויסגעזען! דאָס האַרץ האָט דעמאָלט

געקלאַפּט אין איין טאַקט מיט דעם גוואַלטיקן האַרץ פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק, — ווי זיס איז דעמאָלט געווען דאָס פּייפן פֿון די קוילן איבערן אויער אויף דער שטיינערנער בריק, ווי אומפֿאַרגעסלעך איז אָט יענער אויפֿברויז איבער דעם וואָלקנדיקן, קליינינקן לעבן! און אַלץ, וועגן וואָס ס'האָט זיך אַזוי ליכטיק, העל געחלומט, — דאָס אַלץ איז איינגעפֿאַלן, חרובֿ געוואָרן, אַלץ איז איינגעזונקען געוואָרן אין דעם בלוט-געמויזעכטס...

קאַטיע איז אַריין צו זיך אין קעמערל הינטער דער קיך און זיך געזעצט ביים אָפֿענעם פֿענסטער. דאָס וואַרעמע ווינטל האָט שוואַך געבלאָזן אויף איר האָר. אין סאָד, אַזוי ווי אומשולדיקע, ריינע כּלות, האָבן געבליט די אַבריקאָסן מיט זייער ווייסן בליט. און כּדי זיך פֿריי מאַכן פֿון דעם, וואָס ס'איז ביי איר געווען אויף דער נשמה, האָט קאַטיע גענומען בלעטערן איין בוך נאָך דעם אַנדערן, נאָר, אַזוי ווי ביי אַ מענטשן, ביי וועמען עס רייסט אָן אַ פֿינגער, טרעפֿט אָפֿט, אַז ער כאַפּט אַלעמאָל אַ קלאַפּ און טאַקע נאָר אין דעם קראַנקן פֿינגער, — אַזוי איז דאָס אויך דאָס מאָל געווען מיט קאַטיען.

זי האָט געעפֿנט רענאַנס „דאָס לעבן פֿון יעזוס קריסטוס" און אויף דעם צווייטן זייטל האָט זי אָנגעטראָפֿן:

„ס'זיינען פֿאַראַן מענטשן, וואָס באַדויערן, וואָס די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע איז עטלעכע מאָל אַרויס פֿון די גרענעצן, און וואָס ס'האָבן זי ניט דורכגעפֿירט קלוגע און מעסיקע לייט. מיר וועלן ניט צופּאַסן אונזערע גיכערע פֿראַגראַמען פֿון אויסגערעכנטע באַלעבאַטימלעך צו אָט די דאָזיקע אויסעראָרדנטלעכע באַוועגונגען, וואָס שטייען ברומו של עולם. דער קאָנטראַסט צווישן אידעאַל און דער טרויעריקערווירקלעכקייט וועט שטענדיק אַרויסרופֿן אין דער מענטשהייט בונטן קעגן דעם קאַלטן געדאַנק, וואָס געוויינלעכע מענטשן האַלטן פֿאַר אַן אומזין, — ביז יענעם טאָג, ווען אָט די בונטן וועלן מנצח זיין. דעמאָלט וועלן די, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן זיי, די ערשטע אָנערקענען אין זיי זייער הויכן שׂכל".

זי האָט אויפֿגעעפֿנט הערצענס „פֿון יענעם ברעג".

„אָדער איר זעט ניט די נייע קריסטן, וואָס גייען חרובֿ מאַכן?

זיי זיינען גרייט. זיי באַוועגן זיך שווער, ווי אַ לאַווע, אונטער דער ערד, אינעווייניק, אין די בערג. ווען ס׳וועט שלאָגן זייער שעה, — וועט הערקולאַנום און פּאָמפּעע פֿאַרשווינדן, דער גערעכטער און דער אומשולדיקער וועלן צוזאַמען אומקומען. דאָס וועט ניט זיין קיין משפּט, ניט קיין אָפּרעכענונג, נאָר אַ קאַטאַקליזם, אַן איבערקערעניש... דידאָזיקע לאַווע, דידאָזיקע באַרבאַרן, אָט די נייע וועלט, אָט די קריסטן, וואָס גייען מאַכן אַ סוף מיט דעם אַלטן און שלאַבעריקן און אָפּרייניקן דאָס אָרט פֿאַר דעם נייעם און פֿרישן, איז שוין נעענטער, ווי איר מיינט".

קאַטיע האָט זיך טיף פֿאַרטראַכט. זי האָט דאָך דאָס אַליין ערשט דאָ ניט לאַנג געלייענט, ווי אַזוי־זשע האָט זי דאָס ניט פֿאַר־שטאַנען, ניט דערפֿילט דאָס, וואָס איז אָנגעשריבן אַזוי דייטלעך און אַזוי שרעקלעך קלאָר?... „דער גערעכטער און דער שולדיקער וועלן אומקומען צוזאַמען, דאָס וועט זיין ניט קיין משפּט, ניט קיין אָפּרעכענונג, נאָר אַ קאַטאַקליזם. זיי זיינען נעענטער, ווי איר מיינט"... און אָט זיינען זיי געקומען, — געקומען אָט אַזעלכע, ווי אַלע האָבן זיי פֿאָראויסגעזען, געבראַכט דאָס, וועגן וואָס זי האָט איר גאַנץ באַוואוסטזיניק לעבן געטראַכט. און זי שטייט אַ פֿרעמדע, און אין האַרצן ביי איר איז ניטאָ גאָרנישט, אויסער שרעק און גרויליקן האַס צו זיי.

אונטער דעם פֿענסטער האָט אַ כריוקע געטאָן דאָס חזירל. עס איז צוגעגאַנגען צו דער שיסל וואַסער און זי איבערגעקערט. קאַטיע איז אַרויסגעגאַנגען אַ קראַץ געטאָן מיט דעם שפּיץ שוך דעם בויך פֿון דעם חזירל. עס האָט זיך גלייך געלייגט, אויסגעצויגן די פֿיסלעך מיט די טלאָען און איז פֿאַרגליווערט געוואָרן. קאַטיע האָט פֿאַרקלערט געריבן מיט איר שוך דעם רויזן בויך מיט די סימנים פֿון ציצן, און דאָס חזירל איז געלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און אַלע מאָל פֿון פֿאַרגעניגן געכריוקעט. די הינער האָבן אַרומגערינגלט קאַטיען און געקוקט אויף איר, וואַרטנדיק אויף דעם עסן.

קאַטיען איז דאָס מיטאַמאָל געוואָרן קאָמיש. ס׳האָט זיך איר פֿאָרגעשטעלט: דאָס אַליין, דאָ אַרום, זעט אויס אַזוי ווי אַ הייל

אונטערן וואַסער, טיף־טיף אין ים. דאָרט, פֿון אויבן, קלאַפּן זיך שטורעמס, גוואַלטיקע כוואַליעס וואַרפֿן זיך מיט אַ רעווען צום הימל, די ערד ציטערט, פֿעלזן, וואָס זײַנען באַוואַקסן מיט הונדערטיעריקן מאָך, פֿאַלן איבער די שיפֿועס. פֿון די בערג קריכט שוידערלעך די לאַווע; און דאָ, אין דער קלײנער הייל, שווימען זיך רואיק אַרום שטילע פֿליגעלעך, נישטערן זיך אין דער בלאָטע, נאָגן די וואַסער־געוויקסן. און זי אַלײן איז אויך אַזאַ קלײן פֿליגעלע. אָט וועט אויף דעם דעק אַ זעץ טאָן אַן אונטערערדישער קלאַפּ, צעשפּאַלטן די הייל, זי אַוועקוואָרף טאָן אין דער שיפּענדיקער לאַווע, — די פֿליגעלעך וועלן זיך אויסציען אויף די רוקנס, צונויפֿדריקן די לאַפּקעלעך, גאַפֿן און שטאַרבן.

אינאָוונט איז צו איוואַן איליטשן געקומען דער פּראָפֿעסאָר דמיטריעווסקי. ער איז געווען אַ ביסל אויפֿגערעגט, און זײַנע אויגן זײַנען אומגעלאָפֿן.

— איך בין געקומען זיך מיט אײַך באַראַטן. ניט לאַנג איז צו מיר אין אינסטאַמאָביל געקומען פֿון שטאָט אַ פֿאָרשטייער פֿון מיליטער־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט און מיר מודיע געווען, אַז די אַרבעטער האָבן מיך אָנגעמערקט פֿאַר אַ קאַנדידאַט פֿון קאָמיסאַר איבער בילדונגס־ענינים. ער האָט מיך געפֿרעגט, צי איך בין מסכּים. וואָס איז אײַער מיינונג וועגן דעם?

איוואַן איליטש האָט זיך צעלאַכט.

— איז דען מעגלעך וועלכע ניט איז בילדונגס־אַרבעט, בשעת מ׳טרעט מיט די פֿיס יעדן פֿרײַען געדאַנק, בשעת מ׳לאָזט נאָר אַרויס קאַזיאָנע צײַטונגען?

דער פּראָפֿעסאָר האָט שנעל געענטפֿערט:

— איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל זיך באַטראַכטן, נאָר אַלנפֿאַלס שטעל איך אַ באַדינג — פֿרײַהייט פֿון וואָרט און פּרעסע, אַנדערש שטעל איך מיר ניט פֿאָר קיין שום בילדונגס־אַרבעט. זיי האָבן ערקלערט, אַז אין פּרינציפּ זײַנען זיי מיט מיר אינגאַנצן מסכּים, אַז די מיטלען, וואָס מען נעמט אָן לגבי דער פּרעסע, איז נאָר מחמת מיליטערישע טעמים. זיי האָבן מיך פֿאַרזיכערט, אַז די באָלשעוויקעס זײַנען איצט שוין ניט די, וואָס פֿאַראַיאָרן, אַז

זיי האַלטן טייער די מיטאַרבעטערשאַפֿט פֿון דער אינטעליגענץ. זיי האָבן צוגעזאָגט אין צוויי טעג אַרום קומען נאָך אַ תּשובֿה.

— און איר גלייבט זיי? — האָט איוואַן אילאיטש געלאַכט. — נאָך ווייניק האָבן זיי אַלעמען אָפּגענאַרט!

מען האָט זיך געפֿערלעך געאַמפּערט. קאַטיע האָט ענערגיש אונטערגעהאַלטן דעם פּראָפֿעסאָר און דערוויזן, אַז מ׳דאַרף גיין אַרבעטן צו די באָלשעוויקעס. איוואַן אילאיטש האָט מיט צאָרן אויסגעשריען:

— און דו — ח״ו וואָלסט איך געגאַנגען?

— ניט געגאַנגען, נאָר איך וועל גלייך און באַשטימט גיין... ניקאָלאַי יעלפֿידיפֿאָראָוויטש, נעמט מיך צו אייך אין קאָמיסאַריאַט.

דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך דערפֿרייט. ער האָט מיט פֿאַרגעניגן געזאָגט:

— איר זייט זייער אַ פֿיין מיידל, יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ! ווען איר וואָלט וויסן, וויפֿל איר גיט מיר!

איוואַן אילאיטש האָט, אַ באַטריבטער, געקוקט אויף קאַטיען.

— דו... דו מיינסט דאָס מיט אַן אמת, אַז דו וועסט גיין?

— דורכאויס!...

טיף אין איוואַן אילאיטשעס אויגן האָט אַ פֿינקל געטאָן דאָס זעלבע טונקעלע, אומברחמנותדיק־שטרענגע פֿייער, מיט וועלכן זיי פֿלעגן זיך אָנצינדן, בשעת מען האָט דערמאָנט ווערעס נאָמען. ער האָט זיך איינגעהאָרבעט און, שלעפּנדיק די פֿיס, איז ער אַוועק צו זיך אין שלאָפֿצימער.

* * *

דער באַפֿעל, אונטערגעשריבן פֿון קאָמענדאַנט כודאַי, האָט מודיע געווען, אַז, מחמת דעם קריגס־צושטאַנד, טאָרן די בירגער ניט אַרויסגיין נאָך ניין אַ זייגער אינאָוונט. דער ישובֿ איז אָפּגעשטאָרבן. מען האָט אין ערגעץ ניט געזען קיין פֿייער. שטיל האָט איבער דעם באַרג געבלינצלט דער העלער ווענוס, די כוואַליעס האָבן קוים זיך אָנגעקלאַפּט אָן דעם ברעג. פֿון דאָרף האָט זיך געהערט אַ שיכורער געזאַנג.

ס'איז געווען שפּעט ביינאַכט. ביי אַגאַפּאָוון אין דאַטשע זיינען אַלע געשלאָפֿן מיט אַ וואַכן, אומרואיקן שלאָף. אין דער טיר פֿון דער טעראַסע האָט עמיצער פֿאָרזיכטיק אָנגעקלאַפּט. נאָכדעם נאָך אַמאָל. אַגאַפּאָוו האָט מיט טרייסלענדיקע הענט פֿאַרשפּילעט דעם כאַלאַט, צוגעגאַנגען צו דער טיר און מיט אַ הייזעריק קול געפֿרעגט:

— ווער איז דאָרט?

די שטים פֿון זייער קעכין, — די קיך איז געווען אין אַ באַזונדער געביי, — האָט געענטפֿערט:

— דאָס בין איך, באַרין. דער פּאָסטאַליאָן האָט געבראַכט אַ טעלעגראַמע.

אַגאַפּאָוו האָט אויפֿגעעפֿנט. אָפּשטופּנדיק די דינסט, זיינען אין טיר שנעל אַריין דריי סאָלדאַטן מיט ביקסן. איינער, אַ הויכער, האָט געפֿרעגט:

— דו ביסט דאָס דער סוחר אַגאַפּאָוו?

— איך.

די פּיס האָבן אַ טופּע געטאָן, .דריי ביקסן האָבן זיך שנעל אַ וואָרף געטאָן און זיך אָנגעשטעלט קעגן זיין ברוסט. דאָס ליכט אין אַגאַפּאָווס האַנט האָט אָנגעהויבן שפּרינגען.

— וואַרט... חברים! וואָס ווילט איר?

— מען האָט אויף דיר אַרויפֿגעלייגט אַ קאָנטריבוציע. פֿינף טויזנט רובל.

אַגאַפּאָוו האָט מילד אַ שמייכל געטאָן.

— אַ קאָנטריבוציע? זייער פֿיין! אַז מען האָט אַרויפֿגעלייגט, וואָס־זשע, אַדרבה? איך האָב גאָרניט קעגן דעם... איך וועל אייך באַלד ברענגען.

ער איז שנעל אַריין אין דער רעכטער טיר. די בלייכע דינסט האָט שווער געאָטעמט. די סאָלדאַטן האָבן געקוקט אויף דעם גלאַנצנדיקן פּאַרקעט, אויף דעם גרויסן שוואַרצן קלאַוויר. דער הויכער איז צוגעגאַנגען צו דער לינקער טיר און זי געעפֿנט, די איבעריקע צוויי זיינען אים נאָכגעגאַנגען. אויף דעם באַלקאָן איז געהאַנגען אַ רויזער לאַמטערן. אַ מיידל, מיט נאַקעטע הענט און פּלייצעס, איז באַלד געזעסן אויף דעם בעט און זיך דערשראָקן צוגעהערט.

זי האָט אַ געשריי געטאָן און זיך פֿאַרדעקט מיט דער קאָלדרע.
פֿון דער פֿינסטער האָט אַ פּרויען-קול פֿון צווייטן צימער געפֿרעגט:

— וואָס איז דאָרט, אַסיאַ?

— וואָס ווילט איר? — האָט אַסיאַ געפֿרעגט.

די סאָלדאַטן האָבן ניט געענטפֿערט און זיינען געשטאַנען אינמיטן צימער און מיט אַ זשעדנע נייגעריקייט באַטראַכט דאָס ווייסע זיידנס אויף די קאַנאַפּעס, בעקלינס בילדער אויף די ווענט, די שפּיצן פֿון די גרויסע קישנס אַרום דעם שוואַרצהאָריקן מיידלשן קעפּל. זיי האָבן אין זיך אַריינגעאָטעמט די רויזע טונקלקייט, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט אַ צאַרטן אַראָמאַט.

אין דער טיר האָט זיך דערהערט אַאַגפֿאָוס צאַרטער מורמלען:

— חבֿרים, אָט איז דאָס געלט. ביטע, קומט אין זאַל אַריין. באַאומרואיקט זיך ניט, איר האָט דאָ ניט וואָס צו טאָן.

פֿון הינטער זיינע פּלייצעס האָט אַרויסגעקוקט זיין פֿרוי, אַ בלייכע, אין אַ נאַכט-קאַפּטל.

דער הויכער האָט קורץ געזאָגט:

— מ׳דאַרף מאַכן אַ רעוויזיע.

— וואָס-זשע זוכט איר?

דער סאָלדאַט האָט אַ קלער געטאָן:

— געווער.

ער איז צוגעגאַנגען צום טואַלעט און אָנגעהויבן אַרויסרוקן די שופֿלאָדן. ער האָט געפֿונען צוויי פּוטלאַרן מיט פֿינגערלעך און אַראָפּגעלאָזט די פֿינגערלעך אין קעשענע. דער ווענעציאַנער שפּיגל פֿון טואַלעט האָט מיט אַן אומגעוויינלעכער דייטלעכקייט אָפּגעשפּיגלט זיין געזיכט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און צורעכט געמאַכט זיינע שוואַרצע וואָנסעלעך און דער צווייטער סאָלדאַט, נאָך גאָר אַ יונגער, האָט אויך אַריינגעקוקט אין שפּיגל. אַגאַפּאָוו האָט אים מיט פֿאַרוואונדערונג גלייך דערקענט. דאָס איז געווען מישקע, גלויבאַר דעם מולערס זון. אין דעם דריטן האָט ער דער-קענט, — דעם פּרישטשעוואַטן, מיט דעם פֿאַרבלאָזענעם געזיכט: אויך אַ דאָרפֿישער, לעווטשענקאָ.

גלוכאַר האָט גענומען פֿון דעם שאַפֿקעלע, לעבן בעט, אַ גאָלדן זייגערל.

— אָט איז נאָך, באָרקאַ.

דער הויכער איז צוגעגאַנגען, ער האָט באַטראַכט דאָס מיידל, וואָס איז אין איין שרעק געלעגן איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע.

— וואָס האָסטו אויף דער האַנט? באַווייז.

אַסיאַ האָט מיט שרעק אויסגעשטרעקט איר נאַקעטע האַנט מיט אַ גלאַטן גאָלדענעם בראַסלעט.

— נעם אַראָפּ!

זי האָט אים אַראָפּגענומען און דערלאַנגט.

— קריך אַראָפּ פֿון דעם בעט. מ'דאַרף דאָ אַ קוק טאָן. אפֿשר ליגט געווער אונטער דעם טופֿיאַק.

דאָס מיידל האָט זיך פֿאַרלוירן אויפֿגעהויבן, איינהילנדיק זיך אין דער קאָלדרע.

— נו, נו, קריך אַראָפּ!

ער האָט אַראָפּגעשלעפּט די קאָלדרע. אַזוי ווי אין אַ הייסן חלום, האָט אין די אויגן אויסגעזען די רויזע שמעקעדיקע טונקל־קייט, און די ווייסע מיידלשע פֿליִיצעס, און דער באַטיסטן פֿון דעם העמד, גלאַט אָפּגעצויגן ביי די בולטע טיילן פֿון קערפּער. כ'האָט זיך געדרייט דער קאָפּ פֿון דעם זיסן געפֿיל פֿון מאַכט און עובֿר זיין אויפֿן פֿאַרבאָט, און פֿון דעם אויסגעטרונקענעם וויין, און פֿון דער מיידלשער נאַקעטקייט. פֿון דעם אַנדערן צי־מער איז אַרויסגעגאַנגען מאַיאַ, זי האָט באַוויזן זיך ווי ניט איז אָנגעטאָן. ביידע מיידלעך זיינען געזעסן אויף דער קאַנאַפּע, דער־שראָקענע און וואונדערשיינע. די סאָלדאַטן האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זייערע בעטן די ווייסע ליילעכער און איבערבעטן, וואָס זיינען געווען פֿול מיט וואַרעמקייט פֿון די יונגע קערפּערס, זיי האָבן גענישטערט אין די קאָמאָדן און שאַפֿעס.

נאָכדעם זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען אין זאַל. דער הויכער האָט געזאָגט:

— ביז אינדערפֿרי זאָל קיינער ניט אַרויסגיין, און וועגן אַלץ

שווייגן. אויב איר וועט עמיצן דערציילן, וועלן מיר קומען נאָך אַמאָל און אַלעמען צעשיסן.

זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען, אָפן לאָזנדיק די טיר פון דער מערבֿ. אַגאַפאָו האָט פאַרמאַכט די טיר. אויפגערעגטע, זיינען נאָך אַלע לאַנג געזעסן ביי אַסיען אין צימער און גערעדט וועגן געשעענעם. די קעכין האָט דערציילט, ווי די סאָלדאַטן האָבן אויף איר אָנגעשטעלט די ביקסן און איר געצוואונגען זאָגן וועגן דער טעלעגראַמע. אויף דער פאָדלאָגע האָבן זיך געוואַלגערט די ווייסע ליילעכער מיט סימנים פון שמוציקע שטיוול, וואָס האָבן זיי געטראָטן. דער איידעלער אַראָמאַט פון פאַרפום איז געווען געמישט מיט דעם ריח פון אַלטן שוויס און בראַנפן. ס'האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, אַז אַלע זיינען דיך צעגאַנגען און זיך געלייגט שלאָפן.

אין דער טיר פון דער טעראַסע האָט זיך ווידער דערהערט אַ קלאַפ, — דאָס מאָל שוין אַ שטאַרקער און אַ מעכטיקער. און שלאָפ־צימער פון די מיידלעך האָט אַ שטים מיט פאַרצווייפלונג געזאָגט:

— גאָט, ווען וועט שוין זיין דער סוף!

ס'זיינען אַריינגעקומען סאָלדאַטן מיט ביקסן און פאָראויס — דער קאָמאַנדיר מיט אַ רעוואָלווער ביים פאַס.

— געוועך האָט איר? בינאָקלען, וועלאָסיפעדן? מיליטערישע אַמוניציע?

אַגאַפאָו האָט בלייך און מילד געשמייכלט.

— דאָס האָבן מיר ניט, חבֿרים, און גאָלד, וואָסערס מיר האָבן געהאַט, און די אַרויפגעלייגטע קאָנטריבוציע האָבן שוין אייערע היינט ביינאַכט גענומען.

דער קאָמאַנדיר, מיט אַ גרויע פאַסמע אין די טונקעלע האָר, האָט פאַרוואונדערט אויפגעהויבן די ברעמען:

— אונזערע? וואָס פאַר אַ קאָנטריבוציע?

— איך ווייס ניט. זיי האָבן אויפגעמאָנט פינף טויזנט.

דער קאָמאַנדיר האָט פאַרביסן די ליפּ.

— איך וועל באַלד הייסן אויסשטעלן פאַר אייך אונזער גאַנצע אָפּטיילונג. ווייזט אָן, ווער דאָס האָט געטאָן.

— צי דאָס איז פֿון אײַער אָפּטײלונג, ווייס איך ניט. סאָלדאַטן, אָבער היגע, פֿון דאָרף.

— ווער זיינען זיי?

— אַנטשולדיקט, איך האָב זיי געגעבן דאָס וואָרט זיי ניט אָנרופֿן ביי די נעמען.

— אַלצאיינס, איר וועט זאָגן ווער זיי זיינען.

— קיין שום פּרעטענזיעס צו זיי האָב איך ניט.

— איך פֿרעג דאָס ביי אײַך ניט. זייט אַזוי גוט און רופֿט אָן, ווער זיינען זיי.

אַגאַפּאָוו האָט מיט זאָרג אַ שמייכל געטאָן און צעפּירט די דענט.

— איך קאָן דאָס ניט!

— חבֿרים שניידט אָן אין כאָה עטלעכע ריטער און טוט אים אויס דעם פּידזשאַק. מיר וועלן אײַך שמייסן, ביז איר וועט ניט אָנרופֿן די נעמען.

— נו, דאָס איז אי-איבעריק!... אויב אַזוי, איז, געווים... גלובאַר מיכאַילאָ, דעם מולערס זון, און לעוטשענקאָ איגנאַט, ער איז ניט לאַנג צוריקגעקומען פֿון דער עסטרייכישער געפֿאַנגענשאַפֿט. דעם דריטן קאָן איך ניט, ניט קיין היגער, אַ הויכער, מיט שוואַרצע וואָנצעלעך, די חבֿרים האָבן אים גערופֿן באָרקע.

— גוט. מיר וועלן ביי זיי באַלד מאַכן אַ הויזזוכונג. צוועלף אַ זייגער קומט אין רעווקאָם אַריין.

און זיינען אַוועקגעגאַנגען, ניט מאַכנדיק קיין הויזזוכונג.

* * *

קאַטיע איז אויפֿגעשטאַנען מיט דער זון. זי האָט אַרויסגעלאָזט און אָנגעקאָרמעט די הינער. דער טוי האָט געגלאַנצט אויף דעם גראָז און אויף די בלעטער. איבער דעם פֿאַרנעפּלטן שפּיגל פֿון ים זיינען אונטער דער זון געלאָפֿן און זיך געטוקט רויט-גאָלדיקע שלענגעלעך. איבער דעם שיפֿוע פֿון קאַראַ-אַגאַטש האָבן זיך גע-

קנוילט וואָלקנס, אָבער זיין שאַרפֿער שפּיץ האָט זיך האַרט געטונקלט איבער דעם רויזן נעפּל.

שוין לאַנג, אַז קאַטיע איז אַזוי שטאַרק און אַזוי געשמאַק ניט געשלאָפֿן, ווי אין אָט דער נאַכט. דער שווערער שטיין, וואָס איז אין משך פֿון לאַנגע חדשים אומבאַוואוסט געלעגן און געפּרעסט איר נשמה, האָט זיך נעכטן מיטאַמאָל אַראָפּגעוואַלגערט, און די נשמה, אַ צעקוועטשטע, אַ פֿאַרלעגענע, — האָט זיך מיט פֿאַרגעניגן אויסגעגלייכט, וואונדערנדיק זיך און ניט גלייבנדיק אין דער פֿרייהייט. די ברוסט האָט זשעדנע געאָטעמט מיט דער שטאַרקער ים־לופֿט, די זון האָט געזונגען און געקלונגען אין דער נשמה. מיט קאַטיען פֿלעגט דאָס אָפֿט טרעפֿן: פּלוצים זיינען די אויגן אַזוי ווי גאָר אַנדערע געוואָרן, דאָס געוויינלעכע איז פֿאַר זיי געוואָרן, אַזוי ווי עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געשאַפֿן. זי איז אומבאַוועגלעך געשטאַנען אינמיטן סאָד און פֿאַרגליווערט געקוקט.

פּאַמעלעכן איז אויף דעם גראָז, לעבן ברונעם, אַרומגעגאַנגען, אַ הידושימלעכער גרויסער פֿויגל מיט אַ פֿייער־רויטן האַלדז, מיט אַ פּרעכטיקן עק, וואָס האָט געשפּילט מיט אַ גרינלעכער שוואַרצקייט... אַ האָן? דאָס איז — אַ „פּשוטער" האָן? מיליאָנען יאָרן, אין פּיין, האָרעוואַניע און געראַנגל, האָט זיך פֿון דער קדמונדיקער גליטשיקייט געשאַפֿן אָט די בלאַנקענדיקע שענקייט, — און אָט שפּאַנט איבער דעם גראָז אַ געוויינלעכער האָן, און קיינער פֿילט ניט, וויפֿל ער האָט דאָס אָפּגעקאָסט דעם לעבן און ס'אַר אַ וואונדערלעכער, אומגעוויינלעכער ער איז... פֿון דער ערד איז אַרויסגעקראָכן עפּעס אַ בויגעוודיקס, אַ העל־גרינס, אַ לעבעדיקס, און לייכט אויף דער זון מיט די קוסטעס באַרבאַריס. און אין דעם טויזנט־דורותדיקן אויגנבליק און מיט גוזמאדיקע אָנשטרענגונגען האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן איינער מיט דעם אַנדערן די טויטע טיילעכלעך, — און פֿריילעך לויפֿט איבער דעם שאָסע דאָס לעבן, וואָס האָט זיך אָנערקענט, דאָס לעבן, וואָס האָט פֿאַרגעסן אָט די גוואַלדיקע פּיין און ליידן, וואָס עס האָט באַצאָלט דעם מזל. ס'לאַכט דאָס שוואַרצלעכע פּנימל, די דינע פֿיגור וויגט זיך, ס'וויגן זיך אויף דעם שטאַנג די עמער, און בלאַנקענדיקע טראָפּנס פֿאַלן פֿון זיי אויף דעם וועג.

דאָס טירל האָט אויסגעצויגן אַ סקריפּ געטאָן. פֿון שאָטע זײַנען אין סאָד אַרײַנגעגאַנגען צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן, מיט רויטע בענדער אויף דעם אַרבל. קאַטיע האָט פֿרײַלעך געפֿרעגט:

— וואָס דאַרפֿט איר, מײַנע הערן?

— איר האָט געווער?

— ניין.

די סאָלדאַטן האָבן זיך געלאָזט גיין צום הויז. ניט אָנקלאַפּנדיק, זײַנען זיי אַרײַנגעגאַנגען אין קיך. איוואַן איליאיטש האָט זיך געוואַשן בײַם האַנטפֿאַס, און אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט געפּרעגלט קאַשע אין אַ פֿענדל. אַז די סאָלדאַטן זײַנען אַרײַנגעקומען מיט קאַטיען, האָט איוואַן איליאיטש אויסגעדרייט צו זיי זײַן געזיכט מיט דער נאַסער באָרד, אַננאַ איוואַנאָוונאַ איז געוואָרן בלאַס. איוואַן איליאיטש האָט געפֿרעגט:

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, בירגער?

קוקנדיק פֿײַנטלעך, האָט איינער פֿון די סאָלדאַטן, מיט ווײַסע ברעמען און וואָנסעלעך אויף דעם אָפּגעברענטן געזיכט, געזאָגט:

— מיר זײַנען געקומען מאַכן אַ רעוויזיע. געווער האָט איר? אויב איר האָט בינאָקלען, וועלאָסיפּעדן, אַמוניציע, — דאַרפֿט איר דאָס אָפּגעבן.

איוואַן איליאיטש האָט מיט פֿאַראַכטונג אַ קוק געטאָן אויף זיי:

— זוכט.

און זיך גענומען ווישן מיט דעם האַנטוך.

די סאָלדאַטן האָבן ניט זיכער גענומען באַטראַכטן די פֿאַר־רייכערטע קיך, אַרײַנגעקוקט אין קאַטיעס אָרעם קעמערל, נאָכ־דעם זײַנען זיי אַוועק אין שלאָפֿצימער. ס'איז געווען שמוציק, אָרעם. דער מיט די ווײַסע וואָנסעלעך האָט לפֿנים וועגן אויפֿגעהויבן דעם ברעג פֿון טופֿיאַק פֿון ניט פֿאַרבעטן בעט.

— נו, וואָס־זשע! ס'איז גאָר נישטאָ, — האָט ער געזאָגט צו זײַן חבֿר.

קאַטיע האָט זיך צעלאַכט. ס'איז איר ליב געווען זייערע פֿאַרשעמטע פּנימער און זייער ניט־זיכערקייט.

— אַזוי זוכט מען דען? אַזוי וועט איר גאָרנישט געפֿינען! בײַ אונז אונטער דעם טופּיאַק ליגן דאָך באַהאַלטן דרײַ קילאָ־וואַרפֿער.

— ס׳הייבט זיך ניט אָן!... מ׳זעט גלײַך, אַז ס׳איז גאָר ניטאָ.

זיי זײַנען צוריק אַרויסגעגאַנגען אין קיך אַרײַן. קאַטיע האָט געזאָגט:

— זעצט זיך, מיר וועלן טרינקען טיי.

די סאָלדאַטן האָבן זיך פֿאַרוואונדערט, זיך איבערגעקוקט, און מיט אַ פֿאַרשעמטן שמייכל געענטפֿערט:

— נו, אַ דאַנק, מיר האָבן נאָך הײַנט גאָרניט געטרונקען און געגעסן.

זיי האָבן אַוועקגעשטעלט זייערע ביקסן אין ווינקל.

זיי האָבן געטרונקען פֿון די קווערטלעך דעם הייסן סעניץ פֿון ווילדע רויזן, פֿאַרביסן מיט ברויט. קאַטיע האָט זיי זשעדנע איבערגעפֿרעגט. דער מיט די ווײַסע וואָנסעס האָט מיט אַ גלאַנציקן שמייכל אויף דעם אָפּגעבריענטן געזיכט, דערציילט:

— מיר האָבן אָרגאַניזירט אונזער פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונג, געשוואוירן אומבאַרמהאַרציק צו קעמפֿן און האַלטן אַן אײַזערנע דיסציפּלין. אַ קאָמאַנדיר האָבן מיר אַ זעלטענעם, דער חבֿר פּעדראָ. אַ באַוואוסטזיניקער מענטש. אַלע אומוויסנדיקע גיט ער צו פֿאַרשטיין.

— און ווער זײַט איר אַליין?

— מיר זײַנען אַרבעטער, פֿון שטאָט.

— פֿאַרוואָס־זשע זײַט איר אַזוי אָפּגעברענט?

— מיר זײַנען שוין אַ גאַנצן חודש אין די בערג, — אויפֿן ווינט, אויף דער זון. מיר זײַנען אַוועק פֿון די קאַרעטן, זיך אָר־גאַניזירט, אָנצוהייבן בײַ זיי אין טיל אַ פּאַרטיזאַנישע מלחמה, און דערווײַל זײַנען אונזערע אָנגעקומען פֿון פּערעקאָפּ.

— איר אַליין זײַט, הייסט דאָס, אויך באָלשעוויקעס?

ער האָט מיט פֿאַרוואונדערונג אַ קוק געטאָן אויף קאַטיען.

— נו, אַוודאי!

איוואַן איליטש האָט געפֿרעגט:

— און וואָס איז דאָס אַזוינס באָלשעוויזם?

דער סאָלדאַט האָט מיט גרייטקייט אָנגעהויבן ערקלערן:

— באָלשעוויזם, דאָס איז פֿאַר דער מאַכט פֿון דעם אַרבעטער. אַז די גאַנצע מאַכט זאָל זיין ביי די אַרבעטער און פּויערים. איינפֿירן אַ גערעכטע אַרבעטנדיקע אָרדענונג.

— און די פּויערים זאָלן אויך האָבן די מאַכט? איז פֿאַרוואָס־זשע זייט איר קעגן דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג? פּויערים און אַרבעטער זיינען אין רוסלאַנד פֿאַרהאַן אַ ים, און בורזשואַזיע — אַ הייפֿעלע. וואָס וואָלט עמיצן געשאַט, ווען אין דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג זאָלן זיין אַ צענדליק פֿאָרשטייער פֿון דער בורזשואַזיע? און דער־וויל וואָלטן אַלע געזען, אַז דאָס איז דער ווילן פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק, און יעדערער וואָלט פֿאַר דעם דרך־ארץ געהאַט.

דער סאָלדאַט האָט אַ שמייכל געטאָן:

— איך וועל דאָס אייך באַלד ערקלערן גאַנץ פּולבאַרעכטיקט. דער פּויער — איז אַ פֿינסטערער, יעדער פּאָפּ און יעדער בעל־גוף קאָן אים פֿאַרדולן. און מיר, דער אַרבעטער־קלאַס, ווילן ניט דער־לאָזן מ׳זאָל אים קריוודען, מיר ווילן ניט לאָזן — מ׳זאָל אים אָפּ־נאַרן.

— אומזיסט מיינט איר, אַז אונזער פּויער איז אַזאַ נאַר. און אומזיסט מיינט איר, אַז ער האָט ניט זיינע אייגענע אינטערעסן, וואָס שיידן זיך שטאַרק אָפּ פֿון די אינטערעסן פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס...

— וואַניאַ! — האָט אַננאַ איוואַנאָווּנאַ אַ רוף געטאָן פֿון שלאָפֿ־צימער.

איוואַן איליטש איז צו איר אַריינגעגאַנגען. אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך אויף אים אַרויפֿגעוואָרפֿן.

— וואַניאַ, — האָט זי געשעפּטשעט, — וואָס טוסטו? זיי וועלן דיך אַרעסטירן, — און דאָרט וועט מען געוואָר ווערן, אַז דו ביסט אַנטלאָפֿן פֿון רוסלאַנד. ס׳איז אַ היציקער דו ביסט!

— ע, טיי־וו־וול! — איוואַן איליטש האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך געלייגט אין בעט.

דער סאָלדאַט האָט מיט נייגעריקייט געפֿרעגט קאַטיען:

— און פֿאַר וועמען זייט איר?

— איך בין פֿאַר דעם סאָציאַליזם, פֿאַר דעם אויסראָטן די עקספּלואַטאַציע פֿון קאַפּיטאַל איבער די אַרבעטער. איך גלויב אָבער ניט, אַז אין דעם מאָמענט קאָנען די אַרבעטער אין רוסלאַנד נעמען די מאַכט אין זייערע הענט. זיי זיינען צו דעם נאָך להלוטין ניט צוגעגרייט, און רוסלאַנד אַליין איז נאָך אויך ניט גרייט צום סאָציאַליזם. מאַרקס האָט דערוויזן, אַז דער סאָציאַליזם איז מעגלעך בלויז אין דעם לאַנד, וואָס פֿאַרמאָגט אַן אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע גרויס-אינדוסטריע.

די סאָלדאַטן האָבן פֿאַרוואונדערט געקוקט אויף איר, און זייערע פּנימער זיינען געוואָרן פֿאַרזיכטיקער. און קאַטיע אַליין האָט איך וואָס ווייטער, אַלץ מער געפֿילט, אַז פֿאַר זיי איז איצט, אין דעם מאָמענט, דאָס אַלץ, וואָס דרינגט אַרויס פֿון אירע ווערטער, אַ סך מער טויטער, איידער יענער סאָציאַליזם, וועגן וועלכן זי האָט גערעדט.

דער מיט די ווייסע וואָנסן האָט אויפֿגעהויבן זיינע ברעמען, אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— איר זאָגט, אַז איר זייט פֿאַר די אַרבעטער, איז וואָס-זשע דאַרפֿן מיר איצט טאָן? מיר האָבן, הייסט דאָס, די מאַכט גענומען, — דאַרפֿן מיר זי אָפּגעבן צוריק דער בורזשואַזיע, כּדי זי זאָל אַנטוויקלען אָט די אינדוסטריע?

— צי איר וועט אָפּגעבן, צי ניט אָפּגעבן, סיי-ווי-כּיי, וועט זי די מאַכט צונעמען. אָדער רוסלאַנד וועט אינגאַנצן צעפֿאַלן.

דער אַנדערער רויטער אַרמייער — אַ געלב-בלאַסער מיט אַ שוואַרץ בערדל, — האָט שאַרף געפֿרעגט:

— און זאָגט מיר, — אָט די דאַטשע איז אייערע — אַן אייגענע?

— נו... נו, יאָ, אונזערע אַן אייגענע! אָבער וואָס איז פֿון דעם?

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, גענומען פֿון ווינקל דעם ביקס און מיט ביטול געענטפֿערט:

— גאָרניט... אַ דאַנק פֿאַר כּיבוד.

זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון קוך. קאַטיע האָט זיי באַגלייט ביז צו דעם טירל. דער מיט דעם שוואַרצן בערדל האָט געזאָגט:

— אָט, ברודער אַליאָכֿע, אָט־וואָס עס הייסט, האַ? קום, וועלן מיר גיין אין שטאָט, אָפּזוכן די בורזשואַזיע, — קאָן זײַן, אַז זיי זײַנען נאָך דאָ. מיר וועלן זיי אָפּגעבן אונזערע ביקסן, — מיר זײַנען, הייסט דאָס, שולדיק, אײַער עקסעלענץ, נאַט אײַך, באַקומט די מאַכט צוריק!

קאַטיע האָט זיך פֿריילעך צעלאַכט:

— און דאָך, — דאָך בין איך זייער צופֿרידן, חבֿרים, וואָס איך האָב אײַך געזען. איר זייט, ווירקלעך, חבֿרים, אײַך קאָן איך אַזוי רופֿן... און אַנדערע — דאָס זײַנען כוליגאַנעס, רויבער, זיי האָבן זיך באַהאַנגען און באַקלאַנגען מיט גאָלדענע קייטעלעך, בריליאַנטן אויף די פֿינגער, ביים פֿויער אין וואַגאָן נעמען זיי צו דאָס לעצטע זעקל מעל, און אַלע — „חבֿרים“.

איבער דעם שאָסע איז דורכגעגאַנגען אַ רויטער אַרמייער מיט אַ ביקס. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— גרישקאַ! אַליאָשקאַ! צוועלף אַ זייגער קומט אין רעווקאָם! באַנדיטן משפּטן.

* *
*

קאַטיע איז צוועלף אַ זייגער אויך אַהין געגאַנגען.

אויף דעם פּלאַץ, פֿאַר דער דאָרף־פֿאַרוואַלטונג, איז געשטאַנען אויסגעשטעלט די אָפּטיילונג פֿון רויטע אַרמייער מיט די ביקסן, כ'האָבן זיך פֿאַרזאַמלט באַלגאַרן אין שוואַרצן אָנגעטאָן, דאַטשניקעס. דער אויפֿגערעגטער טימאָפֿיי גלוכאַר, דער מולער, איז אַלעמאָל אַרײַנגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען פֿון רעווקאָם. צווישן עולם האָט קאַטיע באַמערקט דאָס בלייכע פּנים פֿון דער דיקער, פֿלייש־יקער, פֿון גלוכאַרס פֿרוי, דאָס רויטע געזיכט פֿון איר טאָכטער איליאַשע. די זון האָט געבאַקן, דער ווינט האָט געפֿאָכט מיט דער רויטער פֿאָן איבער דעם גאַניק, געטריבן איבער דעם פּלאַץ שטיקלעך פּאַפּיר און שטרוי.

פֿון דעם רעווקאָם האָט מען אַרויסגעפֿירט אונטער אַ שמירה מישקע גלוזבאַרן און לעווטשענקאָן, מיט פֿאַרוואונדערטע, דערשראָקענע אויגן. גלייך נאָך זיי איז מיט זיכערע טריט אַרויסגעגאַנגען דער קאָמאַנדיר פֿון דער אָפּטיילונג, אין גלאַנצנדיקע, לאַקירענע שטיוול און אין אַ אָפֿיצערישן פֿרענטש. קאַטיע האָט מיט איבערראַשונג אין אים דערקענט לעאָנידן. מיט אים אינאיינעם איז אַרויסגעגאַנגען אַפֿאַנאַסי כאַנאָוו, דער פֿאָרזיצער פֿון ציטווייליקן רעווקאָם, און נאָך איין באָלגאַר, אַ הויכער אַ ברייטביינערדיקער, אַ מיטגליד פֿון רעווקאָם.

לעאָניד האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם געלענדער פֿון גאַניק און מיט אַ געוואוינטן-הויכן, ווייט-געהערטן קול אָנגעהויבן ריידן:

— חברים! מיט דער העראָאישער אָנשטרענגונג פֿון די אַרבעטער און פּויערים איז אין קרים אַראָפּגעוואָרפֿן די מאַכט פֿון די ווייסגוואַרדעאישע באַנדיטן. די גאָלדפּאָלעטנדיקע זונדלעך פֿון די פּריצים און פֿאַבריקאַנטן האָבן זיך פֿאַראייניקט אין דער אַזוי גערופֿענער, פֿרייווילוקער אַרמיי, כּדי צו דערשטיקן דאָס אַרבעטער-פֿאָלק און ביי דעם צוריק אָפּנעמען זייערע גיטער און פֿאַבריקן. די אַרבעטער-און-פּויערים רויטע-אַרמיי האָט הרובֿ געמאַכט די נעסט פֿון אָט די שלענג. די אַלע, וואָס האָבן געלעבט פֿון פֿרעמדער אַרבעט, וואָס האָבן געזויגן דאָס בלוט פֿון דעם אַרבעטנדיקן, האָבן ניט וואָס צו ערוואַרטן, אַז מיר וועלן זיך מיט זיי באַגיין מיט חסד. מיר וועלן זיי אַרויסיאָגן פֿון זייערע פּרעכטיקע פּאַלאַצן און ווילעס, אַרויפֿלייגן אויף זיי אַן אומדערבאַרעמדיקע קאָנטריבוציע, צונעמען ביי זיי די שפּייז-רעזערוון און קליידער, מיר וועלן זיי נויטן אָפּצוגעבן דאָס, וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט...

די ווערטער זיינען געווען אַלטע, אויסגעוועפּטע, אָבער פֿון דעם צאָרנדיקן גלאַנץ פֿון זיינע אויגן, פֿון די שטורעמדיקע אינטאָנאַציעס פֿון זיין שטים זיינען זיי געוואָרן באַלעבט און באַדייטנדיק. לעאָניד האָט ווייטער גערעדט:

— אָבער, חברים, דאָס הייסט ניט, אַז אונזער סאָציאַליסטישע ראַטן-רעפּובליק ערלויבט יעדן איינציקן צו רויבן איטלעכן בורזשוי, וועלכן ער באַגעגנט, און אָנפּאַקן די קעשענעס מיט זיין גוטס. דאָס

גאַנצע פאַרמעגן פון דער בורזשואַזיע געהערט דער רעפּובליק פון די אַרבעטנדיקע, געדענקט דאָס: בלויז זי וועט אָפּנעמען ביי זיי זייער גוטס, כדי דאָס על־פּי־יושר צעטיילן צווישן די אַרבעטנדיקע...
און דאָך האָבן היינט ביינאַכט דריי מענטשן, — צוויי פון זיי — אָט זיינען זיי, דער דריטער איז אַנטלאָפן, — נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך ערשט נעכטן פאַרנאַכט פאַרשריבן אין דער רויטער־אַרמיי, האָבן זיי שוין ביינאַכט געמאַכט אַן אָנפאַל אויף דעם דאַטשע־ישוב, אַרויפגעלייגט פון זייערטוועגן אַ קאָנטריבוציע אויף דעם בירגער אַגאַפאָוו, צוגערויבט ביי אים גאָלדענע זאַכן, וועש, אפילו דאַמען־העמדער. בשעת דער רעוויזיע האָבן מיר געפונען אָט־די זאַכן...
די סאָלדאַטן האָבן מיט אַ ברענענדיקער שנאה געהערט. און געווען איז דאָס אויך ניט פון די ווערטער, נאָר פון דער גרויזאַמער אויפגעבראַכטקייט, מיט וועלכער די ווערטער האָבן געברענט, פון דעם היפּנאָזירנדיקן געפיל פון אומדערהערטער עוולה, וואָס מען האָט אָפּגעטאָן.
— בירגער אַגאַפאָוו! דערציילט ווי איז דאָס געווען.
אַגאַפאָוו, אין אַ צעפלעטשטן ספּאָרטמעניש היטל אויף דעם קאָפּ, האָט זיך אין שולדיק געשמייכלט און דערציילט, ווי אַזוי מען האָט אים גערויבט, און זיך אַליין געמיט ווייכער צו מאַכן די פּרטים, און פאַרענדיקט, אַז ער האָט גאָרניט צו די באַשולדיקטע און בעט מען זאָל זיי שענקען.
לעאָניד האָט זיך געווענדט צו די באָלגאַרן:
— איר, חברים, האָט עפּעס קעגן דעם בירגער אַגאַפאָוו?
פון המון האָט מען ניט געהערט געענטפערט:
— וואָס זאָלן מיר האָבן... אַ דאַטשניק, ווי אַלע דאַטשניקעס.
לעאָניד האָט אַרויסגערופן די פּריילינס אַגאַפאָוו. אַסיע האָט מיט פלאַמענדיקע וואונדערשיינע אויגן פול מיט האַס, אָנגעוויזן אויף מישקען גלוכאַר:
— אָט דער האָט ביי מיר אויף דעם טיש גענומען דאָס גאָלדענע זייגערל.
אַגאַפאָוו האָט מיט צעשראָקענע, ברענענדיקע אויגן געמיט

איינהאַלטן די טאָכטער, נאָר זי האָט בכיוון ניט געקוקט אויף אים. פּלוצים האָט דער אַלטער גלוכאַר שאַרף אַ פרעג געטאָן:

— זאָג נאָר, וואו איז דיין ברודער?

אַסיאַ האָט זיך פאַרלאָרן:

— וואָס פאַר אַ ברודער?

— וואָס פאַר אַ:... ווייסט ניט? אַנו, דערמאָן זיך נאָר!

— מיר האָבן שוין אַ האַלב יאָר פון אים קיין שום ידיעה ניט געהאַט.

— אַזוי! האָסט ניט! נו, און איך האָב. ער איז ביי די קאַדעטן געווען אַן אָפיציר:

— דאָס וועלן מיר אויספאָרשן, — האָט לעאָניד בייז געזאָגט און זיך געווענדעט צו די אַרעסטירטע.

— וואָס וועט איר זאָגן?

די יונגען האָבן ביידע אין איין קול געענטפערט:

— מיר זיינען געווען שיכור, חבר-קאָמאַנדיר! מיר געדענקען גאָרניט. מיר האָבן געמיינט, אַז באָרקאַ מאַטווייעוו טוט דאָס, לויט אַ באַפעל.

לעאָניד האָט בייז אויף זיי אַ קוק געטאָן.

— איר האָט דאָס ניט געקאָנט מיינען. די אַלע, וואָס האָבן זיך נעכטן פאַרשריבן אין אונזער אָפּטיילונג, האָב איך נעכטן קלאָר געזאָגט, אַז מיר וועלן ניט דערלאָזן קיין שום גזילה-פאַלן... חברים! — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין אָפּטיילונג. — אונזער רויטע אַרבעטער און פּויערים אַרמיי — איז ניט קיין וויים-גוואַרדעאישער ערב-רב. אין איר איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר דעם באַנדיטיזם, מיר קעמפן פאַר דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע, און ניט צוליב אָנפּאַקן די קעשענעס מיט פיינינקע זאַכענישן. דיזאָזיקע לייט זיינען ערשט נעכטן אַריינגעטראָטן אין די רייען פון דער רויטער-אַרמיי און דער ערשטער שריט זייערער איז געווען גיין רויבן. מער שענדן די רויטע אַרמיי האָבן זיי ניט געקאָנט!

און אַזוי ווי אַ שטאָלענער בליץ האָט אַ שניט געטאָן די מיט זון אָנגעזאַפּטע לופט:

— ...איך לייג פאָר אַ שטראָף: שיסן!

די פֿאַרזאַמלטע האָבן אַ אויקן געטאָן. די אַרעסטירטע זיינען געוואָרן בלייך און זיך אָנגעהויבן טרייסלען. אַ שטילער קרעכץ האָט זיך דערהערט פֿון דעם רויש פֿון המון — גלוכאַרס פֿרוי איז אַ טויט־בלאַכע מיט פֿאַרמאַכטע אויגן געפֿאַלן אויף די הענט פֿון אירע שכנות.

לעאָניד האָט זיך געווענדעט צו זיין אָפּטיילונג:

— און אייער מיינונג, חברים?

— שיסן! — האָט זיך דערהערט איבער די רייען, און די שלעסער פֿון די ביקסן האָבן געקנאַלט.

דער המון פֿריערים האָט אויפֿגערעגט געהוידעט. ס'האָט זיך דערהערט אַ שטים:

— מ'דאַרף ניט שיסן. גענוג אָפּשמייסן...

— שמייסן! — האָט דער עולם אונטערגעכאַפּט.

לעאָניד האָט אַ ווילע געשוויגן.

— גוט! איך לייג פֿאַר פֿופֿציק שמיץ.

— צו פֿיל!

— נו, פֿינף און צוואַנציק. מער איז שוין ניטאָ וואָס צו ריידן... חברים, שניידט אָן ריטער!

אַגאַפֿאָו איז אַרויסגעטראָטן.

— איך בעט אַ וואָרט... איך וואָלט פֿאָרגעלייגט צוליב דעם הייליקן יום־טוב, זאָל מען זיי אינגאַנצן שענקען. זיי האָבן דאָס געטאָן, ווייל זיי זיינען אומבאַוואוסטזיניק, זיי האָבן איצט חרטה, און איך האָב צו זיי גאָרניט.

לעאָניד האָט אים שאַרף איבערגעשלאָגן:

— דער פּסק־דין איז שוין אַרויסגעטראָגן!

די רויטע אַרמייער זיינען געגאַנגען פֿון כאָד מיט אָנגעשניטענע ריטער. די יונגען האָבן מיט ציטערנדיקע הענט אַראָפּגעשלעפּט די העמדער איבער די קעפּ.

מיט אַ שוואַכן געפֿיל פֿון פֿאַראַכטונג און ניצחון האָט קאַטיע זיך אַלעמאָל אָפּגעקערט און זיך ווידער אומגעקוקט. ס'האָבן זיך געבלייכט די פּלייצעס, ס'האָבן זיך געהערט די קלאָגעדיקע זיפֿצן פֿון די יינגלעך. אוליאַשע האָט אויסגעצויגן דעם קאָפּ, זשעדנע און

פֿאַרוואונדערט געקוקט. קאַטיע איז מיט אַ נערוועזן געלעכטער צוגעגאַנגען צו איר.

— נו, וואָס, אוליאַשאַ, דער באָלשעוויזם, דאָס איז צו רײַבן די דאַטשעס?

אוליאַשע האָט פֿאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. קאַטיע האָט דורך שאָם־געפֿיל, דורך דעם פֿאַראַכטנדיקן ציטער אין איר נשמה, אָנגעקוואָלן פֿון נצחון, — אָנגעקוואָלן מיט אַ ברייטער פֿרייד פֿון באַפֿרייאונג פֿון די אַלטע גייסטיקע פֿאַרבאָטן, מיט דער פֿרייד פֿון אַרויסגיין אויף דעם וועג, וואָס עפֿנט זיך. און צווישן די שאָפּבאָקענע היטלען און שוואַרצע סוועטערס האָט זיך ווידער געזען די ווײַסע פֿלייצעס אין די רויטע פּאַסן, און אויפֿגעציטערט פֿון עקל, און זיך אָפּגעקערט.

הילכיק האָט אין דער שטילקייט אָפּגעקלונגען לעאָנידס קול:

— איצט וועט איר געשיקט ווערן אויף דעם פֿראָנט, אין דער פֿאָדערשטער ליניע, און דאָרט, אין די שלאַכטן פֿאַר דער אַרבעטער־זאַך, וועט איר אויסקויפֿן אײַער שולד. איך גלייב, אַז גאָר אינגיכן וועלן מיר אײַך ווידער קאָנען אָנרופֿן אונזערע חברים... און דעם דריטן וועלן מיר סיי־ווי־סיי אָפּזוכן: און אים וועלן מיר דערשיסן... חברים! — האָט ער זיך געווענדעט צו דעם עולם. — מיר גייען היינט אַוועק. די רויטע אַרמיי האָט אײַך באַפֿרייט פֿון דעם עולם פֿון אײַערע עקספּלואַטאַטאָרן, פּריצים און באַלעבאַטים. בויט־זשע דאָס נײַע האָרעפּאַשנע לעבן, אַ גערעכטס און אַ שיינס!

נאָכדעם איז אַרויסגעטראָטן אַפֿאַנאַסי כאַנאָזו. ער האָט גערעדט פֿאַרפּלאָנטערט, ניט געבונדן; נאָר זײַנע וואונדערשיינע אויגן האָבן געברענט מיט באַגײַסטערונג, און קאַטיע האָט אין זיי איבערגעלייענט דעמזעלבן גלאַנץ פֿון דער באַפֿרייאונגס־פֿרייד, וואָס האָט געפֿלאַקערט אין איר נשמה.

— חברים! איר האָט אָקאָרשט, הייסט דאָס, געהערט, וואָס עכ האָט אײַך ערקלערט חבר סעדאָי. און ער האָט גערעדט ריכטיק... איצט, פֿאַרשטייט איר, האָבן מיר אַן אַרבעטער־מאַכט און, געוויס, ראַטן פֿון אַרבעטנדיקע... הייסט דאָס, קלאָר, מיר דאַרפֿן זיך אָרגאַניזירן און, געוויס, בויען ריכטיק אונזער גרויסן ענין...

כ'זאָל בײַ אונז ניט זײַן, פֿאַרשטייט איר, קײן רײַכע עקספּלואַטאַטאָרן און קײן אָרעמעלײַט...

קאַטיע איז געגאַנגען אַהײם דורך דעם קירצסטן וועג, דורך דעם בערגל, וואָס האָט אָפּגעטײלט דאָס דאָרף פֿון דעם ישוב. פֿון דעם בערגל האָט זיך אױפֿגעדעקט די העל־בלויע בוכטע, די שײנע פֿאָרבערג זײַנען פֿאַרלאָפֿן ווײַט אין ים אַרײַן. די ווײַסע דאַטשעס זײַנען אַזוי ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן אין ערוואַרטונג פֿון דעם אָנקומענדיקן שטורעם. אַגאַפּאָווס עלעגאַנטע דאַטשע איז געשטאַנען פֿאַרשעמט, אַזוי ווי זי וואָלט אָנגעוואָרן איר זיכערע שענקייט. קאַטיע האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט:

איך וועל די טראַגעדיע פֿון לעבן פֿאַרוואַנדלען אין אַ חלום־פּאַרס.

די אונטערגעפּירטע אויגן, דער קלײנער קרעכטשיק און דער לילויער נעגער פֿון סאַן־פֿראַנציסקאָ. און דאָס ברוטאַלע, מוטנע־קאָכעדיקע נײַע לעבן, וואָס האָט מיט אַ געוואַלדיקער כוואַליע פֿון ווירקלעכע טראַגעדיעס פֿאַרשווענקט איבער אָט דעם שטילן, אַראָמאַט־צעפֿוילטן געמויזעכטס.

דער דיקער שיכט איז, וואָס האָט פֿאַרשמידט קאַטיעס נשמה, האָט געפּלאַצט, און אַ שטורעמדיקע קריע דאָט גענומען גײן, פֿול מיט פֿרײדעוודיקן גערויש און פֿרילינג־גליק פֿון זעלבסט־באַפֿרײַונג.

* *
*

אַרום צוויי אַזייגער זײַנען איבער דעם שאָסע אין אַן אויטאָמאָביל מיט אַ רויטער פֿאָן דורכגעפֿאָרן מאַטראָסן. און אַרום פֿיר אַ זייגער איז צו איזואַן אילאַיטשן געקומען דער דאָרינקער פּאָסטאַליאָן מיט דער איינגעפֿאַלענער ברוסט. ער האָט געטראָגן אַ רויטן באַנד און אַ גרויסע בערדאַנקע, און איבערגעגעבן דעם באַפֿעל פֿון דעם רעווקאָם צו קומען פּונקט פֿיר אַ זייגער אין דאָרף־פֿאַרוואַלטונג.

— נאָך וואָס?

— איך ווייס ניט. מען האָט באַפֿוילן, אַז אַלע מענער פֿון...—

ער האָט פֿאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן... — פֿון דער בורזשואַזיע זאָלן קומען, ווער ס'וועט ניט קומען — דעם וועט מען שיסן.

איוואַן איליאיטש האָט זיך צעלאַכט.

— אַזוי גאָר, איר וועט נעמען און מיך דערשיסן.

דער פּאָסטאַליאָן האָט שולדיק געשמייכלט.

— הייסט, אַז איר וועט קומען.

קאַטיע איז געגאַנגען אינאיינעם מיט דעם פֿאָטער. אין דאָרף-פֿאַרוואַלטונג האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַ סך דאַטשניקעס. זיי זיינען געזעסן אומבאַוועגלעך, מיט ברייט-צעעפֿנטע אויגן און זיך זעלטן איבערגעוואָרפֿן מיט אַ וואָרט. ס'זיינען דאָ געווען: דער מילד-שמייכלענדיקער אַגאַפּאָוו, און דער קליינער, אַזוי ווי פֿון באַלנס צונויפֿגעשטעלטער, בעל-אַכסניה בובליקאָוו. אין ווינקל איז געזעסן דער זיבעציקיאָריקער פֿאָטער וואָזדווידשענסקי, מיט אַ פֿינצטער געזיכט, און געאָטעמט שווער, מיט אַ כריפּ. אַפֿאַנאַסי כאַנאָוו איז געווען בלייך און אויפֿגערעגט, ער איז אַלעמאָל אַריינגעקומען אין צימער און באַלד צוריק אַרויס.

איוואַן איליאיטש האָט אים געפֿרעגט:

— וואָס האָט איר אונז אַהער צונויפֿגעטריבן?

— איך ווייס ניט. דער קאָמענדאַנט סיטשעוו האָט באַפֿוילן. ער וועט באַלד קומען פֿון עסקי-קערים.

ס'איז אַריינגעקומען דער אַרטיסט בעלאָזיאָראָוו מיט אַ פּרעכטיקן באַנט, מיט אַן אומבאַוועגלעך און פֿייערלעך געזיכט. אין די הענט האָט ער געהאַלטן פּאַפּיר און אַ בלייפֿעדער. מיט אים איז אַריינגעקומען דער סטודענט וואַסיאַ כאַנאָוו, אַפֿאַנאַסיס פּלימעניק, אַ שיינער יונג מיט שוואַרצע ברעמען.

בעלאָזיאָראָוו האָט זיך געזעצט ביי דעם טיש, וואָס איז געווען פֿאַרפֿלעקט מיט טינט.

— בירגער! איך בעט אייך איינציקווייז צוגיין צום טיש, איך דאַרף איבערשרייבן.

איוואַן איליאיטש האָט הויך געפֿרעגט:

— ערלויבט, מיט וועמען האָבן מיר דאָ דעם כּבֿוד?

אָט אַזוי ווי יענער וואָלט זײַנעם אַ זון געקוילעט. די אויגן ברענען בײַ אים אַזוי ווי בײַ אַ וואָלף, — שלעכטע, שאַרפֿע — און נעכטן האָט מיר דער גענעראַל דערציילט: בײַנאַכט קומט צו אים שוואַבריִן — און שלאָגט אים!... זאָגט אַליין: אַ קראַנקן, שלאָפֿן זקן!

קאַטיע האָט עגאָאיסטיש ניט געקענט פֿאַרטראָגן די גרילן פֿון לעבן, ווען מען האָט אויף זיי געקוקט מיט פֿאַרלייגטע הענט, און זיך אויפֿגערעגט ביז גאָר פֿון קראַפּטלייזן האַס. זי האָט גענומען אויפֿזוכן לעאָנידן, און אים געפֿונען. ער איז ערשט געקומען פֿון פֿראָנט. ער איז געווען שלעכט און מיד. ער האָט אויפֿגערעגט אויסגעהערט קאַטיען און גראָב געענטפֿערט:

— דיהאָזיקע פֿעלדשערין דײַנע וואָלט מען געדאַרפֿט אַרע-סטירן און אַרײַנזעצן אין טשעקאַ, זי זאָל ניט פֿאַרשפּרייטן אַזעלכע בלבולים. ס׳איז קלאָר — דער קראַנקער רעדט פֿון היץ.

קאַטיע האָט אָבער געזען, — אין דעם מידן בליק האָט אַ פֿינקל געטאָן אַ פֿאַרלוירענער יאוש, און זי האָט פֿאַרשטאַנען: פּשוט, זיי זײַנען ניט אימשטאַנד אײַנצוצוימען אָט דעם שטרוים פֿון רציחה און פּריצות, אין וועלכן ס׳האָט זיך געטראָגן דאָס לעבן, וואָס איז אַרויס פֿון די ברעגעס.

און אין אַ טאָג אַרום איז סאָראָקינאַ ווידער געקומען אינדערפֿרי און האָט אינגאַנצן געפּלאַטערט, די ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט דערציילט: בײַנאַכט איז זי אַרײַנגעגאַנגען אין פּאַלאַטע, וואו דער גענעראַל איז געלעגן, און האָט דערזען: ער ליגט אויף דער פּאָדלאָגע אַ טויטער, מיט אַ בלוי געזיכט און צעשפּרייטע הענט. זי איז אַוועקגעלאָפֿן צו דעם דאָקטאָר. זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען — דער בר-מינן ליגט אויף דעם בעט, די הענט צונויפֿגעלייגט אויף דעם האַרצן. אַ בלוי געזיכט מיט אַ צוגעביסענער צונג, טונקעלע פֿלעקן אויף דעם האַלז. שוואַברין איז אַרײַנגעקומען. די אויגן לויפֿן אַרום. דער דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרײַבן די באַשטעטיקונג וועגן טויט, ער זאָגט, אַז מ׳דאַרף אים פּאַלמעסן. און דער הויפּט-דאָקטאָר, דער פֿעלדשער: „צו וואָס דאַרף מען פּאַלמעסן, ס׳איז קלאָר. גיט, וועל איך אַליין אונטערשרײַבן“.

* * *

מען האָט ערקלערט אַ רעגיסטראַציע פון אָפיצירן. דער באַפעל האָט זיך געענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „דער, וואָס וועט זיך ניט פאַררעגיסטרירן צו אָט דעם טערמין, ווערט ערקלערט אויסערן געזעץ און וועט דערשאָסן ווערן אויף דעם אָרט“.

צו די מירימאַנאָווס איז געקומען זייער פלימעניק באָריס דאָלינסקי, — אָט יענער יונגערמאַן מיט די אונטערגעפירטע אויגן, וואָס האָט דעמאָלט געזונגען ביי די אַגאַפאָווס שיינע לידער וועגן אַנאַנאַסן און שאַמפּאַניער. מירימאַנאָוו האָט ברוגז געקוקט אויף זיין פאַרלוירן געזיכט מיט אויגן פון אַ יינגעלע, וואָס מען האָט געכאַפּט ביי עפּעס אַ שטיפעריי.

— וואָס־זשע, ברודערל, מען האָט דאָס געדאַרפט ערוואַרטן. האָסט ניט געוואָלט מלחמה האַלטן אינאיינעם מיט אונזערע, ניט געוואָלט מיט זיי אַוועקגיין, — איצט מוזטו דינען ביי די רויטע, אויב דיין געוויסן וועט דיר ערלויבן.

— בנאמנות, איך האָב דאָך אַ טובערקולאָז אין די לונגען. זיי וועלן מיך ניט צונעמען.

— דער פּראָצעס איז אַ נישטיקער, דו ווייסט דאָך אַליין. און באַפרייט האָט מען דיך דאָך נאָר אַדאַנק דער פּראָטעקציע פון גענעראַל זאָלאָראָוו.

באָריס האָט היסטעריש געוויינט.

— נו, וואָס־זשע... נו, און אייער ניקאָלאַי דינט דאָך אויך אין דער רויטער אַרמיי...

מירימאַנאָוו האָט אין כעס אַ פינקל געטאָן מיט די אויגן.

— ערשטנס, וויים איך דאָס ניט אויף געוויס. און צווייטנס, אויב ער איז טאַקע דאָרט, איז דאָס ניט כדי צו העלפן דעם ניצחון פון דער „אַרבעטער־און פּויערים־מאַכט“.

— די מאַמאַ זאָגט — איך זאָל זיך גיין רעגיסטרירן.

— געוויס, וואָס דען בלייבט דיר איצט צו טאָן. אין די בערג וועסטו דאָך ניט גיין.

* * *

קאַטיע איז נאָך דער אַרבעט געגאַנגען עסן אין דער ראַטן־גאָרקיך. די גאָרקיך איז געווען אין אונטערשטן שטאָק פֿון דעמזעלבן האָטעל „אַסטאָריאַ“, אין דעם געוועזענעם רעסטאָראַן. די טישלעך זיינען געווען אָן סערוועטן, אויף די ניט געוואַשענע שפּיגלפֿענצטער זיינען געשטאַנען די פֿאַרטריקנטע, פֿאַרשטויבטע פּאַלמעס. דער פּאַרקעט איז געווען פֿאַרשפּיגן און אָנגעוואָרפֿן מיט קאָרטלעך פֿון פּאַפּיראָסן. דאָס עסן האָט זיך יעדערער אַליין געבראַכט, שטעלנדיק זיך אין דער ריי.

ביי די טישלעך זיינען געזעסן מענטשן אין פּידזשאַקעס, אין העמדלעך, רויטע־אַרמייער, ראַטן־פֿריילינס. צווישן די טישלעך איז דורכגעגאַנגען אַ יונגערמאַן אין אַ לעדערנער קורטקע, מיט אַ רעוואָלווער אין אַ געלער קאָבורע. קאַטיע האָט אים שוין עטלעכע מאָל באַגעגנט און, ניט וויסנדיק פֿאַרוואָס, אים פֿיינט באַקומען תּכלית שׂנאה. ער איז געווען אַ ראַזירטער, מיט אַ גוואַלדיק־גרויסער אונטערשטער קינבאַק און אַן איינגעדריקטן שטערן, פֿון אונטער דעם שטערן זיינען אַרויסגעקראָכן אַ פּאָר קרומע אויגן, וואָס האָבן געקוקט בייז און גאווהדיק. קאַטיע האָט שנעל אָפּגעקערט פֿון אים די אויגן, — ער האָט ביי איר אַרויסגערופֿן אַ ניט־באַרעכנטע, עקלדיק־פֿינסטערע שרעק, אַזוי ווי אַ שלאַנג.

— חבֿרים, מ'קאָן זיך זעצן ביי אייער טישל?

— פּאָשאַלאָסטאַ!

דאָס זיינען געווען צוויי דייטשישע סאָלדאַטן, זייערע קאַסקעס מיט די שפּיצן זיינען געשטאַנען אויף דעם טיש. קאַטיע האָט זיך מיט איר טעלער זופּ געזעצט ביי זייער טישל. און באַלד האָט זי זשעדנע אָנגעהויבן אויף דייטש אויסצופֿרעגן די סאָלדאַטן, — ווער זיי זיינען, ווי קומען זיי אַהער, פֿאַרוואָס.

דער, וואָס האָט איר דער ערשטער געענטפֿערט, — אַ הויכער און געזונטער שיינער יונגערמאַן מיט פֿריילעכע אויגן, — האָט דערציילט: ער איז אַ ספּאַרטאַקאָוועץ, ער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך

דער דײַטשישער קאָמאַנדע פֿאַר אַנטימיליטאַריסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן מיליטער; עטלעכע מאָל האָט מען אים אונטערגעהאַנגען אויף אַ סלופּ, געשלאָגן. איידער די דײַטשן זײַנען אַוועק פֿון קרים, איז ער אַנטלאָפֿן פֿון דער תּפֿיסה.

דער דײַטש האָט זיך צעלאַכט און ליב אַ שטויס געטאָן דעם חבֿר מיט דעם עלנבויגן אין זײַט.

— אָט מיט דעם יונג (mit diesem Kerl)! ער איז געווען מײַן וועכטער. איך האָב אים אַראָפּגעפֿירט פֿון דרך־הישר: ער האָט פֿאַרחאַטן דעם קייזער, פֿאַרגעסן די פֿליכט פֿון אַ דײַטשישן קריגער.

זײַן חבֿר, מיט גרויסע געלע וואָנסן, האָט פֿאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן.

דער ערשטער האָט מיט פֿרייד דערציילט וועגן די רוסן: אין דער אַלוועלטלעכער געשיכטע איז ניט געווען אַזאַ פֿאַל, — דאָס ערשטע מאָל, ניט מיט פֿראַזן, נאָר מיט מעשׂים זײַנען מענטשן אַרויסגעטראָטן קעגן דער מלחמה, אַראָפּגעוואָרפֿן די בורזשויִ־לײַט, וועלכע האָבן געוואָרפֿן די אַרבעטנדיקע איינעם אויף דעם אַנדערן. און דעם קאַמף אין דער זײַט האָבן זיי פֿאַרביטן אויף דעם קאַמף מיט דעם אויבנאָן.

— און מיר? אַזוי ווי קינדער, האָבן מיר זיך געלאָזט פֿאַר־דולן דעם קאָפּ דורך אונזערע אָנפֿירער. מיר װעלן, הייסט דאָס, ניט גיין, און וואָס, אַז יענע וועלן מיטאַמאָל יאָ גיין? האָט מען דען געקאָנט אַזוי טראַכטן? ס'איז דאָך אַלצאיינס, ווי בײַ אַן אַטאַקע. איך וועל זיך אַ וואָרף טאָן פֿאָראויס, און אפֿשר וועלן זיך די איבע־ריקע גאָר פֿון אָרט ניט רירן? יעדערער מוז זיך וואַרפֿן פֿאָר־אויס און גלייבן, אַז די איבעריקע וועלן אויך דאָס זעלביקע טאָן. אָט נאָר אַזוי דאַרף מען טאָן. און וואָס האָט זיך איצט באַקומען? דער בלוט פֿון דער נאַציע איז פֿאַרדאָרבן געוואָרן, די אָנגעקלײַ־בטע רײַכטימער פֿאַרשווענדט, און דער זיגער שפּינט זיך זײַן שפּינוועבס און גרייט זיך אַרײַנצודרינגען און אויסזויגן דאָס לעצטע ביסל בלוט אונזערס. דײַטשלאַנדס סוף!

— און װען איר װאָלט געזיגט, װאָלט איר דאָס זעלביקע געטאָן מיט פֿראַנקרייך.

— נו, יאָ (ja wohl)! אָט אין דעם איז דאָך דער גרויל. מען האָט געשאַפֿן די קולטור, די װיסנשאַפֿט, באַצװוּנגען די נאַטור, — און דאָס אַלץ נאָר צוליב דעם, כּדי צו פֿאַרװאַנדלען אייראָפּע אין אַ מדבר און די מענטשן — אין חיות. ס׳איז אַ שאַנד (welches unfung). און מיטאַמאָל די רוסן: מיר װילן ניט! גענוג!... Molodtzi rebiata!

און ער האָט מיט ליבשאַפֿט געקוקט אויף די רויטע־אַרמייער, װאָס זיינען געזעסן אויף די שכנותדיקע טישלעך און געגעסן אין די צעקנוידערטע קאַשקעטן.

*　*
*

צו מירימאַנאָװן אין דירה האָט מען אַריינגעזעצט צען סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך אַריינגעקליבן צו מירימאַנאָװן אין קאַבינעט, װאָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער סאָד־טעראַסע.

זיי זיינען געלעגן מיט די פֿאַרבלאָטיקטע שטיװל אויף די טערקישע דיװאַנען. די פֿאַרדריבערטע קעסעלעך האָבן זיי געשטעלט אויף דעם גרינעם געװאַנט פֿון דעם שרייבטיש. אויף דעם טיש האָבן זיי אויך געגעסן, פֿאַרגיסנדיק דאָס געװאַנט מיט באָרשטש. ליובאָװ אַלעקסייעװנאַ, מירימאַנאָװס פֿרוי, — אַ דיקע פֿרוי מיט גאָלדענע ציין, — האָט זיי געװאָלט אַריינשטעלן אַ פּשוטן טיש, — האָבן זיי ניט ערלויבט. די סאָלדאַטן האָבן אַ גאַנצן טאָג גאָרניט געטאָן, און די פּאָדלאָגע האָבן זיי קיינמאָל ניט אויסגעקערט. האָלץ האָבן זיי געהאַקט אויף דער טעראַסע, צעקלאַפּנדיק די קאָלירטע ציגעלעך פֿון דער מאָזאַאישער פּאָדלאָגע; אין בּסך־הכּל האָט מען געדאַרפֿט אַראָפּגיין פֿינף טרעפּ — און האַקן דאָס האָלץ אויף דער ערד. דאָס באַדערפֿעניש פֿלעגן זיי אָפּטאָן אין סאָד אונטער די פֿענסטער. מירימאַנאָװ האָט געפּרוּװט זיי איבערצייגן, דאָס אייגענע האָט אויך געטאָן קאַטיע, — זיי האָבן געהערט, ניט קוקנדיק אויף זיי, אָט

גלייך ווי מ'וואָלט ניט מיט זיי גערעדט, מיט אַ פֿאָראויס באַשטימטן ווילן ניט צו טאָן דאָס, וואָס עס בעטן די בורזשויען.

אינאָוונט האָט קאַטיע זיך עפּעס געקאָכט אין כאָה צום אָוונטברויט. אויף הער סטעזשקע האָבן דריי רויטע-אַרמייער צעלייגט אַ פֿייער און געקאָכט אין טשייניק וואַסער. צוויי זיינען געזעסן לעבן קאַטיען אויף דער באַנק. אַ יונגער מאַטראָס, אַ ברונעט מיט פֿייער אויגן איז געזעסן אויף די קני און געהאַקט מיט דעם שווערדל אַ שטאַבעט, וואָס ער האָט אויסגעבראָכן פֿון דעם פּאַרקאַן.

— און צו וועלכע טייוול דאַרפֿן מיר דאָס, אָט די געבילדעטע אייערע? זיי האָבן נאָר איינס געטאָן, דאָס וואָס זיי האָבן אונז פֿאַר דער ברוסט געכאַפּט. אַ מיליאָן מענטשן, און יעדערער וועט דערציילן, ווי אַזוי מען האָט זיך אידיעקעוועט איבער אים. און איצט, — „איך, — זאָגט ער, — בין אַ געבילדעטער". — און ווער האָט דיר געגעבן אָט די בילדונג? — „דער פֿאָטער". — און דיין פֿאָטער האָט אונז, הייסט דאָס, גערויבט, אויב ער האָט דיך געקאָנט בילדן, הייסט דאָס, אַז דו ביסט אויך אַ רויבער!

— דאָס קער זיך ניט אָן. און אָן בילדונג, אָן קולטור וועט איר קיינמאָל ניט שאַפֿן דעם סאָציאַליזם.

— מיר טרעטן אייער בורזשואַזע קולטור מיט די פֿיס.

— איר הורט, חבר, איבער פֿרעמדע ווערטער, און אַליין פֿאַרשטייט איר זיי ניט. אָט האָט איר ביקסן, קוילנוואַרפֿערס. דאָס האָט געגעבן די בורזשואַזע קולטור. וואַרפֿט זיי אַוועק, מאַכט אייך שטיינערנע העקן, ווי אייערע עלטער-עלטער זיידעס. און אייערע צימערן איז אַלץ אַזוי פֿאַרשמוצט, אַזוי באַשפּיגן, איר קערט זיי קיינמאָל ניט אויס. און די בורזשואַזע קולטור זאָגט, אַז פֿון שמוץ נעמען זיך לייז, שווינדזוכט, פֿלעקטיפֿוס. איר קומט אַריין צו אונז — קיינמאָל גריסט איר זיך ניט, נעמט דאָס היטל ניט אַראָפּ.

— און וואָס ווילט איר: „אַך, גנעדיקסטע האַרינטע! אונזערע אונטערטעניקסטע געפֿילן! ערלויבט אייך אַ קוש טאָן אין האַנט!" — די סאָלדאַטן אויף דער באַנק האָבן זיך צעלאַכט. — אַוועק די צייט!

— ניין, מ'דאַרף נאָר, אַז ווען איר קומט אַריין, זאָלט איר

זאָגן: „גוט מאָרגן“, „גוטן אָוונט!“ מ'זאָל זען, אַז איר האַלט זיך מעשה מענטש.

— ניטאָ קיין מענטש! קלאַסן קאַמף! דער גאַנצער אומגליק נעמט זיך פון דעם בורזשואַזן יעלעמענט! מ'דאַרף אים ווי אַ שלאַנג מיט אַ הוי־גאָפּל צודריקן — אונצעשניידן! פאַרוואָס איז נאָך ביז איצט דער סאָציאַליזם ניטאָ? צוליב זיי! זיי כאַבאַטירן, רופן די אַנטאַנט! אַט די גאַנצע נבֿלה דאַרף מען אויסראָטן, און זאָל בלייבן בלויז די היילקייט אַליין.

— אַ סך היילקייט וועט בײַ אײַך בלייבן נאָך אַזאַ מין בלוטדאָרשטיקייט! אָט טאַקע דערפאַר, וואָס אַלע אײַערע זיינען אַזעלכע, וועט איר ניט קאָנען אײַנפירן דעם סאָציאַליזם.

— וואָס?! — דער מאַטראָס איז אויפגעשפּרונגען און זיך אַ לאָז געטאָן מיט דעם שווערדל צו קאַטיען, — מיר וועלן אים ניט אײַנפירן?! — ער האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן איר און אָנגעהויבן זיך שלאָגן מיט דער פויסט אין האַרצן. — גלויבט מיר, חבֿר! אָט האַקט מיר אָפּ דעם קאָפּ מיט דעם שווערדל: אין דרײַ וואָכן אַרום וועט אויף דער גאַנצער וועלט אויסברעכן אַ כאָציאַלע רעוואָלוציע, און אין צוויי חדשים אַרום וועט אומעטום זײַן סאָציאַליזם. אַ פאַרמעלער! אָן שום הנחות דעם קאַפּיטאַליזם!.... וואָס? איר גלויבט ניט?

קאַטיע האָט געלאַכט.

— געוויס, גלויב איך ניט.

— און זאָגט נאָך — אַ סאָציאַליסטין! — דער מאַטראָס האָט מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף איר. — וואָס־זשע פאַר אַ כאָציאַליסטין זײַט איר?

דער בין־השמשות איז געוואָרן געדיכטער. אין דער פינסטער האָט אויפגערעגט געפינקלט דאָס פייער פון דעם פּאַפּיראָס, וואָס דער מאַטראָס האָט געהאַלטן אין מויל. ער האָט ווייניק געהערט קאַטיען און אַלץ אומבּרהמנותדיק איבערגעחזרט.

— זיי אַלעמען פּאַלמעסן, די הויט אַראָפּשינדן און אויפהענגען אויף די לאַמטערנס! זאָלן אַלע זען! אויסראָטן! פאַרטיליקן! אָט אַזוי ווי דאָס איז געווען מיט די אָפיצירן! זיי האָבן בײַ אונז

געפּישטשעט, בשעת מיר האָבן בײַ זײ די עפּאָלעטן אַראָפּגעריסן, האָבן מיר זײ אין ים געשלײדערט אײנאײנעם מיט די עפּאָלעטן װײַערע; אַניט גאָר אין אױװן אַרײַן — פּרעגל זיך!

שפּעטער האָט זיך קאַטיע אָפּט דערמאָנט אין יענער בלוט־שיכּרות פֿון האַס, װעלכע האָט אין אָט די יאָרן געהודיעט אין אַלע קעפּ און, האָט, װי עס האָט זיך געדוכט, מיטאַמאָל אַנטפּלעקט דאָס תּיהשע װעזן פֿון דעם מענטשן. און אין עטלעכע יאָר אַרום האָט זי זיך געפֿרעגט: װאוהין־זשע האָבן זיך אַהינגעטאָן אָט די מיליאָנען תּיהשע װעזנס, װעלכע האָבן זיך פֿאַרכּלינעט פֿון שטורעמדיקן האַס און דאָרשט צו בלוט?

אַ סאָלדאַט אױף דער באַנק, אַ יונג מיט אַ גוטמוטיק געזיכט, האָט ניט געאײַלט דערצײלט:

— אױפֿן פֿראָנט האָבן מיר ערשט אין די בלעטער איבערגעלײענט, אַז מ'רײַסט אַראָפּ די עפּאָלעטן, — האָבן מיר שױן ניט געװאָלט װאַרטן אױף דעם באַפֿעל און גלײַך אָנגעכאַפּט דעם אָפֿיציר פֿאַר די עפּאָלעטן: „װאָס האָסטו, הינטיש בלוט דו, זיך אָנגעטשעפּעט אַ פּאָר עפּאָלעטן?" אױב מיר האָבן בײַ אים אַ ליװאָלװער געפֿונען — דעם באַגנעט אין בױך. מיר האָבן צונױפֿגעטריבן אַלע אָפֿיצירן אין אײן אָרט, און זײ געהײסן אַראָפּנעמען די עפּאָלעטן. אַנדערע װײנען — אַ טעאַטער!

און דער צװײטער, מיט אַ באָרד, האָט זיך אָנגערופֿן:

— יאָ, דעמאָלט איז אַלץ געװאָרן אַנדערש, אַלץ האָט זיך געענדערט. פֿריער פֿלעגט זײַן: — „װאַשע װיסאָקאָפּרעװאָסכאָדיטעלסטװאָ!" „װאַשע בלאָגאָראָדיע!" „ראַד סטאַראַטסאַ!" און דו גײסט צו צו אַ קאָמאַנדיר פֿון אַ קאָרפּוס: „אַנו, חבר, גיב נאָר צו פֿאַררײכערן". גיט ער ניט — אין באַק אַרײַן!

און דער מאַטראָס האָט אױפֿגערעגט גערעדט:

— איצט — איז אײן װאָרט: — אַרבעט! און מער גאָרניט! דער װאָס אַרבעט ניט, דאַרף ניט עסן! װילסטו ניט אַרבעטן — גײ צו אַלדע רוחות! און װי איז דאָס פֿריער געװען: די הענט װײסינקע, מיליאַרדן דעסיאַטין ערד פֿאַרמאָגט ער, פֿאָרט אין אַ קאַרעטע,

דער קוטשער טראָגט סאָווע־פֿעדערן, און דער פֿויער אַרבעט פֿאַר אים, און בייסט אַ האַרע סקאָרינקע!

— איר זאָגט — אַרבעט. און אָט קוק איך זיך צו, — ווייניקער פֿון אַלעמען אַרבעט איר אַלע דאָ, איך קאָן דאָס אַפֿילו ניט באַנעמען: ווי דערעסט דאָס ניט אַרומצוגיין ליידיק און גאָרנישט טאָן!

דער מאַטראָס האָט זיך ווידער אַוועקגעטאָן אויף קאַטיען, זיינע אויגן האָבן אומזיניק געפֿינקלט.

— וואָס?! מיר טוען גאָרנישט?... נעכטן אויף דעם סובאָטניק אָט ווי איך האָב געאַרבעט! ביז בלוט־מאָזאָליעס! מיר האָבן האָלץ געהאַקט... זעט וואָס פֿאַר אַ הענט איך האָב!... אַבי איר רעדט!

קאַטיע האָט אַ קוק געטאָן אין זיך פּלוצים צעלאַכט. זי האָט אָנגעכאַפּט דעם מאַטראָס ביי דער האַנט און אים געשלעפּט צום פֿייער.

— הערט נאָר, וואָס איז דאָס אַזוינס?! אַנו, אַנו! גאָט מיינער, ס׳איז אַ צאַרטע, פּריצישע הענט! ווייסע, ווייסינקע, און צוויי בלוטיקע בלאָטערלעך אויף זיי!... גיט נאָר אַ קוק אויף מיינע!

זי האָט אויסגעשטרעקט אירע דלאָניעס, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט האַרטע, געלע מאָזאָליעס. דער מאַטראָס האָט זיך פֿאַרשעמט און באַהאַלטן די האַנט.

— ניין, ניין, לאָזט מיר אַ קוק טאָן! וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס? אַמאָל האָב איך אַזוינע הענט געזען נאָר ביי פֿריילינס, וואָס טראָגן שטענדיק הענטשקעס... אויב מ׳זאָל סאָרטירן די מענטשן לויט די הענט נאָך, וואָלט מען אייך דעם ערשטן געדאַרפֿט דערשיסן... כאַ־כאַ־כאַ!

דער ערשטער סאָלדאַט האָט פֿיינטלעך געענטפֿערט:

— מיר פֿאַרגיסן איצט בלוט.

— „בלוט“... איר זייט אַן אַרמיי פֿון אַרבעטנדיקע. קוקנדיק אויף אייך, וואָלט יעדערער זיך געדאַרפֿט אַראָפּנעמען אַ מוסר און אַכטן די אַרבעט, און אָנשטאָט דעם טענהן אַלע: „אָט זיינען פּוסט־און־פּאַסניקעס! נאָך ערגער פֿון די אַמאָליקע אָפֿיצירן!“ זיי האָבן אויך געהאַט אַזעלכע הענט, ווייסינקע, אַזוי ווי ביי אייך. און

זיי פלעגן אויך זאָגן: „מיר פאַרגיסן בלוט, דערפאַר טוען מיר גאָרניט".

— דער טשיינִיק האָט שוין אויפגעקאָכט?... די געשפּרעכן אייערע...

דער מאַטראָס האָט אָנגעהויבן אונטערציוואַרפן שפּענדלעך אין פייער. קאַטיע האָט שטיל געלאַכט צו זיך אַליין.

מען האָט ווייטער גערעדט. דער מאַטראָס איז געוואָרן שטילער און זיך שוין מער ניט געוואָרפן אויף קאַטיען מיט דעם שווערדל.

זי האָט געפרעגט:

— זאָגט מיר, איר האָט אין אייער לעבן אַ סך מענטשן גע־הרגעט?

דער מאַטראָס האָט אַ שמייכל געטאָן.

— איר זעט אָט דאָס זאַבעניִשל? — ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם רעוואָלווער בײַם גאַרטל, אים אַרויס־גענומען און אים אָנגעהויבן צו דרייען אין האַנט. — עס וואָלט אייך געקאָנט זייער אַ סך דערציילן!

קאַטיע האָט אויסגעשריען:

— און ניט־זשע, ניט־זשע מאַטערט אייך קיינמאָל דער געוויסן ניט!

— פאַרוואָס? און זיי זיינען אַנדערש? פאַל נאָר אַריין צו זיי, — וועלן זיי אויך קיין שהיות ניט מאַכן.

— און ס'חלומען זיך אייך גאָר קיינמאָל ניט די, וואָס איר האָט געהרגעט?

ער האָט ניט געענטפערט. מען איז אַנטשוויגן געוואָרן. אין דעם פינסטערן מעריב, צווישן די פּיראַמידאַלע אַקאַציעס, האָט וועגוס העל געלויכטן.

— איר זייט פריער געווען אַ פּויער?

— אַ פּויער.

קאַטיע האָט שטיל געזאָגט:

— נו, טראַכט איר אַמאָל ניט? אָט זאָל זיך דאָס אַלץ שוין וואָס שנעלער ענדיקן און שנעלער זיך אומקערן אַהיים. שטערן אויף דעם בײַנאַכטיקן הימל, דאָס טײַכל, די בהמות קומען צוריק

פֿון דעם פֿעלד... אַן אייגן פֿעלד, גאָלדענע כוואַליעס וויגן זיך אין קאָרן. —

דער מאַטראָס האָט זיך פֿאַרקרימט און פּלוצים געזאָגט:

— עך! קיינמאָל, מיין איך, וועט דאָס שוין ניט זיין!... געוואָרן אַ היה.

נאָכדעם איז ער געוואָרן מונטערער, זיך גענומען אין די הענט און מיט אַן אַנדער קול געזאָגט:

— קיין אייגן פֿעלד טאָר מען שוין איצט ניט האָבן. איצט קומט די באַוואוסטזיניקייט. אומעטום וועט זיין אַ קאָמונע. וואָס איז דער מער? איטלעכער באַרבעט זיך אויף זיין מאַנצעלע ערד, אָן שום סאָלידאַריטעט. ס'וועט זיין אַן אַלגעמיינע אַרבעט, אַ געזעלשאַפֿטלעכע, אַ הברשע, און אַלע, ווי איין מענטש, וועלן אַרויסגיין מיט די שניידמעסערס.

דער סאָלדאַט מיט דער באָרה, וואָס האָט מער פֿון אַלעמען געשוויגן, איז מיטאַמאָל אויפֿגעשפּרונגען אויף די פֿיס און איז אַן אויפֿגערעגטער צוגעגאַנגען צו דעם מאַטראָס.

— אָט! שלאָג מיך מיט דיין שווערדל איבער מיין האַלז! האַק מיר דעם קאָפּ אַראָפּ! איך האָב צען יאָר הזרים געפּאַשעט! וויים וואָס דו רעדסט?

— נו, האָסט הזרים געפּאַשעט? וואָס איז דאָ וואָס צו פֿאַרשטיין? — האָט דער מאַטראָס מיט ביטול געפֿרעגט.

— צען יאָר האָב איך געפּאַשעט הזרים ביים פּריץ! איצט האָבן מיר פֿינף דעסיאַטין ערד. האַק מיר דעם קאָפּ אַראָפּ, און די ערד וועל איך דיר ניט אַוועקגעבן! נאַ, — נעם אַרויס דיין שווערדל, שנייד!

— אָט אַ טיפּש! — דער מאַטראָס האָט אויף אים פֿאַרלוירן אַ קוק געטאָן. — שיכור!

— ניין, איך בין ניט שיכור. און פֿון מיינעטוועגן מעג זיין אַפֿילו ניקאָלאַי דער צווייטער.

* * *

מירימאנאוון איז אנגעקומען א ידיעה: דער ציטווייליקער רעוואלוציאנערער קאמיטעט ליגט אויף אים ארויף א קאנטריבוציע פון פערציק טויזנט רובל; דאס געלט דארף ער אריינטראגן אין משך פון פיר און צוואנציק שעה; אויב ער וועט דאס ניט אריינטראגן אין משך פון אנגעוויזענעם טערמין, וועט מען זיך מיט דעם בירגער מירימאנאוו באגיין מיט דער גאנצער רעוואלוציאנערער שטרענגקייט.

מירימאנאוו איז געווארן באראשט: זיין געלט איז געלעגן אין באנק, און די טעג האט מען ערשט געמאלדן, אז דאס גאנצע געלט אין די בענק איז קאנפיסקירט. ער איז אוועק דאס ערקלערן אין רעווקאם. מען האט זיך לאנג געאמפערט, זיך געדונגען. ענדלעך, האט מען אים דאס אראפגעלאזן ביז פופצן טויזנט. מירימאנאוו האט דאס אריינגעטראגן.

אין צוויי טעג ארום קומט אן א נייע ידיעה: אריינטראגן די איבעריקע פינף און צוואנציק טויזנט. מירימאנאוו איז ווידער אוועק אין רעווקאם זיך צונויפרעדן מיט דעם פארזיצער פון דעם רעווקאם איסקאנדערן. געקומען אהיים איז ער אין זעקס שעה ארום, א בלאסער פון אינעווייניקסטער צערייצטקייט, און אלע מאל אויפגעציטערט פון עקל.

— ער האט געשריען אויף מיר, אזוי ווי א שיכור, געטופעט מיט די פיס. מיר וויסן אלע זייער גוט, אז איר פלעגט שארן געלט מיט לאפעטעס! אויב איר וועט ניט אריינטראגן — וועל איך אייך פארשפארן אין קעלער ביז איר וועט פארפוילט ווערן!" — ער האט זיך געווענדט צו קאטיען: — נו, גיט מיר אן עצה: דאס געלט איז קאנפיסקירט געווארן, פארקויפן זאכן איז פארווערט, דאס הויז איז איצט ניט מיינס, — פון וואנעט־זשע זאל איך נעמען געלט? אלץ, וואס איך האב געהאט, האב איך זיי אוועקגעגעבן. און דו ווייסט ווער דער איסקאנדער איז? — האט ער זיך געווענדט צו זיין פרוי. — אן אנגעשטעלטער פון אוניווערסאלן מאגאזין

אגאנדזשאניץ און קאמפ. איך געדענק אים, ער פלעגט פארקויפן אין דער מאנופאקטור־אפטיילונג, — א יונגער ארמענער מיט א נידעריקן שטערן... און ס׳אר א פסעוודאנים ער האט זיך גענומען, דער פארך! ער האט געווים אפילו ניט געהערט וועגן הערצענען.

באצאלן איז ניט געווען מיט וואס. דעם אנדערן טאג זיינען געקומען מיליציאנערן און האבן אוועקגעפירט מירימאנאוון. ליובאוו אלעקסייעווגא האט אים באגלייט ביז צום טויער פון „אקאבי אטעל". ווייטער האט מען זי ניט געלאזט. זי האט אבער געזען די פענסטער מיט די קראטעס פון די קעלערשטובן, וואו עס זיינען געזעסן די ארעסטירטע, פון די פענסטער האט זיך געטראגן א ריח פון ווילגאטש און קעלט. און די קרובים פון די ארעסטירטע, וואס האבן זיך געשטופט ביי דעם טויער, האבן איר דערציילט, אז די ארעסטירטע שלאפן אויף דער הוילער צעמענטענער פאדלאגע.

ליובאוו אלעקסייעווגא האט היסטעריש געוויינט און גערעדט צו קאטיען:

— ער האט דאך א טובערקולאז פון די לונגען! אין איין וואך וועט דאס אים אוועקהרגענען!

— דערלאנגט א ביטע אין רעווקאם, ווייזט אן, אז ער איז מסוכן קראנק. ס׳קאן ניט זיין, אז מ׳זאל זיך דערמיט ניט רעכענען! דערלאנגט טאקע מארגן.

— קומט מיט מיר, יעקאטערינא איוואנאוונא!

* * *

צו מארגן זיינען זיי ביידע געגאנגען.

פארשרייבן האט זיי א פריילין מיט אונטערגעפירטע אויגן, אויסהערנדיק זיי גאווהדיק און אומגעדולדיק. פיר שעה האבן זיי געווארט אויף דער ריי אין א פינסטערן קארידאר. די ריי האט זיך באוועגט זייער לאנגזאם, הערפאר, ווייל עס זיינען געקומען ארבעטער, און זיי האט מען אריינגעלאזט אויסער דער ריי. ענדלעך, זיינען זיי אריין.

אין א גרוימען מארערנעם קאבינעט, ביי א גרויסן שרייבטיש

מיט רייכן שרייבגעצייג, איז געזעסן אַ געגאָלטער מענטש. קאַטיע האָט גלייך דערקענט דעם אומאָנגענעמען יונגנמאַן מיט דער מאַסיווער אונטערשטער קינבאַק, וועלכן זי האָט געזען אין דער ראַטן-גאָרקן. איז דאָס געווען איסקאַנדער! נאָר דאָ, אין דער נאָענט, האָט זי דערזען, אַז ער איז גאָרניט אַזאַ יונגער, אַז ער איז שוין אַריבער דרייסיק.

איסקאַנדער האָט שווייגנדיק אַ קוק געטאָן אויף ליובאָוו אַלעקסייעוונעס גאָלדענע ציין מיט זיינע מאָדנע אויגן, אָט אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך צעגאַנגען אין די זייטן אונטער דעם צוגעדריקטן שטערן. ליובאָוו אַלעקסייעוונאַ האָט אים דערלאַנגט די ביטע, אין אויפגערעגט, אָנגעהויבן דערציילן.

ער האָט געהערט, געלייענט דאָס פּאַפּיר און געשאָקלט מיט דעם קאָפּ.

— אַוודאי!... יאָ... אַזוי...

און מיטפילנדיק אַלץ געשאָקלט מיט דעם קאָפּ.

— גוט. אַלץ, וואָס איז מעגלעך, וועט געטאָן ווערן. נעמט זיך ניט צום האַרצן.

ער האָט גענומען אַ בלייפעדער און אָנגעהויבן שרייבן אויף דעם ווינקל פון בויגן פּאַפּיר.

— אָט. גיט איבער דאָס פּאַפּיר דעם פאַרוואַלטער איבער די ענינים. אין קאָרידאָר די צווייטע טיר רעכטס.

ליובאָוו אַלעקסייעוונאַ האָט זיך פאַרלוירן פון פרייד.

— אַ גרויסן דאַנק!... אַ גרויסן, גרויסן דאַנק, חבר איסקאַנדער!

— ניטאָ פאַר וואָס. דאָס איז אונזער פליכט.

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען. ליובאָוו אַלעקסייעוונאַ האָט מיט נצחון געזאָגט:

— זעט נאָר, ס'איז אַ פיינער! גאָרניט אַזאַ, ווי מ'רעדט וועגן אים. וואָס האָט ער אָנגעשריבן?

אויף די טרעפּ האָבן זיי אָנגעהויבן לייענען. ליובאָוו אַלעקסייעוונאַ האָט אויפגעציטערט.

— גאָט! וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס? יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, וואָס־זשע איז דאָס דאָ...

אויף דער בוטל איז מיט גרויסע אותיות געווען אָנגעשריבן:

„לאָזן אָט דאָס הוצפּהדיקע פּאַפּיר אַזוי. האַלטן אין קעלער, ביז ער וועט ניט אַריינטראָגן ביז אַ קאָפּיקע. און וועט ער פּגרן, איז ניט קיין אומגליק“.

דער מיליציאָנער ביי דער טיר פון דעם קאַבינעט האָט זיי ניט געוואָלט אַריינלאָזן. קאַטיע האָט אים באַפעלעריש געזאָגט:

— מיר זיינען דאָך דאָ ערשט געווען, מיר דאַרפן נאָר אַ פּאָר ווערטער.

דער פאָרזיצער פון רעווקאָם האָט גערעדט מיט אַ דיקער, פאַרוויינטער פרוי. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיי, און קאַטיע האָט אין זיינע אויגן איבערגעלייענט אַ באַהאַלטענעם, שאַרפן פאַרגעניגן. ליובאָוו אַלעקסייעוונאַ איז צוגעגאַנגען:

— חבר איסקאַנדער!... וואָס איז דאָס, אַ מיספאַרשטייעניש? איר איזדיעקעוועט זיך איבער מיר...

איסקאַנדער איז אויפגעשפרונגען מיט פינסטער געוואָרענע אויגן און האָט אַ טופּע געטאָן מיט דעם פוס:

— אַרויס!! ווי האָט איר געוואַגט אַהער אַריינצוגיין!

קאַטיע האָט זיך אַריינגעמישט.

— הערט נאָר! איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין: פון וואַנעט זאָלן זיי נעמען געלט, אַז זייער געלט איז אין באַנק, און די באַנק גיט ניט אַרויס!

— וואו איר ווילט, נעמט! אונז איז גאַנץ גוט באַוואוסט, ווי ער האָט פאַרדינט! טויזנטערס האָט ער געשאַרט. ער איז געווען אַ יוריסקאָנסולט ביי די גרעסטע פאַבריקאַנטן; די אַרבעטער האָט ער געזעצט אין די טורמעס. זאָל ער אַצינד אַליין זיצן. איך וועל אייך צווינגען אויפטרענען אייערע קישנס! איך וועל אים נאָך היינט הייסן אַריבערפירן אין קאַרצער, — ער וועט דאָרטן זיצן ביז איר וועט אַריינטראָגן.

קאַטיע האָט מיט צאָרן געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט איך, צו וועמען קאָן מען זיך ווענדן מיט אַן אָנקלאָג אויף איך?

איסקאַנדער האָט פאַרוואונדערט אויפגעהויבן די ברעמען, אַ קוק געטאָן אויף איר און מיט פאַרגעניגן געענטפערט:

— איר קאָנט קלאַפּן אַ טעלעגראַמע לענינען... חבר גריגאָריעוו!

אין טיר האָט זיך באַוויזן דער מיליציאָנער.

— וואָס האָט איר זי אַהער אַריינגעלאָזט? טרייבט זיי אַרויס!

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען. אַז זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון די ברייטע טרעפּ, האָט ליובאָוו אַלעקסייעוונאַ פלוצים אַ שלעפּ געטאָן קאַטיען פאַרן אַרבל און זיך אַראָפּגעקאַטשעט פון די מאַרמאָרנע טרעפלעך.

* *
*

דער טאָג איז געווען אַ שרעקלעכער. קאַטיע איז ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט און איז געבליבן מיט ליובאָוו אַלעקסייעוונען. מירימאַנאָוואַ איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ משוגענע, זיך אַלעמאָל אַרויסגעריסן פון קאַטיעס הענט, געשלאָגן זיך מיט דעם צעפּאַטלטן קאָפּ אין דער וואַנט און זיך פאַרשאָלטן, וואָס זי האָט נאָך ערגער געמאַכט די לאַגע פון דעם מאַן.

ערשט שפּעט ביינאַכט איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ שווערן, ליטאַרגישן שלאָף. ס'האָט זיך אַלעמאָל געדוכט, אַז עמיצער אַנדערש יאָמערט אין איר מיט אַ ניט קלאָרן, אַזוי ווי פון יענערוועלט, געוויין.

קאַיאָר האָט אין פאָרצימער זיך דערהערט אַ שטאַרק, אומגעדולדיק קלינגען. ליובאָוו אַלעקסייעוונאַ האָט זיך מיט אַ ציפּ אויפגעכאַפּט און אויפגעשפּרונגען. קאַטיע האָט געעפנט.

ס'זיינען אַריינגעקומען פיר פּאַרשוין, — צוויי מענער און צוויי פרויען.

— וואָס דאַרפט איר?

איינער אַ הויכער, מיט אַ רעוואָלווער בײַם פּאַס, האָט חוצפּה־דיק געפֿרעגט:

— ווער וואוינט דאָ?

— דאָ וואוינען אַ סך...

— אַרבעטער צי פֿון דער בורזשואַזיע?

— אין יענע צוויי צימערן וואוינען רויטע אַרמייער. איך בין אַ ראַטן־אָנגעשטעלטע...

— אָט אין יענע צוויי? גוט... חבֿרים, אַהער!

זיי זײַנען אַרײַן צו ליובאָוו אַלעקסייעוונען אין צימער. די פֿרייען זײַנען צו צו די קאָמאָדן און אָנגעהויבן אַרויסרוקן די שופֿלאָדן. דער הויכער מיטן רעוואָלווער איז געשטאַנען אינמיטן צימער. דער צווייטער מאַן, לויטן אויסזען אַן אַרבעטער, האָט זיך אומבאַהאָלפֿן געדרייט אויף איין אָרט.

דער מיט דעם רעוואָלווער האָט געזאָגט:

— חבֿר, וואָס־זשע שטייט איר? — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — קלײַבט אײַך אויס, נעמט, וואָס אײַך געפֿעלט. עפֿנט אויף אָט דעם קאַסטן.

דער אַרבעטער האָט זיך געקווענקלט. קאַטיע האָט געפֿרעגט:

— זאָגט, וואָס איז דאָס? אַ רעוויזיע?

— מיר נעמען צו דעם עודף בײַ דער בורזשואַזיע... חבֿר, קומט נאָר אַהער!

דער מיט דעם רעוואָלווער האָט אויפֿגעעפֿנט דעם קאַסטן.

— אָט האָט איר אַ פֿוטער. איך מיין, אַז ער וועט אײַך צו נוץ קומען.

ליובאָוו אַלעקסייעוונאַ איז אין אַ קאָפּטל געזעסן אויף דעם בעט מיט שוואַכע אַראָפּגעהאָנגענע, פֿולע אַקסל און געקוקט אין דער וועלט אַרײַן.

דער אַרבעטער האָט פֿאַרשעמט גענומען דעם פֿוטער, אים איבערגעטריסלט פֿון דעם נאַפֿטאַלין און אים ניט זיכער באַטראַכט. די פֿרייען האָבן זשעדנע געוואָרפֿן אויף דעם דיוואַן די פּעקלעך מיט באַטיסטענע פֿרויען־העמדער און קאַלסאָנעס, זײַדענע זאָקן און פּיקײַענע קליידלעך.

איינע, אַ עלטערע, מיט אַ געל־דאַר געזיכט פון אַן אַרבעטע־רין אין אַ טאַבאַק־פאַבריק, האָט ניט זיכער געפרעגט:

— חבר, דעם שפּיגל מעג מען נעמען?

— נעמט, נעמט, חברטע, וואָס שעמט איר זיך? איר זעט וויפל שפּיגלען איר האָט דאָ? וואָס דאַרפן זיי אַזויפיל! דריי פּאָר וועש לאָזט איבער, און דאָס איבעריקע נעמט אינגאַנצן צו.

בײַ די פרויען האָבן זיך צעברענט די אויגן. די יינגערע האָט גענומען פון דעם טואַלעט־טישל צוויי שילדקרויטענע קע־מעלעך, אַ פּודערל פּודער, אַ שערעלע.

דער מיט דעם רעוואָלווער האָט זיך געווענדט צו דעם אַרבעטער, וועלכער האָט נאָך אַלץ ניט באַשלאָסן געקוקט אויף דעם פוטער.

— נו, חבר, וואָס־זשע שטייט איר? נעמט, ס'איז ניטאָ וואָס צו טראַכטן. דער פוטער איז אַ וואַרעמער, אַ בורזשואַזער. ער וועט אויסגעצייכנט וואַרעמען דעם פּראָלעטאַרישן גוף.

ליובאָוו אַלעקסייעוונאַ האָט געזאָגט:

— הערט נאָר, איר זאָגט, — צונעמען דעם עודף. דאָס איז מיין מאַנס איינציקער פוטער.

— און וואו איז אייער מאַן?

— ער... ער איז איצט אַרעסטירט, ווייל ער האָט ניט אַריינ־געטראָגן די קאָנטריבוציע.

— אַ־זוי... — דער מאַטראָס האָט אַ שמייכל געטאָן. — נעמט, חבר! אין טורמע וועט אים אָן דעם פוטער אויך זיין וואַרעם.

ליובאָוו אַלעקסייעוונאַ האָט פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין דעם קישן.

— גאָט!... גאָט, גאָט! ווען וועט שוין קומען דער טויט? ווען־זשע, ווען־זשע וועט שוין קומען דער טויט!

זי האָט געוויינט אין דעם קישן, ציטערנדיק מיט איר גאַנצן קערפּער.

די פרויען האָבן מיט ניט אָנגענעמע, זשעדנע פּנימער, איי־ליק, אַזוי ווי גנבים, געפּאַקט די פּעקלעך. דער אַרבעטער האָט פּלוצים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַריינגעלייגט דעם פוטער צוריק אין קאַסטן אַריין און איז שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען.

* *
*

דעם צווייטן טאָג האָט קאַטיע געלייענט אין דער צייטונג „דער רויטער פּראָלעטאַריער“.

דער מאַרש פֿון אונזערע אַרבעטער אויף דער בורזשואַזיע.

דעם 22-טן אַפּריל איז פֿאָרגעקומען די פֿייערלעכע זיצונג פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿון די זאַווקאָמען און אָנגעשטעלטקאָמען און די איבעריקע קאָמיסיעס בײַ די זאַווקאָמען. דער זאַל פֿון טעאַטער „אילוזיאָן“ איז געווען איבערפֿול. ס'האָבן זיך פֿאַרזאַמלט העכער 800 אַרבעטער און אַרבעטערינס. פֿריער זײַנען באַטראַכט געוואָרן אייניקע נאָך ניט געלעזטע פֿראַגן, ווי וועגן סאָצפֿאַרזיכער און די וואוינונגס-פֿראַגע. אין בײַדע באַריכטן האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן, אַז מ'מוז אָננעמען באַלדיקע ענערגישע מיטלען לגבי דער בורזשואַזיע און פֿאַרגרינגערן די לאַגע פֿון די אַרבעטער. נאָכדעם איז אויסגעהערט געוואָרן דער באַריכט פֿון חבר מאַרגאָלים וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אויף דעם מערב.

מיט אַן אויסעראָרדנטלעכער ערקלערונג איז אַרויסגעטראָטן דער פֿאָרזיצער פֿון רעווקאָם חבר איסקאַנדער, וועלכער האָט פֿאָרגעלייגט איבערצוגיין פֿון רעוואָלוציאָנערע ווערטער צו מעשים און נאָך הײַנט בײַנאַכט מאַכן דעם ערשטן אָנפֿאַל אויף דער בורזשואַזיע און בײַ זיי צונעמען דעם עודף.

אַ דונער פֿון אַפּלאָדיסמענטן און הויכע פֿריידעוודיקע אויסגעשרייען פֿון דער גאַנצער פֿאַרזאַמלונג איז געווען דער קלאָרער באַווײַז, אַז דער פֿאָרשלאָג פֿון דעם געליבטן אָנפֿירער האָט געפֿונען אַ פּראָלעטאַרישן אָפּקלאַנג אין די הערצער פֿון די דעלעגאַטן.

די פֿראַגע האָט ניט אַרויסגערופֿן קיין דעבאַטן. זי איז געווען צופֿיל קלאָר, זי איז געווען צופֿיל פֿאַרשטענדלעך! בײַ די פּראָלעטאַריער האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן, די ברעמען האָבן זיך

אָנגעכמורעט, די פוסטן האָבן זיך ניט ווילנדיק צונויפגעדריקט. מיר וועלן זיי ווייזן.

מען האָט געדאַרפט איבערוואַרטן אין טעאַטער ביז פינף אַזייגער פאַרטאָג, כדי קאַיאָר צוטרעטן צו דער אַרבעט. די צייט איז אַריבער אומבאַמערקט. די מיטגלידער פון פאַראיין „וסעראַביס" (אַרבעטער פון קונסט און טעאַטער) האָבן איף ס׳גיך צונויפגעקלאַפט אַ קאָנצערט, און דער גאַנצער זאַל האָט אָנגעהויבן קאָכן מיט אַן אומגעווייניליך אינטענסיוו לעבן. דער באַוואוסטער אַרטיסט בעלאָזיאָראָוו האָט געזונגען אונזער פאָלקס-„דובינושקאַ". די מעכטיקע שטימע פון דעם זינגער האָט געקלונגען מיט אַן אמתן רעוואָלוציאָנערן טאָן און די אַרבעטער-מאַסע האָט מיט התלהבות געזונגען דעם רעפריין. אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין אַלגעמיינעם קאָלעקטיוו, וואָס איז געווען באַהעפט מיט דעם גרויסן פייער פון רעוואָלוציאָנער-פּראָלעטאַרישן צאָרן. די סצענע איז אַ מינוט ניט געבליבן ליידיק. אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט האָט מען זיך שוין מער ניט געניטיקט אין די אַרטיסטן-פּראָפעסיאָנאַלן.

די אַרבעטער-מאַסע האָט זיך פונאַנדערגעוויגט. איינער נאָך דעם אַנדערן זיינען אויף דער בינע אַרויף די פשוטע אַרבעטער און אויף דעם פשוטן אופן אָנגעהויבן דערציילן אַנעקדאָטן, דעקלאַמירן לידער.

אַרום פינף אַזייגער האָבן זיך די קאָמוניסטן שוין געהאַט אָרגאַניזירט איבער די ראַיאָנען אין דריילינגן, כדי אָנצופירן מיט די אָפּטיילונגען. די ריי איז געווען נאָך דער אַרבעטער-קאָנפערענץ.

פריילעך, שטויסנדיק איינער דעם אַנדערן, איז איין גרופּע אַרויס נאָך דער צווייטער, כדי זיך צו פאַראייניקן מיט די קאָמוניסטן און אינאיינעם אָנהייבן דעם מאַרש אויף דער בורזשואַזיע.

— מ׳מעג זינגען? — האָט מיך איין אַרבעטער געפרעגט.

— ניט כדאי, — האָב איך געענטפערט.

— וואָס דאַרף מען מורא האָבן, מיר זיינען דאָך אַרבעטער! —

האָט ער מיר אָפּגעענטפערט, איבערפול מיט דעם מעלאַנכאָליקן באַ־
וואוסטזיין וועגן דער קראַפט פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

ספּאַרטאַק.

* * *

ליובאָוו אַלעקסייעוונאַ האָט ערגעץ געקראָגן פינף און צוואַנציק טויזנט רובל און עס אַריינגעטראָגן אין רעווקאָם. מירימאַנאָוו האָט מען באַפרייט.

* * *

אין אָפּטייל פאַר פאָלקס־בילדונג איז די אַרבעט געגאַנגען אין פולן גאַנג. ס׳האָבן זיך געעפנט נייע שולן, ביבליאָטעקן, סטו־דיעס, מען האָט איינגעאָרדנט קאָנצערטן און פּאָפּולערע לעקציעס.

איינמאָל, בשעת דמיטריעווסקי איז געבליבן ביי זיך אין קאַ־בינעט מיט קאַטיען, האָט ער אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסל און אַ שמייכל געטאָן:

— דאָס אַלץ איז, געוויינלעך, זייער גוט. אָבער כּדי דורכ־צופירן אַזאַ גרויסע פּראָגראַם אין דעם לעבן, דאַרף מען דאָך האָבן מיטלען פון דעם רייכסטן לאַנד. פּראָגראַמען מערקט מען אָן די סאַמע ברייטסטע, און קיין מיטלען גיט מען ניט. די פאָלקס־לערער האָבן מיר ביז היינט ניט באַצאָלט קיין געהאַלט. די אַרבעט מאַכן מיר ברייטער, מיט וואָס וועלן מיר אָבער צאָלן?

פון אַרמאַטלוק איז געקומען צו פאָרן דער סטאָלער קאַפּראַלאָוו, — מען האָט אים אויסגעקליבן צו פאַרוואַלטן מיט דעם אָרטיקן אָפּ־טייל פון פאָלקס־בילדונג. ער איז געווען ניכטער, און קאַטיען האָט נאָך מער איבערראַשט דאָס, וואָס זיינע פּשוטע פאָלקס־ווערטער האָבן ניט געפּאַסט מיט די קלוגע, מאָדנע־אינטעליגענטע אויגן. דער פּראָפעסאָר און קאַטיע האָבן לאַנג מיט אים געשמועסט, זאַלבעדריט אָנגעמערקט אויפצועפענען אַן אַרבעטער־און־פּויערים קלוב, אַ קינדער־היים, שולן. קאַפּראַלאָוו האָט נאָכגעפרעגט, וואָס

מ׳טוט בײַ זײ אין שטאָט פאַר דער פאָלקס־בילדונג, אויפן וואונק פאַרשטאַנען יעדן געדאַנק, און ס׳איז אַ פאַרגעניגן געווען מיט אים צו שמועסן.

דרך־אַגב האָט ער דערציילט, אַז עטלעכע פּריילינס ווילן עפענען אַ פּריוואַטע שול. די באָלגאַרן ווילן זייער גערן צאָלן, דערפאַר, וואָס די פּראָגראַם איז אַ סך אַ ברייטערע איידער די פּראָגראַם פון דער פאָלקס־שול; דערהויפּט נעמט בײַ זײ אויס דאָס, וואָס זייערע קינדער וועלן זיך לערנען פראַנצויזיש.

דמיטריעווסקי האָט געענטפערט:

— דער געדאַנק איז אַ גוטער. אָבער איין באַדינג: די שול מוז זיין אַן אומזיסטע.

— נו, וואָס הייסט אַן אומזיסטע! די פּריילינס שטאַרבן פון הונגער, און די באָלגאַרן קאָנען צאָלן, זײ זיינען רייך.

— אַלצאיינס. לויטן דעקרעט, דאַרף די בילדונג זיין אַן אומזיסטע.

— הייסט דאָס, אַז איר קאָנט אונז עפענען אַזאַ שול, אַן אומזיסטע?

— ניין, מיר האָבן דערויף קיין מיטלען ניט.

קאַפּראַלאָוו האָט אויף אים אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן, און אין זיינע אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן לאַבעדיקע פייערלעך.

— איז ווי אַזוי־זשע?

קאַטיע האָט מיט פאַרוואונדערונג זיך אַריינגעמישט:

— זײ ווילן דאָך אַליין צאָלן! און אָן שׂכר־לימוד וועט גאָר ניט זיין. און די גוטע קולטורעלע התחלה וועט אָפּשטאַרבן.

דמיטריעווסקי האָט געקוקט פאַרלוירן, אָבער זיין ענטפער איז געווען אַ קאַטעגאָרישער:

— די אָרעמע זיינען ניט ביכולת צו צאָלן. און ס׳וועט ווידער זיך באַקומען אַ פּריווילעגירטע שול. זאָל דעמאָלט די געזעלשאַפט זיך צונויפלייגן און צאָלן פון זיך.

— נו! צי דען קאָנט איר ניט אונזערע פויערימלעך? דער וואָס האָט ניט קיין קינדער, אָדער, וואָס וויל זײ ניט לערנען, וועט ער דען וועלן צאָלן?

— קאָן איך דאָס ניט ערלויבן.

דאָס ערשטע מאָל האָט זיך קאַטיע צעקריגט מיט דעם פּראָ־פעסאָר. אָבער ער איז געבליבן בײַ זײַנעם.

* * *

אינאָוונט איז קאַטיע געגאַנגען דורך דעם סקווער, וואָס איז געלעגן לעבן ים. ס׳איז געווען דושנע, דער הייסער שטויב איז אומ־באַוועגלעך געהאַנגען אין דער לופט. פון דער פאַרשמוצטער ראָ־טאָנדע, וואו עס פלעגט פריער שפּילן די מוזיק, האָט זיך געטראָגן אַ שרעקלעכער עיפּושדיקער ריח; ס׳איז שוין דעם דריטן טאָג דאָרט געלעגן אַ געפּגרטער הונט מיט אויסגעשטשערטע ציין, און קיינער האָט אים ניט צוגענומען. די קוסטעס זײַנען געווען צעבראָכן; דאָס גראָז צעטרעטן. און פון די הייזער הינטער דעם סקווער האָט געזעצט אַ ריח פון די מיסטקאַסטנס און פון די אָפּטרעטן. ס׳האָט זיך געוואָלט אַנטלויפן פון דער שטאָט, אויף די בערג אַרויף, וואו די ערד איז ניט פאַרשמוצט געוואָרן דורך די מענטשן, וואו עס שווימען אין דער פינסטערניש די ריינע אַראָמאַטן פון שמע־קעדיקע גראָזן.

אין דעם שמאָלן געסל, פאַרבײַ די שמוציקע, אָפּגעקאַלופּעטע הײַזלעך, האָט קאַטיע אָנגעהויבן אַרויפגיין אויף דעם באַרג. און פלוצים איז פון דער פינסטערניש אַרויסגעשוואומען אַ שרעקלעך געזיכט: בלוט־רויטע גריבער אָנשטאָט אויגן, אַ שוואַרצער שטערן, און אונטער די אויגן איבער דעם גאַנצן פּנים, — שוואַרץ־בלײַלעכע פלעקן פון אַן אויפגעריסענעם גראַנאַט, וואָס האָבן זיך אײַנגעגעסן אין דער הויט. דער מענטש אין אַ סאָלדאַטן־שינעל איז געגאַנגען, מיט אַן אויפגעהויבן געזיכט, אַזוי ווי אַלע בלינדע, און זיך אָנ־געהאַלטן אין דעם אַקסל פון אַן אומעטיק ייִנגל, וואָס האָט אים געפירט; דער פרײַער אַרבל האָט זיך געבאָמבלט אָנשטאָט דער דער צווייטער האַנט.

קאַטיע האָט מיט ברייט צעעפנטע אויגן אים לאַנג נאָכגע־קוקט. און פלוצים האָט בײַ איר אין האַרצן ווי אַ ברויזנדיקע כוואַליע

אויפֿגעקאָכט אַ מאָוימדיקער צאָרן. גאָט, גאָט, וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס?! הונדערטער־טויזנטער, מיליאָנען אַזעלכע קאַליקעס האָט מען אָנגעמאַכט. אומעטום, אין אַלע לענדער פֿון דער וועלט, הינקען זיי און שלעפּן זיך אַרום, — בלינדע, — אָנפּיסיקע, אָנהענטיקע, מיט פֿאַרסמטע לונגען. און אַלע זיינען דאָך אַזעלכע יונגע געווען, שטאַרקע, פֿול מיט לעבן, און דאָס לעבן האָט זיי אַזוי געדאַרפֿט האָבן... צו וואָס? און וואָס דאַרף מען טאָן, ס'זאָל שוין מער אַזוינס ניט געשען? וואָס קאָן זיין אַזוינס, וואָס מ'זאָל דורך דעם ניט קענען אַריבערשפּאַנען צוליב דעם?

קאַטיע איז שנעל געגאַנגען אַרויף מיט דעם געסל.

ס'איז גאָר אַזוינס ניט בנמצא? אַליך מעג מען. אַליך, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך! און אַלויב, — יאָ, יאָ, — אַלויב, אַ געווים די יעניקע, וואָס האָבן זיך מיט אַזאַ צעווילדעוועטער באַשלאָסנקייט אַוואָרף געטאָן קעגן אָט דעם גרויסן אַלוועלטלעכן פֿאַרברעכן! זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם דייטשן סאָלדאַט אין „אַסטאָריאַ“, ווי אַזוי ער האָט מיט ליבשאַפֿט געקוקט אויף די רויטע אַרמייער מיט די צעקנוידערטע היטלען אויף דעם קאַרק.

ביז איצט זיינען דאָס פּאַר קאַטיען געווען פּילע, אָפּגעלאָזענע מענטשן, אין וועלכע די פֿרייהייט האָט אויפֿגעבונדן די שרעק פֿאַר דעם אייגענעם פעלצל, געווען „צעבונטעוועטע קנעכט“ מיט דער פּסיכאָלאָגיע פֿון ווילדע מענטשן: „ביז אונזער סאַראַטאָווער האָרף וועלן זיי, אַלצאיינס, ניט קומען!“ און אפשר, — אפשר, איז דאָס ניט אַליך? אפשר, ניט נאָר דאָס אַליין? און איז נאָך עפּעס געווען אין דעם אַלעמען, — אַ פֿאַרהוילנס, אַ טיף־פֿאַרבאָרגנס, — אַ גרויס, אַן אומזיניקס, מיט וועלכן עס שאַפֿט זיך די געשיכטע און ס'לייגן זיך זיינע וועגן צו איר?

בלאָנדזשענדיק אויף אומזיניקע וועגן,
האָט אונז אַן אומזיניקער אַ נייע וועלט אַנטדעקט,
האָט אונז אַן אומזיניקער אַ נייע וועלט געגעבן,
ווייל דער אומזיניקער איז גאָט געווען.

קאַטיע איז געגאַנגען אויף דעם באַרג, צווישן די ווייגערטענער, און געלאַכט. יאָ, אָט די צעלאָזטע המונים, וואָס קנאַקן יאָדערן

אונטער דעם דונערן פֿון דעם חרובֿ־ווערנדיקן הימלאַנד, — קאָן זיין, אַז זיי האָבן געוואָרפֿן אין דער פֿינצטערער וועלט אַ נייעם פֿלאַקערנדיקן פֿאַקעל, וואָס וועט באַלויכטן די פֿאַרבלאָנדזשעטע פֿעלקער דעם אַרויסגאַנג אויף דעם וועג.

דאָרט, וואו דער האָט זיך פֿאַרקירעוועט, איז געלעגן אַ גרויסער ווייסער שטיין. פֿאַר דעם טאָג האָט ער אָנגעזאַפּט אַ סך זונען־היץ און איז געווען וואַרעם, אַזוי ווי אַן אויוון. קאַטיע האָט זיך געזעצט.

אונטן, אַרום דער רויטיק־בלויער בוכטע, איז אין אַ שטויב־רויכעלע געלעגן די שטאָט, און אויבן איז געווען דער רחבֿותדיקער, גרינלעך־בלויער הימל. מיט אַ מעטאַלענעם גלאַנץ האָט געבלאַנקט די יונגע האַלבע לבֿנה, און בלינצלענדיק האָבן זיך אָנגעצונדן די שטערן. דאָרטן אונטן, — ס'איז אַ שענקייט איז דאָרטן אין דעם רויכעלע, און אָט די קופּאָלן און מינאַרעטן, און אין די ווייסע ווילעס און פּאַלאַצן, וואָס לייכטן אין דער ווייט! און אונטער דער ראָטאָנדע, מיט די נאַקעטע סלופּעס, פֿוילט אַ געפּגרטער הונט, און איבער די גאַסן טראָגט זיך אַ זויער געשטאַנק פֿון די אָפּטרעטן, און ס'שטייט אַ שטויב אין דער לופֿט, און די אָפּגעקאַלופּעטע ווענט פֿון די הייזער. איז זי דאָרטן, אין שטאָט, געווען גערעכט, בשעת זי האָט געמשפּט איבער איר, צי דאָ, אין דער הייך?

די שנעלע געדאַנקען זיינען געלאָפֿן אין איר קאָפּ, און בילדער האָבן זיך דורכגעטראָגן, — שוידערלעכע, פֿינצטערע. דער גענעראַל מיט דעם בלויען געזיכט, און דער משוגענערווייז אָנפֿאַלנדיקער מאַטראָס מיט דעם שווערדל אין האַנט, און דער ראַזירטער יונגערמאַן מיט דעם פֿינצטערן זיס־תּאוודיקן בליק פֿון אונטער דעם צוגעדריקטן שטערן. און זי האָט זיך נאָך דערמאָנט אָן פּויערים, וואָס האָבן צערויבט אַ גוט פֿון אַ פּריץ. זי האָט אין רוסלאַנד געזען אָט די שוידערלעכע פּאָגראָמען. ניט קיין מענטשן, נאָר זשעדנע חיות, מיט איין מאָס פֿאַר זיך, און אַן אַנדערע מאָס — פֿאַר אַנדערע. און פֿון דער הייך, — פֿון דער הייך, קאָן זיין, איז דאָס ניט אַזוי? אפֿשר, אפֿשר נאָך עפּעס אַזוינס, אַ מער ברײַ־

מערס און וויכטיקערס? און עס קאָן אַפּילו זיין, — אַ גרויסער גאָט־געבענטשטער אמת און אַ פולע באַרעכטיקונג?

* * *

פון דעם אייבערשטן שטאָק אין מירימאַנאָווס הויז, — דאָרטן זיינען געווען צוויי גרויסע דירות, — האָט מען מיטאַמאָל אַרויסגעזעצט די קוואַרטיראַנטן: דעם ווענערישן דאָקטאָר וויינשטיין און דעם געוועזענעם שטאָט־גאָלאָוואַ גאַווּרילענקאָ. מען האָט זיי געהייסן אין משך פון אַ האַלבע שעה באַפרייען די דירות און זיי קיינזאַך ניט ערלויבט מיטצונעמען, ניט קיין מעבל, ניט קיין געפעס, — בלויז צו דריי פאַרלעך וועש און פון די אייבער־בגדים, דאָס, וואָס מ'גייט אָנגעטאָן.

— וואו־זשע זאָלן מיר זיך אַריבערקלייבן?

— וואָס איז אונזער עסק? וואו איר ווילט!

דער בלייכער וויינשטיין, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן צוויי־מאָל דיקער, — ער האָט אויף זיך אָנגעטאָן וועש און קליידער, וויפל ס'איז אַרויף, איז אַוועק מיט זיין גרויסער משפחה צו זיינע קרובים אין פערשטאָט. דער אַלטער גאַווּרילענקאָ איז געזעסן אַ פאַר־לוירענער מיט זיין פרוי ביי מירימאַנאָוון.

— אָבער זאָגט מיר, איך בעט איך, און דאָך, — ס'האַרף דאָך זיין עפּעס אַ מין געזעצלעכקייט. נו, האָט איר מיך אַרויסגע־זעצט, — דאַרפט איר מיר דאָך געבן כאָטש עפּעס אַ לאָך, אַ קאַמער, צי וואָס.

מירימאַנאָוו האָט אַ צישע געטאָן:

— „רעוואָלוציאָנערע געזעצלעכקייט!“

— איך פאַרשטיי איין זאַך ניט: צוואָס איז אַזאַ ראַפינירטע אוממענטשלעכקייט? אָט אַזוי ווי זיי וואָלטן אויסן געווען, אַז אַלע זאָלן זיין קעגן זיי.

גאַווּרילענקאָס פרוי האָט געוויינט.

— וואו זאָלן מיר וואוינען, און מיט וואָס? אַלץ איז דאָרטן פאַרבליבן, אַפּילו וואָס צו פאַרקויפן וועט שוין ניט זיין. איך

זאָל זיין יינגער, וואָלט איך אַריינגעטראָטן אַפֿילו צו בעלאָזיאָראָוון אין כאָר. און איצט האָב איך שוין קיין קול אויך ניט.

זי האָט געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע און פֿאַר דער התונה איז זי אַמאָל מיט גרויס ערפֿאָלג אַרויסגעטראָטן אין דער מאָסקווער אָפּערע.

אינאָוונט האָבן זיך אין די דירות אַריינגעקליבן זעקס אַרבעטער־פֿאַמיליעס. און אין דער גאַנצער שטאָט איז געווען אַ יאָמער און אַ קלאָג. אַרום און אַרום זיינען אָפּגערייניקט געוואָרן בערך הונדערט בורזשואַזע דירות.

* * *

גאַווריליענקאָ פֿלעגט אָפּשטיין אין לאַנגע רייען אין דעם וואוינונג־אָפּטייל און ענדלעך אַריינגיין. מ׳פֿלעגט אים גראָב ענטפֿערן:

— מ׳האָט אייך פֿאַרשריבן — וואָס־זשעווילט איר נאָך? אַז עס וועט האַלטן ביי אייך, וועט איר באַקומען אַ צימער.

גאַווריליענקאָ האָט קאָרעקט און איידל אָפּגעענטפֿערט:

— מען האָט דאָך מיך פֿון מיין דירה אַרויסגעזעצט, איך בין געבליבן אויף דער גאַס. בוכשטעבלעך אויף דער גאַס. וואָס־זשע זאָל איך מיך אַהינטאָן?

— ביי אונז נעכטיקן קאָמוניסטן און פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטער אין די קאָרידאָרן פֿון די האָטעלן און וואַרטן גאַנצע וואָכן אויף אַ ווינקל.

מען האָט אויך אַרויסגעזעצט די פֿעלדשערין סאָראָקינאַ, וואָס האָט געוואוינט ביי גאַווריליענקען. קאַטיע האָט איר פֿאָרגעלייגט זי זאָל זיך אַריינקלייבן צו איר אין צימער אַריין. אין הויז־קאָמיטעט האָט מען אָבער געפֿאָדערט אַן אָרדער פֿון וואוינונג־אָפּטייל. און אין וואוינונג־אָפּטייל האָט מען סאָראָקינען געזאָגט, אַז קאַטיע דאַרף אַליין קומען און פּערזענלעך מעלדן וועגן איר הסכּמה.

— גאָט, — ס׳איז אַ פֿאָרמאַליסטיק! אַ גאַנצן טאָג פּטרן! נו, צייט קאָסט זיי קיין געלט ניט!

און דאָך איז זי געגאַנגען. זי איז אָפּגעשטאַנען מיט סאָ־

ראָקינען אין אַ מוראַדיקער ריי און אַריינגעקומען. אַ שוואַרצהאָריקע פֿריילין מיט אַ מאַט געזיכט און עקלדיק רויטע, קאַרמינאָווע ליפּן, האָט אומגעדולדיק געהערט קוקנדיק אין אַ זייט.

– מ׳קאָן גאָרניט טאָן. מ׳וועט אייך געבן אַ שכן לויט אַן אָרדער פֿון וואוינונג־אָפּטייל.

קאַטיע איז פֿאַרגליווערט געוואָרן.

– ערלויבט! איך מעג זיך דאָך אויסקלייבן אַ שכנה נאָך מיין געשמאַק נאָך! און מען האָט דאָך מיר דאָ ערשט נעכטן געזאָגט, אַז איך דאַרף דאָ נאָר ערקלערן, אַז איך בין דערויף מסכּים.

– איך ווייס ניט, ווער עס האָט דאָס אייך געזאָגט.

סאָראָקינאַ האָט אייליק ערקלערט:

– געזאָגט האָט דאָס חבֿר זיידבערג, דער פֿאַרוואַלטער פֿון וואוינונג־אָפּטייל.

– נו, גייט צו אים.

– וואוהין?

די פֿריילין האָט גענומען מישן די פּאַפּירן.

– חבֿר, וואו דאַרף מען גיין צו אים?

– וואָס?

– וואו דאַרף מען גיין צו חבֿר זיידבערגן?

– אַך, גאָט! צימער נומ. 8.

אין קאָרידאָר האָבן זיי באַגעגנט דעם דאָקטאָר ווינשטיין, ער איז מיט אַ צופֿרידן פּנים געגאַנגען צו דער טיר. קאַטיע האָט געפֿרעגט:

– איר האָט באַקומען אַן אָרדער?

– יאָ.

– ווי אַזוי?

ווינשטיין האָט איינגעקוועטשט דעם קאָפּ אין די פּלייצעס, אויפֿגעהויבן די דלאָניעס, אַ שמייכל געטאָן און איז אַוועק צו דער טיר. קאַטיע מיט סאָראָקינען זיינען אַריין אין צימער נומ. 8.

אַ פֿראַנטעוואַטער יונגערמאַן, מיט אַ האָרבאַטער נאָז, אַ געגאָלטער, מיט אַ גרויס, זעלבסטצופֿרידן שמייכלענדיק מויל, האָט פֿריילעך געפּלוידערט מיט צוויי שיינינקע פֿריילינס.

– נאַדעזשדאַ וואַסיליעוונאַ, ראָזאַ מאָיסייעוונאַ זאָגט אויף

זיכער, אַז זי האָט איך נעכטן אינאָוונט געזען אויף דעם בולוואַר מיט זייער אַן אינטערעסאַנטן יונגנמאַן...

זיי האָבן געפּלױדערט און אַזוי ווי גאָרניט באַמערקט די אַריינגעקומענע. קאַטיע און סאָראָקינאַ האָבן געוואַרט. קאַטיע האָט, ענדלעך, אויפגעבראַכט געזאָגט:

— הערט, זייט אַזוי גוט, און לאָזט אונז אָפּ. איך דאַרף נאָך גיין צו דער אַרבעט.

דעם יונגנמאַנס געזיכט איז געוואָרן שטרענג, די אונטערשטע ליפּ איז מיט ביטול אַראָפּגעהאַנגען.

— וואָס האָט איר געוואָלט?

קאַטיע האָט ערקלערט.

— איך קאָן גאָרניט טאָן. איר וועט דאַרפן ענטפערן דערפאַר, פאַרוואָס איר פאַרנעמט אַליין אַ צימער, אין וועלכן עס קאָנען וואוינען צוויי מענטשן, און האָט וועגן דעם ניט געמאָלדן. מ׳וועט צו אייך אַריינזעצן דעם, וועמען איך וועל געבן אַן אָרדער.

סאָראָקינאַ האָט מיט אַ געפאַלן קול געזאָגט:

— חבר זיידבערג, איר האָט דאָך מיר ערשט נעכטן אַליין געזאָגט, אַז מ׳דאַרף בלויז האָבן די הסכּמה פון דעם, צו וועמען מ׳זעצט אַריין.

— איך האָב דאָס ניט געזאָגט. איך קאָן אייך ניט אַריינזעצן. איך מוז אַרבעטן לויטן געזעץ נאָך.

— אין וואָס־זשע באַשטייט דאָס געזעץ?

— אין דעם, וואָס איך וועל זאָגן... איך אַנטשולדיק זיך, איך האָב קיין צייט ניט. איך קאָן פאַר אייך גאָרניט טאָן.

קאַטיע האָט אַן אויפגערייצטע געקוקט אויף אים. די אָרעמזיכטע געפּטרטע צייט און די דערנידעריקונג פון היינטיקן טאָג האָבן איר ווי מיט ברענענדיקן ספּירט אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. זי איז אַוועק צו דער טיר און הויך געזאָגט:

— ווען וועט זיך שוין ענדיקן די כאַמישע מלוכה?

דער יונגערמאַן איז אויפגעשפּרונגען.

— וואָס האָט איר געזאָגט?!... חברים, איר האָט געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט?

קאַטיע איז געווען שיכור פֿון צאָרן און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— איר האָט ניט געהערט: וועל איך דאָס איבערחזרן! ווען־זשע וועט זיך בײַ אונז ענדיקן די מלוכה פֿון די כאַמעס!

— נאַדעזשדאַ וואַסיליעוונאַ! רופֿט אַרײַן פֿון דעם קאָרידאָר אַ מיליציאָנער... איך וועל אײַך בעטן, בירגערין, ניט אַוועקגיין. איך מוז אײַך פֿאַרהאַלטן.

ס׳איז אַרײַנגעקומען אַ מיליציאָנער מיט אַ ביקס. דער יונגער־מאַן האָט גערעדט דורך דעם טעלעפֿאָן:

— „אָסאָבי אָטדעל?“... איך בעט דעם הויפּטמאַן. ס׳בעט דער פֿאַרוואַלטער פֿון וואוינונג־אָפּטייל... חבֿר קאָראָליצקי? איך וועל אײַך באַלד איבערשיקן אַ ווײַסגוואַרדייערין, זי פֿאַרנעמט זיך מיט קאָנטררעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע... וואָס? גוט. די עדות אויך? גוט.

ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן.

— איר זאָגט זיך ניט אָפּ פֿון אײַערע ווערטער: „ווען־זשע וועט שוין אַ סוף נעמען צו דער כאַמישער מלוכה?“

— איך זאָג זיך ניט אָפּ און חזר נאָך אַמאָל איבער.

— חבֿר מיליציאָנער, שרײַבט זיך איר אויך אונטער אַלס עדות, איר האָט געהערט. מיט דעמדאָזיקן פּאַפּיר וועט איר זי אָפּפֿירן אין „אָסאָבי אָטדעל“.

דער מיליציאָנער מיט דער ביקס האָט אַוועקגעפֿירט קאַטיען.

אין צימער איז געזעסן אַ מאַן אין אַ כאַקי־קורטקע, מיט אַ רעוואָלווער. ניט מיט קיין גוטן שמייכל האָט ער גלײַכגילטיק קיים אַ קוק געטאָן אויף קאַטיען, אַזוי ווי אַ באַלעבאָס פֿון אַ שחיטה־הויז באַקוקט אַ געבראַכט קעלבל.

— איר האָט זיך פֿאַרנומען מיט קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע?

קאַטיע האָט אַ שמייכל געטאָן.

— ס׳וואָלט זייער מאָדנע געווען איך זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט אַזאַ אַגיטאַציע פֿאַר באָלשעוויקעס.

דער אָסאָבניק האָט אומדערוואַרט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פֿויסט איבער דעם טיש.

— וואָס לאַכסטו, פֿאַרשיווע ווייסגוואַרדייערין! פֿאַרנעמסט זיך מיט פּראָפּאַגאַנדע אין שטאָט! איך וועל דיר ווייזן!

קאַטיע איז בלייך געוואָרן און זיך אויסגעגלייכט.

— אויב איר וועט מיר אַזוי ריידן, וועל איך אײַך אַ וואָרט ניט ענטפֿערן.

ער האָט זי אויפֿמערקזאַם באַטראַכט.

— אָהאָ! מ'זעט שוין ס'איז אַ פֿויגל דאָס איז. אין קאַמער 13! — האָט ער פֿאַראָרדנט.

* * *

דאָס איז געווען אַ קעלער מיט צוויי שמאָלע פֿענצטערלעך מיט קראַטעס. קיין מעבל איז ניט געווען. ס'איז בלויז געשטאַנען ניט קיין גרויסער ניט געפֿאַרבטער טיש. אַז די אויגן האָבן זיך צוגעוואוינט צו דער פֿינסטערניש, האָט קאַטיע דערזען עטלעכע פֿרויען, וואָס זײַנען געזעסן אויף דער ערד לעבן דער וואַנט. זי האָט מיט פֿאַרוואונדערונג געפֿרעגט:

— זאָגט, קיין קאָיקעס זײַנען דאָ ניטאָ?

אַ גרויע פֿרוי מיט אַ פֿאַרשוואָלן געזיכט האָט געענטפֿערט:

— ניין.

— איז ווי אַזוי־זשע?

— אויף דער פּאָדלאָגע, וואָס איר זעט דאָ, — האָט יעדערער זײַנס, וואָס מען האָט אים געבראַכט פֿון דער היים. זעצט זיך לעבן מיר.

קאַטיע איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט אָנגעהויבן קלאַפּן. אַ גראָב קול האָט געפֿרעגט:

— וואָס דאַרפֿסטו?

— עפֿנט, איך דאַרף אײַך עפּעס זאָגן.

די טיר האָט געעפֿנט אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס.

— נו? וואָס אַזוינס?

— זאָגט, וואו־זשע זאָל איך דאָ שלאָפֿן? וואו זאָל איך זיך זעצן?

דער סאָלדאַט האָט זיך פאַרוואונדערט.

— וואו דו ווילסט.

— וואָס הייסט? אויף דער הוילער שטיינערנער פאָדלאָגע? אינדערהיים ווייסט מען אַפילו ניט, צי מען האָט מיך אַרעסטירט, איך האָב גאָרנישט, גיט מיר כאָטש אַ הוילע קויקע.

— ס'קומט ניט.

— ווי קאָן דאָס זיין? טאָ רופט צו מיר דעם הויפטמאַן. אָט וועט ער גיין צו דיר!

— זייט אַזוי גוט און הוצט מיר ניט! — איז קאַטיע געוואָרן אויפגעבראַכט.

דער סאָלדאַט האָט לאַנג באַקוקט קאַטיען און אַ שפאַן געטאָן צו איר.

— אויב דו וועסט זיך בונטעווען, וועל איך דיך גלייך פאַר-קירצן... אַוועק!

ער האָט איר אַ שטויס געטאָן אין פּלייצע און פאַרמאַכט די טיר.

קאַטיע האָט מיט אַ הילפלויזער אויפגעבראַכטקייט זיך אומ-געקוקט.

עסן האָט מען איר אַ גאַנצן טאָג ניט געגעבן. ברויט האָט מען געטיילט אין דער פרי, און זי האָט דאָס ערשט געקענט באַקומען מאָרגן. די גרויע פרוי, מיט וועלכער זי האָט פריער גערעדט, האָט זי גענומען צו זיך אויף דער קאָלדרע.

אַ הונגעריקע און אַ דערהרגעטע פון די אַלע איינדרוקן, האָט קאַטיע אַ גאַנצע נאַכט ניט צוגעמאַכט קיין אויג. אין האַרצן האָט געברויזט אַ צאָרן. פון דער צעמענטענער פאָדלאָגע איז דורך דער קאָלדרע דורכגעדרונגען אַ שווערע קעלט, דאָס לייב האָט געברענט פון די לייז, וואָס זיינען אומגעקראָכן. און פאַר די אויגן איז געשטאַנען די געגאָלטע צורה, מיט דער האָרבאַטער נאָז און מיט דער גאַוודיקן אַראָפּגעהאַנגענער אונטערשטער ליפּ. לעבן איר האָט שוואַך געקרעכצט פון שלאָף די אַלטע פרוי.

* * *

ס'זיינען אַוועק צוויי טעג. ליובאָוו אַלעקסייעווגאַ האָט זיך דערוואוסט פֿון סאַראָקינאַן, אַז קאַטיע איז אַרעסטירט און פֿאַר איר געבראַכט אַ קישן, אַ קאָלדרע און אַ טופּיאַק.

אין קאַמער זיינען געזעסן פֿינף פֿרויען. די פֿרוי און די טאָכטער פֿון דעם אָנפֿירער פֿון דער מיליציע ביי די ווייסע, וואָס איז אַנטלאָפֿן. צוויי דאַמען, וואָס זייערע דינסטן האָבן געמסרט, אַז זיי האָבן געזידלט די באָלשעוויקעס. און די גרויע פֿרוי מיט דעם פֿאַרשוואָלענעם געזיכט, וואָס האָט גענומען צו זיך אויף דער קאָלדרע קאַטיען, — אַ פֿרוי פֿון אַ דירעקטאָר פֿון איינעם פֿון די פּריוואַטע בענק. מיט איר האָט זיך געטראָפֿן אַ מאָדנע געשיכטע. איינמאָל בשעת דער מאַן איז ניט געווען, זיינען צו איר געקומען צוויי יונגעלייט, זי אַריינגערופֿן אין אַ באַזונדער צימער און איר ערקלערט, אַז זיי זיינען אָפֿיצירן, אַז די באָלשעוויקעס זוכן זיי און ווילן זיי שיסן, און איר געבעטן, זי זאָל זיי באַהאַלטן ביי זיך אויף איין מעת-לעת.

— און זייערע צורות זיינען אַזעלכע אָנגענעמע, די אויגן ליפֿן... נאָר וואָס האָט זי געקענט טאָן? זאָג זיי אָפּ, וועט מען זיי דערשיסן! דאָס גאַנצע לעבן וועט דיך דער געוויסן פּייניקן... פֿיר איך זיי אַריין אין אַ צימער, — פּלוצים רייסט זיך אַריין אין שטוב דער קאָמענדאַנט, דער מאַטראָס, סיטשעוו, מיט אים נאָך מאַטראָסן. „אָפֿיצירן באַהאַלטסטו!" מיך אויסגעזידלט, געשלאָגן מכּות רצח און אַרעסטירט. איך זיץ שוין די צווייטע וואָך. און ניט לאַנג, בשעת מען האָט מיך געפֿירט אויף דער אויספֿאָרשונג, האָב איך אויף דעם הויף באַמערקט איינעם פֿון די צוויי, ער גייט אַרום אויף דער פֿריי, אַזוי ווי אַן אייגענער מענטש.

דער טאָג האָט זיך געצויגן אין דער טונקל, די נאַכט אין דער פֿינסטער. קיין ליכט האָט מען ניט געגעבן. קאַטיע האָט זיך דערמאָנט אָן די גאָר אַלטע, — פֿריער האָט זיך געדוכט, אַז זיי זיינען שוין אויף שטענדיק אַוועק, — צייטן, ווען מ'פֿלעגט נע-

מען מענטשן און זיי אַרײַנוואַרפֿן אין שטיינערנע גריבער, און אַזוי מאָדנע איז געווען וועלכע ניט איז זאָרג פֿאַר זיי. זי האָט זיך דערמאָנט לעסקאָווס אַן ערציילונג דער „פֿאַרברעכער פֿון אַשקלון“, וואָס זי האָט אַמאָל געהאַט געלייענט, און הורדוסעס קאַזעמאַט, וואָס ווערט דאָרט באַשריבן, אַלץ אָט אַזוי ווי דאָ.

דעם דירעקטאָרס פֿרוי האָט בײַנאַכט שרעקלעך געקרעכצט פֿון רעוומאַטיזם. אַלעמענס פּנימער זײַנען געווען בלײַך־גרויע די קליידער שמוציק, לעבעדיקע פֿון די לײַז. הונגער, פֿינסטערניש, אַ שלעכטע לופֿט. אין די הערצער האָט געבריזט שרעק און יאוש.

קאַטיע האָט זיך דערוואוסט פֿון אירע חבֿרטעס אין תּפֿיסה, אַז זייער קאַמער B איז — אַ „פֿאַרדעכטיקע“. פֿון איר פירט מען אַריבער אָדער אין קאַמער A — צום באַפֿרײַען, אָדער אין קאַמער W, — אויף דערשיסן. די טעג האָט מען דערשאָסן צוויי מיידלעך — לערערינס פֿאַר סאַבאָטאַזש און קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע. קאַטיע האָט בײַטאָג זשעדנע זיך נאָכגעפֿרעגט וועגן זיי, און בײַנאַכט האָבן זייערע בלײַכע שאָטנס געשוועבט פֿאַר אירע אויגן אין דער פֿינסטער.

* * *

מען האָט איר גערופֿן צו דעם פֿאַרהער. אַז קאַטיע איז אַרײַנגעקומען אין דעם גערוימען צימער פֿון דעם פּאַלאַץ, האָט איר אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכער ציטער, און דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן אַזוי קלאַפּן, אַז קאַטיע איז געוואָרן פֿאַרצווייפֿלט.

בײַם טיש זײַנען געזעסן דרײַ, איינער פֿון זיי — דער, וואָס האָט דעמאָלט געקלאַפּט מיט דער פֿויסט. דער וואָס איז געזעסן אין דערמיט, אַ ראַזירטער, האָט געפֿרעגט:

— אײַער נאָמען, פֿאַמיליע?

קאַטיע האָט געזאָגט.

— איר זײַט דעם חבֿר סאַרטאַנאָוו־סעדאָיס אַ קרובֿה?

— דאָס האָט מיט דעם ענין קיין שייכות ניט! — האָט קאַטיע שאַרף אָפּגעהאַקט.

דער ראַזירטער האָט אויפֿמערקזאַם אַ קוק געטאָן. יענער, דער פֿריערדיקער, האָט זיך מיט אַן אומבאַוועגלעכן בליק אָפּגעשטעלט אויף קאַטיען, און אין זיינע אויגן איז שוין געווען אַ פֿריער באַשטימטער אורטייל. דער דריטער, מיט ברייטע וואָנסן, אין אַ מאַטראָסן־היטל, האָט מיט אַ אין זיך שמייכלענדיקער נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צו קאַטיעס אויפֿגערעגט געזיכט, וואָס האָט אַזוי ניט געפּאַסט צו איר שאַרפֿן טאָן.

— אייער געוועזענער באַרוף?

— אַ אַרעליקע, — האָט קאַטיע געענטפֿערט. און קוים געכאַפּט דעם אָטעם, צולייגנדיק די האַנט צום האַרצן.

דער ראַזירטער האָט באַרואיקנדיק געזאָגט:

— רעגט זיך אַזוי ניט, ס'איז אַ נאַרישער ענין.

קאַטיע האָט מיט פֿאַראַכטונג געענטפֿערט:

— איך רעג זיך גאָרניט פֿון אייער פֿאַרהער.

דער ראַזירטער האָט פֿאָרגעלייגט, זי זאָל דערציילן, ווי די זאַך איז געווען. ער האָט אויסגעפֿרעגט ווייך און ניט פֿיינטלעך. קאַטיע האָט אַלץ דערציילט און צוגעגעבן, אַז זי האָט גאָרניט הרטה וואָס זי האָט געזאָגט „כאַמישע מלוכה“, אַז דערדאָזיקער זיידבערג האָט זיך טאַקע געהאַלטן, ווי אַ אמתער כאַם.

— און איך רעכן, אַז איר, אויף מיין אָרט, ווען איר זאָלט געווען איבערלעבן אָט דאָס אַלץ, וואָלט אויך אַזוי געזאָגט.

דער ראַזירטער האָט אַ שמייכל געטאָן מיט זיינע דינע ליפּן.

— נו, איך וואָלט זיך אויסגעדריקט פֿאָרזיכטיקער: איך וואָלט אים אָנגערופֿן כאַם, אויב ער וואָלט דאָס פֿאַרדינט, און וואָלט בכלל ניט גערעדט וועגן אַ כאַמישער מלוכה.

— מ'קאָן זי אַרויספֿירן, — האָט ער זיך געווענדט צו דער וואַך.

קאַטיע האָט זיך נאָך מער אויפֿגערעגט.

— איך האָב נאָך עפּעס צו ערקלערן.

— ביטע.

— אָט־וואָס...

און מיטאַמאָל האָט זי אויפֿגעהערט צו ציטערן, אויפֿן האַרצן איז געוואָרן פֿריידעוודיק און פֿעסט.

— איך בין געזעסן אין די צאַרישע טורמעס, מיך האָבן געפֿאָרשט צאַרישע זשאַנדאַרמען. און קיינמאָל האָב איך ניט געזען אַזאַ הידישע באַציאונג צו די אַרעסטירטע, מ'זאָל אַזוי טרעטן אַ מענטשן, ווי ביי אייך... איך זיץ אין אַ קאַמער פֿון די, וואָס מ'דאַרף אויספֿאָרשן, זייערע ענינים זיינען נאָך ניט באַטראַכט געוואָרן. ס'קאָן זיין, אַז אַפילו איר וועט זיי געפֿינען פֿאַר אומשולדיק... און זיי געפֿינען זיך אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס אין די צאַרישע צייטן האָבן זיך אַפילו קאַטאָרזשניקעס ניט געפֿונען אין אַזעלכע. יענע האָבן כאָטש נאַרעס געהאַט, מען האָט זיי אַפילו שטרוי געגעבן, מען האָט זיי כאָטש ערלויבט צו אָטעמען מיט פֿרייער לופֿט. און איר וואַרפֿט אַריין אייערע געפֿאַנגענע אין פֿינסטערע קעלערס, מענטשן ליגן אויף אַ קאַלטער שטיינערנער פאַדלאָגע, איר פייניקט זיי מיט הונגער. די וועכטער באַגייען זיך מיט זיי, אַזוי ווי מיט קנעכט, שרייען אויף זיי, דוצן זיי. איז ניט־זשע האָט אייך אַפילו איינמאָל ניט פֿאַראינטערעסירט אַריינגיין און אַ קוק טאָן, ווי אָט־דאָ, אונטער דער פאַדלאָגע, אונטער אייך, לעבן מענטשן, וואָס איר האָט ביי זיי צוגענומען די פֿרייהייט?... און נאָך. אָט מאַכט איר קלאָר מיין שולד, — און פֿאַר וואָס באַמת איר זיך ניט קלאָר מאַכן, וואָס עס האָט גורם געווען דערצו? פֿאַרוואָס אַרעסטירט איר ניט די לייט אָט ווי יענער זיידבערג, אָדער אייער איסקאַנדער? זיי, מיט זייער אויפֿפֿיר רייסן גיכער אונטער דעם אויטאָריטעט פֿון אייער מאַכט, איידער די אַלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פראָפאַגאַנדעס.

קאַטיע האָט אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס ס'האָט זיך ביי איר אין האַרצן אָנגעקליבן. און בשעת מען האָט איר געפֿירט צוריק אין טורמע אַריין איז ביי איר אין האַרצן געווען שטיל און באַפֿרידיקט.

* * *

זי האָט דערציילט וועגן דעם פֿאַרהער, און וואָס זי האָט זיי געזאָגט. אוז פלוצים זיינען אַלע ווי אָפגעשטאָרבן אין שווערן שווייגן. זיי האָבן געקוקט אויף איר און גאָרניט געזאָגט. און אין

דעם שווייגן האָט קאַטיע פּלוצים דערפֿילט דאָס קאַלטע אָטעמען פֿון טויט, וואָס איז נאָך איר געקומען. אָבער אין האַרצן איז געווען די פֿריערדיקע פֿריידעוודיקע באַרויִקונג און ווײַלעריִשער אַרויספֿאָדערונג.

די טיר האָט זיך געעפֿנט און אַ סאָלדאַט מיט אַ רעוואָלווער האָט אַ געשריי געטאָן:

— סאַרטאַנאָוואַ! נעם צונויף די זאַכן. אין אַ שעה אַרום באַפֿרייט מען דיך.

אַזוי פֿלעגט מען זאָגן, בשעת מען פֿלעגט באַפֿרייען, און בשעת מען פֿלעגט פֿירן אויף דערשיסן. נעכטן האָט מען באַפֿרייט איינע פֿון די דאַמען, וואָס זײַנען געזעסן דערפֿאַר, וואָס איר דינסט האָט זי געמסרט: אַלע האָבן געשריבן בריוו, זי זאָל זיי אָפּגעבן אויף דער פֿרײַ. איצט קיינער ניט. און בגנבֿה האָט איטלעכער מיט מיטגעפֿיל און שרעק געקוקט אויף קאַטיען, ס'איז געווען קלאָר, — אַלע פֿאַרשטייען זיי, אַז מ'פֿירט זי איבער אין דער שרעקלעכער קאַמער W.

קאַטיע איז געוואָרן פֿריילעך, און דאָס געלעכטער האָט געברויזט אין ברוסט: איז ניט־זשע טאַקע באמת דער טויט? און ניט־זשע טרעפֿט, אַז עס איז אַזוי קאָמיש צו שטאַרבן? די האָט געלאַכט, זיך געהכמהט, דערציילט קאָמישע מעשׂיות. און עפּעס אַזוי לײַכט איז געווען אין גאַנצן קערפּער, אַזוינס, וואָס האָט געהויבן פֿון דער ערד, און מיט אַ לאַכעדיקן אינטערעס האָט זי געוואַרט: אַ צענדליק שטאַרקע מענער וועלן זי אַרומרינגלען; מ'וועט זי ערגעץ אַוועקפֿירן, אָנשטעלן אויף איר די ביקסן. און זיי וועלן גאָר קיין בושה ניט האָבן...

* * *

ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט זי באַפֿרייט. אינדערהיים האָט זיך קאַטיע דערוואוסט, אַז דער פּראָפֿעסאָר דמיטריעווסקי האָט זיך שטאַרק משתדל געווען פֿאַר איר. אַ באַזונדערן

עפֿעקט האָט אויף זיי געמאַכט דאָס, וואָס זי איז סערחאָיס אַ קוזינע. מען האָט איר אויך מודיע געווען, אַז עס איז געקומען אַ וואַרי־גונגס־קאָנטראָלער און האָט פֿאַרשריבן איר צימער.

* * *

די הויז־קאָמיטעטן האָט מען מודיע געווען: דער, וואָס וועט ניט באַפּוצן דעם ערשטן מאַי דאָס הויז מיט אַ רויטער פֿאָן, וועט איבערגעגעבן ווערן צום געריכט פֿון רעוואָלוציאָנאַל. די בירגער איז פֿאַרזאָגט געוואָרן, די זאָלן, אונטער דער שטרענגסטער רע־וואָלוציאָנערער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, צושטעלן אין רעווקאָם דאָס גאַנצע רויטע צייג, וואָס זיי פֿאַרמאָגן. דער בוכהאַלטער פֿון דער אָפּטיילונג האָט מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל דערציילט קאַטיען, אַז אין דער טאַבאַק־פֿאַבריק האָט דער זאַווקאָם אויפֿגעהאַנגען אַ מודעה, אַז אַלע מוזן זיך באַטייליקן אין דער מאַניפֿעסטאַציע. ווער עס וועט ניט גיין, וועט ערקלערט ווערן אַלס שונא פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט.

אין אָפּטיילונג האָט זיך באַקומען דער צערעמאָניאַל פֿון דער מאַניפֿעסטאַציע. דמיטריעווסקי האָט זיך געראַשט און דערמאָנט די מיטאַרבעטער, אַז פּונקט צען אַ זייגער זאָלן זיי זיך פֿאַרזאַמלען אין דער אָפּטיילונג, און פֿון דאָרטן וועלן אַלע גיין צום זאַמל־פּונקט ביים פֿאָנטאַן אָראַס־טימור (איצט — פֿאָנטאַן אויפֿן נאָמען פֿון קאַרל ליבקנעכט). ער האָט מיט די קינסטלער באַטראַכט די פֿאָנעס און די פּלאַקאַטן.

קאַטיע האָט געפֿרעגט:

— מען מוז הרבאויס זיך באַטייליקן אין דער דעמאָנסטראַציע?

— געוויס!

— און איך וויל ניט גיין. ס׳עקלט. על־פּי צוואַנג.

דמיטריעווסקי האָט פֿאַרלירן אַ קוק געטאָן אויף איר.

— געוויס נויטן וועט איך קיינער ניט. נאָר כ׳איז דייער געוואונטשן, אַז דער גאַנצער אָפּטייל זאָל זיך באַטייליקן.

בעלאָזיאָראָוו האָט מיט דעם גאַנצן ברען געאַרבעט. אין טעאַטער האָט זיך געגרייט הויפּטמאַנס דראַמע „די וועבער“, די אָרקעסטערס האָבן געגרייט רעוואָלוציאָנערע מאַרשן, די אינסטרוקטאָרן האָבן רעפּעטירט מיט די אַרבעטער-כאָרן אויף די פֿאַבריקן.

* *
*

אַרום עלף אַזייגער איז קאַטיע אַרויסגעגאַנגען אַקוק טאָן. אויף די פּאַנעלן איז געשטאַנען אַגרויסער עולם צווער און געוואַרט. קאַטיע איז געווען זיכער, אַז אויף דער דעמאָנסטראַציע וועט זיין זייער ווייניק עולם, און אין האַרצן האָט זי דאָס זייער געוואָלט.

ס'איז געווען אַזעלטענער זוניקער טאָג, הינטער די ביימער פֿון סקווער האָט געבלאַנקט חער ים. פֿון דער ווייטן האָט מעכטיק געדונערט דער אָרקעסטער. דער אינטערנאַציאָנאַל. אין אַאויטאָמאָביל איז דורכגעפֿלויגן בעלאָזיאָראָוו מיט אַגרויסן רויטן באַנט אויף דער ברוסט.

די מוזיק האָט זיך דערנעענטערט. אונטער דער זון האָבן געפֿלאַטערט די רויטע פֿאָנעס, אויף די הייזער האָבן זיך גערײשלט די פֿאָנעס.

אַן אַלטער לערער פֿון אַגימנאַזיע — קאַטיע האָט אים איינמאָל געזען ביי די מירמאַנאָווס — האָט אין דער שטיל גערעדט מיט דעם שכן:

— מענטשן האָבן זיך ניט אין וואָס אָנצוטאָן, און דאָ פּטרט מען טויזנטער אַרשין ציץ אויף פֿאָנעס.

הינטער דער מוזיק האָט זיך דערהערט אַכאָר. לאַנגזאַם וויגנדיק זיך, האָבן זיך אָנגערוקט פֿינסטערע מאַסן מענטשן, איבער זיי האָבן זיך געהוידעט פֿאָנעס און פּלאַקאַטן.

אַקליין יינגעלע האָט מיט באַגייסטערונג געזאָגט:

— מאַמע! מאַמע! זע נאָר! אָט — גייען זיי! מיט פֿאָנעס!

— אַפּנים, אַקרייץ-פּראָצעסיע זייערע.

— מאַכט אַוואַרע!

די מיליציאָנערן האָבן ברוטאַל געשטופּט דעם עולם מיט די

ביקסן אויף די טראָטואַרן אַרויף. קאַטיע האָט זיך דערמאָנט אָן די אַמאָליקע ערשט־מאַיקע דעמאָנסטראַציעס און דעם קרבן־עולה־דיקן פייער פון מאַרטירעריי אין די אויגן פון די אָנטיילנעמער. קיינער האָט דעמאָלט פאַר זיי ניט אָפּגערייניקט דעם וועג, און בעלאָזיאָראָוו וואָלט דעמאָלט ניט רעפּעטירט מיט די אַרבעטער־כאָרן.

ס׳זיינען פאַרביי־געגאַנגען גלייכע רייען רויטע אַרמייער מיט די ביקסן אויף די אַקסל, מיט רויטע בענדער אויף די אַרבל. אין די רייען האָט קאַטיע הערזען די צוויי באַקאַנטע דייטשן אין די קאַסקעס. מעכטיקע מענער־שטימען האָבן, צונויפגיסנדיק זיך מיט די אָרקעסטערס, געזונגען.

שטייט אויף, איר אלע ווער ווי שקלאַפן —

און די רייען זיינען געגאַנגען. אַרבעטער אין פּידזשאַקעס, אַר־בעטערינס אין העלע קליידלעך, ראַטן־אָנגעשטעלטע, קאָקעטירנדיקע פרייליינס אויף הויכע אָפּצאַסן, מיט אַ וויגנדיקן גאַנג. ס׳זיינען פאַר־ביי־געשוואומען פּלאַקאַטן אויף הויכע שטאַנגען:

זאָל לעבן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַלע רעוואָלוציע!
זאָל לעבן דאָס בוך אין די הענט פון פּראָלעטאַריאַט!

— דאָס ערשטע מאָל הער איך, עמיצער זאָל ווינטשן גע־זונט דעם בוך!

זאָל לעבן די ברידערלעכקייט פון די אַרבעטנדיקע! ניטאָ קיין רוסן, קיין יידן, קיין טאָטערס, קיין דייטשן! ס׳זיינען דאָ ברידער — אַרבעטער און שונאים — קאַפּיטאַליסטן!

ביי קאַטיען האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן טאַנצן פון פרייד פון דעם נצחונותדיק־קריגערישן טעמפּ פון דער מוזיק, פון דעם רויטן גלאַנץ פון די פאָנעס, פון דער בלאַנקענדיקער זון, פון די טאָקן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון אָט דער מאַסע מענטשן. מען איז אַליץ געגאַנגען, געגאַנגען פאַרביי; פראַגמענטן פון די לידער האָבן זיך אַרויסגעריסן פון לעבעדיקן שטרוים:

אָנוווערן וועלן מיר בלויז די קייטן,
און איינעמען גאָר די וועלט

די מענטשלעכע כוואַליעס האָבן זיך געקלערט צום פּלאַץ, און נייע האָבן זיך אָנגערוקט.

פֿאָרויס, פֿריינד! מיר גייען אַלע אינאיינעם,
האַנט ביי האַנט, און דער געדאַנק איז איין!
ווער קאָן זאָגן דעם שטורעם: „שטיי אויף אָן אָרט!“
וועמעס מאַכט אויף דער גאָרער וועלט
איז שטאַרק ווי אונזער מאַכט.

פֿון פֿאָרנט איז אַמניעה, די פּראָצעסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ דאַרגופיקער אַרבעטער, אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט געהאַלטן דעם שטעקן פֿון פּלאַקאַט, האָט אָפּגעווישט דעם שוויס פֿון פּליכעוואַטן קאָפּ און מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל געקוקט אויף אַלע זייטן.

— גאָט וועט העלפֿן און דער אַרבעטער־קלאַס וועט בייקומען דעם קאַפּיטאַל, און דעמאָלט וועט זיין גוט!

ביי קאַטיען האָט שטאַרק געקלעמט דאָס האַרץ. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם שוידערלעכן קעלער און די אומשולדיקע מענטשן, וואָס זיצן דאָרט מיט פֿאַרשוואָלענע פּנימער, איסקאַנדערס קרומע אויגן, וואָס טליען מיט אַ טונקל־בלוטיקן פֿייערל... ער קאָן דאָך ניט וויסן וועגן דעם אַלעמען! און אויב ער ווייסט, — ווי קאָן ער קוקן אַזוי גוטמוטיק און פֿריידעוודיק?

מען איז ווידער אַוועק. אַ פּלאַקאַט:

פּרויען פֿון מזרח! איר זייט געווען שקלאַפֿינס פֿון די מענער, איצט זייט איר געוואָרן פֿרייע מענטשן! נעמט זיך אַלע צו דער אַרבעט פֿאַר דעם אַלגעמיינעם גליק פֿון די אַרבעטנדיקע!

ס'זיינען אין גלייכע רייען געגאַנגען טאָטערקעס, אַלע יונגע, אין נידעריקע פּיאָלעטעווע סאַמעטענע היטעלעך, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט פּאָזומענטן און גאָלד. העלער נאָך פֿון די פּאָזומענטן און פֿון דעם גאָלד האָבן געגלאַנצט די וואונדערלעכע אויגן אויף די אָוואַלע פּנימער. אָט אַזוי ווי מ'וואָלט אָקאָרשט אַרויסגעלאָזט פֿון די פֿינסטערע הינטערשטע צימערן אויף דער פֿרייער לופֿט

אַז די שוואַרצאויגיקע מיידלעך און פֿרויען, און זיי וואָלטן פֿאַרשיכּורט באַטראַכט אַז די מיט זון באַגאָסענע וואונדערשיינע וועלט.

אַ ים קעפּ און אַ וואַלד פֿאָנעס אויף גענועזער פּלאַץ (איצט — אוריצקיס פּלאַץ). אַטריבונע, באַצויגן מיט רויטן צייג און מיט גרינע צווייגן פֿון מימאָזעס. איינער נאָך דעם אַנדערן זיינען אַרויפֿגעגאַנגען די רעדנערס. די לופֿט איז געווען אָנגעזעטיקט מיט פֿריידעוודיקע עלעקטריציטעט פֿון דעם נצחונותדיקן יובֿלען. קאַטיע האָט אַרום זיך געזען זשעדנע פּנימער, וואָס האָבן זיך צוגעהערט מיט יום־טובֿדיקן ברענענדיקע אויגן. און ס'האָט זיך געדוכט, אַז די מענטשן פֿאַרמאָגן ניט קיין באַזונדערע הערצער, נאָר איין אַלגעמיין האַרץ, אַ גרויס ווי דער ים, האָט געפֿייערט דעם נצחון איבער עפּעס אַן אומגעהייער גרויס דערגרייכונג. אָפֿטמאָל האָט עס קאַטיען אַריינגעצויגן און אַוועקגעטראָגן אין אַט דער אַלגעמיינער שטימונג — און נאָכדעם פּלוצים צוריק אָפּגעשטויסן: אַזוי פֿיל צאָרן און האַס איז געווען אין די אַלע לאָזונגען. צו וואָס? צו וואָס דאַרף מען דאָס איצט? צי דען איז אַט דער איבעריקער האַס שוין ניט צופֿיל פֿאַרפֿולט ביי אַלעמען? פֿאַרוואָס הערט זיך ניט כאָטש איין רוף צו באַרהאַרציקייט און גוטסקייט פֿון די זיגער?

ס'איז אַרויסגעטראָטן לענין. זיין רעדע איז קאַטיען געפֿעלן. ער האָט אַ זידל געטאָן די בורזשויען, די אימפּעריאַליסטן, און אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דער נייער אָרדענונג, וואו עס וועט זיין גליק און פֿרייהייט, און שיינקייט, און זעלטענע מענטשן וועלן לעבן אויף אַ זעלטענער וועלט. און קאַטיען האָט ווידער איבערראַשט: די נשמה האָט זיך גערעגט ניט פֿון זיינע ווערטער, נאָר פֿון די מאָדנע קלינגענדיקע טענער פֿון שטימונג און פֿעסטן גלויבן.

און נאָכדעם האָט זיך אויף דער טריבונע באַוויזן פּראָפֿעסאָר דמיטריעווסקיס גרויסער גרויער קאָפּ. פֿאַר דער לעצטער צייט האָט קאַטיע זיך געקרימט אַ ביסל פֿון זיינע איניקע מעשים, ס'האָט זיך איר געדוכט, — ער פּאַסט זיך שוין צופֿיל צו, ער גייט ניט מיט דעם גלייכן וועג. אָבער דאָ האָט ער איר אינגאַנצן באַפֿרידיקט. קיין איין צאָרנדיקער רוף. ער האָט גערעדט וועגן דער וויסנשאַפֿט און איר גרויסער, שעפֿערישער ראָל אינם לעבן. ס'האָט זיך געפֿילט,

אַז דאָס לעבן איז פאַר אים — אַ ליכטיקע, געבענטשטע געטין, אַז זי קאָן אַלצדינג טאָן, און אַז פון אירטוועגן איז ער גרייט מקריב זיין אַלץ.

מיט אַ ציטערדיקער אויפגערעגטער שטים האָט דער פּראָפעסאָר פאַרענדיקט זיין רעדע מיט די ווערטער:

— חברים! ס'טרעפן זיך מאָמענטן אין דער געשיכטע, ווען פאַרגוואַלדיקונג איז, קאָן זיין, נייטיק. אָבער דער אמתער סאָציאַליזם קאָן איינגעפלאַנצט ווערן אויף דער וועלט ניט מיט דער ביקס, ניט מיט דעם באַגנעט, נאָר מיט דעם וויסנשאַפט און דער ברייטער בילדונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן!

* * *

קאַטיע איז געגאַנגען צו דער אַרבעט און זיך אין גאַס באַגעגנט מיט דעם פּראָפעסאָר דמיטריעווסקי. ער איז געווען אויפגערעגט און האָט געהאַלטן אין האַנט אַ צייטונג.

— אָט. איר האָט געלייענט? וועגן דער ערשטמאַיקער פייערונג?

— ניין.

— לייענט איבער.

אין דעם באַריכט מיט דער אונטערשריפט „ספּאַרטאַק", זיינען די לעצטע ווערטער פון דעם פּראָפעסאָרס רעדע געווען איבערגעגעבן אויף אַזאַ אופן:

„חברים! געדענקט: אין די באַדינגונגען פון דעם מאָמענט, וואָס מיר לעבן איבער, קאָן דער סאָציאַליזם איינגעפלאַנצט ווערן ניט דורך דער שיין־געצאַצקעטער פּלאַפּלעריי פון די וויכלייביקע הגהה־לייט, נאָר דורך דער אומברחמנותדיקער ביקס און באַגנעט אין די מאָזאָלן־הענט פון דעם אַרבעטער!"

דער פּראָפעסאָר האָט אויסער זיך אַ געשריי געטאָן:

— וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס? איך גיי אין רעדאַקציע. קומט מיט מיר.

אין אַ שמוציק צימערל, וואָס איז געווען פֿאַרלייגט מיט פּעק פּאַפּיר, האָט געשמעקט מיט נאַפֿט פֿון דעם מאָטאָר פֿין דער דרוקעריי און מיט טערפּענטין. אַ ברוגזער הער אין גאָלדענע ברילן איז, דערהערנדיק דעם פּראָפֿעסאָרס פֿאַמיליע, געוואָרן צעשמאָלצן, אים מיט גרוס דרך־ארץ אַוועקגעזעצט און מיט מיטגעפֿיל אויסגעהערט.

— דאָס האָט ספּאַרטאַק אָנגעשריבן דעם באַריכט... ספּאַרטאַק! קום נאָר אַהער!

מיט אַ לאַנגזאַם גענגל איז פֿון שכנישן צימער אַרייַנגעקומען אַ קרענקלעכער יונגערמאַן מיט אַ פֿויל, גוטהאַרציק שמייכעלע, קייענדיק אַ שטיקל ברויט מיט קעז... קאַטיע איז געוואָרן איבערראַשט: אָט ווער דער ספּאַרטאַק איז!

ער האָט געהערט דעם פּראָפֿעסאָר מיט אַ פֿאַרשעמט שמייכעלע.

— איך אַנטשולדיק זיך זייער... אפֿנים, איך האָב ניט דערהערט. נאָר וואָס קען מען איצט טאָן? וואָס ס'איז אָנגעשריבן מיט דער פּען, קאָן מען מיט דער האַק ניט אויסהאַקן.

— נו, מאָלט אייך, חבֿר, אַז עס הייבט זיך גאָרניט אָן! אַנטשולדיקט! האַקט דאָס אַפֿילו מיט אַ האַק אַרויס, אָבער אַזוי לאָזן דאָס קאָן איך ניט.

ספּאַרטאַק האָט מיט זיין גוטהאַרציק שמייכעלע אָפּגעענטפֿערט:

— איז דאָס דען אייך ניט אַלצאיינס, פּראָפֿעסאָר?

קאַטיע האָט אויפֿגעציטערט פֿון עקל. אָ, יאָ! אים, אָט דעם שרייבאַרניק, — אים איז אַלצאיינס! און מיט דעם אָ גוטן שמייכעלע...

— איך פֿאָדער קאַטעגאָריש, אַז איר זאָלט אָפּדרוקן מיין בריוו אין רעדאַקציע. אָט איז ער. דאָ שטעל איך בלויז פֿעסט דאָס, וואָס איך האָב ווירקלעך געזאָגט.

זיי האָבן איבערגעלייענט דעם בריוו. דער רעדאַקטאָר אין די גאָלדענע ברילן האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם געזאָגט:

— יאָ, געוויס, איר האָט דערויף די פֿולע רעכט. דער מאָרגנדיקער נומער איז אָבער אַ זונטאָגדיקער, ער איז שוין צונויפֿגע-

שטעלט, מאָנטאָג גייט די צייטונג ניט אַרויס. אַזוי, אַז, צום באַדויערן, וועלן מיר קאָנען געבן אייער בריוו ערשט דינסטאָג... און, אַגבֿ, פּראָפֿעסאָר: צי קאָנט איר אונז פֿון צייט צו צייט געבן פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע אַרטיקלען, פֿאַר די ברייטע אַרבעטער־מאַסן? מיר קלייבן זיך פֿאַרברייטערן אונזער צייטונג...

— וועגן דעם וועלן מיר קענען ריידן, ווען איר וועט האָבן אָפּגעדרוקט מיין הכחשה.

דער פּראָפֿעסאָר מיט קאַטיען זיינען אַרויסגעגאַנגען. קאַטיע האָט אויסגערופֿן:

— זיי וועלן עס ניט אָפּדרוקן! אָט וועט איר זען!

— ניין, עס קען ניט זיין.

— ווי אַזוי־זשע זאָלן זיי דאָס אָפּדרוקן? „ניט מיט קיין באַגנעט, נאָר מיט בילדונג"... ווען זיי אַליין פּריידיקן נאָר מיט דעם באַגנעט. — קאַטיע האָט זיך צעלאַכט. — און איר, ניקאָלאַי יעלפּידיפּראָוויטש, זייט איצט מיט זיי אין איין קאָמפּאַניע!

דינסטאָג איז דער בריוו ניט געווען אָפּגעדרוקט, און דער רעדאַקטאָר האָט זיך זייער אַנטשולדיקט דורך דעם טעלעפֿאָן. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, — דער מענטראַנפּאַוש האָט פֿאַרלוירן דעם בריוו, דער רעדאַקטאָר האָט געבעטן מ'זאָל אים תּיכּף צושיקן אַ נייעם בריוו און זיך ווידער זייער אַנטשולדיקט. ענדלעך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, ס'איז שוין אַוועק אַזויפֿיל צייט, אַז ס'האָט שוין כּלל קיין אינטערעס ניט געהאַט דאָס צו דרוקן: אַלע האָבן שוין געהאַט פֿאַרגעסן אַפֿילו וועגן דעם יום־טובֿ גופֿא.

* *
*

ביי דעם אַריינגאַנג אין „אַסטאָריאַ" איז געשטאַנען אַ קאַרע, אָנגעלאָדן מיט געבאַקן ברויט, און אויף די הייסע בחיטן איז געלעגן אויסגעצויגן דער פֿורמאַן. מענטשן זיינען גלייכגילטיק פֿאַרבייגעגאַנגען. קאַטיע האָט זיך, אַ פֿאַרוואונדערטע, אָפּגעשטעלט.

— חבֿר! וואָס טוט איר? איר צעקוועטשט דאָך דאָס ברויט, זעט נאָר, וואָס ס'איז פֿון דעם געוואָרן?

דער פֿורמאַן האָט זי פֿיל באַטראַכט.

— און וואָס גייט דאָס דיר אָן?

— וואָס הייסט וואָס? דאָס ברויט וועלן דאָך מענטשן עסן. טראַכט זיך נאָר איין, — בסך־הכל גיט מען אַרויס אַ האַלב פֿונט ברויט אַ טאָג. און אָט, אָנשטאָט גוט ברויט, וועלן זיי באַקומען צעקוועטשטס, און דערצו נאָך אויסגעשמירט פֿון אייערע שטיוול.

דער פֿורמאַן האָט אַ גענעץ געטאָן און גענומען דרייען אַ ציגאַר.

— מ׳וועט דאָס אַזוי אויך אויפֿעסן.

קאַטיע האָט אָנגעהויבן רײדן וועגן געזעלשאַפֿטלעכער אַחדות, אַז איצט האָרף מען מער פֿון אַלעמאָל טראַכטן און זאָרגן איינער פֿאַר דעם אַנדערן, אַז איצט, ווען ס׳זיינען שוין ניט פֿאַרהאַן קיין באַלעבאַטים, דאַרף יעדערער אַליין זען, אַז אַלץ זאָל זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין.

דער פֿורמאַן האָט אַ שמייכל געטאָן.

— נו! — ער האָט זיך אויסגעדרייט אויף דער צווייטער זייט און גענומען רייבן די צינדמאַשינקע, וואָס האָט זיך געלאָשן אויף דעם ווינט.

ביי דער טיר איז געשטאַנען יענער דייטש אין דער קאַסקע, מיט וועלכן קאַטיע האָט אַמאָלטן געגעסן מיטאָג. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט. דער דייטש האָט אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ, אַ שמייכל געטאָן און, אַזוי ווי ער וואָלט אויף עפּעס געענטפֿערט קאַטיען, געזאָגט:

(Nein, ’s wird bei Ihnen nicht gehen (ניין, עס וועט ביי אייך גאָרניט זיין)!

* *
*

און ביי די מירימאַנאָווס זיינען עפּעס פֿאָרגעקומען מאָדנע זאַכן. איינאָוונט, ווי נאָר ס׳איז געוואָרן פֿינסטער, זיינען איינציקווייז גע־קומען אַמאָל אַ גימנאַזיסט, אַמאָל אַ פֿריילין, וואָס האָט זיך פֿאַר־זיכטיק אומגעקוקט, אַמאָל אַן איינפֿאַך געקליידעטער יונגערמאַן

מיט אַן אינטעליגענטן אויסזען. מירימאַנאָוו פֿלעגט זיך פֿאַרקליבן מיט זיי טיף אין סאָד, זיי פֿלעגן לאַנג שמועסן אין דער פֿינ־סטער, און נאָכדעם, פֿלעגט דער גאַסט, זיך אַרויסגנבֿענען און אַוועקגיין.

* * *

קאַטיע פֿלעגט זיך אַמאָל טרעפֿן מיט לעאָנידן. זי פֿלעגט אים דערציילן וועגן אירע איינדרוקן, זיך געוואָלט דערגריבלען, ווי אַזוי ער באַציט זיך צו דעם אַלעמען, וואָס קומט פֿאָר. לעאָניד פֿלעגט איר ענטפֿערן אָדער מיט אַ הלצהלע, אָדער מיט אַ ביטול־דיק־גאוותדיקן שמייכעלע. אַלץ, וואָס קאַטיע האָט דערציילט, האָט ער באַרעכטיקט.

— און דאָס איז, לויט דיין מיינונג, דערלאָזבאַר? דאָס איז גוט?

— אויסגעצייכנט! אַזוי דאַרף זיין! אַ רעוואָלוציע, מוטערל! אין לייַקענע הענטשקעס קאָן מען זי ניט מאַכן! וועסטו זיי אָנטאָן — וועלן זיי זיך סיי־ווי־סיי צערייסן.

און אַז קאַטיע פֿלעגט טרעפֿן אין דעם סאַמע אָנגעוויטאָגטן אָרט, פֿלעגט לעאָניד ווערן שאַרף און אָנגעהויבן ריידן מיט אַ באַזונדערן טאָן, — אַזוי ווי ער וואָלט ריידן אויף אַ מיטינג, — ניט פֿאַר קאַטיען, נאָר פֿאַר אַ ניט־געזעענעם מיטפֿילנדיקן עולם, וואָס דאַרף איר באַטראַכטן מיט פֿאַראַכטונג און שנאה. און זיי פֿלעגן זיך פֿיינטלעך צעגיין.

* * *

קאַטיע, פֿלעגט זיך, ווי אַלעמאָל, וועלן דערגראָבן ביזן סאַמע דעק פֿון דער נשמה, — וואָס עס טוט זיך דאָרטן ביי דעם מענטשן, אונטער די אויסערלעכע ווערטער. דאָס איז געווען איינמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט. זיי זיינען געזעסן אין דער אַלטאַנקע צווישן די וויינ־שטאָקן, אין עק פֿון מירימאַנאָווס סאָד. און קאַטיע האָט געפֿרעגט:

— נו, זאָגט מיר, — איז אייער האַרץ אינגאַנצן רויִק? אָט, האָבן דאָ געוווינט מענטשן, האָט מען גענומען און זיי אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער גאַס, אַפֿילו זייערע זאַכן האָט מען זיי ניט ערלויבט צו נעמען, — און מען האָט אייך אַריינגעזעצט. איך איר וווינט אין אַ פֿרעמדער דירה, באַנוצט זיך מיט פֿרעמדע זאַכן, שפּאַצירט אין אַ פֿרעמדן סאָד, ווי אין אַן אייגענעם, און ס'קומט אייך גאָר קיינמאָל ניט אויף דעם געדאַנק: וואו־זשע האָבן זיך יענע אַהינגעטאָן?

ער האָט, מיט אַ הוסטל גלייכגילטיק געענטפֿערט:

— טו וואָס דו ווילסט, — וואָס איז אונדזער עסק? זיי האָבן אַמאָל געטראַכט וועגן אונדז?... פֿאַראַיאָרן האָב איך געוווינט אויף דזשיגיטער גאַס. כ'האָב געהאַט אַ גוטן צימער, אַ טרוקענעם, די פֿענצטער צו דער זון. פֿיר פֿאַמיליעס האָבן מיר געוווינט אין דער דירה. מיטאַמאָל דער באַלעבאָס: „באַפֿרייט די דירה!" איינעם אַ ספּעקולאַנט איז געפֿעלן אונדזער דירה. וואו זאָלן מיר זיך אַהינטאָן? איר ווייסט דאָך אַליין ווי עס האַלט איצט מיט אַ דירה. מיר האָבן אָנגעהויבן בעטן דעם באַלעבאָס, אים געגעבן אַ הוספֿה. נאָר קאָנען מיר זיך דען שטעלן קעגן אַ ספּעקולאַנט? זיין געלט איז היים. קוים מיט צרות געקראָגן פֿאַר זיך אַ צימער אין פֿאָרשטאָט, — אַ נאַס, אין אַ קעלער, אַזאַ שעדלעכס! און די ברוסט איז שוין דעמאָלט ביי מיר געווען קראַנק. און אין משך פֿון איין יאָר האָב איך געפּטרט דאָס גאַנצע געזונט.

די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעצונדן.

— גייסט פֿאַרביי, — דער ספּעקולאַנט האָט זיך אויסגעפּוצט אונדזער דירהלע, וווינט זיך דאָרטן אַליין מיטן ווייב און מיטן טעכטערל. שטאָרעס, די אַרמאַטור גלאַנצט, פּאַלמעס אויף די פֿענצטער. און קאָנסט גאָרניט דערקענען די דירה. אָט וואָס פֿאַר אַ רעכט ס'זיינען געווען! ביסטו אַ גביר, — ביטע, וווין דיר זאַלבעדריט אין פֿינף צימערן. אַ שלאָפֿצימער, אַ קינדערצימער, אַ עסצימער, — אויף אַלץ, הייסט דאָס, אַ באַזונדער צימער. און דער אַרבעטער קאָן זיך דאָרטן וווינען אין קעלער, און איין קאָנורע מיט אַ ווייב און מיט פֿינף קינדער, — וואָס דאַרף ער נאָך! נו,

איצט, אַז די מאַכט איז אין אונזערע הענט — זײַנען די פּראָנדקעס אויך אַנדערע. מ׳קוקט ניט אויף דעם, צי ער איז אַ גבֿיר.

— דאַרף מען זיך הען לערנען פֿון אַ ספּעקולאַנט? זיי זײַנען אַכזרים, רוצחים, — און איר ווילט זײַן פּונקט ווי זיי?

— איך וואָלט אים אַרײַנגעזעצט צו מיר אין מײַן קעלער, איך וואָלט אַ בעלן געווען צו זען, ווי ער וואָלט געלעבט דאָרט מיט זײַן טעכטערל, אין די לעקעלעך און מיט די נאַקעטע פּיסלעך! גייסט פֿון דער פֿאַבריק אין דײַן פֿאַרשאָלטענעם קעלער, גיסט אַ קוק אין אַזעלכע שפּיגל־פֿענסטער. אָט ווי זיי לעבן! „וואַרט, טראַכטו זיך, — מיר וועלן אײַך צעברעכן די הערנער!“ און אָט דאָ האָבן מיר זיך דערוואַרט, — צעבראָכן! און דאָס, וואָס איר זאָגט: פֿרעמדע זאַכן, אַ פֿרעמדע דירה — מיט דעם רעכענען מיר זיך ניט.

— ניט דאָס איז דער עיקר. ענדערט די געוועזענע פֿאַר־הענדלעניש, בויט נײַע. איך האָב אָבער שטענדיק געהאַלטן: דער אַרבעטער־קלאַס בויט אַ נײַע וועלט, אין וועלכער ס׳וועט אַלעמען זײַן גוט. און איר האַלט: דעם וואָס איז געווען שלעכט, זאָל זײַן גוט, און דעם, וואָס איז געווען גוט, זאָל זײַן שלעכט. צו־ליב וואָס דאַרף מען דאָס? זײַן גוט און גרויסמוטיק, דערנידעריקט ניט אײַער ווערדע מיט נקמה. געדענקט, אַז דאָס זײַנען אויך מענטשן.

— מענטשן! וועלף, ניט קיין מענטשן. און וועלף, זיי דאַרף מען באַהאַנדלען, ווי וועלף. אָט נעמט למשל, בשעת די ערשטע באָלשעוויקעס זײַנען דאָ געווען, האָבן זיי אַרעסטירט דרײַסיק פֿאַב־ריקאַנטן און באַנקירן און זיי אַרײַנגעזעצט אין קעלער. אונזער פֿאַראיין פֿון מעטאַליסטן האָט פֿאַר זיי ערבֿ געווען, און געצוואונגען מ׳זאָל זיי באַפֿרײַען. און בשעת די דײַטשן זײַנען דאָ געווען, האָבן מיר אײַנגעאָרדנט אַ קאָנצערט לטובֿת די אַרבעטסלאָזע מע־טאַליסטן. מיר זײַנען געקומען אין פֿאַראיין פֿון די פֿאַבריקאַנטן, און זיי גיבן אונז אַ גאַנצן פֿינף און צוואַנציקער. ס׳אַר אַ נדבֿים! און מיר נאַראָנים, האָבן אויף זיי רחמנות געהאַט! געפֿאָלגט אַזעלכע ווי איר. איצט זײַנען מיר קליגער געוואָרן. מיר פֿאָלגן די, וואָס

זיינען טאַקע ווירקלעך פֿאַר אונז... ניין, שאָף און וועלף וועלן קיינמאָל בשלום ניט לעבן: מ׳דאַרף זיך לאָזן וואַקסן וועלפֿישע ציין.

און קאַטיע האָט זיך ניט געקענט דערקלאַפּן צו דעם, וואָס די האָט באַהאַרפּט. דאָ איז ניט געווען קיין פֿאַרדראָס, אַזוי ווי ביי יענעם מאַטראָס, נאָר אַ טיף באַהאַלטענע באַציאונג טאַקע, אַזוי ווי צו וועלף. צו וואָס דאַרף מען האָבן פֿאַרדראָס אויף וועלף? אָבער קאַטיעס ווערטער וועגן גוטסקייט און גרויסמוטיקייט האָבן פֿאַר אים געקלונגען, אָט אַזוי ווי קאַטיע וואָלט מיט אים גערעדט וועגן דעם, אַז די וועלף אין וואַלד איז קאַלט, אַז זיי האָבן קליינע וועלפֿעלעך, וועלכע מ׳דאַרף שוינען. און אַלץ, וואָס קאַטיע האָט דערציילט, די אַכזריותדיקע און אומגערעכטע באַציאונגען צו די בורזשויען, האָט ער אויסגעהערט מיט דער טיפֿסטער גלייכגילטי-קייט: אָט אַזוי וואָלטן מיט הונדערט יאָר צוריק געהערט די רוסן, ווען מ׳וואָלט זיי דערציילט וועגן די ליידן, וואָס די פֿראַנצויזן זיינען אויסגעשטאַנען בשעת זיי זיינען אָפּגעטראָטן פֿון מאָסקווע.

קאַטיע האָט מיד געפֿרעגט:

— איר אַליין זייט, אַפּנים, אַ קאָמוניסט?

— נו, געוויס.

— און ביי אייך אויף דער פֿאַבריק זיינען פֿאַראַן אַ סך קאָמוניסטן?

— קאָמוניסטן זיינען, אַזוי צו זאָגן, פֿאַראַן ווייניק. ס׳זיינען אָבער פֿאַראַן אַ סך מיטפֿילנדיקע און נאָענטע. איבעררײדן קאָן מען יעדן איינציקן, מ׳דאַרף נאָר מיט אים זיך דורכשמועסן. וואָס פֿאַר אַ אייגנטום פֿאַרמאָגסטו דאָ אין דער פֿאַבריק? און ביי זיך אינדערהיים פֿאַרמאָגסטו? אַ בעטל און אַ פּאָר טאַבורעטקעס? און אַ הויז האָסטו אַ אייגנס? וועסט עס אַמאָל פֿאַרמאָגן? — קיינמאָל ניט! — נו, אָט, הייסט דאָס, אַז דו ביסט אַ קאָמוניסט.

* * *

קאַטיע איז געגאַנגען אויף דער ברעג-גאַס און האָט זיך פּליצים באַגעגנט — מיט זיידבערגן, — דעם פֿאַרוואַלטער פֿון וואוי-

נונג-אָפּטייל, וואָס האָט איר אַריינגעזעצט אין טורמע. פּונקט אַזוי אויסגעפּראַנטעוועט, מיט דעמזעלבן זעלבסט-צופרידענעם, גרויסן מויל און אויסזען פון אַ זיגער. קאַטיע איז חיט געוואָרן פון האַס. ער האָט זי אויך דערקענט, זיין ליפּ איז גאָוודיק אַראָפּגעהאַנגען און ער איז פאַרבייגעגאַנגען.

— היי, דו! — האָט זיך פון גאַס דערהערט אַ באַפעלעריש קול. ס'זיינען געפאָרן דריי רייטער אויף זעלטענע פערד; אויף דער לינקער זייט פון ברוסט האָבן זיי געטראָגן גרויסע שוואַרץ-רויטע בענדער.

— וואָס ווילט איר זאָגן, חברים?

— וואו איז דאָ ביי אייך דער דערנערונגס-קאָמיסאַריאַט?

— אָט דאָ באַלד, איר וועט פאָרן מיט דעם געסל אַרויף, נאָכדעם וועט איר זיך נעמען רעכטס...

— פיר אונז, ווייז.

זיידבערג האָט קאַלט געענטפערט:

— איך אַנטשולדיק זיך, חברים. איך בין אַ פאַראַנטוואָרטלעכער ראַטן-טוער, און איך האָב קיין צייט ניט. דער פאַנעל האָט אַ קלונגג עטאָן אונטער די פּאָדקאָוועס, אַ רייטער מיט וואָנסן האָט זיך אַלאָז געטאָן צו זיידבערגן און אויפגעהויבן די נאַהייקע.

— פיר, הינטיש בלוט! ווילסט נאָך ריידן? ריר זיך!

— אָבער, ערלויבט, חברים, איך וועל אייך...

— נו!!

די נאַהייקע האָט אַ פּאָך געטאָן איבער זיין קאָפּ. זיידבערגס געזיכט איז געוואָרן געל, די ליפּ איז טרויעריק אַראָפּגעהאַנגען, ער האָט שוואַך אַ צי געטאָן מיט די אַקסל און אַוועק מיט די רייטער אין דעם געסל.

און אומעטום האָט קאַטיע באַגעגנט אַזעלכע רייטער. אַלע האָבן זיי געהאַט וואונדערלעכע פערד, און אויף דעם ברוסט, — פרעכטיקע שוואַרץ-רויטע בענדער.

דאָס איז אין שטאָט אַריינגעקומען אַן אָפּטיילונג מאַכנאָווצעס. די ראַטן-מאַכט האָט פרייוודיק באַגעגנט די געקומענע פאַרבינדעטע, זיי אָפּגעגעבן די בעסטע קאַזאַרמעס. זיי האָבן אויסגעהערט

די באַגריסונגס־רעדעס, אָבער זייערע אויגן האָבן מאָדנע געקוקט. איינמאָל, בשעת דער חבר מאַרגאָלים האָט גערעדט פון באַלקאָן פון רעווקאָם פאַר צוויי רייען אויסגעשטעלטע רייטער, האָט איינער פון זיי, אַ שיכורער, אַרויסגעכאַפּט אַ האַנט־גראַנאַט און אים געוואָלט וואַרפן אויף דעם באַלקאָן. די חברים האָבן אים איינגעהאַלטן.

אין שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן רויבערייען. די מאַכנאָווצעס האָבן זיך אַריינגעריסן אין די וואוינונגען און גענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געזען.

* * *

פאַרנאַכט האָט קאַטיע געוואַשן וועש אין עק סאָד. אויף דעם קוילן־אייוועלע האָט אין אַ שיסל זיך געקאָכט דאָס גרעט. ליובאָוו אַלעקסייעוונאַ האָט אַ געשריי געטאָן פון דער טעראַסע:

— יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ! מ'פרעגט זיך צו אייך!

איבער דער אַלעע פון פּיראַמידאַלע אַקאַציעס איז געגאַנגען, זשמורענדיק די אויגן פון דער פאַרגייענדיקער זון, אַ הויכוואוקסיק בלאָנד מיידל. קאַטיע איז פאַרשטיינערט געוואָרן, ניט גלייבנדיק אירע אייגענע אויגן. דאָס מיידל איז געגאַנגען מיט אַ ניט שמייכלענדיק געזיכט און מיט אַן אויפגערעגטן וואַרטן געקוקט אויף קאַטיען.

— וועראַ!!

פאַרגעסנדיק אָן אַלץ, מיט נאַסע, אָנגעזייפטע הענט, האָט זיך קאַטיע שטורמיש אַוואָרף געטאָן זי קושן.

זיי האָבן געלאַכט, געוויינט. זיי האָבן זיך געזעצט אויף דער באַנק, אויסגעפרעגט איינע די אַנדערע, און זיך ווידער געקושט.

— ווי קומסטו אַהער?

— מען האָט אונז געשיקט פון צענטער אַהער, אין קרים, אַ גאַנצע פּאַרטיע פאַראַנטוואָרטלעכע טוער... און דו אַרבעטסט מיט אונז?

— יאָ, אין אַ פּאָלקבילד־אָפּטייל.

— איך בין אַזוי צופרידן!

וועראַ האָט זשעדנע אויסגעפרעגט וועגן דעם פאָטער, וועגן דער מוטער. און קווענקלענדיק אַ ווײַלע, געפרעגט:

— זיי וועלן מיך וועלן זען?

— די מאַמע, געוויס. און דער פּאַפּאַ... — קאַטיע האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — ער רעדט פון דיר קיינמאָל ניט און גייט אַוועק, ווען מיר ריידן. ער וועט ניט וועלן.

ווערע האָט מיט ליידן פאַרביסן די ליפּ.

— און די מאַמאַ, מיר וועלן דאָס בעסער מאַכן אַזוי, זי זאָל קומען אַהער. וואו וועסטו וואוינען?

— איך ווייס נאָך נישט. דערווייל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין „אַסטאָריאַ“.

— אוי, אין „אַסטאָריאַ“?... קלייב זיך אַריבער צו מיר.

ווערע האָט זיך שטאַרק דערפרייט.

— אָט ווי גוט, קאַטיורקאַ!

— נאָר אָט וואָס: אין וואוינונג־אָפּטייל האָט מען געזאָגט, אַז מען וועט מיר ניט ערלויבן זיך אַליין אויסצוקלייבן אַ שכנה, נאָר זיי וועלן אַליין שיקן. די טעג איז דאָ געווען אַ קאָנטראָלאָר...

ווערע האָט רואיק אַ שמייכל געטאָן.

— באַאומרואיק זיך ניט, מ׳וועט מיך צושרייבן. איך וועל דאָס זאָגן דורך דעם טעלעפאָן.

— און דו ווייסט, וואָס ס׳איז מיט מיר דאָרט געווען? — קאַטיע האָט אויפגערעגט דערציילט וועגן איר צוזאַמענשטויס מיט דעם פאַרוואַלטער פון וואוינונגס־אָפּטייל, און וועגן דעם, ווי ס׳האָט זיך בײַ איר אַרויסגעריסן דער אויסדרוק „כאַמישע מלוכה“, און ווי אַזוי זי איז געזעסן אין קעלער.

ווערעס געזיכט איז געוואָרן קאַלט.

— קאַטיאַ, ס׳איז אַ זשאַרגאָן ס׳האָט זיך דאָס בײַ דיר אויסגעאַרבעט! פונקט אַזוי ווי בײַ די „פאַראייניקטע אַדעליקע“. דערפאַר, וואָס מען האָט דיך אַזוי באַהאַנדלט אין וואוינונג־אָפּטייל, דערפאַר דאַרף מען שוין ריידן וועגן אַ כאַמישע מלוכה בכלל?

קאַטיע האָט שווײַגנדיק פֿאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף ווערען.

— פֿון דעם אַלעמען, וואָס איך האָב דיר דערציילט, אַרט דיר נאָר דאָס איינע!... נו, און דאָס, ווי אַזוי ער האָט מיך באַהאַנדלט? און דאָס, וואָס אָט די אומגליקלעכע פֿרויען פֿילן אין פֿינסטערן קעלער? און נאָר דאָס אַליין!

קאַטיע האָט דערציילט וועגן איסקאַנדערס רעזאָלוציע און מירימאַנאָווס בקשה, וועגן דעם גענעראַל, וואָס דער סאַניטאַר האָט דערשטיקט אין שפּיטאָל. ווערעס אויגן האָבן זיך אַזוי ווי פֿאַרצויגן מיט אַ ניט דורכזיכטיק אײַנערלעך הײַטל.

— ס'קאָן זײַן אַז מיט דעם גענעראַל איז גאָר ניט געווען אַזוי. ווער האָט געזען, אַז דער סאַניטאַר האָט אים דערשטיקט? דײַן פֿעלדשערין האָט זיך דאָס מסתּמא פּשוט אויסגעדולט. מ'רעדט דאָך אומעטום אויף אונז אַזוי פֿיל!

קאַטיע האָט פֿײַנטלעך אָפּגעענטפֿערט:

— פֿאַרוואָס־זשע, אַז דו ווייסט גאָרניט, פֿאַרוואָס־זשע זאָגסטו שוין, אַז ס'האָט ניט געקאָנט זײַן? נו, און איסקאַנדערס מנוולדיקע רעזאָלוציע? דאָס האָב איך דאָך שוין אַליין, מיט מײַנע אייגענע אויגן געזען. דאָס איז דאָך שוין אַ פֿאַקט!

— נו, אָבער אין תּוך גענומען, — ער איז דאָך געווען גערעכט, סוף־כּל־סוף, האָבן זיי דאָך דאָס געלט אַרײַנגעטראָגן. און ס'אַנדערע: באַזונדערע עקסצעסן, זײַנען, געוויינלעך, אַלעמאָל מעגלעך...

— באַזונדערע? עך, ווערא! און דאָס, וואָס אייערע געפֿאַנגענע וואַלגערן זיך אין די קעלערס אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, אין דער פֿינסטער און מ'לאָזט זיי ניט אַרויס אויף דער פֿרייער לופֿט, — דאָס איז אויך אַ באַזונדערער עקסצעס?

— ניין, דאָס איז, געוויס, ניט גוט... אָבער די מאַכט האָט זיך אָקאָרשט אײַנגעפֿעסטיקט. געוויס, באַווײַזט מען ניט אַלץ אַוועקצושטעלן ווי עס באַדאַרף צו זײַן, און ס'מוזן זײַן אַ סך חסרונות. די ערשטע וואָכן זײַנען שטענדיק די סאַמע שרעקלעכסטע און אַנאַרכישסטע. אָט איצט איז מיט אונז געקומען אַ נײַער פּאָרזיצער פֿון רעווקאָם, וועט ער בּיסלעכווײַז אַלץ אײַנשטעלן.

קאַטיע האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן ווערען אין די אויגן און שאַרף אָפּגעשוויגן. וועראַ, אַזאַ אמתדיקע און ערלעכע, — און אָט די ווירקונג, אָט דער טראַפאַרעטער ווילן אַלץ דורכאויס צו באַרעכטיקן !...

זי האָט אַראָפּגענומען די שיסל פון דעם אייוועלע און אַוועק־געשטעלט דעם אָונטבריט.

זיי האָבן געגעסן, געטרונקען טיי. זיי האָבן אויפגעהערט צו ריידן וועגן דעם, וואָס עס האָט זיי אָפּגעטיילט, און די שוועסטערלעכע נאָענטקייט האָט ווידער אויפגעלעבט. זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן אין איין בעט, קאַטיען האָט איבערראַשט ווערעס צעפּליקט וועש, — און לאַנג נאָך האָבן זיי אין דער פינסטער שטיל גערעדט.

* * *

דעם צווייטן טאָג האָט זיך ווערא מיט אַ קליין פּעקעלע זאַכן איבערגעקליבן צו קאַטיען. דעם אָרדער אין וואוינונג־אָפּטייל האָט זי אָן שום מי באַקומען אויסער דער ריי.

אינאָוונט האָט ווערא, אַגב־אורחא, דערציילט קאַטיען:

— יאָ, דו ווייסט, היינט האָט קאָרסאַקאָוו, דער נייער פאָרזיצער פון רעווקאָם, באַזוכט די געביידע פון די אַרעסטירטע. אמת, — אַפילו קיין טאַפּטשאַנעס זיינען דאָרט ניטאָ, מ'לאָזט ניט אַרויס אויף דער פרישער לופט. בכלל איז דאָס, ווי דו זאָגסט, הורדוסעס קאַזעמאַטן. אָן אמתער ווילקיר! ער האָט אַראָפּגעזעצט דעם הויפּטמאַן פון דער טורמע און אים איבערגעגעבן צום געריכט.

— דו האָסט אים אַלץ דערציילט?

— נו, יאָ.

— אָ, ווערקאַ, הייסט דאָס, אַז מיט דיר קאָן מען נאָך לעבן: און איך האָב נעכטן געהאַט דעם איינדרוק, אַז דו רעכנסט זיך גאָרניט מיט דעם אַלעמען.

* * *

אויף איינער פֿון די רעזערוו-ליניעס פֿון דער קאָנפֿסטאַציע איז געשטאַנען אַ וואַגאָן פֿון שטאַב פֿון אַ רויטער בריגאַדע. ס'איז געווען זונטאָג שפּעט אינאָוונט. פֿון דער סטאַציע-ישוב האָבן זיך געהערט שיכּורע לידער. אין וואַגאָן איז געווען פֿינסטער, בלויז אין איין קופּע איז ביי אַ ליכט געזעסן דער הויפּטמאַן פֿון שטאַב און געשריבן אַמטלעכע דעפּעשן.

אַ לאַכעדיקן פֿרויען-קול האָט געפֿרעגט ביי דעם אַריינגאַנג:

— חבר כראַבראָוו, איר זייט דאָ?

דער הויפּטמאַן פֿון שטאַב האָט זיך אָנגעכמורעט.

— דאָ.

ס'איז אַריינגעקומען אַ דאַמע מיט עטוואָס אינטערגעפֿירטע אויגן, מיט אַ פֿולן ביוסט. כראַבראָוו האָט זיך ניט גערן באַגריסט. זי האָט אים באַדייטנדיק געדריקט די האַנט, און מיט אַ פֿריילעכן פֿאָרוואורף אויסגערופֿן:

— אין קושט גאָרניט די האַנט! און נאָך אַ געוועזענער אָפֿיציר!

— אַלס אָפֿיציר האָב איך אויך ניט געקושט די הענט, און יער שמועסט נאָך איצט, — אין טרוקן געפֿרעגט: — פֿאַרוואָס זייט איר ביז איצט ניט אַוועקגעפֿאָרן. אַ ליטער האָב איך דאָך אייך שוין געגעבן.

— איך האָב פֿאַרשפּעטיקט. איך בין אַריין אין וואָקזאַל אַ טרונק טאָן, ס'האָט זיך מיר זייער געוואָלט לימאָנאַד! איז אויף דעם וואָקזאַל גאָרנישט ניטאָ, אַפֿילו אַ גלאָז וואַסער קאָן מען ניט באַקומען. איר ווייסט דאָך, ס'איז אַן אומאָרדענונג. ס'איז ביי אונז אומעטום. קום איך צוריק — דער צוג איז שוין אָפּגעגאַנגען! אַזוי ווי אַ הייסעריק, גייען מיר, מיר מאַכן פֿון אַלץ אַ תּל, ברענען, ברעכן, צעשטערן, און בויען, בויען מיר גאָרנישט.

— איר זאָגט דאָס, איר — אַ פֿרוי פֿון אַ קאָמוניסט, פֿון אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכן אַרבעטער. איר וואָלט געקאָנט קוקן אַ ביסל ברייטער, אַריבער אַט די אַלע קלייניקייטן.

זי האָט אָפּגעזיפֿצט.

— אַז אָט פֿון די קלייניקייטן קאָן מען שוין פּשוט ניט אַריבערטראָגן!... נו, איר בעט מיך גאָרניט, איך זאָל זיך זעצן, וועל איך מיך אַליין בעטן...

די דאַמע האָט זיך געזעצט און פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. זי האָט פֿאַרוואָרפֿן אַ פֿוס איבער אַ פֿוס, און פֿון אונטער דעם קורצן ראָק האָט זיך ביז אויף דער העלפֿט קני געזען איר שיינער פֿוס אין אַ לייבקאָלירנדיקן זאָק און אַ קליין פּאַנטאָפֿעלע אויף אַ הויכן אָפּצאַס. פֿון דער דאַמע האָט געשמעקט מיט פּאַרפֿום, אין דעקאָלטע פֿון ווייסן קלייד האָבן זיך געזען די שוואַרצלעכע בולט־קייטן פֿון די ברוסטן, און אין כראַבראָוון איז פֿון איר געגאַנגען אַ רייצנדיקע עלעקטריציטעט פֿון אַ פֿרוי, וואָס ציט צו ליבע אין וואָס וואַרט אויף איר.

— און איר זיצט אַלץ און אַרבעט. נעכטן שפּעט ביינאַכט האָב איך געזען פֿייער אין אייער וואַגאָן... — אין מיט אַ לייכטן, צאַרטן, ליבן פֿאָרוואורף האָט זי אין דער שטיל געזאָגט: — פֿאַר־וואָס דאַרפֿט איר זיך אַזוי מפֿקיר זיין?

— איר קאָנט דאָס פֿאַרשטיין בעסער פֿון אַן אַנדערן, ס׳איז אַזאַ צייט, וואָס מ׳מוז אַרבעטן צוואַנציק שעה אין מעת־לעת.

— נו, יאָ. — זי האָט שווייַגנדיק געקוקט אויף אים מיט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן און מיטאַמאָל אין דער שטיל געזאָגט: — קיינמאָל, קיינמאָל וועל איך דאָס ניט גלויבן, אַז איר זאָלט, ווירק־לעך, לויט דער אינערלעכער איבערצייגונג, אַזוי אַרבעטן פֿאַר זייערטוועגן.

— פֿאַר זיי? מאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ, האָב איך ניט פֿאַר־הערט? פֿאַר זיי, ניט פֿאַר „אונז“?

די דאַמע האָט זיך מאָדנע צעלאַכט, אַ קוק געטאָן מיט איר הייכן בליק אין לאַנגזאַם געענטפֿערט:

— נו, אויב איר ווילט עס טאַקע... „פֿאַר אונז“...

כראַבראָוו איז מיטאַמאָל אויפֿגעשפּרונגען, אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס אין געזאָגט:

— לוכיאַ! גענוג!

די דאַמע האָט זיך אַ װאָרף געטאָן.

— װאָס פֿאַר אַ... לוסיאַ? איך בין — מאַריאַ אַלעקסאַנדראָװנאַ.

— איר זײַט — לוסיאַ גרענערט. איר דערקענט מיך ניט? קאָליאַ מירימאַנאָװ. מיר האָבן זיך אין איין צײַט געלערנט אין קאַטערינאָסלאַװ. איר זײַט געװען אַזאַ װאוילע גימנאַזיסטין, מיט אַזעלכע װאונדערלעכע, קלאָרע אויגן... און אָט — זײַט איר געװאָרן אַ שפּיאָנקע.

— קאָליאַ? — זי האָט מיט שרעק געקוקט אויף אים.

— שעמען מעגט איר זיך, האַרינטע!

די דאַמע האָט פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פֿאַרדעקט דאָס געזיכט מיט די הענט. אירע אַקסלען האָבן אָנגעהויבן ציטערן. זי האָט זיך צעװיינט.

— װי אַזוי־זשע האָב איך אײַך ניט דערקענט? יאָ, אמת: איך בין אַ שפּיאָן... הערט מיך אויס...

זי האָט זיך פֿאָרזיכטיק אומגעקוקט.

— יאָ, זיי האָבן מיך געצװאונגען איך זאָל װערן אַ שפּיאָן. אין כאַרקאָװ האָט מען אַרעסטירט מײַן מאַן, אַ פּאָלקאָװניק. ער איז אָפּגעזעסן אַ האַלב יאָר אין טשעקאַ. מיך האָט מען צו אים ניט צוגעלאָזט. מען האָט געזאָגט, אַז מ׳װעט אים דערשיסן — אויב מיר פֿאָדערט זיך, איך זאָל װערן אַ שפּיאָן בײַ זיי. דרײַ קינדער, װאָס צו עסן האָבן מיר ניט געהאַט, אַלץ האָט מען רעקװיזירט, פֿון דער דירה אַרויסגעטריבן... גאָט מײַנער, זאָגט אַליין, װאָס האָב איך געקענט טאָן!

— װאָס איר װילט! שטאַרבן, לאָזן דעם מאַן אויף גאָטס באַראָט, אָבער דאָס האָט איר בשום אופֿן ניט געטאָרט טאָן!

— יאָ, אמת! און אָט האָב איך דערפֿאַר די שטראָף! איר װייסט... מען האָט מיר דאָך עד־היום ניט געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו זען מיט מײַן מאַן, און די גאַנצע צײַט יאָגט מען מיך אַרום מיט פֿאַרשיידענע שליחותן. און איך האָב מורא אַפֿילו אַ טראַכט צו טאָן... פֿון מײַן נשמה האָבן זיי געמאַכט אַ שמוציקע שמאַטע, און אים — האָבן זיי פֿאָרט דערשאָסן!... אָ, אויב דאָס איז אמת, װעל איך זיי װײַזן!...

און אַזוי ווי פֿון היץ, האָט זי שנעל אָנגעהויבן שעפּטשען, אומקוקנדיק זיך אַלע ווײַלע:

— איך וועל מאָרגן אינדערפֿרי אַוועקפֿאָרן. איך בין, געווײַנלעך, מיט אַ כּיוון ביז אַהער ניט אַוועקגעפֿאָרן... און איך וועל איַיך אַלץ דערציילן. מ׳קוקט אויף זייער נאָך, גלייבט זיי גאָרניט, וואָס זיי ריידן. דער הויפּט־פּאָליטקאָם סעדאָי, ער גלייבט אײַך, און דער אַנדערער, דער לאַטיש, קראָגער, — ער דינט אין אָסאָבי אָטדעל אויך, — ער באַשטייט די גאַנצע צײַט, אַז מ׳דאַרף אײַך דערשיסן. דאָס האָט ער מיך צו אײַך אונטערגעשיקט... און איך האָב מורא פֿאַר אים, — האָט זי אין איינע שרעק געפּליסטערט, — ער שטעלט זיך פֿאַר קיינזאַך ניט אָפּ...

אין דרויסן האָבן זיך דערהערט מענערישע קולות, ס׳האָבן אָפּגעקלונגען טריט אויף די טרעפּלעך, און אין קאָרידאָר האָט מען אָנגעהויבן ריידן.

די דאַמע איז געוואָרן בלאַס און האָט זיך שנעל אויפֿגעהויבן. ס׳זײַנען אַרײַנגעקומען די פּאָליטקאָמען סעדאָי און קראָגער, און מיט זיי, — דער קאָמאַנדיר פֿון דער בריגאַדע, אַ געוועזענער פּראַפּאָרשטשיק מיט אַ טעמפּ געזיכט.

בשעת די דאַמע איז פֿאַרבײַ זיי דורכגעגאַנגען צום אַרויסגאַנג, האָט זיך קראָגער מיט איר באַדײַטנדיק איבערגעקוקט, סעדאָי האָט זי באַטראַכט מיט אַ פֿאַרבאָרגענער פֿאַראַכטונג.

זיי האָבן זיך באַגריסט. סעדאָי האָט געזאָגט מיט אַ געלעכטערל:

— אָט אין וואָס פֿאַר אַ אינטערעסאַנטער קאָמפּאַניע איר פֿאַרברענגט די אָוונטן!

כראַבראָוו האָט זיך אויפֿגערעגט געווענדט צו קראָגערן:

— חבר קראָגער, נעמט צו, איך בעט אײַך, פֿון דאַנען די דאַמע. זי זאָגט, אַז זי איז צופֿעליק דאָ פֿאַרבליבן, איך האָב איר אַרויסגעגעבן אַ ליטער, און זי דרייט זיך נאָך אַלץ דאָ. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וועל זי מער ניט אויפֿנעמען, און געהייסן זי טרײַבן פֿון וואַגאָן.

קראָגער האָט זיך שווײַגעדיק געזעצט.

— און נאָכדעם, אַז וואָס איך האָב אייך געוואָלט בעטן. איך האָב פּשוט קיין צייט ניט אויף אַלץ. פאַרוואָס זאָלן דאָס אייערע געהילפן ניט שפּירן די אַמטלעכע דעפּעשן! דאָס וועט זיי אייך צוניץ קומען, — זיי וועלן אויף אַזאַ אופן די גאַנצע צייט זיין אין קורס פון אונזערע קלענסטע פאַראָרדענונגען...

קראָגער האָט געגלעט זיינע געדיכטע, בלאָנדע וואָנסן און בגנבֿה זיך צוגעקוקט צו אים מיט זיינע גרויע, ווי שטאָל, אויגן. ער האָט לאַנגזאַם געענטפערט:

— יאָ, איך האָב עס ברעה געהאַט אַליין צו באַפעלן.

זיי זיינען אָפּגעזעסן אַ שעה צוויי.

אין אויטאָמאָביל, צוריקוועגס אין שטאָט אַריין, האָט לעאָניד אויפגערעגט געפרעגט:

— וואָס־זשע פאַר אַ באַווייזן האָט איר? ער אַרבעט, ווי אַ פערד, אַלץ האַלט זיך אויף אים. דער קאָמבריג זאָגט, אַז אָן אים וועט ער זיין, אַזוי ווי אָן הענט.

— הייסט דאָס, אַז דער קאָמבריג אַליין טויג צו גאָרנישט. ווען איך וואָלט געהאַט באַווייזן, וואָלט איך אים אָן שהיות גלייך אַרעסטירט. איך זע אָבער: ער איז ניט פון אונזערע. פאַרוואָס אַרבעט ער אַזויפיל? ניט מיט אַ ריינעם געוויסן אַרבעט ער אַזויפיל.

— געוויס. אַ ספּעץ, ווי אַלע ספּעצן. נאָכשפּירן דאַרף מען.

קראָגער האָט פאַרעקשנט געענטפערט:

— אַרעסטירן דאַרף מען אים.

שפּעט ביינאַכט איז כראַבראָוו, אַ מידער, אַרויסגעגאַנגען פון דעם וואַגאָן. ער האָט אַרויסגענומען אַ גלאַנציק מעטאַלן פּושקעלע, זשעדנע אַריינגעצויגן אין נאָז אַ בערגעלע ווייסן פּראָשעק, נאָכדעם האָט ער פאַרריבערט און לאַנגזאַם אָנגעהויבן שפּאַנען פּאַזע צוג. איבער דעם הימל זיינען געלאָפן שוואַרצע וואָלקנס. עס האָט געבלאָזן אַ טרוקענער נאָרדאָסט, וואָס האָט געאָטעמט מיט היסער ווייט פון די מיטל־אַזיאַטישע סטעפּעס; איבער דעם ניט אויסגעקערטן זאַמד האָבן זיך געדרייט

פּאַפּירלעך; פּושקעלעך פֿון קאָנסערוון האָבן זיך אין דער פֿינ-סטער מיט אַ קלינג אָנגעקלאַפּט אָן די רעלסן.

ניט ווייט פֿון דעם וועקסלער האָט זיך געטונקלט אַ פֿיגור מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס. כראַבראָוו האָט זיך איינגעקוקט און דערקענט זיין אָרדינאַנץ, דעם אָרענבורגער קאָזאַק פּישטשאַלני-קאָוו.

— חבֿר פּישטשאַלניקאָוו, דאָס זייט איר?

— איך, חבֿר הויפּטמאַן.

— פֿאַרוואָס שלאָפֿט איר ניט?

— כ'שלאָפֿט זיך עפּעס ניט. איך טראַכט אַלץ פֿון דער היים.

— איר זייט דען ניט פֿרייוויליק געגאַנגען?

— ניין, מען האָט מיך מאָביליזירט... וואָס זאָגט איר, חבֿר הויפּטמאַן, סוועט אינגיכן נעמען אַ סוף צו דעם אַלעמען?

— איך ווייס ניט, חבֿר, אפֿשר מיר וועלן נאָך לאַנג דאַרפֿן זיך מאַנעוזשירן. די ווייסע זיינען שוין זייער פֿאַרעקשנט.

דער קאָזאַק האָט אַ ווײַלע געשוויגן און פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— וואַשע בלאַגאָראָדיע!

כראַבראָוו האָט אַ ציטער געטאָן.

— וואָס רעדט איר, חבֿר, איר זייט פֿון זינען אַראָפּ?

— Никак нет — נאָר ערלויבט מיר איך פֿרעגן, וואַשע בלאַגאָראָדיע: זייט איר טאַקע פֿון דעם גאַנצן האַרצן געגאַנגען צו אָט די מנוולים?

— איך וועל דיך הייסן אַרעסטירן! ביסט פֿון זינען אַראָפּ?

— Никак нет — אָט נאַט אייך — אָט איז אַ צלם, — דער קאָזאַק האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און זיך ברייט, לאַנגזאַם איבערגעצלמט, — אַז איר דינט זיי ניט מיט דעם גאַנצן האַרצן, די בוכערמאַנער די.

די גאַנצע צייט איז כראַבראָוו געווען אויף דער וואַך, זיך אינערלעך אינגאַנצן צונויפֿגעדריקט, און שוין געוואָלט אויף אים אַ געשריי טאָן, אַ טופּע טאָן מיט דער פֿוס. נאָר דעם קאָזאַקס ווערטער האָבן זיך אַרויסגעריסן אַזוי טיף פֿון האַרצן, און דאָס

איבערצלמען זיך איז געווען אַזוי פּשוט, אַז כראַבראָוו האָט אַ שפּאַן געטאָן גלייך צו אים, אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אין זיין באַ־וואַקסן געזיכט און מיט אַ הייזעריקלעכן שעפּטשע אים אַ פרעג געטאָן:

— אַ צלם האָסטו אויף דעם האַלז?

— איך האָב.

— ווייז.

דער קאָזאַק האָט שווייגנדיק אָפּגעשפּילעט דעם קאָלנער און אַרויסגעצויגן אַ קליין מעשן צלמל. כראַבראָוו האָט דאָס באַטאַפּט און באַטראַכט.

— נו, איך גלויב דיר, פּישטשאַלניקאָוו. איך פּיל, אַז מ׳מעג דיר גלויבן.

דער קאָזאַק האָט פרייליך געענטפערט:

— אַזוי איז עס, וואַשע בלאַגאָראָדיע!

— ווילסטו עפּעס טאָן פאַר רוסלאַנד?

— וואָס איר וועט באַפעלן, דאָס וועל איך טאָן.

— גוט. אינגיכן וועל איך דיך באַדאַרפן. און איצט לאָמיר זיך פונאַנדערגיין. מ׳דאַרף ניט, מ׳זאָל אונז זען צוזאַמען.

* *
*

שבת איז לעאָניד צוליב אַמטלעכע ענינים געפאָרן אין אַן איטאַמאַביל און עסקן־קערים. קאַטיע האָט אים געבעטן, ער זאָל זי מיט זיך מיטנעמען ביז אַרמאַטלוק: זי האָט געוואָלט מודיע זיין דעם פאָטער און די מוטער, אַז וועראַ איז געקומען און קלאָר מאַכן די מעגלעכקייט וועגן זייער זען זיך. דמיטריעווסקי האָט איר שוין און איין וועג באַפולמעכטיקט, זי זאָל זיך באַקענען מיט דער אַרבעט פון דער דאָרטיקער אָפּטיילונג פון פאָלקס־ביל־דונג.

נאָכמיטאָג זיינען זיי אַרויסגעפאָרן פון שטאָט, מיט נאָך איין חבר. אַ לאַנגער, מיט אַן אויסגענאָגט, ראַזירט געזיכט, איז ער געזעסן אין ווינקל פון אויטאָמאָביל, הילנדיק זיך אין מאַנטל, הגם ס׳איז געווען זייער הייס.

די מאַשין האָט זיך געטראָגן, אַ הייסער ווינט האָט געבלאָזן אַנטקעגן און צעבלאָזן די האָר, פֿון צווישן די בערג האָט געגלאַנצט דער בלויער ים. און פֿון דעם האַרצן האָט זיך אַראָפּגעשווענקט די שטיקנדיקע מוטנעקייט, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט פֿון די איינדרוקן פֿון דעם לעצטן חודש, און עס איז פֿול געוואָרן מיט דעם גאָלדענעם קלינגען פֿון דער זון, מיט וועלכן ס׳האָט אַרום און אַרום געציטערט די לופֿט.

אין סטעפּ איז געווען היי־שניט, די שנייד־מאַשינעס האָבן געטראַסקעט, אויף די וועגן האָבן געסקריפּעט מאַזשאַרעס מיט היי. פֿון דער קאַנאַדע אויף דעם פֿראָנט האָבן אין גאַנץ קרים אין אַפּריל געגאָסן רעגנס, און דאָס גערעטעניש איז געווען אַן אומגעווייִנלעכע.

די צוויי מיטפֿאָרער האָבן גערעדט צווישן זיך אין דער שטיל, מיט אָפּגעהאַקטע פֿראַזן, בכדי קאַטיע זאָל ניט פֿאַרשטיין, וועגן וואָס זיי רײדן. דעם חבֿרס פֿאַמיליע איז געווען איזראַעלסאָן, און דער פּסעוודאָנים — גאָרעלאָוו. זיין פּראָפֿיל מיט דער האָרבאַטער נאָז און פּענכנע האָט זיך געשאָקלט פֿון דעם טרייסלען. צומאָל האָט ער אַ שמייכל געטאָן מיט אַ ליבן, שעמעוודיקן שמייכל, די קורצע אויבערשטע ליפּ האָט אַנטפּלעקט לאַנגע פּירעקעדיקע ציין, ווי אַלטער העלפֿאַנט־ביין. קאַטיע האָט געפֿילט, אַז ער איז פֿאַרמשפּט צום טויט, און זי האָט באַשיינפּערלעך געזען זיין גאַנצן שאַרבן אונטער דער הויט, פּונקט אַזאַ גלאַטער, און געלבלעך־ווייסער, ווי די ציין.

פֿון די אָפּגעריסענע פֿראַזן האָט קאַטיע פֿאַרשטאַנען, פֿון וואָס זיי רײדן, און ס׳איז איר אויסגעקומען קאָמיש; זיי האָבן באַהאַלטן דאָס, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט געוואוסט, — אַז אין צענטראַלן ראַט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען זיינען דורך מענשעוויקעס און אומפּאַרטייִאישע. אַז דער געשפּרעך האָט זיך געענדיקט, האָט זי, ווי אַלעמאָל, פּלוצים געזאָגט:

— די טעג איז ביי אונז אויף דעם פּלענום פֿון פֿאָלקסבילדונג־אָפּטייל אַרויסגעטראָטן אַ פֿאָרשטייער פֿון ראַט פֿון די פּראָפֿפֿאַר־

איינער. אָט איז דאָס געווען אַ רעדע! אַזוי ווי עס וואָלט אַ ווינטל געטאָן מיט פרישער לופט אין אַן אָנגערויכערט צימער.

לעאָניד האָט מיט פאַראַכטונג אַ פרעג געטאָן:

— וואָס־זשע האָט ער אַזוינס ביי אייך גערעדט?

— ער האָט גערעדט וועגן דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט, אַז זיי טרייבן אַרויס די איינוואוינער פון די דירות, נעמען צו ביי זיי די שיך, און אין דעם באַשטייט זייער גאַנצע דיקטאַטור. און אַז קודם־כל דאַרף מען ווערן אַ דיקטאַטאָר איבער זיך אַליין, אַז די אַרבעטער דאַרפן אַלע צווינגען, מ׳זאָל האָבן אָפּשיי פאַר זייערע גוטע מידות, פאַר זייער אַכטונג צו דער שעפערישער אַרבעט.

לעאָניד האָט זיך איבערגעקוקט מיט גאָרעלאָוון און זיך צעלאַכט.

— אָט אַן אינטעליגענטשטשינע!

זיין געזיכט איז געוואָרן אומאָנגענעם און שטעכיק.

— און נאָך האָט ער געזאָגט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז אין כאַמע אַחריותדיקן מאָמענט פון זיין געשיכטע באַוועלט, מען האָט ביי אים צוגענומען די פרייהייט פון וואָרט, פון דענקען, פון זוכן.

לעאָניד האָט זי איבערגעשלאָגן:

— ס׳איז אינטערעסאַנט — פון וואָס פאַר אַ פאַך איז ער?

— פון נאָדל־פאַך.

— נו, אַזוי איז דאָס! הייסט דאָס, אַ שניידער. און אפשר אַ באַלעבעסל? זיי פאַרדינען אַצינד זייער גוט אויפן חשבון פון דעם אַלגעמיינעם חורבן, זיי ספּעקולירן מיט מאַנופאַקטור, זיי נעמען אָן אַרבעטער, כלומרשטע קרובים, און עקספּלואַטירן זיי, פונקט אַזוי ווי פריער.

— ס׳פאַרשטייט זיך! אויב ער איז נאָר ניט אייערער, — הייסט עס, אַז ער איז אַ ספּעקולאַנט און אַ בורזשוי!

— נו, זאָגט, איך בעט אייך, פון וואָס ער זאָרגט זיך! וואָס מ׳טרייבט אַרויס די בורזשואַזיע פון זייערע רייכע פּאַלאַצן און מ׳מאַכט דאָרטן פאָלקס־הייזער, פּראָלעטאַרישע שולן און קינדער־היימען! כ׳אַר אַ רירנדיקע זאָרג!... בכלל דאַרף מען רעווידירן אָט די אַלע וואַלן. כ׳איז זייער אַ פינסטערער ענין.

— געווים אַ פֿינצטערער, — האָט זיך גאָרעלאָוו אָנגערופֿן און זיך ווייך געווענדט צו קאַטיען. — אין דער פּראָווינץ וואַרפֿט זיך דאָס לײַכט אין די אויגן, מ׳קאָן דאָס גלײַך באַמערקן: די מער פֿאַרמעגלעכע אַרבעטער מיט אַ קליינבירגערלעכער פּסיכאָלאָגיע נוצן אויס די פֿינצטערקייט פֿון די אמתע פּראָלעטאַרישע מאַסן און כאַפּן זיי איין זייער ווענטקע.

— ס׳מאַכט ניט אויס! מיר וועלן זיי אינגיכן אויפֿקלערן! — האָט לעאָניד געזאָגט. — ווער ס׳גייט אַליין באָרוועס, וועט קיינמאָל ניט ווײַנען איבער אַ פּאַק שיך, וואָס מען האָט אַראָפּגענומען בײַ אַ בורזשוי.

— און וועט זיי אָנטאָן און אָפּהוזקן פֿון דעם, וואָס גייט באָר-וועס.

לעאָניד האָט זיך וואוילעריש צעלאַכט.

— געווים!

— און דו אַליין טראָגסט זעלטענע שטיוול.

לעאָניד האָט באַטראַכט זײַן פֿוס, אַרויפֿגעשלעפּט די לאַקירטע כאָלעוועס און, רייצנדיק זיך, געפֿרעגט:

— אמת, ניט קיין שלעכטע שטיוועלעך?

אונטער דעם ראָד האָט אויסגעשאָסן און די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער שאָפֿער איז אַרויסגעגאַנגען און גענומען איבערבייטן די קאַמערע.

הוידענדיק זיך אין די זאָטלען זײַנען פֿאַרבײַגעפֿאָרן צוויי רייטער מיט ביקסן אויף די פּלייצעס. אין עטלעכע מינוט אַרום איז מיט אַ גאַלאָפּ דורכגעפֿלויגן נאָך איינער, צוגעבויגן צום האָרן פֿון זאָטל און מיט אַ שיכּורער אַכזריות געקלאַפּט דאָס פֿערד מיט דער נאַהייקע.

לעאָניד האָט זיי נאָכגעקוקט.

— מאַכנאָוועצעס. זיך צעשאָטן אין דער געגנט און רויבן, מנוולים! ווען וועלן מיר שוין פּטור ווערן פֿון אָט די באַנדיטן!

זיי זײַנען געפֿאָרן ווייטער. אָפּגעפֿאָרן אַ צוויי ווערסט, האָט געפּלאַצט נאָך אַ שינע. דער שאָפֿער האָט אַ קוק געטאָן און מיט רוגזה געזאָגט:

— מ׳קאָן ווייטער ניט פֿאָרן, מער קיין קאַמערעס זיינען שוין ניטאָ. מ׳גיט פֿאַרלאַטעטע, איין לאַטע אויף דער אַנדערער, און זיי צעקריכן זיך.

זיי זיינען צופֿוס אַוועק אין נאָענטסטן דאָרף. לעאָניד האָט אין רעווקאָם באַוויזן זיינע פּאַפּירן און געפֿאָדערט פֿערד. דער מיט־גליד פֿון רעווקאָם, אַ סאָלדאַט מיט רויטע וואָנסן, האָט לאַנג געלייענט די פּאַפּירן, זיך געקראַצט די פּאָטילניצע, און נאָכדעם ערקלערט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין פֿערד: די פּויערים זיינען פֿאַרנומען מיט דעם היי. לעאָניד האָט שטרענג גענומען פֿאָדערן, מ׳זאָל אים באַלד צושטעלן אַ פֿור. דער סאָלדאַט האָט אַ זיפֿץ געטאָן און זיך געווענדט צום מיליציאָנער, וואָס איז פֿויל געזעסן אויף דער באַנק מיט דער ביקס אין דער האַנט און געכאַפּט אַ דרימל.

— גרישאַ, ערשט איז סאָפֿראָנאָוו געקומען מיטן היי פֿון סטעפּ. זאָג, ער זאָל געבן די פֿערד, טאָמער ניט, זאָלסטו אים אַרעסטירן.

דער מיליציאָנער איז אַרויסגעגאַנגען און גלייך נאָך אים דער סאָלדאַט. אין צימער איז געווען שטיל, די פֿליגן האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אָן די פֿאַרשטויבטע שויבן פֿון די פֿאַרקלאַפּטע פֿענסטער. אויף דעם וואַנט־רעשטיינעם שרייבטיש מיט באָרדאָ־געוואַנט, וואָס איז געווען פֿאַרגאָסן מיט טינט, איז געשטאַנען אַ טינטערל מיט אַ פֿאַרשטעקעכץ פֿון צייטונג־פּאַפּיר. אויף די ווענט זיינען געהאַנגען פּאָרטרעטן און אויפֿרופֿן.

גאָרעלאָוו האָט איינגעגראָבן זיין ראַזירטע גאָמבע אין אויפֿגעשטעלטן קאָלנער פֿון מאַנטל און געדרימלט אין ווינקל אונטער איליצקיס פּאָרטרעט. פֿון דעם האַלב־אָפֿענעם מויל האָבן זיך געזען זיינע לאַנגע געלע ציין.

קאַטיע איז אַרויסגעגאַנגען אויף דעם גאַניק. איבער דעם הייסן זאַמד פֿון וועג האָבן אַרומגעבלאָנקעט הינער, פֿון סטעפּ, וואָס האָט געגלאַנצט אויף דער זון, האָט זיך געהערט דאָס גרילצן פֿון די שניידמאַשינעס. לעאָניד איז אויך אַרויסגעגאַנגען, ער האָט פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און געזאָגט:

— אָט איז אַ מענטש — אָט דער גאָרעלאָוו! קיים וואָס די

נשמה האַלט זיך אין אים, ווינטער האָט ער אַריבערגעטראָגן אַ שרעקלעכע צינגע; ער האָט אַ מאָגן־קאַטאַר. מען האָט געדאַרפֿט מילך טרינקען, און ער האָט זיך געשפּייזט מיט געקעכטס פֿון פֿאַרפֿרוירענע קאַרטאָפֿל. מען האָט אים געשיקט קיין קרים, קומען צו די כּוחות, און ער האָט זיך דאָ ווידער איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט. ווען דו וואָלסט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַן אַרבעטער דאָס איז, וואָס פֿאַר אַ אָרגאַניזאַטאָר!

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז צוגעפֿאָרן די פֿור. אויף דער קעלניע איז געזעסן אַ פֿויער מיט אַ צעפּאַטלטער באָרד, מיט אַ פֿאַרבּיסן שלעכט געזיכט.

זיי זיינען געפֿאָרן ווייטער. די פֿאַרשטויבטע רויטע זון האָט זיך געזעצט אין סטעפּ. ס׳האָבן ווידער געסקריפּעט די מאַזשאַרעס מיט היי, ביים זייט פֿון שאָסע האָבן קלינגענדיק געבלאַנקט די קאָסעס פֿון די פֿאַרשוויצטע פֿויערים, אין סטעפּ האָבן געגרילצט די שניידמאַשינעס. גרופּעכוויז און איינציקוויז זיינען צו דער שטאָט געפֿלויגן די מאַכנאָווצעס אויף זייערע אויסגעכאָוועטע פֿערד.

לעאָניד האָט געפֿרעגט דעם אָנטרייבער:

— די מאַכנאָווצעס טוען אייך גוט אין ביין אַריין?

דער פֿויער האָט מיטן ברעג אויג אַ קוק געטאָן אויף אים און ניט גערן געענטפֿערט:

— איטלעכער באַוועלט דעם פֿויער...

און האָט זיך אויסגעקערט צו די פֿערד. אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן, און נאָכדעם האָט ער ווידער זיך געווענדט צו לעאָנידן:

— ער גייט אַריין אין כאַטע, — און תּיכּף, הייסט דאָס, באַן פֿון דער ביקס אין סטעליע! בראָט אים הינדעלעך, פּרעגל אים פֿיינקוכנס, ווײַן שטעל אים, גערשטן פֿאַר דעם פֿערד. אַלץ וואָס ער דערזעט, נעמט ער. דערהויפּט זיינען זיי גרויסע בעלנים אויף ווײַן.

כ׳איז דורכגעפֿאָרן אַ פֿור שווער אָנגעלאָדן מיט פֿעסלעך ווײַן, מיט קלומעקעס. אַרום איר זיינען געריטן צוויי מאַכנאָווצעס. דער דריטער, אַ טויט שיכּורער, איז געשלאָפֿן אויף די קלומעקעס, מיט אַראָפּגעהאָנגענע פֿיס, און דאָס פֿערד זיינס איז געווען צוגעבונדן

צו דעם וואָגן. דער פֿורמאַן, אַ טאַטער, מיט אַ כמורנע פּנים, האָט פֿאַרזיכטיק, לפֿנים־וועגן, אונטערגעשמיסן די קליאַטשעס, וואָס האָבן זיך קיים געשלעפּט אונטער דער שווערער משא.

לעאָניד האָט זיך צעלאַכט.

— ס׳אַר אַ קורצזיכטיקע איר זייט, איינוואוינער פֿון רוסלאַנד! — האָט ער זיך געווענדט צו קאַטיען. — איר קאָנט אונדז ניט אָפּשאַצן. ווען ניט מיר, וואָלטן איבער גאַנץ רוסלאַנד אַרומגעלאָפֿן באַנדעס מיט מאַכנאָווצעס, פּעטליוראָווצעס, גריגאָריעווצעס, אָט אַזוי ווי אין דער בהלה אָדער בשעת דער דרייסיק־יעריקער מלחמה. און ס׳וואָלט גאָר קיין סוף ניט גענומען צו זייערע אָנפֿאַלן.

— אָט, ליפֿן זיי בײַ אײַך אַרום, און איר קוקט זיך דאָס ראיק צו און טוט גאָרניט.

— אָט ווייז מיר אָן, צי זיי וואַינען בײַ אונדז אין רוסלאַנד. אָט לאָזן נאָר אונדזערע אַהער קומען, וועסטו זען, צי זיי וועלן נאָך לאַנג אַזוי אַרומשנאַפּן.

קאַטיע האָט אַ וואונק געטאָן אויף דעם פּויער.

— ער האָט דאָס ניט נאָר וועגן די מאַכנאָווצעס געזאָגט, ער האָט געזאָגט, — אַלע קריוודען דעם פּויער.

לעאָניד האָט זיך אויסגעצויגן און אַ געניץ געטאָן.

זיי זײַנען געפֿאָרן מיט דעם דאָרף־וועג פּאַזע דעם שאָסע. דער שאָסע האָט זיך אונטן פֿאַרקערעוועט אַרום אַ באַלקע. הינטער אַ בערגל, שטיינער איז געלעגן אַ מאָרנער טונקעלער באַלן. דער פּויער האָט מיט קנאה אַ קוק געטאָן און אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג.

— טץ! ס־אַ־ר אַ פֿערד מען האָט דאָס געפּטרט!

ס׳איז געלעגן אַ זעלטן קאַוואַלעריש פֿערד מיט אַן אויפֿגעבלאָזענעם בויך, מיט אַ ווײַט פֿאַרוואָרפֿענעם קאָפּ; צווישן די אויסגעשטשירעטע ציין האָט זיך לאַנג אויסגעשטרעקט אַ צוגעבי־סענער פֿיאָלעט־צונג, די פֿאַרגלאָצטע אויגן זײַנען אַרויסגעקראָכן פֿון די אויגן־לעכער.

— דאָס געפּטרט, שיכורעדהייט, דער לײַדאַק! — האָט לעאָניד מיט עקל געזאָגט.

זיי זיינען ווייטער געפֿאָרן. קאַטיע האָט נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דעם פֿערד. פֿון יענער זייט באַלקע, איבער דעם שיפּוע פֿון דעם שאָסע, איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס און זיי געוואונקען מיט דער האַנט און עפּעס געשריען, וואָס מען האָט מחמת דעם קלאַפּן פֿון די רעדער ניט געקאָנט הערן. פּלוצים האָט ער זיך צוגעזעצט און זיך גענומען צילן אין דער פֿיר. קאַטיע האָט אַ געשריי געטאָן:

— זעט נאָר, וואָס ער טוט!

— טפּרוע!

דער פּויער האָט דערשראָקן אַ צי געטאָן די לייצעס. די פֿור האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער סאָלדאַט האָט זיך פֿייל, ניט געאיילט, זיך געלאָזט גיין צו זיי, מיט דער ביקס אין דער לינקער האַנט, מיט דער נאַהייקע אין דער רעכטער. ער איז געווען אַ באַוואַקסענער, אַ גבֿר, מיט דעם היטל אויף דעם קאַרק, מיט אַ רויט פּנים. ער איז צוגעגאַנגען און מיט אַ שיכּורער ערנסטקייט קורץ געזאָגט:

— אייערע דאָקומענטן!

אויף דער ברוסט האָט ער געטראָגן אַ גרויסן שוואַרץ-רויטן באַנד.

לעאָניד האָט מיט אַ זיכערקייט פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט גוטע פּאַפּירן, אים דערלאַנגט זיין דאָקומענט. דער מאַכנאָוועץ האָט דאָס אָנגעהויבן לייענען.

— פּאָ-לי-טי-שער קאָ-מי-סאַר...—ער האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף לעאָנידן. — אַ ראַטן-טוער? דער דאָקומענט טויג ניט.

לעאָניד האָט מיט חוזק געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס?

— מיר שפּייען אויף אייער ראַטן-מאַכט. דידאָזיקע דאָקומענטן זיינען פֿאַר אונז גאָרנישט.

— און צו וואָס דאַרפֿט איר, חבֿר, דאָקומענטן? מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט פֿאָדערט איר זיי?

— מיר שפּייען אויף אייער מאַכט. מיר ווייסן נאָר פֿון איין באַטקאָ מאַכנאָ! ער האָט אונז געהייסן: „שלאָג די יידן און ראַ-

טעווע רוסלאַנד!" מיר זיינען אַהערצו געקומען צו אייך מאַכֿן אַ פּאָראַנדעק, אייך לערנען, ווי מ'דאַרף זיך אויפֿפֿירן... — ער האָט מיט אַ שקאָציִשן בליק אַ קוק געטאָן אויף לעאָנידן און, ווי אַן איבערגעלערנט־געוויינלעכֿן לאָזונג, געזאָגט: — שלאָג די ווייסע, ביז זיי וועלן ניט רויט ווערן, שלאָג די רויטע, ביז זיי וועלן ניט שוואַרץ ווערן... ווער ביסטו?

לעאָניד האָט שאַרף געענטפֿערט:

— איך האָב דיר באַוויזן דעם דאָקומענט, ווייסט שוין, ווער איך בין, — וואָס פֿרעגסטו נאָך!

— שווייַג!... — ער האָט אַ פּאָך געטאָן מיט דער נאַהייקע איבער לעאָנידס קאָפּ, — ווער ביסטו?

לעאָניד האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסל.

— ווער! נו, אַ קאָמוניסט.

— ניין, וואָס ביסטו?

קאַטיע האָט זיך צעלאַכֿט.

— צי זעט איר דען אַליין ניט? אַ רוסישער, אַ רוסישער! ניט קיין ייִד!

די ברייטע צורה פֿון דעם סאָלדאַט איז צעשוואומען געוואָרן אין אַ שמייכל.

— כֿע־כֿע!... ריכֿטיק!... און דו, — ער האָט אַ טייט געטאָן אויף איר מיט דעם פֿינגער, — דו ביסט אַ זשידאָווקע.

— אָט אַזוי, אַזוי! איך בין זיין געשוועסטערקינד!

— אַ שוועסטער!... מיר ווייסן, וואָס פֿאַר אַ שוועסטער! מיר האָבן זיך שוין גענוג אָנגעזען מיט זיי בשעת מלחמה, — און ווי געשלענגלטע עקדישן האָבן אין דער לופֿט גענומען קריכֿן ציניש ע, שמוציקע באַליידיקנדיקע ווערטער.

נאָכֿדעם האָט ער געזאָגט:

— קריכֿט אַלע אַראָפּ!... הער, לאַנדסמאַן! מיין פֿערד איז מיר קראַנק געוואָרן, אָט ליגט דאָס. וועסט עס אָפּפֿירן אין שטאָט אַריין.

דער פּויער האָט מיט כּעס געענטפֿערט:

— דיין פֿערד איז געפּגרט, זעסט דען ניט? וואו קאָן מען דאָס פֿירן!

— ס'וועט קומען צו זיך. פֿאַרקערעווע זיך!

— וואָס רעדט איר, חבֿר!... די פֿיר וועט דען קאָנען נעמען דאָס פֿערד? אָט איז אַ מאַזשאַרע, וואָס דאַרפֿט איר נאָך?

אַנטקעגן איז אָנגעפֿאָרן אַ ליידיקע מאַזשאַרע, איף איר זיינען געזעסן צוויי גריכן. זיי האָבן זיך איינגעבויגן און געקוקט אָן אַ זייט. דער מאַלכּנאָוועץ האָט באַפֿעלעריש אַ געשריי געטאָן:

— שטיי!

די גריכן האָבן זיך געמאַכט, ווי זיי הערן ניט, און ווייטער געפֿאָרן. דער מאַלכּנאָוועץ האָט ערנסט אָנגעשטעלט די ביקס אין קגי און אויסגעשאָסן אין הימל. די גריכן האָבן זיך גלייך אָפּגעשטעלט. ער האָט ניט געאײַלט אָפּגערוקט דעם שלאָס און אַראָפּגעלאָזט די ביקס.

— קריך אַראָפּ!

די גריכן זיינען אַראָפּגעקראָכן.

— ווער זייט איר?

— פּויערים, חבֿר. מיר פֿאָרן נאָך היי.

— קיין ווין פֿירט איר ניט?

— גיט אַליין אַ קוק, אַ פּוסטע מאַזשאַרע... מ'קאָן פֿאָרן?

דער מאַלכּנאָוועץ האָט אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ איף ניין און זיך געווענדט צום פּורמאַן.

— דו קאָווירסט מיר פֿאַר זיי?

דער פּויער האָט אַ שמייכל געטאָן אין זיין צעפּאַטלטער באָרד אַריין.

— פֿאַר וועמען? וואָס?

— אָט פֿאַר די אָ, — ער האָט אָנגעוויזן איף די פּאַסאַזשירן.

— וואָס בין איך דאָ, מען האָט מיך גענויט פֿאָרן. ווער זיי זיינען, פֿון וואַנען זאָל איך וויסן.

— דו ענטפֿערסט מיר פֿאַר זיי. אויב וואָס עס טרעפֿט זיך, — וועל איך דיך דערשיסן.

קאַטיען איז דאָס אויסגעקומען מאָדנע. פֿינף מאַנסבילן האָבן

אים אַרומגערינגלט, און ער, איינער קעגן אַלע, געקאָמאַנדעוועט, מיט זיי, און די בּיקס איז זיך זאָרגלויז געהאַנגען אויף דער פּלייצע.

דער מאַכנאָוועץ האָט זיך ווידער געווענדט צו די גריכן.

— אָט ליגט מיין פערד! פאָרט צו און הייבּט דאָס אויף... איר וועט דאָס אָפּפירן אין שטאָט אַריין.

דער עלטערער גריך האָט שנעל געענטפערט:

— אונזערע פערד זיינען שוואַכע, זיי וועלן דאָס ניט דערפירן.

קאַטיע האָט זיך שנעל אָנגעבּויגן צו לעאָנידן און אים שטיל געפרעגט:

— ניט־זשע האָסטו ניט קיין רעוואָלווער?

— צום ט־טייוול! אַזאַ נאַרישקייט! פאַרגעסן.

קאַטיעס אויגן האָבּן אַבּליץ געטאָן, און אַלס ענטפער האָט עפּעס אַבּליץ געטאָן בּיי לעאָנידן אין נשמה. ער איז עטוואָס בּלייך געוואָרן און איז אַראָפּגעקראָכן פון דער פור, אויסגלייכנדיק די פיס.

דער מאַכנאָוועץ האָט מיט קווענקלעניש בּאַטראַכט די פור. ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט אָפּטאָן, נאָר ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי.

גאָרעלאָוו איז די גאַנצע צייט אומבּאַוועגלעך געזעסן איינגעהויקערט און איינגעגראָבּן די גאָמבּע אין קאָלנער אויף יענער זייט פור מיט דעם רוקן צום מאַכנאָוועץ. פּלוצים האָט זיך דעם מאַכנאָוועצס בּליק אָפּגעשטעלט אויף זיין בּלייכן פּראָפיל מיט דער האָרבּאַטער נאָז.

— הז... — האָט דער מאַכנאָוועץ בּייז אויסגעצויגן. — קום נאָר אַהער, זשידאָווסקע מאָרדע! — און מיט אַרואיקער האַנט האָט ער זיך אַנעם געטאָן צום רעוואָלווער בּיים פּאַס.

קאַטיע האָט זיך שנעל איבּערגעקוקט מיט לעאָנידן. און ווייטער האָט שוין אַלץ אַשווינדל געטאָן, זיך צונויפגעגאָסן, אַזוי ווי די ספּיצעס אין אַדרייענדיקער ראָד. לעאָניד האָט אַכאַפּ געטאָן דעם מאַכנאָוועץ פון הינטן, בּאַפעלעריש אַגעשריי געטאָן „בּינדט אים, חבֿרים!“ און אים אַשליידער געטאָן אויף דער ערד.

קאַטיע איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער פֿור, און דער פֿויער האָט איינגעקוועטשט דעם קאָפּ אין די פּלייצעס, און מיט דעם גאַנצן כּוח אַ שמיץ געטאָן די פֿערד. גאַרעלאָוו איז אין פֿולן גאַנג אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער פֿור, אומגעשיקט אַ פּאַך געטאָן מיט די הענט און איז אַריינגעפֿאַלן אין גראָבן. די גריכן זיינען אַרויפֿגעשפּרונגען אויף דער מאַזשאַרע און גענומען טרייבן די פֿערד אין אַן אַנדער ריכטונג.

דער מאַכנאָוועץ האָט זיך געראַנגלט אונטער לעאָנידן, נאָר קאַטיע האָט גלייך דערפֿילט, אַז ער איז פֿיל געזינטער, — ס'האָבן איר איבערראַשט זיינע שטאַרקע, קיילעכדיקע אַקסל. די האַנט מיט דעם רעוואָלווער האָט זיך געוואָרפֿן אין דער לופֿטן איבער לעאָנידס קאָפּ און זיך געמיט אויסדרייען דעם רעוואָלווער אין זיין זייט. ניט מיט דעם געדאַנק, נאָר מיט עפּעס אַ באַפֿעלערישער, הערשערישער אינטואיציע, האָט קאַטיע אַ כאַפּ געטאָן די האַנט מיט דעם רעוואָלווער, — מיט זיינע לאַנגע פֿיס איז גאַרעלאָוו געלאָפֿן איר צו הילף. — און מיט דער גאַנצער ברוסט זיך אָנגעוואַלגט אויף דער האַנט. די האַנט האָט זיך ווילד אַ ריס געטאָן, אַ פּאָר געטאָן מיט די בולטע טיילן פֿון דעם רעוואָלווער איבער קאַטיעס באַק און זיך ווידער גענומען דרייען אין דער לופֿטן. דער מאַכנאָוועץ האָט זיך אויסגעבויגן, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך לעאָנידן, און אויסגעשאָסן אויף גאַרעלאָוון, וואָס איז אָנגעלאָפֿן, און אונטער זיך אַ וואַלע געטאָן לעאָנידן. די האַנט מיט דעם רעוואָלווער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער ערד, קאַטיע האָט אַ כאַפּ געטאָן די ביקס, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, און מיט דער גאַנצער קראַפֿט מיט איר אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער האַנט. דער רעוואָלווער איז אַרויסגעפֿאַלן. זי האָט אים אויפֿגעהויבן און הילפֿלויז אים באַטראַכט. זי האָט געפּרוווט אַ דריק טאָן דאָס צינגל, — האָט דאָס זיך ניט געלאָזט.

— חבֿר גאַרעלאָוו! אָט איז דער רעוואָלווער, שיסט! איך ווייס ניט, ווי אַזוי צו שיסן!

גאַרעלאָוו איז געלעגן אינמיטן וועג מיט אַ פֿאַרבלוטיקטן מאַנטל, פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ און האָט געכאָרכלט. פֿון דער ווייטנס האָט

אַ שווינדל געטאָן אַ פֿור, — זי איז געפֿאָרן שנעל אין די בערג, דער פֿייער האָט זיך אַלע ווײַלע דערשראָקן אומגעקוקט און גע־שמיסן די פֿערד. דער מאַכנאָוועץ האָט געשטיקט לעאָנידן.

קאַטיע האָט אַ קוויטש געטאָן, מיט אַ שטורמישן לויף אָנ־געפֿלויגן, אַרומגעכאַפּט מיט די הענט דעם מאַכנאָוועצעס קאָפּ און אײַנאײַנעם מיט אים אומגעפֿאַלן אויף דער ערד. זײַן עלנבויגן האָט איר אַ שטאַרקן זעץ געטאָן אין אונטערשטן טייל פֿון בויך, אָבער אירע הענט האָבן מיט אַ צאַפּלדיקן, טויט־גראַנגל ווייטער געדריקט דעם שווייסיקן, צעפּאַטלטן, דרייענדיקן קאָפּ. ערגעץ הינטער דעם היקן האָט זיך דערהערט אַ שאָס, דער קאָפּ און די הענט האָט שוואַך אַ זיפֿץ געטאָן, נאָך אַ שאָס.

— לאָז אָפּ! — האָט לעאָניד, שווער אָטעמענדיק, אַ געשריי געטאָן.

קאַטיע איז אויפֿגעשפּרונגען, דער מאַכנאָוועץ האָט זיך, מיט אַ צעהאַקטער קני, מיט אַ דורכגעשאָסענעם בויך, געפּרווט אויפֿ־הייבן, געגראַבלט מיט די הענט די ערד און זיך געזידלט מיט די ערגסטע ווערטער. לעאָניד האָט אים אויסגעשאָסן גלייך אין דער ברייטער צורה. ער האָט אַ שוידער געטאָן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריט מיט דעם שאָס און אַ פֿאַל געטאָן מיט דער זייט אויף דער ערד.

— און וואו איז גאָרעלאָוו?

גאָרעלאָוו איז אומבאַוועגלעך געלעגן מיט אָפֿענע אויגן, וואָס האָבן ניט געגלאַנצט, מיט יענעם אומדערוואַרטן, פֿרעמדן אויס־דרוק, וואָס דער טויט לייגט אַוועק אויף דעם געזיכט. און די אויסגעשטשירעטע, לאַנגע געלע ציין האָבן העל געבלאַנקט.

פּלוצים האָט קאַטיע דערשראָקן אויסגעשריען:

— זע נאָר!

די זון האָט זיך שוין געזעצט, און פֿון דערווייטנס, פֿון הינטער דעם האָרב פֿון שאָסע, אויף דעם רויטן פֿאָן פֿון דער שקיעה, זײַנען געוואַקסן, אונטערשפּרינגענדיק, צוויי שוואַרצע סי־לועטן פֿון רייטער מיט ביקסן.

— מאַכנאָווצעס! אַנטלויפֿן! — האָט לעאָניד בריפּענדיק גע־זאָגט. — וואַרט! מ'וועט זיך דאַרפֿן אָפּשיסן.

ער האָט ביים דערהרגעטן אַראָפּגענומען דאָס טעשל מיט די קוילן, גענומען די ביקס, דעם רעוואָלווער.

— היידאַ!... מיר זאָלן נאָר באַוויזן צוקומען צו די בערג... ביז זיי וועלן צוקומען, דערגיין, וואָס ס'איז דאָ געשען. לויף ניט כל־זמן זיי זעען.

ניט געאיילט, זיינען זיי אַראָפּגעגאַנגען צו דער בריק, זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער באַלקע און זיך געלאָזט לויפֿן איבער דעם ווייס שטיינערדיקן שטרוים באַרג אַרויף. דער שטרוים איז געוואָרן קלענער און זיך פֿאַרקערעוועט אָן אַ זייט. זיי זיינען אַרויסגעקראָכן און זיך געלאָזט גיין באַרג אַרויף, אין די בערג, צווישן קוסטעס פֿון בליענדיקע ווילדע רויזן און ווילדע פֿלוימען. פֿון צווישן די קוסטעס האָבן זיי זיך אומגעקוקט און אָפּגעשטאָרבן: אויף דעם שאָסע, לעבן די דערהרגעטע, איז שוין געשטאַנען אַ גרויסער רייטער, זיי האָבן געמאַכט מיט די הענט, אָנגעוויזן אין זייער זייט. פֿאַר דעם שטרוים זיינען געריטן עטלעכע רייטערס.

— לאָמיר אַנטלויפֿן! — האָט לעאָניד קורץ אַוואָרף געטאָן.

איינגעבויגן, האָבן זיי אָנגעהויבן לויפֿן צווישן די קוסטעס צו די בערג צו. הייס, זשומענדיק, אַזוי ווי אַ ערד־בין, איז איבער זייערע קעפּ אַדורך אַ קויל, און ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג פֿון אַ שאָס. דעם וועג האָט איבערגעהאַקט אַ שטרוים, זיי זיינען אים אַדורך און געלאָפֿן ווייטער. באַלד האָבן זיי אָנגעטראָפֿן נאָך איינעם.

קאַטיע האָט לאַכעדיק אויסגעשריען:

— זע נאָר, ווי פֿיין! דאָס פֿאַרצאַמט זיי דאָך דעם וועג. זיי וועלן דאָך מוזן אַראָפּקריכן פֿון די פֿערד אָדער פֿאָרן אַרום און אַרום!

צו דעם שיפֿוע זיינען אָנגעפֿלויגן אַ מאַן פּיפּצן און האָבן געשאָסן. ס'האָבן זיך געהערט שאָסן, אָבער דאָס פּייפֿן פֿון די קוילן האָט זיך ניט געהערט. דער באַרג האָט זיך געהויבן מיט פּאַראַלעלע שאָף־שטעגעלעך.

— נו, אָט לאָמיר נאָך אַרויפֿקומען העכער, — דאָ איז דער ציל פֿאַר זיי אַלעמען, און דאָרטן וועט נאָך בעסער זיין... שרעק זיך ניט, קאַטקאַ!

— ביסט אַ טיפּש, לעאָנידקאַ! — האָט זיך קאַטיע אָפּגערופֿן, — אָט אַזוי נאַריש האָט דערדאָזיקער רוף זיך פֿרעמד געקלונגען אין דעם פֿרייִדיק־פֿייערדיקן שטורעמווינט, און ווען ס'האָט זיך געדרייט איר נשמה.

זיי האָבן געקלעטערט באַרג־אַרויף, זיך געקלאַמערט אין די שטעכלקעס פֿון די בליענדיקע קאַפּערסן. און איצט האָט מיט־אַמאָל אַרום גענומען קנאַקן איבער די שטיינער, זיך געשטויבט אין דער טרוקענער ערד. די רייטער זיינען אַראָפּ פֿון די פֿערד, און זיך געלאָזט גיין מיט דעם מאַגיסטראַלן שטרוים, אַנדערע האָבן געשאָסן פֿון דער קני.

דער קאַם פֿון באַרג מיט רויטן מאָן. גרויסע שטיינער. פֿון דער זייט שטרוים האָבן זיך צוויי מאַכנאָווצעס געזעצט אויף די פֿערד. לעאָניד האָט זיך אַוועקגעוואָרפֿן גלייך הינטער אַ שטיין און זיך אָנגעצילט. קאַטיע, מיט אַן אָפּגעשפּליטן, צעפּאַטלטן צאָפּ, מיט אַ צעדראַפּעטער באַק, איז געשטאַנען, פֿאַרגעסנדיק זיך, און איר גאַנצער הויך אין באַוואונדערט געקוקט. אַ שטורעמיק פֿייער, אַ זיכערס, אַ שאַרפֿער טראַסק. איינער פֿון די מאַכנאָווצעס האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דעם פֿוס און זיך אַראָפּגעזעצט צו דער ערד.

לעאָניד האָט מיט כעס אַ געשריי געטאָן:

— טיפּש, לייג זיך! וואָס שטייסטו!

ער האָט נאָך אַמאָל אויסגעשאָסן, נאָך, און זיי זיינען אַנט־לאָפֿן. הינטער דעם קאַם פֿון באַרג האָט זיך געצויגן אַ ברייטער באַרג־שפּאַלט, מיט אַ געדיכטן וואַלד...

ס'איז געוואָרן פֿינסטער. קאַטיע מיט לעאָנידן זיינען געזעסן אונטער אַן אַראָפּגעהאַנגענעם שטיין, אונטער די געדיכטע פֿאַר־פֿלאָנטערטע צווייגן פֿון די יונגע בעריאָזעס. איבער דעם וואַלד האָבן געקנאַלט די ציללויזע קוילן פֿון די מאַכנאָווצעס, צומאָל האָט זיך גאָר נאָענט געהערט זייער ריידן און זידלעריי.

לעאָניד האָט אין דער שטיל געפֿרעגט:

— וואָס איז דאָס בײַ דיר?

דער אַרבל פֿון קאַטיעס בלוזקע איז געווען געדיכט אײַנגעטונקען אין בלוט, טראָפּנס בלוט זײַנען אויך געווען אויף איר גרויען ראָק. אין בין־השמשות האָבן זיך לעאָנידס אויגן אָנגעצונדן מיט אַוואַרעמער צערטלעכקייט.

— נו, איך באַגריס דיך!... ביסט פֿאַרוואונדעט... טו אויס דאָס קאַפּטל.

— נאַרישקייטן! וואָס איז דאָס? איך האָב גאָרנישט געפֿילט.

— טו אויס.

אַראָפּשלעפּנדיק דעם אַרבל, האָט קאַטיע דערפֿילט אַ ווייטאָג אין האַנט. שעמענדיק זיך פֿאַר אירע נאַקעטע הענט און אַקסל, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף דער האַנט. העכער אַ ביסל פֿון דעם עלנבויגן, אין דער מיט בלוט אויסגעשמירטער הויט, האָט זיך געשוואַרצט אַ קליין לעכעלע, פּונקט אַזאַ האָט זיך אויך געזען אויף דער אַנדערער זייט האַנט. קאַטיע האָט זיך צעלאַכט, און אַליין איז זי געוואָרן בלאַס, די אויגן זײַנען געוואָרן בלאַס־גרוי, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז זי אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד און געבליבן אָן באַוואוסטזײַן.

* * *

דער נעפּל אין קאָפּ איז געוואָרן שיטערער. ס'איז געוואָרן אומפֿאַרשטענדלעך, פֿון וואַנען ס'האָט זיך גענומען די שוואַכקייט אין קערפּער, פֿון וואַנען ס'נעמט זיך דאָס קנאַלן מיט בײַטשן איבערן וואַלד. און מיטאַמאָל האָט זי זיך אָן אַלץ דערמאָנט. ס'האָט זיך דערמאָנט דאָס איבפֿליצן פֿון שאָס פֿאַר דעם ברייטן געזיכט, די בעל־חיהש אויסגעשטשירעטע געלע ציין — גאָרעלאָוו? אָדער דעם פֿערדס מיט דער צוגעביסענער צונג? אָבער גלייך נאָכדעם — אַ פֿריידעוודיקער פֿײַף פֿון קוילן, דאָס פֿאַרשיכורטקייט פֿון לויפֿן צווישן די קוסטעס, דער קאַם פֿון באַרג און די גאַלאָפּירנדיקע רײַטער... און אַזאַ מיאוסער סוף פֿון דעם אַלעמען!

די האַנט איז געווען פֿאַרבאַנדאַזשירט מיט אַ נאָזטיכעלע, און לעאָנידס פֿרענטש איז געווען אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף דער ברוסט.

אין וואַלד האָבן זיך נאָך הילכיק געהערט מענערישע שטימען, די קוסטעס האָבן געטראַסקעט אונטער די פֿערדס פֿיס. נאָר שוין אַ סך ווייטער. צומאָל האָט ווי אַ קנאַל פֿון אַ בייטש זיך איבערן וואַלד דורכגעקייקלט אַ שאָס פֿון אַ ביקס.

קאַטיע האָט זיך פֿאַרשעמט אויפֿגעהויבן און אָנגעהויבן לאַנגזאַם אָנטאָן דאָס קאָפּטל.

— ס'אַר אַ נאַרישקייט! פֿון וואַנעט האָט זיך דאָס גענומען?

לעאָניד איז געזעסן אין איין העמד, וואָס איז געווען אַריינגעשטעקט אין די הויזן און האָט גערויכערט, באַהאַלטנדיק דאָס פֿייער אין דער דלאָניע. ער האָט זאָרגעוודיק באַטראַכט קאַטיען און ווייך געשמייכלט.

— ס'מאַכט ניט אויס, ס'טרעפֿט אַמאָל. דאָס וויכטיקסטע איז, זיך ניט צעלאָזן. לויטן געזעץ, דאַרף אַ מיידל אַנידערפֿאַלן אין חלשות אין סאַמע געפֿערלעכסטן מאָמענט. אין דער מאַנסביל, אָפּשלאָגנדיק די געפֿערלעכסטע קלעפּ, דאַרף אַרויפֿלייגן די טייערע משא אויף דעם בויגן פֿון זאָטל... און מיט דיר איז גאָר עפּעס אַנדערש. אַ קאָזאַק אַ מויד!

דער רויטער שיין פֿון דער אויפֿגייענדיקער לבנה האָט פֿון צווישן די צווייגן געוואָרפֿן אויף די שטיינער אומבאַוועגלעך שוואַרצע אוזאָרן. ס'איז געווען שטיל.

לעאָניד האָט געפֿרעגט:

— דו ווייסט דעם וועג דורך די בערג קיין אַרמאַטלוק? בעסער איז אויף דעם שאָסע ניט אַרויסצוגיין.

— אַ ביסל קאָן איך אים. דאָס איז — דער באַרג-שפּאַלט גיאַורבאַך, דאָ דאַרף זיך אָנהייבן דער אַריבער-באַרג לעבן קאַראַ-אַגאַטש... קום.

קאַטיע איז שנעל אויפֿגעשטאַנען.

— וואַרט, נאַרעלע, כאַפּ זיך נישט. זאָלן די מאַכנאָווצעס אַוועקגיין.

זי האָט זיך ווידער געזעצט. אין זייער הויל אונטערן פֿעלז

איז געווען היימלעך, פינסטער און ניט געוויינטלעך. די בויגעוודיקע צווייגן פון דער בליענדיקער בעריאָזע האָבן געליכטן פאַר די אויגן, אַזוי ווי פאַלנדיקע שטרוימען פון אַ פאָנטאַן. און אַלץ אַרום איז געווען ניט געוויינלעך און באַזונדער שיין. ס'האָבן זיך געווייסט גרויסע שטיינער פון אַ מאָדנער פאָרם, די רויטע שיין פון דער לבנה איז ניט ווי אַלעמאָל געווען עפּעס מוטנע און וואַרעם, און קיינמאָל איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען אַזוי שטיל, ווי דאָ.

לעאָניד האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף קאַטיעס און זי שטאַרק אַדריק געטאָן פון אויבן.

— אַ דאַנק דיר, קאַטיורקע! ווען ניט די היינט, וואָלט איך שוין געווען געשפּייזט אייערע קרימער ווערים... אַ שאָד, וואָס דו ביסט ניט אונזערע. מיר דאַרפן אַזעלכע, ווי דו.

קאַטיע האָט אים איצט זעלטן געזען אַזעלכן, — בשעת ער פלעגט אַוועקוואַרפן זיין פרייען, גאַוודיק-ביטולדיקן טאָן און ווערן אַ פּשוטער, אַן אויפריכטיקער. היים האָט אַ ציטער געטאָן אין האַרצן אַ היימישער געפיל, וואָס האָט געצויגן צו אים, אַזוי ווי אין יענע ציַיטן, בשעת ער פלעגט זיך פּלוצים צו זיי באַווייזן פון זיין אונטער-ערדישער אַרבעט, — אַן אויסגעמאָגערטער, אַ נערוועזער, — און דאָס קליינע מיידעלע, די גימנאַזיסטין פלעגט זשעדנע הערן זיינע ער-ציילונגען און מיינונגען וועגן דעם לעבן.

— ווען איר זאָלט זיין אַנדערע! — האָט זיך ביי איר אַרויס-געריסן.

לעאָניד האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם שטיל געזאָגט:

— מיר קאָנען קיין אַנדערע ניט זיין.

— נאָר פאַרוואָס-זשע, פאַרוואָס? פאַרשטייי, לעאָניע, פאַר מיר איז דאָס אַ ווייטאָגדיקע פראַגע... פאַרוואָס פאַרמערט איר אַרום זיך אַזויפיל אָט די שמוץ, דאָס בלוט? אָט די גראָביאַנישקייט, אָט דאָס אידיעקוועקן זיך איבער מענטשן? אַזאַ ציניש באַציאונג און פאַרשוועכונג פון דעם לעבן איז נאָך קיינמאָל, אין ערגעץ ניט געווען! איר האָט אַלץ אַזוי אַרומגעשטעלט, אַז בלויז גראָביאַנעס און קאַריערים קאָנען צו אייך גיין, און די, וועד ס'ניטיקט זיך אין מאַכט, אַזוי ווי אין וויין. און די אַלע מענטשלעכע ווערטער

שפּרינגען אָפּ פֿון איך, אַזוי ווי מ'זאָל וואַרפֿן שטיינדלעך אין אַט דעם פֿעלז.

ער האָט שוואַך געשמייכלט און זיך געקלאַפּט מיט אַ צווייגעלע איבער דער כאַליעווע פֿון זיין שטיוול.

— ס'איז אַ מאָדנע מענטשן איר זייט! צי דען קאָנען מיר צולאָזן אַזעלכע ווערטער צו אונזער האַרצן? ווי אַזוי פֿאַרשטייסטו דאָס נישט? אַלץ אַרום ביז דעם גרונט האָט זיך געענדערט, די פֿרי־ערדיקע באַציאונגען זיינען צעבראָכן געוואָרן, די נשמה דאַרף זיך איבערבויען גאָר אויף אַן אַנדער מאָראַל... אָדער מ'וועט שוין אינגאַנצן ניט קענען לעבן.

— רייד אַזוי, ליאָנקע! רייד אַזוי! גיי ניט איבער אויף דעם שטענדיקן טאָן. גאָט, ווי שווער ער איז! אָט גלייך ווי דער מענטש זאָל די גאַנצע צייט זיין אין אַ מאַסקע!

— ווי מיינט איר? ס'איז געווען אַ וואַיל, גוט, ליכטיק, ריין לעבן, און בלויז די מנוולים, וואָס האָבן דאָס געדריקט, האָבן ניט געלאָזט, אַז דאָס זאָל זיך אַנטוויקלען. די מנוולים האָט מען באַזייטיקט, — און אָט וואָלט אַלץ געווען אַוועק כשורה און גלאַט, האָבן זיך צום אומגליק אַריינגעמישט די נידערטרעכטיקע באָלשעוויקעס און האָבן אויך אַלץ קאַליע געמאַכט. טייערינקע, ס'איז דאָך אַן איפֿריים געווען, — אַן איפֿריים פֿון אומגעהייערע אונמערערדישע כוחות, וואו די גאַנצע שמוץ איז אַרויפֿגעפֿליגן פֿון אייבן, דאָס איבערגעברענטע אַש, דער געשטאַנק, דער עיפּוש, — אָבער אויך דאָס פֿייער וואָס רייניקט, און די שמעלצנדיקע לאַווע אייך. נו, זאָג אַליין, וועלכע מענטשלעכע כוחות וואָלטן דאָס געקאָנט איינהאַלטן?

— און איר האָט דאָס ניט איינגעהאַלטן, נאָר, פֿאַרקערט, איר האָט דאָס נאָך צעבלאָזן.

— געוויס. און מען האָט געדאַרפֿט, אַז דאָס פֿייער זאָל אַ זעץ טאָן ביזן הימל אַריין, און אַז די לאַווע זאָל זיך אַ גאָס טאָן איבער דער גאַנצער וועלט. און דאָס וואָס עס איז דאָ שמוץ און עיפּוש, — וואָס־זשע קאָן מען טאָן! און שוין־זשע מיינסטו, ווען אַלץ וואָלט זיין אָפּהענגיק פֿון אונז, וואָלטן מיר אַנדערש געטאָן?

דיסציפּלינירטע, אייזערנע אַרבעטער באַטאַליאָנען, וואָס פּלאַקערן מיט אַ זיך מפקיר זייענדיקע ליבע צו דער קומענדיקער וועלט, אַ באַטראַכטע פּלאַנמעסיקע רעאָרגאַניזאַציע פֿון דער אָרדענונג אויף נייע יסודות... נו, ס׳איז אַפילו קאָמיש פֿון דעם צו ריידן! אויף מיין וואָרט, אַזוי ווי אינסטיטוטקעס אין ווייסע פעלעריינקעס, — און רייד מיט זיי ערנסט!

— ניין, אָט דעם שמוץ פֿאַרשפּרייט איר אַליין, איר שטעלט שטענדיק אויף די סאַמע נידערטרעכטיקסטע, עגאָאיסטישע אינסטינקטן, איר מיט זיך זיי צו צעבלאָזן, און קעמפֿט גאָרניט קעגן זיי. איר ליפּט נאָך פֿאָראויס, איר זייט פיל ערגער פֿון די, צו וועלכע איר פּאַסט זיך צו.

— וואַרט. קום. מיר וועלן דאָך דאָ די גאַנצע נאַכט ניט אָפּזיצן.

— נו! מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן ריידן... נו, איז וואָס, נו, וועלן מיר דאָ די גאַנצע נאַכט אָפּזיצן!

לעאָניד האָט אָנגעטאָן דעם פּרענטש, אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד די ביקס און איז אַרויס פֿון די קוסטעס.

— שטיל. זיי זיינען אַוועקגעפֿאָרן... ס׳אַר אַ נאַכט!

די לבנה האָט זיך אויפֿגעהויבן צווישן די בערג איבער דער הייל און איז געוואָרן אַ זילבערנע. אונטן האָט זיך געטונקלט דער וואַלד. פֿון פֿאָרנט האָט אין הימל אַריין געשפּאַרט דער מעכטיקער קאַראַ־אַגאַטש מיט זיינע אַראָפּגעהאַנגענע פֿעלזן. קאַטיע האָט באַטראַכט די געגנט.

— אָט דאָ דאַרף באַלד זיין אַ וועג איבער דעם באַרג...

זיי זיינען פֿאָרזיכטיק געגאַנגען, אַלע ווײַלע זיך אומגעקוקט און איינגעהערט. אין וואַלד איז אָבער געווען טויט־שטיל, און מען האָט ניט געהאַט פֿאַרוואָס זיך צו שרעקן. זיי זיינען אַרויס אויף דעם ווייניק אויסגעטראָטענעם וועג. די געלאָקטע קוסטעס פֿון די נוסביימער האָבן געוואָרפֿן שוואַרצע שאָטנס אויף דעם גראָז. זוי אָן אַ זאַך, וואָס איז שוין לאַנג געשען, האָט זיך קאַטיע דערמאָנט אָן דעם צעפּאַטלט־שווייסיקן, דרייענדיקן קאָפּ אין אירע הענט, דאָס פֿייער פֿון שאָס פֿאַר דעם בלייך געוואָרענעם געזיכט.

מיט אַ יאָר פֿינף זעקס צוריק איז דער פֿרידלעכער פּייער געגאַנגען נאָך זיין אַקער אין פֿעלד, געשניטן דעם ווייץ. צי האָט ער דעמאָלט אַפֿילו אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וועט אַלס באַלעבאָס פֿון בלוט דורכגיין איבער די שטעט, איבער די דערפֿער, און, אַ שיכורער, פֿאַלן פֿון אַ קויל אינמיטן וועג?

לעאָניד האָט געזאָגט:

— די פֿאַרשטייסט אין זאַך נישט. די צוגרייטנדיקע, התחלהדיקע סטאַדיע פֿון דער רעוואָלוציע און די רעוואָלוציע גופֿא, — זיינען גאָר פֿאַרשידענע זאַכן. דאָרט זעסטו, ווי מען איז זיך מפֿקיר, דעם הויכן אידעאַליזם, דעם ריינעם יונגן ברען. אָט אַזוינע זיינען געווען די יאָרן 1900—1905 מיט אונזער ערשטער רעוואָלוציע. אָבער דעמאָלט זיינען געגאַנגען צענדליקער, נו, הונדערטער טויזנטער. און איצט האָבן אַ שפּאַר געטאָן מיליאָנען. ניט אומקולטורעלע, ווילדע, פֿאַרצאָרנטע. ניט פֿאַר דער מענטשהייט גייען זיי, ניט פֿאַר אַ בעסערער צוקונפֿט, נאָר פֿאַר זיך אַליין, — פּשוט פֿאַר זיך אַליין, — פֿול מיט צאָרנדיקן האַס, מיט נקמה, מיט זשעדנעקייט. דו ביסט דאָך אָבער אַ מאַרקסיסטין, איז פֿאַרוואָס־זשע ביסטו דאָס ניט גורס? אין דעם באַשטייט טאַקע די גאַנצע קראַפֿט פֿון יעדער אמתער רעוואָלוציע. פֿאַרשטיי, אַז די אַלטע פּסיכאָלאָגיע פֿון אַ אונזעריקן אידעאישן אינטעליגענט־רעוואָלוציאָנער איז דאָ ניט נאָר איבעריק, נאָר אַפֿילו שעדלעך, געפֿערלעך... נו, אָט, דו, למשל, דו האָסט געאַרבעט פֿאַר דער רעוואָלוציע, געזעסן אין טורמע, געווען פֿאַרשיקט. דערפֿאַר, וואָס דו האָסט געזען, אַז די אַרבעטער, די פּויערים ווערן געדריקט, זיי ליידן, — און דו ביסט געוואָרן איימער זיך. דאָס אַליץ איז זייער גוט און שאַפֿט דיר כּבֿוד, אָבער איצט ווערט געדריקט די בורזשואַזיע, די אינטעליגענץ, — ביסטו ווידער אויסער זיך — פֿאַר זיי. אמת, ווען מ'זאָל וועלן דאָס באַטראַכטן פֿון מענטשלעכן זין, — זיינען אַלע מענטשן און די בורזשויען זיינען גאָרניט שולדיק, וואָס זיי זיינען געבוירן געוואָרן אַלס בורזשויען. און אָט דאָ, שפּאַלטסטו זיך. דער קוואַל, פֿון וואַנען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דיין רעוואָלוציאָנערישקייט, איז אַוועק גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. און מיר גייען נאָך די אַרבעטער ניט

דערפֿאַר, וואָס זיי זײַנען עפּעס גאָר גוטע מענטשן. זיי זײַנען פּונקט אַזעלכע מענטשן, ווי יענע! נאָר דערפֿאַר, וואָס דער קלאַסן־עגאָאיזם שטײַסט זיי הרובֿ צו מאַכן אַלע קלאַסן און שאַפֿן אַ נײַע וועלט, און מיט דער אַלטער מאָס קאָן מען דאָ ניט צו גיין. און פֿאַרוואָס, אונזער טײַערינקע, פֿײַנפֿילנדיקע אינטעליגענץ מיט איר ריינינקער מאָראַל איז געבליבן פֿון דערווײַטנס.

— יאָ, אַ גרויסן דאַנק אײַך פֿאַר אײַער נײַער מאָראַל! די זעלבסטהערשאַפֿט אַליין קאָן מען דאָך מיט אײַך ניט פֿאַרגלײַכן, זי איז דאָך אין פֿאַרגלײַכעניש מיט אײַך געווען הומאַניטאַר און איידל. דערמאָן זיך, ווי די זשאַנדאַרן זײַנען געווען העפֿלעך, מיט וואָס פֿאַר אַ גאַראַנטיעס מען האָט דאָס דעמאָלט אַרומגעשטעלט אַפֿילו די אַדמיניסטראַטיווע עקזעקוציעס, ווי אַזוי זיי פֿלעגן זיך אַליין שעמען פֿאַר די טויט־שטראָפֿן! וואָס פֿאַר אַ רחבֿות זיי האָבן דאָס געגעבן דעם געדאַנק, דער קריטיק... צי האָט זיי אַפֿילו געקאָנט קומען אויף דער מחשבֿה, זיי זאָלן פֿאַר דעם אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן אָדער סטאָליפּינען אויסשיסן אין דעם טורמעס הונדערטער רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן גאָר אין דעם קיין שום אָנטייל ניט גענומען?... עקלדיקע שלענג זײַט איר! אַז מ׳גיט אײַך אַ האַנט, — ווילט זיך זי אָפּווישן!

זי האָט אַ שוידער געטאָן און אַ ציטער געטאָן מיט די אַקסל.

לעאָניד האָט צונויפֿגעדריקט די ברעמען און שאַרף געזאָגט:

— אָט דאָ הייבן מיר שוין אָן צו ריידן אויף פֿאַרשיידענע לשונות. פֿאַר אונז עקזיסטירט נאָר איין פֿראַגע, די ערשטע און די לעצטע: צי דאַרף מען דאָס פֿאַר דער רעוואָלוציע. מ׳דאַרף דאָס. און כ׳איז שוין ניטאָ פֿון וואָס צו ריידן. און וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכע ווערטער איר וועט ניט זאָגן, וועט איר אונז ניט איבעראַשן. טויט־שטראָף, זאָל זײַן טויט־שטראָף, שפּיאָן, זאָל זײַן שפּיאָן, דערשטיקונג פֿון דער פֿרייהייט, זאָל זײַן דערשטיקונג. מ׳וועט דאַרפֿן האָבן פּראָוואָקאַציע? מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן פֿאַר פּראָוואָקאַציע אויך. און די עקסצעסן... די עקסצעסן וואָלטן מיר אַליין אויך געוואָלט אויסראָטן. ס׳איז פֿאַרשטענדלעך, אַז בײַ דעם טשעקיסט ווערט בײַ זײַן שרעקלעכער אַרבעט דער קאָפּ אַליין

פֿאַרשיכּורט פֿון דער מאַכט און דעם בלוט. איר ווייסט אָבער ניט, וויפֿל פֿון זיי אַליין ווערן פּאַרמשפּט צום שיסן. אָבער מיר זאָלן צוליב דעם אַליין אײַננעמען חרפּת בושה און מבֿטל מאַכן די טשעקאַ, און מיט פֿאַרבונדענע אויגן אַרומגיין צווישן די אַלע פֿאַררעטער און אַטענטאַטן אויף דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט, — נו, ניין! שלעכט אויסגערעכנט! מיר זײַנען ניט אַזעלכע נאַראָנים און מיר וועלן זיך ניט לאָזן כאַפּן איף אײַער ווענטקע!

און ווידער האָט, ווי אַלעמאָל, אין זײַן קול זיך דערהערט דער טאָן פֿון אַמיטינג-רעדע, אַזוי ווי ער וואָלט גערעדט ניט פֿאַר נאָך איינעם, נאָר פֿאַר אַ גיט געזעענעם, מיטפֿילנדיקן עולם. און, אַזוי ווי אַלעמאָל, האָבן צווישן זיי גענומען שפּרינגען פֿײַנדלעכע, שטעכיקע פֿונקען.

קאַטיע איז אַנטשוויגן געוואָרן. ס'האָט זיך איר געוואָלט ווײַטער ריידן אין פֿריערדיקן טאָן, אָבער די שטימונג איז בײַביידן אַוועק. זי האָט פֿאַרזאָרגט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. און פֿון דעם, וואָס זי האָט אים גאָרניט געענטפֿערט, פֿון דעם, וואָס אויף איר מיידל-באַק איז פֿאַרבאַקן געוואָרן דאָס בלוט פֿון דעם דראָפּ, וואָס זי האָט געקראָגן מיט דעם רעוואָלווער, האָט דאָס לעאָנידן געאַרט און זי איז אים ווידער געוואָרן נאָענט און ליב. ער האָט אויפֿגעהויבן די ברעמען, זיך אַקראַץ געטאָן אין פּאַטילניצע, פֿריינדלעך אַרײַנגעשטעקט זײַן האַנט אונטער איר אָרעם און פֿאַרשעמט געזאָגט:

— נו, גאָרנישט... זע נאָר, ס'איז אַ נאַכט!

קאַטיע האָט די גאַנצע צײַט אומבאַוואוסטזיניק געפֿילט די דאָזיקע נאַכט. פֿון דער רעכטער האַנט האָבן זיך געצויגן די גראָדע אַראָפּהאַנגען פֿון קאַרא-אַגאַטש, אין דעם לבֿנה-נעפּל האָבן זיי אויסגעזען גאָר נאָענט. און בײַ דעם שײַן פֿון דער לבֿנה האָט זיך געדוכט, — אַז דאָרט אויף דעם באַרג שטייען עפּעס אומגעהייער גרויסע פּאָרטאַלן, שטאַלטיקע קאָלאָנעס, מעכטיקע אַרײַנגאַנגען פֿון אַן אויסערגעוויינלעך-גרויסן טעמפּל. ס'איז ווידער געוואָרן פּשוט.

לעאָניד האָט איר געהאַלטן אונטער דעם עלנבויגן, און זיי זײַנען געגאַנגען ווײַטער. ער האָט ווידער אָנגעהויבן ריידן, ווי פֿריער, גיך.

— דו געדענקסט, אינדערפֿרי. אויפֿן פּלאַץ ביי אייך אין אַרמאַטלוק, בשעת מיר האָבן געמשפּט פֿאַר אַ רויבעריי אייערע יונגען, וואָס האָבן זיך פֿאַרשריבן אין דער רויטער אַרמיי? איז שוין־זשע מיינסטו, אַז עס האָט זיך מיר ניט געוואָלט, אַז אַלע ביי אונז זאָלן זיין אָט אַזוי ווי מיין חבֿר, אַן אַרבעטער, פֿון מיין אָפּטיילונג, — ברענענדיקע, ערנסטע, דיסציפּלינירטע?... און אָט — וואָס כ'טוט זיך אַרום אונז? רויבערייען, שיכּרות, אַלעמען טוט מען אָן צרות; מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרייד האָבן אונז די פּויערים באַגעגנט, און איצט הויבן זיי אונז שוין אָן צו האַסן, אַפֿילו אָט די מנוולים, די מאַכנאָווצעס, מוזן מיר ביז אַ צייט ליידן. די מערהייט אונזערע באַשטייט דאָך פֿון דעקלאַסירטע מענטשן, צעלאָזענע פֿון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, אָפּגעוואוינטע פֿון אַרבעט, צוגעוואוינטע צו רויבעריי און בלוט, און דערצו נאָך נאַקעטע, באָרוועסע, הונגעריקע. מיט איינמאָל וועסטו זיי ניט איבעראַנדערשן. נאָר ביסלעכווייז, בהדרגה, גייענדיק מיט זיי אינאיינעם, וועלן מיר זיי קענען רעאָרגאַניזירן. און דערביי קומט, געוויס, אויס איבערצואַנדערשן די אייגענע נשמה אויך. איך געדענק די אָקטאָבער־טעג אין מאָסקווע. איצט קומט שוין אויס קאָמיש זיך דערמאָנען, ווי מיר, די אינטעליגענטן, זיינען דעמאָלט געווען ווייכהערציק, ווי מיר האָבן זיך געשראָקן צו פֿאַרגיסן אַן איבעריקן טראָפּן בלוט, ווי מיר האָבן זיך געשעמט פֿאַר יעדן שאָס, ער זאָל, גאָט באַהיט, חלילה ניט טרעפֿן אין די קלויסטערס פֿון וואַסילי בלאַזשעני אָדער פֿון איוואַן וועליקי. און די סאָלדאַטן אונזערע איז דאָס אינגאַנצן ניט געווען פֿאַרשטענדלעך, און זיי זיינען, געוויס, געווען גערעכט... וואָס האָט יעדערער פֿון אונז איבערגעזען, וואָס איז יעדערן פֿון אונז אויסגעקומען איבערצולעבן פֿון יענעם טאָג אָן!

קאַטיען איז געוואָרן אומאָנגענעם, וואָס לעאָנידס האַנט האַלט איר אינטערן אָרעם.

— וואַרט! איין מינוט!

זי האָט באַפֿרייט איר האַנט, זיך איינגעבויגן און אָפּגעריסן אַ פּאָר בלימלעך. און זיי גענומען שמעקן.

— נו! נו! — האָט זי זשעדנע געזאָגט. — ווייטער!

— נו, אָט... — לעאָניד איז געגאַנגען און געוויגט מיט דער האַנט די ביקס. — אין דעם פּאַלאַץ פֿון אַ באַנקיר, וואו איך וואוין איצט, איז מיר אַנומלטן געקומען צו דער האַנט דאָסטאָיעווסקיס „פֿאַרברעכן און שטראָף". אַ האַלבן בוך האָבן די סאָלדאַטן צעפּטרט אויף ציגאַרן... האָב איך אָנגעהויבן לייענען. איז דאָס מיר אויס־געקומען קאָמיש. „וועל איך דאָס וואַגן? צי וועל איך דאָס ניט וואַגן?" זיצט זיך אַן אינטעליגענטל און גריבלט זיך אין דער נשמה. עפּעס גאָר אַזוי ווי פֿון אַן אַנדער פּלאַנעט געקומען. נו, אָט נעם היינט, מיט אָט דעמדאָזיקן מאַכנאָוועץ... דו האָסט דעם ערשטן מענטשן אין דיין לעבן דערהרגעט!

קאַטיע האָט אַ שוידער געטאָן פֿון דער פּלוצים געשטעלטער פֿראַגע.

— נו! ווי אַזוי רעדסטו...

— ווי אַזוי איך רייד... יאָ, מיר האָבן מיט דיר דערהרגעט, — ער האָט שעלמיש אַ קוק געטאָן אויף איר און אַ שמייכל געטאָן.

קאַטיע האָט מיט אַנגסט אַ צי געטאָן מיט די אַקסל.

— נו, יאָ!

— און אפֿשר האָט מען אים גאָרניט געדאַרפֿט הרגענען.

— איך מיין אויך אַזוי.

— דאָס וואָס ער האָט זיך געכאַפּט פֿאַר דעם רעוואָלווער אויף גאָרעלאָוון, — האָט מען אים געקאָנט איבעררייִדן. מיט אַ שיכּורן רום איז דאָס זייער לייכט, ס'איז דאָך נאָר אַ שפּאַס אויף אַ ווײַלע. ניט אַזוי ווי מיט אַ לאַטויש, למשל — יענע, אַז זיי זיינען שיכּור, זיינען זיי, ווי ווילדע חיות. און מיר האָבן געהרגעט. און אָט וועסטו זיך אין משך פֿון לאַנגע יאָר זיך מאַטערן און וועלן קלאָר מאַכן: „צי ביסטו געווען גערעכט? צי אומגערעכט?..." און איך... צי האָב איך גאָר צייט וועגן דעם צו קלערן! עפּעס אַ מין אומגעהייער, אומבאַוואוסטזיניק לעבן אין קאָלעקטיוו. היינט ער, מאָרגן איך. אַזוי, אַז דאָס אַלץ איז גאָרניט אַזוי וויכטיק! וויכטיק איז דאָס, וואָס די גאַנצע ערד טרייסלט זיך, אַז דאָס צעפּיילעניש ווערט חרוב, אַז דאָס אַלץ, וועגן וואָס איר טענהט: „„פּאָרזיכטיק, ניט מיטאַמאָל!" — אַלץ פֿליט צו אַלדע שוואַרצע יאָר. איבער גאַנץ אייראָפּע הערט

זיך דאָך די אונטערערדישע קלעפּ, וואָס גייען פֿון אונז, זיי קלאַפּן פֿון אונטן אין די רחובֿות פֿון דער ליטאַרגישער אַזיע. אַלץ רירט זיך, כאַפּט זיך אויף. די דערדריקטע פֿילן, אַז אַלע אינאיינעם זיינען זיי, — איין אומגעהייערע, ברידערלעכע כּטיכיע, אַז ס'זיינען גאָרניט בנמצא אָט די צעטיילנדיקע קריסטוסעס, בודדעס, אַללאַס, ס'זיינען גאָר ניטאָ קיין הייליקע פֿראַנקרייכס, דייטשלאַנדס, אינדיעס, בינעס, אַז דאָס אַלץ איז אַ גרייסער שקר. ס'איז בלויז דאָ איין און איינציקער אייביקער, הייליקער, גאַנצער פֿאַראייניקער — די אַרבעט... און טראַכטן וועגן עפּעס אַ מאַכנאָוועץ, וואָס מען האָט דערהרגעט, וועגן דעם, אַז מ'וועט אונז הרגענען, וועגן שטיוועלעטן, וואָס מען האָט אַראָפּגענומען ביי אַ פּריץ, וועגן דעם, וואָס מיר פֿאַרשטאָפּן דאָס מויל די אַלע פּחדנים און בוגדים, וואָס ווילן דאָס אַלץ אָפּשטעלן. „פֿאָרזיכטיקער, שטילער, און זעט, איר זאָלט קיינעם ניט באַוואָרענען, און ס'איז נאָך בכלל צו פֿריי“... אי דאָס דאַן, בשעת מען דאַרף אָנשטרענגען גאָר די כּוחות פֿון דער גאַנצער וועלט, און דער צייט, ווען אַלע האַלטן, אַז אַלע אינאיינעם זאָלן מיטאַמאָל איבשפּרינגען!

קאַטיע האָט די גאַנצע צייט געשמעקט די בלומען. פֿון דער רעכטער האַנט האָבן זיך אין לבֿנה-שיין אַלץ געצויגן די פֿעלזן, אַזוי ווי פּאָרטאַלן און קאָלאָנעס. און איר אויפֿרעגונג און אין איר אַנגסט האָט זיך קאַטיע ניט געקענט אָפּרייסן, זיך אָנשטרענגען און מאַכן אַ סוף צו דער פֿאַרבלענדקייט, און די גאַנצע צייט האָט זיך איר געדוכט, אַז דאָס זיינען ניט קיין פּשוטע פֿעלזן, נאָר אַ געוואַלטיקער, אומענדלעכער טעמפּל.

פֿון דער הייך באַרג האָט זיך אַנטפּלעקט די נעפּלדיקע, בלאָסבלויע אָרמאַטלוקער בוכטע, צווישן די אַרויסשטאַרצנדיקע פֿאַרבערג, און ישובֿ האָבן זיך געזען רויטע פֿייערלעך.

— דאָס איז אייער ישובֿ?

— יאָ.

— געקומען, — לעאָניד האָט ווידער גענומען קאַטיען אונטערן אָרעם. — קאַטיע, מיר וועלן שוין מער קיינמאָל אַזוי ניט ריידן.

מיר זיינען פֿרעמדע. די האַלטסט מיך פֿאַר אַן אַכזר, און מיין גאַנצע טראַגעדיע איז דאָס, — וואָס איך פֿאַרמאָג זייער ווייניק שטאָל. די ביסט אַ וואויל מיידל, און מיר ווילט זיך ניט, מיר זאָלן זיין שונאים. ווייס, אַז מיר איז אָפֿט זייער שווער, צומאָל דוכט זיך מיר, אַז עס וועלן מיר אויספֿעלן כּוחות דאָס אַלץ אַריבערצוטראָגן. און ס'איז גאָר קיין צופֿאַל ניט, וואָס צווישן אונז געפֿינען זיך אַזויפֿיל מאָרפֿיניסטן און קאָקאָאיניסטן. און אין די באַדינגונגען פֿון דער אַרבעט איז דאָס זייער פֿיל אַזוינס, וואָס פּטרט די נשמה. מיר שטייען ניט אויף דער געהעריקער הייך, אָבער קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ. דערמאָן זיך אָן דעם, דעמאָלט, ווען די וועסט ווערן פֿאַרכאַפּט פֿון צופֿיל האַס צו אונז.

קאַטיע האָט ווידער באַפֿרייט איר האַנט און אַ שמייך געטאָן די בלומען אויף דער ערד, און שטיקנדיק זיך, מיט טרערן אין קול האָט זי געזאָגט:

— יאָ, מיר זיינען פֿרעמדע... איך געדענק, איך האָב געלייענט ביי ליסאַגאַרן: איין ווערסאַלער אָפֿיציר האָט, בשעת מען האָט דערשאָסן די קאָמאַנדירן, אויסגעשריען: „מ'דאַרף האָבן זייער פֿעסטע פּאָליטישע איבערצייגונגען, כּדי צו קאָנען אַריבערטראָגן אָט דאָס, וואָס מיר טוען!" נאָר־אָט, וואָס עס פֿאַרדריסט, און ס'ווילט זיך ווייגען איבער דעם... בשעת מען וועט אייך אַראָפּוואַרפֿן, בשעת איר וועט אַפֿילו אַליין פֿאַרפֿוילט ווערן אויף דעם אָרט אַ דאַנק אייער טאַ־לענטלאָזיקייט און אומזיניקער אַכזריות, — אַפֿילו דאַן וועט אייך די געשיכטע אַרומרינגלען מיט שיין, און איר וועט, ווי אַ העלער שטערן לויכטן איבער דער גאַנצער וועלט, און מ'וועט אייך אַלץ מוחל זיין! וואָס איר ווילט טוט, ווערט באַוואַקסן, ס'זאָל אַפֿילו קיין צורת מענטש אין אייך ניט בלייבן, — אַלץ וועט מען אייך מוחל זיין! און מ'וועט אַפֿילו גאָרניט וועלן גלייבן... וואו־זשע, וואו־זשע איז די גערעכטיקייט!

לעאָניד האָט שטיל געלאַכט. זיי האָבן זיך שווייגנדיק גע־לאָזט אַראָפּגיין פֿון דעם באַרג.

* * *

דאָס קנױטל אין דער גלאָז מיט בײמל האָט שװאַך באַלױכטן די ליבע, באַקאַנטע, פֿאַררױכערטע קיך. קאַטיע איז מיט נאַקעטע הענט און אַקמל געזעסן אױף אַ טאַבורעטקע און מיט אױפֿלעבונג דערצײלט װעגן דעם פֿאַל מיט דעם מאַכנאָװעץ, און איװאַן אילאיטש האָט איר געבאַנדאַזשירט די דורכגעשאָסענע האַנט, אַננאַ איװאַנאָװנאַ האָט געגאַפֿט און מיט ליבשאַפֿט געקוקט אױף קאַטיען דורך אירע קילעכדיקע ברילן,—און איװאַן אילאיטשעס אױגן האָט זיך געזען קעלט און אָפּגעפֿרעמדקײט.

קאַטיע האָט זיך אָנגעטאָן.

— יאָ, װאָס נאָך, װעראַ איז געקומען פֿון רוסלאַנד און אַרבעט בײ אונז אין שטאָט.

אַננאַ איװאַנאָװנאַ האָט דערפֿרײט אַ פּלעסק געטאָן מיט די הענט.

— װאָס רעדסטו ?

איװאַן אילאיטש איז געװאָרן פֿינסטער, און זײנע אױגן האָט אַ פֿינקל געטאָן דאָס געװײנלעכע אומברחמנותדיקע פֿײערל. ער איז זיך דורכגעגאַנגען איבער דעם קיכל, און מיט אַן אײנגעהאַלטן, בײזן געלעכטערל געפֿרעגט :

— װאָס=זשע, זי דינט אין טשעקאַ ?

— אַך, לאָז צו רו, פּאַפּאַ ! — האָט זיך קאַטיע אױפֿגערײצט אָפּגערופֿן.

ער איז שװײגנדיק אַרומגעגאַנגען איבער דער קיך. אַננאַ איװאַנאָװנאַ האָט זיך זשעדנע נאָכגעפֿרעגט װעגן װערען.

איװאַן אילאיטש האָט געזאָגט :

— בשעת זי איז געװען אַלערין אין דאָנעצער באַסײן, האָט זי בפֿני קהל ועדה ניט געגעבן די האַנט אַ דאָקטאָר, װאָס איז בײגעװען בשעת מען האָט אױסגעפֿירט אַ טױט=שטראָף ; מען האָט איר דערפֿאַר אָפּגעזאָגט פֿון דער שטעלע און אַרױסגעשיקט פֿון דאָנעצער באַסײן. װאָס=זשע, איצט גיט זי אױך ניט די האַנט די לײט, װאָס האָבן אַ שײכות צו די אַלע עקזעקוציעס ?

– נו, פּאַפּאַ, איך וויל מיט דיר וועגן דעם ניט ריידן... זען זיך מיט איר, ווילסטו אַוודאי ניט?

– דעם אמת געזאָגט: וואָלט איך ניט געוואָלט!

– נו, מאַמאַ, מיר וועלן מיט דיר מאָנטאָג פֿאָרן אין שטאָט אַריין, וועסטו זיך מיט איר דאָרט זען.

זיי האָבן זיך געזעצט עסן. איוואַן איליאיטש האָט זיך אָנגעברוגזט, געגעסן און אַוואָרט ניט גערעדט.

קאַטיע האָט מיט פֿאַרוואונדערונג געפֿרעגט:

– און איר וואוינט נאָך אַלץ אין קיך און אין דעם קליינעם צימערל? פֿאַרוואָס קלייבט איר זיך ניט איבער אין דער זמערדיקער העלפֿט?

אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט פֿאַרמאַטערט אָפּגעזיפֿצט.

– דאָרטן וואוינען סאָלדאַטן פֿון דער גרענעץ-וואַך. זיי קוקן פֿון דאַך-שטיבל דורך אַ שפּאַקטיוו אויף דעם ים. איך האָב אַזויפֿיל צרות פֿון זיי! זיי גנבֿענען הינער, זיי צעהאַקן די שטאַכעטן פֿון דער טעראַסע, האַקן אוים די סלופּעס פֿון דער דראָט-פֿאַרצאַמונג. וואָס וואָלט זיי געאַרט אַרויפֿגיין אויפֿן באַרג און אָנקלייבן צווייגן? זיי טוען דאָך אַ גאַנצן מעת-לעת גאָרנישט. אָט איוואַן איליאיטש קאָן גיין. איז ניין, זיי פֿוילן זיך. נעכטן האָבן זיי פֿאַרבּרענט צוויי טאַבורעטקעס.

קאַטיע איז געוואָרן אַן אויפֿגעקאָכטע.

– דאַרף מען דאָס דעם עלטסטן דערציילן!

– ער זאָגט: כאַפּט זיי בײַ דער האַנט און ברענגט זיי מיר, איך וועל זיי דערשיסן. – און ער קאָן זיי טאַקע דערשיסן. פֿאַר אַ טאַבורעטקע!

דאָס עסן איז געווען אַ געמיינס. זייער אַ געמיינס, – מאַיס-קאַשע אָן פֿעטס. קיין ברויט איז ניט געווען.

אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט דערציילט אָרטיקע נייס.

– דער רעווקאָם איז באַשטאַנען פֿון אַפֿאַנאַסי כאַנאָוו און נאָך דריי פֿויערים באַלגאַרן. אַגאַפּאָוו-שטעל זיך פֿאָר, אַגאַפּאָוו אַליין! – האָט אָנגעהויבן האָבן תּרעומות, אַז דאָס איז ניט קיין ריכטיקער רעווקאָם, אַז אין אים איז ניט פֿאַרטראָטן די אָרטיקע

אָרעמע־לייט. איז געקומען פֿון שטאָט אַן אויסעראָרנטלעכע קאָ־
מיסיע און האָט אַראָפּגעזעצט דעם רעווקאָם. כאַנאָוון, אַלס קאָמוניסט,
האָט מען געלאָזן, נאָר מען האָט אים אָנגעזייפֿט אַ מאָרדע דערפֿאַר,
וואָס ער איז אַ ווייכהערציקער. מען האָט באַשטימט אין דעם רעוו־
קאָם גרעבענקינען און טימאָפֿיי גלוכאַרן. איצט איז דאָרט דער
הויפּט־מאַכער — גרעבענקין. ער אַרבעט און טוט אָן מעשים. אין
די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט געטאָן, איז דאָס, וואָס ער האָט
רעקווירירט אַגאַפּאָוס דאַטשע פֿאַר דעם רעווקאָם, און די אַגאַפּאָווס
האָט ער משלח געווען. אָט האָסטו דיר, וואָס דער אַגאַפּאָוו האָט
זיך אָנגעמאַכט! גרעבענקין האָט ביי יאַנאָוויטשן אויף דער דאַטשע,
וואו ער איז פֿריער געווען אַ שומר, פֿאַרנומען די בעסטע דריי צימערן,
צוגענומען אַלע קליידער און זאַכן, וואָס זיינען געווען באַהאַלטן
אין די קאַסטנס. ביי די פֿאַרמעגלעכע פּויערים אַלכאַנטאָוו און
כטאַמאָוו האָט ער צוגענומען די קי, די פֿערד און זיי צעגעבן
די אָרעמע פּויערים. ער גיט די פּויערים אָרדערס אויף מעבל,
געפֿעס און וועש, וואָס זיי דאַרפֿן נעמען ביי די דאַטשניקעס.

איוואַן איליאיטשן האָבן זיי איפּן גרונט פֿון אַרבעטס־פֿאַר־
פֿליכטונג געניט, אַז ער זאָל הײלן אומזיסט די גאַנצע אָרטיקע
באַפֿעלקערונג. פֿאַר דערפֿאַר גיט מען אים יעדע וואָך אַרויס פֿון
רעווקאָם צוויי פֿונט מעל.

— און די פּויערים זיינען געוואָרן אַזעלכע פֿאָדערנדיקע, בלאָזנ־
דיקע! שלעפּן, צוליב עפּעס אַ נאַרישקייט, און ער מוז נאָך תיכף
ומיד גיין! ס'רייסט אים אויף אַ פֿינגער, — און איוואַן איליאיטש,
אַ זקן, דאַרף זיך שלעפּן צו אים, — אַליין וועט ער בשום אופֿן
ניט קומען. זאַטע, אָנגעפּרעסענע, — און ס'פֿאַלט זיי גאָרניט איין
צו פֿרעגן: פֿון וואָס־זשע לעבן מיר? און אַליין פֿרעסן זיי — שפּעק,
קאַטיק, געבראָטנס, פֿעטע שעפּסן־פֿלייש.

איוואַן איליאיטש האָט געזאָגט:

— נו, מ'קאָן ניט זאָגן... אָט האָט נעכטן צירולעווא געגעבן
אַ פֿלעשל מילך.

— דוכט זיך, דער ערשטער פֿאַל. יאָ! איינמאָל האָט מען
אונז נאָך איין פֿונט ברינזע געגעבן... די טעג איז צו אונז אַריינ־

געפֿאַלן טימאָפֿיי גלוכאַר, טויט שיכור, און גוואַלדעוועט: „עקספּלואַטאַטאָרן! איך וועל איך ווייזן! זאָל זיך נאָר עמיצער פֿון די פּויערים באַקלאָגן אויף דיר — וועל איך דיך פֿאַרשפּאַרן אין קעלער אויף צוויי וואָכן!“ און פּלוצים האָט ער אָנגעהויבן צו פֿאָדערן, אַז איוואַן אילאיטש זאָל זיך פֿאַרשרייבן פֿאַר אַ קאָמוניסט. — „פֿאַרוואָס, — זאָגט ער, — ווילט איר ניט? הייסט עס, אַז איר פֿילט מיט די ווייסגוואַרדעער?...“ און אַליין גייט ער אָנגעטאָן אין אַ נייאינקן פּידזשאַק און הויזן, — ער האָט דאָס רעקוויזירט ביי גאָליצקין, — געדענקסט, ביים שאָסע אַ דאַטשע? אַן אַקציז־קאָנטראָלאָר פֿון קורסק.

ס'איז אַריינגעקומען דער אינזשענער זאַבראָדאַ, דער בוכהאַלטער פֿון דעם דאָרף־קאָאָפּעראַטיוו, — אַ לאַנגער מיט אַ גרויסן קאָפּ אויף דעם שווינדזיכטיקן האַלדז. ער האָט דערזען קאַטיען, און האָט זיך אָנגעבלאָזן. קווענקלענדיק זיך, האָט ער איר ניט גערן דערלאַנגט די האַנט און זיך באַלד אָפּגעקערט: ער האָט איר ניט געקאָנט מוחל זיין דאָס, וואָס זי איז אַוועק אַרבעטן צו די באָלשעוויקעס.

ער האָט לאַנגזאַם גערויכערט אַ דיקן צונויפֿגעדרייטן פּאַפּיראָס פֿון געמיינעם טיטון און מיט זיין הייזעריקלעכן קול דערציילט: דער קאָאָפּעראַטיוו איז פֿאַרמאַכט, די גאַנצע סחורה האָט מען גענומען אויף דער קאָנטראָלע און ליגט שוין אַ גאַנצן חודש אָן יעדע באַוועגונג. דאָס דאָרף איז געבליבן אָן מאַנופֿאַקטור, אָן שוכוואַרג, אָן נאַפֿט און שוועבעלעך. און קיין שום פֿאָדערונג העלפֿט ניט. איין ענטפֿער: וואַרטן אויף אַ פֿאַראָרדענונג! זיי איז גוט, זיי האָבן אַלצדינג. האָבן זיי ניט וואָס זיך צו איילן!

זיינע וואַסערדיקע בלאַס־בלויע אויגן האָבן זיך געלויכטן מיט אַ בייזן האַס.

— איך קאָן בשום אופֿן ניט פֿאַרשטיין — וואָס דאָס איז אַזוינס? זיכערקייט אין דעם אומענדלעכן געדולד פֿון דעם רוסישן פֿאָלק, אָדער דער אויסדרוק פֿון פֿולן יאוש צוליב דעם באַוואוסטזיין פֿון אייגענעם באַנקראָט?

קאַטיע האָט געענטפֿערט:

— איך ווייס ניט. עפּעס אַ פֿאַרהוילנס, אַזאַ, וואָס איך קאָן ניט באַנעמען, — ס'איז אָבער אַזוינס, וואָס גיט זיי קראַפֿט. אַ שרעק־

לעבע, אומבאַזיגבאַרע קראַפֿט. און אַחוץ זיי — איז אָדער די מאַכ־נאָווישטשינע, וואָס איז טויזנט מאָל שרעקלעכער פֿון זיי, אָדער די דעניקינשטשינע, דאָס צוריקקערן זיך צום אַלטן.

— און איצט האָבן מיר זיך דען ניט צוריקגעקערט צום אַלטן? אַלץ איז שוין אַזוי ווי פֿריער, נאָר אין אַ מער רוסישער פֿאָרם. פֿאַר דעם פֿאָלק איז דאָס ניט קיין אונטערשייד, צי דאָס באַצווינגט אים אַ סטאַנאָוואָי און אַ אוריאַדניק, אָדער קאָמיסאַרן מיט גרעבענקינען... דיזעלבע קנעכטשאַפֿט, דיזעלבע טעמפּע רע־אַקציע.

— ניין! פֿונדעסטוועגן האָבן מיר דאָ פֿאַר זיך אַ רעוואָלוציע, אַן אמתע רעוואָלוציע. און ניט קיין רעאַקציע.

זאַבראָדאַ האָט זי מיט ביטול באַטראַכט.

— טויט־שטראָפֿן, דאָס אויסראָטן יעדע איניציאַטיוו און זעלבסט־שטענדיקייט, דאָס פֿאַרשטיקן די פּרעסע... אָט דאָס הייסט אַ רעוואָלוציע!

און האָט זיך אָפּגעקערט.

* * *

די לופֿט לאָכט מיט אַ הייסער, ליכטיקער שיין, דער טונקל־בלויער ים אָטעמט מיט געזאַלצענער רחבֿות, פֿון די ווייסע אַקאַציעס גיסט זיך אַ רופֿנדיקער אַראָמאַט.

אַ דאַטשע אויף דעם שאָסע. אַ מאַן מיט אַ פֿרוי. און אַזוי ווי פֿריער, זיינען זיי איצט אויך פֿאַרשמייעט, די אויגן זיינען ווילד, פֿול מיט פֿאַרצווייפֿלונג. און פּונקט אַזוי ווי פֿריער האָבן זיי אַן אַ טאָלק שווער געאַרבעט און זייער באַלעבאַטישקייט פֿון קאַיאָר ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. מען האָט ביי זיי צוגענומען די בעסערע קליידער, אַרויפֿגעלייגט אויף זיי אַ קאָנטריבוציע פֿון פֿינף טויזנט רובל. זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן און האָבן געמוזט פֿאַרקויפֿן די קו. און הגם זיי האָבן שוין ניט געהאַט קיין קו, האָט מען דאָך פֿון זיי געפֿאָדערט זיבן פּונט פּוטער שטייער.

ער, מיט איינגעפֿאַלענע אומבאַוועגלעכע אויגן, בײַ איר — אָנשטאָט די גאָלדענע קרוין האָר, — גלאַטע הינטישע האָר, און האַסנדיקע, פֿאַרצאָרנטע איינס אויף דאָס אַנדערע פּנימער.

— יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ! גיט איר, איך בעט אײַך, צו פֿאַרשטיין: מ׳קאָן דאָך געבן די הינדעלעך הירזש־קאַשע, ניט גע־קאָכטערהייט?

— איך מיין, אַז מ׳מעג. איך פֿלעג זיי געבן פּשוטע גרויפּן.

— אָט זעסטו. מיר קומען אַזוי אײַך אום פֿון דער אַרבעט און זי האַלט אין איין טענהן: ניין, דאָס איז זייער שעדלעך, מ׳דאַרף זיי געבן ״געקאָכטע קאַשע!

* * *

קאַטיע איז אַוועק אין דאָרף אַרײַן אָפּזוכן קאַפּראַלאָוון, און אין איינוועגס שוין עפּעס אײַנקויפֿן פֿאַר איריקע. ס׳האָט זי גע־חידושט: אומעטום, אין די פֿריִערשע הויפֿן האָבן געברענט פֿייערן און ס׳איז געגאַנגען אַ רויך. פֿון אומעטום האָט זיך געהערט אַ קוויטשערײַ פֿון חזירים, ס׳האָבן זיך געזען צעשניטענע שטיקער. זי האָט באַגעגנט אוליאַשען. וואונדערלעכע, העלע אויגן און אַ פֿאַרשעמט שמייכעלע אויף די רויבערשע ליפּן.

קאַטיע האָט געפֿרעגט:

— וואָס, ס׳איז עפּעס אַן ערבֿ חגא, וואָס? פֿאַרוואָס קוילעט מען דאָס אומעטום חזירים?

— ניין, ס׳איז ניט צוליב חגא. נאָר... מ׳זאָגט, אַז מ׳וועט נאָר מעגן האַלטן איין חזיר אין אַ הויף, די איבעריקע וועט מען צונעמען.

— איז קוילעט איר אויס אַלע חזירים?

— נו, יאָ.

— און אויף זומער? ווער קוילעט דאָס חזירים אויפֿן זומער? — קאַטיע האָט זיך צעלאַכט. — נו, וואָס, אוליאַשאַ, ס׳געפֿעלן אײַך די באָלשעוויקעס?

אוליאַשע האָט פאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן און געקוקט אָן אַ זייט.

— ניין. וואָס ווילן זיי ? ווער קאָן דאָס אַרבעטן, אַז זיי נעמען אַלץ צו. פרייזן באַשטימען זיי טאַקע נאָר צום לאַכן, „לויט די פעכטע פרייזן", און די גאַנצע תבואה נעמען זיי צו. דעם ווייץ האָבן זיי צוגענומען. איצט ווייסן מיר שוין ניט, צי זאָלן מיר באַאַרבעטן די ווייגגערטענער, צי לאָזן זיי אַזוי. די פערד זיינען אַלע פאַרנומען מיט פאַרשיידענע שליחותן, און דאָ דאַרף מען פירן דאָס היי און ס'איז ניטאָ מיט וואָס.

— דערפאַר איז איצט די ערד אייערע. און ביי די דאַטשניקעס נעמט מען אַלץ צו פון אייערטוועגן.

— ווער דאַרף דאָס די זאַכן. זאַכן — קאָן מען קויפן. און פאַר דער ערד האָבן מיר ברעוערנערן זייער ווייניק געצאָלט. און אין שטאָט האָבן מיר אויך זייער גוט געלייזט, און איצט לאָזט מען גאָרנישט פאַרקויפן... מיר קוקן אַרויס, מ'זאָל זיי שוין אַרויסטרייבן און וואָס גיכער טאַקע.

קאַטיע האָט זיך צעלאַכט.

* * *

— ניין, צו פאַרקויפן האָבן מיר גאָרנישט ניט.

— נו, אפשר, ברינגע, מעל ? נו, כאָטש שפּעק, — אָט קוילעט איר דאָך חזירים ?

— און אויף וואָס דאַרפן מיר דאָס געלט ? מ'קאָן דאָך פאַר דעם גאָרניט קויפן. און מיר דאַרפן דאָס ניט. מיר האָבן איצט אַלצדינג. פריער איז דאָס געווען : איר האָט געגעסן, און מיר האָבן געקוקט. איצט וועלן מיר עסן, און איר — קוקט. כע־כע !

* * *

„— אָט אַזוי — גייט דער שאָסע, און אָט דאָ, אויפן בערגל שטייט אַ כאַטע, אָפּגעזונדערט פון דעם כוטאָרל. און די אַלע מענטשן,

וואָס האָבן אין דער כאַטע געוואוינט, זיינען פון טיפּוס אויסגעשטאָרבן. איך ווייס ניט, צי מען האָט דאָרטן געמאַכט אַ דעזינפעקציע, צי ניט. די שטוב האָט מען פאַרשלאָסן, פאַרחתמעט. גייט ביינאַכט פאַרביי אַ גייער און זעט — אַ פייערל. גייט ער צו צו דער כאַטע. אין פענסטער ברענט אַ לאָמפּ. קלאַפּט ער אָן, מען ענטפערט ניט, אויף דער טיר הענגט אַ שלאָס, אַ חתימה. וואונדערט ער זיך. כ'איז זומערצייט, נעכטיקט ער אין דרויסן. אין דער פרי גייט ער אַריין אין כוטאָר. מען האָט אים דאָרטן מכבד געווען, און אפשר, היינטיקע צייטן, האָט ער פאַר געלט געקויפט, — דאָס קאָן איך שוין ניט זאָגן. אָפּגעגעסן. פרעגט ער:

„— ווער וואוינט דאָס דאָרט אויף דעם בערגל?

„— קיינער ניט, אַ ליידיקע שטוב.

„— וואָס הייסט אַ ליידיקע? ס'האָט דאָרט געברענט אַ לאָמפּ.

„הייבן זיך אָן די פּויערים דערמאָנען, — אמת, אַלע נאַכט לייכט זיך דאָרט. איז גראָד דאָרטן געווען איינער אַ קאָמאַניסט. האָט ער גענומען אַ ביקס, אַ נאַגאַן, אַריינגעקראָכן דורך דעם פענסטער און זיך באַהאַלטן אין אויוון. מען האָט געמיינט, — אפשר זאַמלען זיך דאָ צונויף די גרינע ביינאַכט?

„און ווי נאָר ס'האָט געשלאָגן האַלבע נאַכט, פלוצים צינדט זיך דער לאָמפּ אויף דעם טיש אַליין אָן. זיצן זיך צוויי אַלטיטשקע און שמועסן: איינער, — אַ לאַנגע באָרד, ווי עס באַדאַרף צו זיין: ווי ביי גאָט יצבאות; ביי דעם אַנדערן — אַ געקרייזלטע. זיצן זיי זיך און שמועסן, — בכלל, הייסט דאָס, שמועסן זיי פון דער וועלט און פון יענער־וועלט. זאָגט איינער:

„— ניין, ניקאָלאַ, איך האָב שוין מער קיין געדולד ניט. איך וועל אַלעמען פאַרטיליקן.

„און דער אַנדערער ענטפערט אים:

„— וואַרט, האָב נאָך אַ ביסעלע געדולד. אפשר וועט זיך דאָס ענדערן, די מענטשן וועלן זיך באַטראַכטן, ווערן בעסער. ס'וועט ווידער ווערן שלום ושלווה.

„נו, און ביי דעם זיינען זיי געבליבן. רופט זיך אָן דער ערשטער, ניט אויסרייענדיק דעם קאָפּ:

„— מיכאַעל, קריך אַרױס!“

„און דעם קאָמאַנדיר האָט מען גערופן מיכאַעל. האָט ער זיך צוגעטוליעט צו דעם איװון און קלערט, — ניט אים מײנט מען דאָס. און דער אַלטיטשקער זאָגט נאָך אַמאָל:

„— קריך אַרױס, מיכאַעל, מיר װײסן דאָך, אַז דו ליגסט אין איװון. קאָן ער שױן גאָרניט מאַכן און קריכט אַרױס.

„— אָט, דו װעסט דאָ בלײבן שטײן, ביז די װעלט װעט זיך ניט איבעראַנדערשן.

„און ער איז אײנגעװאָקסן אין דער ערד, ביז דעם גאַרטל.

„אינדערפרי זײנען געקומען די איבעריקע קאָמאַנדירן, הײבן זײ אים אָן אױסגראָבן. נעמט די לאָפּעטע ניט, אָט אַזױ שטײט ער עד־היום אינמיטן שטוב, ביזן גאַרטל אין דער ערד. ס'איז שױן געקומען אַ קאָמיסיע פון סימפעראָפּאָל, מען האָט זיך װידער גענומען אים אױסגראָבן, מען האָט געמײנט, אַז דאָס איז אַ װײס־גװאַרדעאישע פּראָפּאַגאַנדע. ס'הײבט זיך ניט אָן. מען האָט אַלץ פאַרשריבן װי עס איז געװען. לעניגען האָט מען געשיקט אַ טע־לעגראַמע“.

* * *

איבער אַװראַמידיס געװעזענער קאַפע האָט איך דער העלער זון געפלאַטערט אַ נײע רױטע פאָן און ס'איז געהאַנגען אַ גרױל שילדל: „אַרבעטער און פױערים־קלוב“. דורך דעם אָפענעם פענסטער האָט זיך געהערט דאָס הױכע קול פון אַן אָראַטאָר.

קאַטיע איז אַרײנגעגאַנגען. הינטער דעם טיש, מיט דעם פאַר־גרינטן סאַמאָװאַר איז טרױעריק געשטאַנען דער געװעזענער באַ־לעבאָס פון דער קאַפע, דער דיקער גריך אַװראַמידי. ס'זײנען דאָרט געװען אַ סך באַלגאַרן. זײ זײנען געזעסן איך די בענק בײ די װענט און אַרום די טישלעך, און שװײגנדיק געהערט. בײ אַ טישל איז געשטאַנען אַ מענטש מיט קרומע פיס אין אַ כאַקי־טוזשורקע און האָט געהאַלטן אַ רעדע. די אױגן זײנען בײ אים געװען בולטע, די צײן קרומע און טונקעלע. אַ קינד פון די פינסטערע קעלערשטובן,

וואָס האָט אין זײַן קינדהײט ניט געוווּסט ניט פֿון קײן זון, ניט פֿון קײן פֿרישער לופֿט.

— חבֿרים! איר דאַרפֿט פֿאַרשטײן, אַז איצט איז בײַ אונדז כּאָציאַליזם, אַלע דאַרפֿן העלפֿן אײנער דעם אַנדערן. אָט זאָגט איר: ניטאָ קײן מאַנופֿאַקטור, ניטאָ קײן סטרומענטן. ווי אַזוי-זשע קאָן דאָס דער אַרבעטער אַרבעטן, ווי אַזוי קען ער פֿון אײערטוועגן פֿאַרגרײטן סחורות, אַז ער האָט קײן ברויט ניט? איר דאַרפֿט זײ צושטעלן ברויט, כּדי אויף אַזאַ אופֿן אײַנשטעלן די ברידערשאַפֿט פֿון די אַרבעטנדיקע. איר — זײ, זײ — אײַך. מען האָט פֿון אײערטוועגן צוגענומען די ערד, מיר האָבן פֿאַרטריבן די פּריצים און אײַך אָפּגעגעבן...

ער האָט גערעדט אויף אַ הויך קול, פֿון אַ גענײטן רעדנער, די גאַנצע צײַט אַרומגעשפּאַנט אַהין און צוריק און געפּאַטשט מיט דעם קולעק, ווי ער וואָלט אַרײַנגעשלאָגן טשוועקעס.

— חבֿרים! מיר האָבן איצט פֿאַרשײדענע אָפּטײלן: אַן אָפּטײל פֿאַר פֿאָלקס-ווירטשאַפֿט, אַן אָפּטײל פֿאַר סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג, — פּשוט געזאָגט: סאָצפֿאַרזאָרג, — אַן אָפּטײל פֿאַר פֿאָלקס-בילדונג. איז שוין-זשע איז דאָס ניט קלאָר. אַלץ איז אײַנגעאָרדנט, ווי אויף סאָציאַליסטישע יסודות, פֿאַר די אַרבעטנדיקע. פֿריער, אין די צײַטן פֿון צאַר ניקאָלאַי, האָבן אײַך די פּאָפּעס געלערנט: אַ און ב, און ווי אַזוי אָט די אותיות צו באַהאַלטן און צונויפֿלײגן האָבן זײ אײַך ניט געלערנט. זײ האָבן געלערנט, ווי אַזוי מ'דאַרף אויף דעם טרעלבויך דעם עפּיטראַכיל לאָזן, ווי אַזוי אָנטאָן די מאַנזשעטן אויף די אַרבל, אָבער דעם אמתן זין האָט מען ניט געלערנט. און איצט גיט מען אײַך שוין די אמתע בילדונג, אַ כּאָציאַליסטישע. דאָס אַלץ דאַרף מען האָבן אין זינען. און מ'דאַרף אַרבעטן אַלע אינאײנעם, אַלע, ווי אײן מענטש. חבֿרים! די סאָציאַלפֿאַררעטער, די מענשעוויקעס און עסערן, וואָס זײַנען אונטערגעקויפֿט דורך דער בורזשואַזיע, לערנען אײַך, איר זאָלט ניט געבן קײן ברויט דער ראַטן-רעפּובליק, פֿאַרבאַהאַלטן דאָס אין די גריבער, כּדי מיט הונגער אויסמאַטערן די ראַטן-מאַכט און אַלץ אומקערן צו דעם אַלטן. ס'איז אָבער אַרויסגעוואָרפֿן! אויב ס'געפֿינען זיך

צווישן אייך אַזעלכע בעלי־גופֿישע עלעמענטן, וואָס שטייען פֿאַר דער קאָנטער־רעוואָלוציע, וועט די אייזערנע האַנט פֿון דעם פּראָ־לעטאַריאַט זיי צווינגען צו ענדערן זייער באַציאונג. מיר זיינען מענטשן פֿאַרטיקע, אונזערע אויגן זיינען שאַרפֿע. אין וועלכע לעכער איר זאָלט ניט באַהאַלטן אייערע תּבֿואה, וועלן מיר זיי אומעטום געפֿינען. און דעמאָלט וועט אַזאַ בעל־גוף זיין זייער שלעכט!

די באָלגאַרן האָבן געהערט מיט פֿאַרגלווערטע פּנימער, זיי לאַנגזאַם געפּינטלט מיט די אויגן און געשוויגן.

* * *

דער רעוווקאָם האָט זיך געפֿונען אין אַגאַפּאָווס דאַטשע. אויף דעם בעלוועדער האָט געפֿלאַטערט אַ גרויסע רויטע פֿאָן. פּויערישע פֿורן זיינען געשטאַנען אין סאָד. די פֿערד, וואָס זיינען געווען צוגעבונדן צו די ביימער, האָבן געגריזשעט די קאָרע און גע־צופּט די קוסטעס. די קלומבעס פֿון דעם בלומען־גאָרטן זיינען געווען צעטאָפּטשעט. אין זאַל, אויף דעם פֿאַרשפּיגענעם פּאַרקעט האָבן זיך געשטופּט פּויערים און רויטע־אַרמייער. דער ראָיאַל איז ניט געווען, — מען האָט אים אַריבערגעפֿירט אין קלוב אַריין. אַגאַפּאָוו מיט דער פֿאַמיליע האָט געוואוינט ביי בובליקאָוו אין האָטעל.

אין אַסיעס געוועזענעם שלאָפֿצימער איז ביי אַ שרייב־טיש געזעסן אַפֿאַנאַסי כאַנאָוו. ער האָט זיך פֿריידעוודיק באַגריסט מיט קאַטיען.

— איר זייט געקומען געוואוירע ווערן? נו, ווי גייט די אַרבעט ביי איך אין שטאָט?

קאַטיע האָט געפֿרעגט, צי עס וועט היינט אָדער מאָרגן זיין אַ פֿור אין שטאָט אַריין, זי זאָל מיט איר קאָנען פֿאָרן מיט דער מוטער.

— איך פֿאָר אַליין מאָרגן גאַנץ פֿרי, און מיט מיר פֿאָרט נאָך איין חבֿר. קומט מאָרגן אין רעוווקאָם אַריין וועל איך אייך מיט־נעמען.

אַלע מינוט האָט מען אים אָפּגעריסן. ס'זיינען אַריינגעקומען צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן, אים דערלאַנגט אַ צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר.

– ווײַן? איך קאָן ניט, חבֿרים. איך גיב נאָר אויף אַ צעטל פֿון קאָמענדאַנט.

– וואָס דאַרפֿן מיר דעם קאָמענדאַנט! מיר האָבן נאָר אונזער קאָמאַנדיר פֿון פּאָלק. אָט האָט איר זיין צעטל.

– וואָס פֿאַר אַ צעטל? אַפֿילו אָן אַ שטעמפּל... פֿאַרשטייט, חבֿרים, ס'איז דאָך דאָס אייגנטום פֿון פֿאָלק, דער ווײַן איז ביי אונז אויף דער קאָנטראָלע, איך קאָן אים ניט צעטיילן גלאַט אין דער וועלט אַריין.

– מיר ווילן דען אַ סך? בסך=הכּל צוויי עמער גיט אונז, און פֿאַרטיק!

– איך קאָן ניט, איר פֿאַרשטייט?

אַ סאָלדאַט אין אַן אַרטילעריש היטל האָט געזאָגט:

– מיר זיינען סך=הכּל זאַלבענאַנד, דערפֿאַר ריידן מיר. אָט, אַז מיר וועלן קומען זאַלבעצענט, וועט זיין גאָר אַנדערע דיבורים.

זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען און דראָענדיק געוואָרטשעט. כאַנאָוו האָט פֿאַרמאַטערט געריבן דעם שטערן מיט דער האַנט.

– איר פֿאַרשטייט, אַלע טאָג דאָס אייגענע. דאָנערשטאָג זיינען זיי צוגעגאַנגען צום סקלאַד, דורכגעטריבן אונזערע מיליציאָנערן, אויסגעהאַקט די טיר און צוגענומען אַ פֿעסל ווײַן. אָט וואָס פֿאַר אַ ברואים דאָס זיינען!

ס'איז אַריינגעקומען דער סטאָלער קאַפּראַלאָוו. קאַטיע האָט זיך דערפֿרייט.

– און איך זוך אייך טאַקע.

קאַפּראַלאָוו איז ניט געווען שיכּור, זיין קלוג געזיכט איז געווען ערנסט, אָן דעם שיכּורלעך=הומאָריסטישן פֿייערל.

– דער אָפּטייל האָט מיך געשיקט, איך זאָל אַ קוק טאָן, ווי עס גייט דאָ די אַרבעט ביי אייך.

– זייער גוט, וואָס איר זייט געקומען. מיר דאַרפֿן טאַקע וועגן אַ סך ריידן.

ס'איז אַרײַנגעקומען גרעבענקין און זיך געזעצט בײַם טיש. קאַפּראַלאָוו האָט אים געזאָגט:

— סאַשקאַ, מ'דאַרף אײַנלאַדן אויף מאָרגן צװײ פּרײַלינס, זײ זאָלן איבערשרײַבן די אַנאַלפאַבעטן.

גרעבענקין האָט אַ שמײכל געטאָן.

— „אײַנ־לאַ־דן?“ זע, װי דעליקאַט! מיר װעלן מאָביליזירן. אָט גײען אַגאַפּאָװס פּרײַלינס אַרום אָן אַ שטאָך אַרבעט. מיר װעלן זײ שיקן.

קאַטיע האָט זיך פאַרװאונדערט.

— צו װאָס דאַרף מען דאָס טאָן איבערגעװאַלט? ס'װעלן זיך געװיס געפינען אַ סך, װאָס װעלן דאָס טאָן מיט דעם גוטן װילן. אַלע זײַנען דאָך הונגעריק.

— זײ נאָך פרעגן, — „צי װילט איר?“ האָ־האָ!

— צװײ װעט זײַן װײניק, — האָט קאַפּראַלאָוו באַמערקט, — מ'דאַרף נאָך אָנמערקן אײנע אין רעזערװ, — אפשר איז אײנע פון זײ קראַנק.

— קר־אַ־נק? — גרעבענקין האָט בײז אָנגעכמורעט די ברעמען. — זאָג דאָס מיר. אין אײן אויגנבליק װעלן מיר זײ געזונט מאַכן.

קאַפּראַלאָוו האָט מיט באַגײסטערונג און אויפרעגונג דערצײלט קאַטיען, אַז הײַנט װעט אין זאַל פון בובליקאָװס האָטעל פאָרקומען דער ערשטער קאָנצערט־מיטינג, װאָס ער אָרגאַניזירט. עמיצער פון די דאַטשניקעס װעט דעקלאַמירן, פירשטין אַנדראָזשסקאַיאַ װעט זינגען אין אַגאַפּאָװס פּרײַלינס אויך. ער האָט געבעטן גוריענקאָ־דאָמאַשעװסקאַן, זי האָט אויך צוגעזאָגט.

— לאָז שוין זײַן גענוג! אָט אַ מענטש! — איז גרעבענקין געװאָרן אויפגעבראַכט. — „געבעטן“, „צוגעזאָגט“... זי מוז גײן, און טענות! שוין ניט יענע צײַטן!

קאַטיע איז געװאָרן אַן אויפגעקאָכטע.

— ס'אַר אַ גראָבקײט! צו װאָס דאַרפט איר, גרעבענקין, אָט דאָס איזדיעקעװען זיך איבער מענטשן? איר װילט דורכאויס באַװײַזן אײַער מאַכט! אַזױ װי אין יענע צײַטן די אוריאַדניקעס. ס'אַר

אַ חרפה! גוריענקאָ־דאָמאַשעווסקאַיאַ איז באַרימט אין גאַנץ רוס־לאַנד.

אין גרעבענקינס שטעכיקע אויגן, וואָס האָבן געקוקט פון אונטער דעם שטערן אַפּיר, האָט אַ פינקל געטאָן אַ ווייך, עפּ־וואָס פאַרשעמט שמייכעלע. כאַנאָוו האָט פיל געזאָגט:

— ס'איז שקאָצעריי. וואָס הערט איר אים.

— ס'איז גאַרניט קיין שקאָצעריי. „אין גאַנץ רוסלאַנד"... וויפל יאָרן וואוינען זיי שוין דאָ, און האָבן זיי כאָטש איינמאָל געשפּילט פאַר די פויערים? וואָלט מען זיי באַצאָלט צו פינף רובל פון אַ קאָפּ, דעמאָלט, ביטע! אָט וואָס פאַר אַ דאַטשע זי האָט זיך אויס־געבויט... איצט וועלן מיר אַלע צווינגען צו אַרבעטן פאַר דעם פאָלק, פאַר דעם פּשוטן פאָלק!

און ס'האָט זיך געפילט ווי ער ווערט פון די אייגענע ווער־טער אָנגעצונדן מיט האַס.

שטילערהייט איז אַריינגעקומען אַגאַפאָוו, — ער איז שטאַרק אַראָפּ פון דעם פּנים, אָבער ער האָט, ווי אַלע מאָל, ליב גע־שמייכלט. ביים אַריינגאַנג האָט ער אויסגעטאָן זיין היטעלע. גרע־בענקין האָט גראָב געזאָגט:

— ביי אונז זיינען דאָ קיין שום געטער ניטאָ. טוט אָן דאָס היטל.

— ניין, איך... ס'איז היים! — אַגאַפאָוו האָט זיך געווענדט צו כאַנאָוון. — איך האָב באַקומען אַ צעטל פון דעם רעווקאָם, — איך זאָל מאָרגן גיין אין וואַלד האַקן האָלץ.

גרעבענקינס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט בייזער פרייד. ער האָט פאַרוואונדערט געזאָגט:

— נו, יאָ. פאַרוואָס זאָלט איר טאַקע ניט אָנהאַקן אַ ביסל האָלץ?

— וואָס זאָגט איר, אין מיינע יאָרן!

— וואָס הייסט אין אייערע יאָרן? איר זייט אַלט ניין און פערציק יאָר, — ביז פופציק מאָביליזירן מיר אַלעמען אויף געזעל־שאַפטלעכע אַרבעט. מיר טרייבן די פויערים, — פאַרוואָס־זשע זאָלט איר ניט גיין?

– איך פֿאַרשטיי, אָבער ניט דאָס מיין איך... געוויס, אַרבעטס־פּליכט, געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט... איך האָב אָבער, זעט איר, אַ קראַנק האַרץ.

– דאָס האַרץ איז אייך פֿון וואוילטאָג קראַנק. אַ מאָציאָן וועט אייך זייער צונוץ קומען.

– איך וועל אייך ברענגען אַ צייגעניש פֿון אַ דאָקטאָר.

כאַנאָוו האָט געזאָגט:

– נו, מילא, מיר וועלן באַשטימען אַ קאָמיסיע, זאָל זיי דער דאָקטאָר באַטראַכטן.

– נאַרישקייטן! — האָט אים גרעבענקין איבערגעשלאָגן. — מיר וויסן שוין אָט די צייגענישן! גיט מען זיי אַ בעט, וועלן זיי שוין צושרייבן די ערגסטע סוכאָטע: איר האָט, בירגער, ניט וואָס צו טענהן. וועט איר מאָרגן ניט קומען, — וועל איך אייך אַריינזעצן אין קעלער.

קאַטיע האָט זיך דערמאָנט, ווי ערשט מיט צוויי חדשים צוריק האָט גרעבענקין דאָ אַריינגעשטעלט די שויבן. אויף די ווענט זיינען געהאַנגען די וואונדערלעכע רעפּראָדוקציעס פֿון בעקלינס בילדער, אין פּאָלירטע ראַמען פֿון רויטן האָלץ; אויף דער העל־גרינער זיידענער סאָפֿקע איז געזעסן אַ דיקער באָלגאַר, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט דער מאָביליזאַציע פֿון די פֿורן. אַגאַפּאָוו האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געדרייט און איז אַרויסגעגאַנגען.

כ'איז אַריינגעקומען דער רעדנער, וועלכן קאַטיע האָט געהערט אין קלוב. ער האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס היטל אויף דעם טיש און אָפּגעווישט דעם פֿאַרשוויצטן קאָפּ.

– נו, אַן עולמל ביי אייך! מיט גוטן קאָן מען מיט זיי גאָרניט טאָן. איך פֿיל, אַז אָן מיינע יונגען וועט מען זיך ניט באַגיין.

– ניט באַגיין, — האָט גרעבענקין צוגעבאַמקעט. — אַלע האָבן ברויט, ביז איבערן האַלז. זיי האָבן דאָס פֿאַרגראָבן אין דער ערד און מאַכן זיך אָרעם.

כאַנאָוו האָט אים איבערגעשלאָגן:

— נו, לאָז געמאַך! ווער ס'האָט באַגראָבן, און ווער ס'איז טאַקע באמת אָרעם.

— די שווייג! בעל־גוף! אַלע זיינען דיר קרובֿים, מחותּנים און גוטע ברידער. און אָט נעמסטו זיי אונטער דיין שוץ.

— אַך, טשעפּע זיך אָפּ, סאַשקאַ!

קאַטיע האָט זיך געווענדט צו קאַפּראַלאָוון:

— איר גייט?

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען. קאַפּראַלאָוו איז געווען גאָר ניט דער, וואָס אַלעמאָל, — קאַטיע האָט אים גאָר קיינמאָל ניט געזען אַזעלכן: אַ ליכטיקער, אַ באַטראַכטער.

— איך דערקען אייך ניט, קאַפּראַלאָוו. איר זייט עפּעס גאָר אַ נייער. איר האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס טרינקען, האַ?

— אַוועקגעוואָרפן. דער קאָפּ איז מיר ניט דערבײַ.

זיי זיינען אַריין אין דער ביבליאָטעק, — דאָרטן האָט זיך געפינען דער אָפּטייל פון פאָלקס־בילדונג. ביים טיש זיינען געזעסן דער סעקרעטאַר פון דעם אָפּטייל און די ביבליאָטעק־פאַרוואַלטערין קאָנקאָרדיאַ דמיטריעווּנאַ. קאַטיע האָט זיך גענומען גענוי באַקענען מיט די ענינים. ס'איז שוין געעפנט געוואָרן אַ קלוב, אַ קינדער־היים, אַ שול. קאַפּראַלאָוו האָט געבעטן, מ'זאָל אים שיקן לעקטאָרן פון שטאָט, וואָס זאָלן לייענען פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע לעקציעס און אַ רעזשיסער, וואָס זאָל שטעלן מיט די ליבהאָבער ספּעקטאַקלען.

— אַ בינע האָבן מיר שוין געמאַכט. אַ גאַנצע וואָך האָב איך געאַרבעט, אַפילו אַ בײַדל פאַר דעם סופלער, האָב איך געמאַכט, — זייער אַ פיין ביידעלע.

און קאַטיען האָבן נאָך מער איבערראַשט קאַפּראַלאָווס קלוגע, אינטעליגענטע אויגן, און די פּשוטע, פאָלקס־ווערטער האָבן אַזוי מאָדנע ניט געפּאַסט צו זיי.

ער האָט געפרעגט:

— ווי האַלט דאָס ביי אייך אין שטאָט מיט ביכער? מ'נעמט זיי צו ביי דער בורזשואַזיע?

— מ'נעמט צו פון די דירות פון די אַנטלאָפענע. ביי די איבעריקע רעגיסטרירט מען בלויז.

— און וואָס וועט איר זאָגן, אַז איך קלײַב זיך גאָר, ניט אַזוי ווי בײַ אײַך, צונעמען אַלע ביכער בײַ די דאַטשניקעס.

— אָט וואָס פֿאַר אַ באָלשעוויק איר זײַט דאָס געוואָרן! ס'איז אײַך גאָרניט דערווידער, קאַפּראַלאָוו?

— וואָס דערווידער? די דאַטשניקעס האָבן פֿולע שאַפֿעס און עטאַזשערקעס מיט ביכער. זיי ליגן בײַ זיי אָן ניצן און ווערן פֿאַרשטױבט. און בײַ אונז אין ביבליאָטעק האָבן מיר בלויז די „ניוואַ" און „וואָקרוג סוועטאַ".

— נו, זאָגט אַלײן, קאַפּראַלאָוו, ווער וועט דעמאָלט וועלן קויפֿן אַ בוך, אויב מ'קאָן דאָס יעדע מינוט צונעמען?

— נו, אין אַן אַנדער צײַט... און איצט מוז מען צונעמען. וואָס זאָל דאָס פֿאָלק לייענען?

אין עס־זאַל פֿון בובליקאָווס האָטעל זײַנען געווען אויסגע־שטעלט שורות בענק, אין דער טיף פֿון זאַל איז געמאַכט געוואָרן אַ בינע מיט אַ פֿאָרהאַנג, און אַן אויפֿשריפֿט אויף אים: „פּראָלע־טאַריער פֿון אַלע לענדער פֿאַראייניקט זיך!" דער עולם איז געקומען מאַסנווײַז, — דאָרפֿישע, דערדויפֿט דאָס יונגוואַרג, סאָלדאַטן פֿון דער גרענעץ־וואַך. קאַפּראַלאָוו איז אַרומגעלאָפֿן, אַן אויפֿגערעגטער און פֿרײלעכער. קאַטיען האָט ער אַרײַנגעפֿירט אויף דער ערשטער ריי, וווּ ס'זײַנען שוין געזעסן די שררות, — כאַנאָוו, גרעבענקין, גלזכאַר, אַלע מיט זײערע פֿרויען. קאַטיע האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט און זיך געזעצט אין זאַל אינאײנעם מיט קאָנקאָרדיאַ דמיטריעוונאַ. כ'איז איר געווען אינטערעסאַנט צו זיצן צווישן דעם געדיכטן עולם.

כ'האָט אויסגעפֿעלט ערטער. דער עולם האָט איבערפֿולט די דורכגענג. מען האָט געקנאַקט יאָדערן און געוואַרט מיט אַן אומ־געדולדיקן נײַגיר. און ס'איז מאָדנע געווען צו זען אָט דעם עולם דאָ, וווּ עס פֿלעגן פֿריער עסן בײַ די טישלעך אויסגעטראָצלטע קוראָרט־געסט.

דער דריטער קלינג. ווערנדיק זיך און פֿאַרטשעפּענדיק זיך אין דראָט, האָט זיך דער פֿאָרהאַנג אָנגעהויבן פֿונאַנדערצוציִען. און האָט זיך פֿאַרטשעפּעט פּונקט אין דער מיט. אין זאַל האָט מען

זיך צעלאַכט. קאַפּראַלאָוו איז אַרויפֿגעשפּרונגען און האָט אָפּגערוקט דעם פֿאָרהאַנג. אונטן, פֿאַרשטעלט דורך דעם סופֿלער-בּיידל, האָט געבּרענט אַ ליכטיקער בּליץ-לאָמפּ. אויף דער עסטראַדע איז אַרויס דער באַקאַנטער רעדנער.

— חבֿרים! די אַרבּעטער-און-פּויערים-אַרמיי האָט אַרויסגעטריבּן פֿון קרים די ווייסגוואַרדעישע נבֿלה... איצט איז אומעטום איינגעשטעלט די מאַכט פֿון די אַרבּעטנדיקע... חבֿרים! די רעוואָלוציע הייבּט זיך אָן אומעטום! אין אונגאַרן האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט די מאַכט פֿון די ראַטן, דאָס זעלבּע אויך אין פּערסיע. איז דייטשלאַנד איז אַ רעוואָלוציע. דער וועלט-פּראָלעטאַריאַט האָט אויפֿגעהויבּן דעם קאָפּ און זיך אַוועקגעטאָן אין קאַמף מיט זיינע אונטערדריקער, די קאַפּיטאַליסטן...

ער האָט ווידער אַרומגעשפּאַצירט אַרום און צוריק און זיינע אויסגעדרייטע שטיוול איבּער דער עסטראַדע, און די גאַנצע צייט אַזוי ווי אַריינגעשלאָגן מיט זיין קולאַק טשוועקעס. זיין געזיכט, מיט דער העל-בּאַליכטענער גאָמבּע אין באַשאָטנטן שטערן, האָט אויסגעזען אויסערגעוויינלעך, ווי אויף אַ קאָנצערט.

ער האָט גערעדט וועגן דעם אַכזריותדיקן קאַמף. וואָס דער ראַטן-מאַכט קומט אים צו פֿירן אויף אַלע פֿראָנטן, וועגן דער נייטיקייט זי אונטערצוהאַלטן, געזידלט די מענשעוויקעס און עסערן, וואָס האָבּן פֿאַרראַטן די רעוואָלוציע.

די אָרטיקע יוגנט האָט אים געהערט זשעדנע, מיט אויסגעצייגענע קעפּ. די געוואוינטע רויטע-אַרמייער האָבּן אייגנטלעך געקוקט אין אַלע זייטן און געוואַרט אויף דעם אינטערעסאַנטן, וואָס וועט ווייטער זיין.

דער רעדנער האָט געענדיקט מיט אויסרופֿן לכּבֿוד דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, דער ראַטן-מאַכט און אירע אָנפֿירער. די רויטע אַרמייער האָבּן אָנגעהויבּן זינגען:

שטייט אויף איר אַלע ווער, ווי שקלאַפֿן
פֿון הונגער, נויט און ליידן מוז! — ...

דאָס פּובליקום האָט אָפּגעלאָזן אונטערגעכאַפּט. דער רעדנער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם זאַל מיט מאווימדיקע אויגן און האָט זיך אַ געשריי געטאָן:

— אויפֿשטיין!! די היטלען אַראָפּ!!

קאַטיע האָט אויפֿגעבראַכט אַ זאָג געטאָן:

— גאָט, וואָס איז דאָס! פּונקט, אַזוי ווי אין אַמאָליקע צייטן מיט... „באָזשע צאַריאַ כראַני!“

— וואָס־זשע שטייט איר ניט אויף, מאַנעטשקע? איר הערט דאָך: „שטייט אויף איר אַלע ווער ווי שקלאַפֿן“.

— מיר זיינען ניט קיין שקלאַפֿן.

— וואָס הייסט, ניט קיין שקלאַפֿן? די לידער זיינען שטענדיק אמתדיק, איר — זייט אַ שקלאַפֿין.

— ס'הייבט זיך ניט אָן!

* * *

נאָכדעם האָט גערעדט כאַנאָוו, שוואַך, קוים געפֿינענדיק דאָס פּאַסיקע וואָרט, אָבער מיט אַ הייסער באַגייסטערונג. און נאָך אים איז אַרויסגעטראָטן קאַפּראַלאָוו און רואיק, זיכער, אָנגעהויבן ריידן מיט אַ פּשוטן טאָן:

— ...באַרעכנט זיך נאָר, חברים. אָן דעם שכל וועלן מיר ווייט ניט אַוועק. אָט ביסטו אַרויסגעפֿאָרן מיט דער שניידמאַשין שניידן גערשטן, און זאָגסט: „מיר אַרבעטן, און וואָס טוען זיי? זיי לייענען ביכלעך!“ אַנו, גיב נאָר אַ קוק אויף דיין שניידמאַשין: וואָס, דו האָסט זי אויסגעטראַכט? דיין שכל וואָלט געקלעקט דערויף? און איר, ברודערקע, איז אָט וויפֿל שכל אַריינגעלייגט! ווי קומט אונזער שכל צו דעם! אָט דאָס דאַרפֿסטו געדענקען. און זאָג אַדאַנק אָט דעם, וואָס האָט אויסגעטראַכט אַזאַ שכלדיקע, נוצלעכע זאַך, און ניט לאַכן פֿון די, וואָס לייענען ביכלעך. נעם זיך אַליין צום ביכל, קוק ניט אויף דעם, וואָס דיין קאַרק איז שוין מיט שניי באַדעקט. קום צו אונז אין שול, לערן זיך, גיי צו אונז אין ביבליאָטעק, לייען ביכער. און ערשט דעמאָלט וועלן מיר גובֿר

זיין די קראַפֿט, ווען מיר וועלן ווערן קלוג. די גרויסע שרייבער שעדכפֿיר און מיכאַילאָוו־שעדרין האָבן ריכטיק געזאָגט: די קראַפֿט פֿון פֿאָלק איז אין דער בילדונג...

מען האָט עפּעס פֿאַררוקט דעם פֿאָרהאַנג און אים ווידער פֿונאַנדערגערוקט.

אויף דער עסטראַדע איז אַרויסגעגאַנגען די פֿירשטין אַנ־דאָזשכקאַ מיט אַ בינטל נאָטן; און נאָך איר — מאַיאַ. מאַיאַ האָט זיך געזעצט בײַם קלאַוויר, און די פֿירשטין איז צוגעגאַנגען אויף דער אַוואַנסצענע. און איר געזיכט איז פֿון דער באַלײַכטונג אויך געווען אַ באַזונדערס, אַזוי ווי אויף אַ קאָנצערט.

קאָנקאָרדיאַ דמיטריעוונאַ האָט אײַנגערוימט קאַטיען.

— ער איז זייער אַוואַילער, אונדזער קאַפּראַלאָוו. ער האָט אײַנגעפּועלט בײַם רעווקאָם פֿאַר אַלע אָנטיילנעמער צו צען פֿונט מעל און צו פֿונט צוקער. גרעבענקין האָט ניט געוואָלט, ער האָט געטענהט, אַז זיי דאַרפֿן דאָס טאָן אומזיסט, אָבער כאַנאָוו און קאַפּראַלאָוו זײַנען דערוויף באַשטאַנען. און איר ווייסט, בובליקאָוו האָט ניט לאַנג געוואָלט אַרויסוואַרפֿן די פֿירשטין פֿון זײַן האָטעל, דערפֿאַר, וואָס זי צאָלט אים ניט קיין דירה־געלט. אַזאַ טיפּש, — אין הײַנטיקע צײַטן! כאַנאָוו האָט אים דערפֿאַר אײַנגעזעצט אויף צוויי טעג אין קעלער. האָט ער זיך באַרויִקט.

די פֿירשטין האָט, אַ בלאַסע פֿון אויפֿרעגונג און, — קאַטיען האָט זיך געדוכט, — פֿון דערנידערונג, מיט ברוגזע אויגן געקוקט אויף דעם עולם. שטיל, אויסוואַקסנדיק בהדרגה, האָבן גענומען קלינגען די אַקאָרדן. די פֿירשטין האָט אָנגעהויבן זינגען.

א שטורעמדיקער שטרוים, געדיכטעניש פון וואַלד,

נאַקעטע פעלזן — אַט דאָס איז מיין היים...

זי האָט געענדיקט. גאָט, וואָס ס'האָט זיך געטאָן! אָט אַזוי ווי דער טינק וואָלט מיט אַ רעש זיך אַ שאָט געטאָן פֿון דעם באַלקן, — אָט אַזעלכע אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך געהערט. מען האָט ווילד געשריען: „בראַוואָ! בראַוואָ! ביס!“ און אַז זי איז אַרויס זיך פֿאַר־נייגן, האָט מען ווידער גענומען פֿאָדערן: „בראַוואָ, אַנדאָזשכקאַ!“

אין איינער אַ רויט־אַרמייער האָט פֿאַרשיכורט אַ געשריי געטאָן: „אוראַ!!"

די פֿירשטין האָט זיך איינגעהאַלטן פֿאַרנייגט, און אַ שוואַכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף אירע ליפּן, און אין די וואונדערשיינע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן אַ פֿריידעוודיקע פֿאַרוואונדערונג.

זי האָט נאָך אַמאָל געזונגען. און זי האָט נאָך עטלעכע לידער געזונגען. די שטורעמדיקע פֿרייד, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון דעם עולם, האָט זי אַזוי ווי אויף אַ כוואַליע אויפֿגעהויבן אין דער הייך. די אויגן האָבן געברענט מיט באַגייסטערונג, די שטימע איז געוואָרן קרעפֿטיקער, ציטערנדיק, האָט זי אָנגעפֿילט די גאַנצע זאַל, און זיך אָנגעקלאַפּט אָן די ווענט, און, — אַ מעכטיקע, אַ פֿריידעוודיקע, — האָט זי זיך אַזוי ווי געפֿרוווט זיי פֿונאַנדערצורוקן.

די זאַל האָט געריוועט און געדונערט. קאַטיע איז אַוועק הינטער די קוליסן. די פֿירשטין מיט אַ ניי געזיכט, איז געזעסן אין אַ געפּלאָכטענעם שטול. דער אַנטציקטער קאַפּראַלאָוו האָט זיך אַרום איר געדרייט. גורינקאָ־דאָמאַשעווסקאַיאַ האָט געזאָגט:

— זעלטן גוט, פֿירשטין, אויסגעצייכנט! איר האָט קיינמאָל אַזוי ניט געזונגען!

קאַטיע האָט קוים געכאַפּט דעם אָטעם פֿון פֿרייד און פֿון די טרערן, וואָס האָבן איר געוואָרגן, און האָט מיט ביידע הענט געדריקט דער פֿירשטינס האַנט.

— זאָגט! נו, זאָגט מיר! צי האָט איר פֿריער אַמאָל איבערגעלעבט אַזוינס, בשעת איר האָט געזונגען אין אייערע סאַלאָנען, ווען איר האָט דאָס געטאָן פֿון פּוסט־און־פּאַסקייט? ס'איז אַ ציל איר האָט דאָס דערגרייכט! צי פֿילט איר דען ניט, אַז איר האָט איצט אויפֿגעטאָן אַ גרויסע זאַך, אַז די וועלן דאָס אייך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן?

די זאַל האָט גערוישט. די פֿירשטין האָט מיט אָפּגעשטעלטע, צו זיך אַליין צוהערנדיקע זיך אויגן געקוקט אויף קאַטיען.

— און קיינמאָל, קיינמאָל וועט איר דאָס אַליין אייך ניט פֿאַרגעסן? אמת?

די פירשטין האָט אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפ און קורץ מיט ניט שמייכלענדיקע איגן, פלוצים געזאָגט:

— ערלויבט מיר איך אַ קוש טאָן.

און שטאַרק אַ קוש געטאָן קאַטיען.

דער אָוונט איז אַריבער מיט גרויס ערפאָלג. קאַפראַלאָוו איז געווען איבער גליקלעך און איז אַרומגעגאַנגען ווי אַן אמתער בעל-שימחה. מען האָט דעקלאַמירט פון נעקראַסאָוו, באַלמאָנטן; אַסיאַ האָט געזונגען, נאָכדעם האָט די פירשטין מיט איר געזונגען אַ דועט פון דער אָפערע „דאַמע פיק". און נאָך מיט מער התלהבות האָט די זאַל איינגענומען דאָס קלאַוויר שפילן פון גריענקאָ-דאָמאַשעווסקאַיאַ.

— מיינע פריינד! — האָט זי זיך געווענדט צו דעם פובליקום, כדי ניט צו זאָגן דאָס וואָרט „חברים". מיט וואַרעם לויכטנדיקע, פייערלעכע איגן, האָט זי זיי ערקלערט דעם אינהאַלט פון יעדער פיעסע, וואָס זי האָט זיך געקליבן שפילן, און נאָכדעם זי ערשט געשפילט.

שווערער פון אַלץ איז פאַראינטערעסירן דעם ברייטן עולם מיט קלאַוויר-שפילן. אָבער גוריענקאָ-דאָמאַשעווסקאַיאַ מיט איר געוואַלטיקן טאַלענט האָט דאָס גובר געווען.

צום שלוס האָט זי מיט מאַיען געשפילט אין פיר הענט בעטהאָווענס פינפטע סימפאָניע. אומבאַמערקט פאַר זיי אַליין, האָבן די נשמה, פון דעם פובליקום, פון אינעווייניק גענומען שווענקען ליכטיקע, לופטיק-לייכטע כוואַליעס, און באַלד האָט שוין איבער דער זאַל שטורעמדיק גערוישט אַ בלאַנקענדיקער אָקעאַן, אויפברויזנ-דיק אויף אַרויף, אַראָפפאַלנדיק און ווידער אויפהויבנדיק זיך, וויגנ-דיק אויף זיך די באַצויבערטע נשמות. קאַטיע האָט געזען האַלב-אָפענע מיילער, געהערט די שטילקייט אין דעם כמאַרכען און הוסטן. און ס'האָט זיך איר געדוכט, — דאָס שווענקט זיך אַן אַלטער, אור-אַלטער קדמון אָקעאַן, בשעת די נשמות זיינען נאָך אויף אַזויפיל ניט געווען אָפגעצוימט איינע פון דער אַנדערער, און האָבן זיך לייכט צונויפגעגאָסן אין איין אַלגעמיינער, פריידעודיק-באַוועגלעכער נשמה.

* * *

פֿון אַרמאַטלוק זײַנען זײ אַרויסגעפֿאָרן גאַנץ פֿרי, װען די רײַטע זון האָט זיך אָקאָרשט באַװיזן פֿון דעם ים, און די מידע לבֿנה, אַ בלײכע, איז פֿאַרגאַנגען הינטער די בערג אין דער ליליע־פֿינסטערניש. אין דער שטילער לופֿט איז געשטאַנען אַ טרוקענע, טױ־לױזע קילקײט, און ס׳האָט געשמעקט מיט הײ.

איך דער פֿור זײַנען געפֿאָרן אַפֿאַנאַסי כאַנאָװ, דער נעכטי־קער רעדנער זשעלטאָװ און קאַטיע מיט איר מוטער. געפֿירט האָט זײ דער באָלגאַר פּיאָטר גאַשטאָװ.

זשעלטאָװ האָט גוטמוטיק געשמײכלט און געזאָגט:

— יאָ, אײַערע פּױערימלעך זײַנען האַרטינקע בײַ אײַך! מיט קײן פּראָפּאַגאַנדע װעסטו זײ ניט נעמען. מיר װעלן דאָ מוזן עפּעס טאָן. אָט דער גרעבענקין, אין אײַער רעװקאָם, איז אַפּנים אַ װאַילער יונג, אַ טעטיקער. מיר װעלן אים נעמען, ער זאָל אונדז העלפֿן.

קאַטיע האָט געזאָגט:

— איך פֿאַרשטײ דאָס ניט אינגאַנצן. איר נעמט צו דאָס גאַנצע ברױט בײַ די פּױערים?

— נײ, יאָ. ניט דאָס גאַנצע, נאָר דעם עודף.

— איר צאָלט זײ דערפֿאַר?

— געװיס צאָלן מיר. לױט די פֿעסטע פּרײַזן.

— לױט די פֿעסטע! עפּעס אַ קלײניקײט! זיבעציק רובל אַ פּוד װײץ, און װײץ קאָסט אַצינד דרײַטהאַלבן, דרײַ טױזנט רובל.

זשעלטאָװ האָט פֿאָרזיכטיק באַטראַכט קאַטיען און איר שאַרף אַ פֿרעג געטאָן:

— און איר װאָלט געװאָלט מיר זאָלן צאָלן ספּעקולאַציע־פּרײַזן? דער בעל־גוף זאָל רײַך װערן אױפֿן חשבון פֿון דעם, װאָס דער אַרבעטער הונגערט?

קאַטיע האָט קורץ געענטפֿערט:

— איך װיל דאָס גאָרנישט, איך פֿרעג אײַך נאָר. און מיר איז אָט־װאָס אינטערעסאַנט: ער װעט בײַ אײַך באַקומען זיבעציק רובל פֿאַר אַ פּוד, — װאָס־זשע װעט ער פֿאַר דעם געלט קױפֿן?

אַ קלעצעלע פֿעדימלעך קאָסט פֿערציק רובל. כ׳וועט אַפֿילו ניט קלעקן אויף צוויי קלעצעלעך.

גאַשטאָוו האָט זיך אָפּגערופֿן פֿון דער קעלניע:

— איצט וויל מען שוין פֿאַר אַ קלעצעלע פֿינף און פֿופֿציק רובל.

— נו, יאָ, דאָס איז אמת... ריכטיקער וואָלט געווען אַ סחורה־איטשוויש. אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין סחורה! די אַרבעטער אין די שטעט זיצן אָן ברויט, — ווי־זשע קאָן מען דאָס אַרבעטן? און איצט איז אונז דער קאָפּ ניט בײַ די פֿעדימלעך, מיר מוזן אַרבעטן פֿאַר דעם פֿראָנט, די אימפּעריאַליסטן דריקן פֿון אַלע זײַטן. שוין־זשע איז דאָס ניט קלאָר? אַזאַ צײַט, אַלע מוזן לײַדן. ווער קאָן טראַכטן וועגן רײַך ווערן. קומט אויס צו נעמען מיט גוואַלד, אויב מ׳וויל מיט קיין גוטן ניט געבן.

— יאָ, איך האָב עס געזען מיט אַ יאָר צוריק, בשעת איך בין אַהערצו געפֿאָרן! אַ פֿויער פֿון ניזשעגאָראָדער גובערניע. ער האָט פֿאַרקויפֿט די לעצטע בהמה, געקויפֿט אין סיזראַן צוויי זעק־לעך מעל, און אין טולע האָט די דערנערונגס־אָפּטיילונג דאָס בײַ אים צוגענומען. „מיט וואָס, — טענהט ער, — וועל איך איצט אַהיים פֿאָרן?“ און דאָ, פֿאַר אַלע אין די אויגן, האָט ער זיך געוואָרפֿן אונטער אַ צוג. גאָט, וואָס ס׳האָט זיך דעמאָלט געטאָן! — האָט קאַ־טיע איבערגעריסן אויסגעשריען.

גאַשטאָוו האָט אויסגעדרייט זײַן געזיכט פֿון דער קעלניע און האָט זשעדנע געהערט. בײַ באַנאָוון זײַנען די אויגן געוואָרן צעשראָקן. אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט דערשראָקן געשלעפּט קאַטיען פֿאַר דעם אַרבל.

— אַזוינע איז אונז אַ שאָד. און דעם ברויט־מאָנאָפּאָל קאָ־נען מיר בשום אופֿן ניט אָפּשאַפֿן. ס׳וועט זיך באַלד אָנהייבן אַ ספּעקולאַציע. פֿאַרשטייט: ס׳איז אַ רעוואָלוציע! שוין־זשע איז דאָס אײַך ניט קלאָר? אַזוי ווי אין אַ באַלאַגערטער פֿעסטונג! — זשולטאָוו האָט אָנגעהויבן צו ווערן אין כעס. — באַשולדיקט די, וואָס האָבן גערופֿן די אַנטאַנטע, די דעניקינס, און קאָלטשאַקס באַשולדיקט, און די ריאַבושינסקיס. זיי ווילן מיט דער בײַנערדיקער האַנט פֿון

דעם הינגער דערשטיקן די רעוואָלוציע, און די סאָציאַל־פֿאַררעטער אַקאָמפּאַנירן זיי און ריידן אָן די פּויערים קעגן אונז... און ווער האָט זיי די ערד געגעבן? אַני, חבֿר, זאָג, — האָט אייך דעניקין ערד געגעבן?

— ערד, דאָס איז אמת...

— אָט זעסטו! די ערד ווילט איר זיך לאָזן, און ווער האָט זי אייך געגעבן? דער אַרבעטער! און וויבאַלד ס'קומט צו דעם, אַז מ'דאַרף אים אונטערהאַלטן — איז קיינער אינדערהיים ניטאָ! אָט פֿאַרוואָס מ'רופֿט אייך — בעלי־גופֿים!

כֿאַנאָוו איז געוואָרן איפֿגעלעבט און געזאָגט:

— די פֿאַרשטייסט שוין, פּיאָטר? איך טענה דאָך מיט אייך שטענדיק דאָס זעלבע, אַז מ'דאַרף שטענדיק אין זין האָבן טובֿת־הכּלל, און ניט נאָר זיך אַליין.

גאַשטאָוו האָט געשוויגן און פֿאַרזיכטיק אונטערגעשמיסן די פֿערד.

זשעלטאָוו האָט ווייטער גערעדט:

— אויף די פּויערים איז אונז אַ רחמנות. אַמאָל קומט אויס זיי אונטערצודריקן, אָבער מיט דעם גאַנצן האַרצן זיינען מיר מיט זיי. און אָט די סאָציאַל־פֿאַררעטער, די משרתים פֿון דער בורזשואַזיע, וואָס פֿירן אומעטום זייער אַגיטאַציע, — אָט די גאַנצע באַנדע דאַרף מען אויסראָטן. אָן שום שהיות. אַ קוי אויף דער ברוסט און אַ מעסער אין בויך.

— אָט אין דעם טאַקע איז אייער שוואַכקייט!

— זיי זאָלן ניט אויספּרייצן דאָס פֿאָלק! אָן שהיות, — היידאַ, אין שטאָט. ביטע אין טשעקאַ!

ס'איז געווען קלאָר, אַז דאָס רעדט ער וועגן איר. ביי קאַטיען אויף דער נשמה איז געוואָרן חוצפּהדיק־פֿריילעך, און רואיק־רואיק.

— אָט דאָס איז אייער שוואַכקייט. אָנשטאָט צו איבערצייגן, — אַ פּום אויף דער ברוסט און אַ מעסער אין בויך. אָט זייט איר דאָ צוויי מאַנסבילן אויף איין פֿרוי — און וואָס פֿאַר אַ באַווייזן האָט איר? אַ מעסער אין בויך, ביטע אין טשעקאַ!

זשעלטאָוו האָט שנעל געזאָגט:

– איך מיין ניט אייך.

– וואָס הייסט ניט מיך? געוויס, מיך. און ס'איז אַלצאיינס, וועמען איר האָט דאָס געמיינט. אָט האָב איך אייך נעכטן געהערט אין קלוב. איר מיינט, אַז איר האָט זיי איבערצייגט, די פויערים? געוויס ניט. און פאַרוואָס? זיי האָבן אייך אויסגעהערט און געשוויגן. אָט לאָז אייך עמיצער פּרוּוון אָפּענטפערן, וועט איר באַלד: „בעל-גוף! קאָנטר-רעוואָלוציאָנער! אַפּוס אויף דער ברוכט! און טשעקאַ!" שווייגן זיי, און אַלע אייערע ווערטער גייען זיי ניט אָן.

– איר רעדט, ווי אַ קינד! עפּעס אַ מין שלום-ושלוה! מ'זאָגט דאָך אייך: רעוואָלוציע! איז שוין-זשע איז דאָס אויך ניט קלאָר! קיין קאָמפּראָמיס!

– איך רייד גאָרניט פון קיין שלום! קעמפט! זאָלן אייערע שונאים מורא האָבן פאַר אייך, זאָלן זיי אייך פיינט האָבן בתכלית השנאה. נאָר זאָלן זיי אייך אַכטן, זיי זאָלן פילן, אויף וויפל איר שטייט העכער פון זיי.

– און איז דאָס דען ניט קיין אויסטערליש בילד? אָט, בין איך אייערנעכטן געקומען צו זיי: אויפן ברעג ים אַ הויז, אויף דעם הויז אַ רויטע פאָן, און אינעווייניק זיצן צוויי קאָמוניסטן, — ער און גרעבענקין. און אַרום איז מען אויפגעבראַכט, מען איז איימער זיך פון שנאה, מ'טראָגט אַ שטיין אין בוזעם. אָדער נעמט דאָס, ווי אַזוי אונזער רויטע אַרמיי פאַרגיסט איר בלוט אויף דעם פראָנט...

– איז שוין-זשע מיינט איר, אַז דאָס קאָן איצט עמיצן איבערצייגן? גענוג, חבר! בלוט פאַרגיסן אויך די ווייסע. און די מיטלאַלטערלעכע ריטער-באַנדיטן זיינען אויך געווען זייער העלדיש, און יעדער באַנדיט איז העלדיש.

אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט מיט פאַרצווייפלונג אָנגעשטעלט אויף קאַטיען אירע קיילעכדיקע ברילן און זי נאָך אַמאָל אַ צי געטאָן ביים אַרבל. זשעלטאָוו האָט געפרעגט:

– איז וואָס-זשע האָט איר געוואָלט?

– אָט-וואָס. בשעת מען האָט אין פּעטערבורג איינגעפירט

די קלאַסן־ראַציע, האָבן די אַרבעטער פֿון דעם באַלטישן שיפּבוי־זאַוואָד זיך אָפּגעזאָגט צו באַקומען אַ פֿאַרגרעסערטע ראַציע, און אָנגענומען אַ רעזאָלוציע: בשעת אַלע אַרום קומען אום פֿון הונגער, איז אַ חרפּה און אַ בושה, אַז איניקע זאָלן באַקומען מער, איידער די איבעריקע. אָט דאָס איז אַן אמתער העראָאיזם, אַן אמתע איידלקייט! אָט אַזעלכע מענטשן וועל איך גלייבן, אַז זיי קעמפֿן פֿאַר רעכט און גערעכטיקייט. אָבער דאָס איז נאָר איינמאָל געשען, איין און איינציקס מאָל. און בכלל, — וואָס טוט זיך דאָס אומעטום! ס'איז אַ חרפּה דאָס צוצוזען! פֿריער איז געווען איין יחוס — די אַדעליקע, איצט איז אַן אַנדערער — דער אַרבעטער.

פּלוצים איז כאַנאָוו אַן איפּגערעגטער אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער פֿור און אָנגעהויבן שפּאַנען לעבן איר.

— איך וועל מיט אייך ניט פֿאָרן, איך וויל אייך ניט הערן! ס'קאָן זיין, אַז איר זייט ניט קיין קאָנטר־רעוואָלוציאָנערין, אָבער איר זייט אַ סך שעדלעכער פֿון דעם פֿאַרביסנסטן אַגיטאַטאָר! איך בין אינגאַנצן מסכּים מיט דעם. אַזעלכע — דעם פּיס אויף דער ברוסט!

— און אַ מעסער אין בויך, כאַנאָוו?

— לאָזט מיך, איך וויל מיט אייך ניט ריידן!

ער איז שנעל אַוועק, איבעריאָגנדיק די פֿור, וואָס האָט זיך געשלעפּט באַרג־אַרויף. ווען ער איז אויף דעם שפּיץ באַרג צוריק אַרויף אויף דער פֿור, האָבן זשעלטאָוו און קאַטיע פֿריינדלעך גערעדט. זשעלטאָוו האָט פֿאַרטראַכט געזאָגט:

— און דאָך, וואָלט מען אַזעלכע, ווי איר, געדאַרפֿט... איך ווייס שוין ניט וואָס... דערשיסן איז ניטאָ פֿאַרוואָס, אָבער אַ שאָדן ברענגט איר אַ גרויסן. איר זייט געבילדעט, און ס'איז אונז שווער מיט אייך. אָט, ווען מיר וועלן ביי אייך אָפּנעמען די בילדונג, און זי האָבן פֿאַר זיך, — דעמאָלט וועט איר קעגן מיר זיך ניט קענען איינשטעלן, אָט אַזוי ווי איך איצט קעגן אייך.

* *
*

וועראַ איז געקומען צו לויפֿן פֿון ביוראָ זיך זען מיט דער מוטער. אָן ווערטער האָבן זיי זיך געוואָרפֿן איינע די אַנדערע אין

די אָרעמס, זיך געקושט, געקוקט איינע אויף די אַנדערע און זיך ווידער געקושט. ווערע האָט געזאָגט:

— מאַמאָטשקע! ווי אַלט דו ביסט געוואָרן!

זיי האָבן זיך געהאַלטן, און מיטאַמאָל ביידע איסגעבראָכן מיט אַ געוויין. זיי זיינען געזעסן און ביידע געוויינט.

— נו, און דו? — אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט איסגעווישט די אויגן און זשעדנע באַטראַכט ווערען. — אַ בלייכע, אַ דאַרע... איר, קאָמוניסטן, לעבט דאָך גוט. און זעסט נאָך ערגער אויס.

ווערע האָט פּאָרזיכטיק זיך נאָכגעפרעגט וועגן פאָטער. אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט פּאָרזיכטיק אַ קוק געטאָן אויף דעם אָפענעם פענסטער.

— דו ווייסט דאָך: ער איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד פון דער טשעקאַ. ווי מיינסטו — אייערע וועלן אים ניט אַרעסטירן דערפאַר, וואָס ער איז אַנטלאָפן?

— ס'ווייסט דאָך דאָ קיינער ניט.

— ערקלער מיר אָבער, ווערעטשקאַ, — פאַרוואָס? איז שוין זשע האָט אַ מענטש ניט דאָס רעכט צו טאָן, ווי זיין געוויסן הייסט אים, זאָגן דאָס, וואָס ער טראַכט? איר טענהט דאָך, אַז איצט איז סאָציאַליזם...

ווערעס אויגן זיינען געוואָרן פינסטער און זי האָט פאַרביסן די ליפּ.

— מאַמעניו, ס'איז אַזאַ צייט... נאָכדעם, וועט מען דאָס, געווייגלעך, אַלץ אָפּשאַפן.

זי איז אַוועקגעלאָפן צו דער אַרבעט, — ס'איז דאָרט פאָרגעקומען עפּעס אַ קאָנפערענץ.

אינאָוונט זיינען אַלע געזעסן ביי דעם סאַמאָוואַר און געגעסן אָונטבריט. מען האָט געשמועסט מיט באַזונדערע היימישע ווערטער, דערמאָנט די אַמאָליקע ליבע קליינינקייטן, געלאַכט.

אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט געזאָגט:

— און דו ביסט דיזעלבע. קיינער וועט גאָרניט זאָגן, אַז דו ביסט אַ באָלשעוויטשקע.

אַ היימישער שמועס, דער זינגענדיקער סאַמאָוואַר, און די מאַמע אין די קיילעכדיקע ברילן, וואָס וויקלט אַרום דעם סאַמאָוואַר מיט אַ האַנטעך, און אַ וואַרעם ווינטל דורך דעם פֿענסטער. און קאַטיען איז געווען מאָדנע: אַלץ דאָ איז אַזוי ליב, ווי אַלעמאָל, און זיי — אַזעלכע פֿאַרשיידענע, אָפּגעזונדערטע, דער פּאַפּאַ ווייט, מיט אויגן, וואָס זיינען ניט מוחל, און ווערא האָט אויך אַזעלכע מאָדנע אויגן, וואָס קוקן שטענדיק אין אַ זייט.

אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט איבערגעקוקט ווערעס וועש און האָט אויסגעשריען: אַ פּאָר פֿאַרלאַטעטע העמדער און צעפּליקטע האַנטעכער.

— און מ׳זאָגט נאָך, אַז איר, באָלשעוויקעס, נייטיקט זיך אין גאָרנישט ניט!

זי האָט זיך געזעצט דאָס אויספֿאַריכטן.

ביינאַכט האָט קאַטיען אָנגעהויבן שרעקלעך וויי טאָן דער קאָפּ, און אַ טרויעריקער ציטער איז איר אַדורך איבערן גאַנצן לייב. אינדערפֿרי האָט זי שוין געהאַט היץ, און דער דורכגעשאָסענער האַנט, אַרום דער וואונד, האָט זי געשפּירט אַ שמאַרצנדיקן ווייטאָג.

ווערא האָט באַזאָרגט די מוטער, זי זאָל קענען צוריקפֿאָרן. קאַטיע האָט געוואָלט אויפֿשטיין באַגלייטן די מוטער, נאָר ווערא האָט זי ניט געלאָזט, און קאַטיע איז געבליבן אין בעט.

אינאָוונט האָט די טעמפּעראַטור דערגרייכט פֿערציק. אין האַלבן באַוואוסטזיין, האָט קאַטיע געהערט ווערעס קול און נאָך עפּעס אַ פֿרייען־קול, אַן אומבאַקאַנטס. זי האָט געזען אַן אומבאַקאַנט געזיכט מיט זעלטענע אויגן, וואָס האָבן זיך געשטראַלט, אַזוי ווי צוויי רעפֿלעקטאָרס, און אַ מילד־האַרט קול האָט געזאָגט:

— דרייט זיך אוים, קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ... אָט אַזוי, גענוג.

און ווייכע, ווייסע הענט האָבן געשמירט איר קראַנקע האַנט מיט אַ ברוינעם זאַלב, און געשיקט זי באַנדאַזשירט.

אינדערפֿרי האָט קאַטיע מיט פֿאַרוואונדערונג געפֿרעגט ווערען:

— וואָס איז דאָס, אַ חלום? ס׳האָט זיך מיר נעכטן געדוכט, — עפּעס עמיצער אַ צאַרטער און אַ ליבער איז אַרומגעגאַנגען אַרום מיר, און די אויגן, אַזוי ווי די שטערן ביינאַכט.

— ניין, ס'איז אמת. דאָס איז נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ קאָרסאַקאָוואַ, אַ דאָקטאָר.

— וואָס פֿאַר אַ קאָרסאַקאָוואַ?

— דעם פֿאָרזיצער פֿון רעווקאָמס פֿרוי... קאַטיורקאַ, נאָר פֿאַרוואָס־זשע האָסטו מיר ניט געזאָגט, אַז דו ביסט פֿאַרוואונדעט! ערשט היינט איז לעאָניד געקומען פֿון עסקי־קערים און האָט דערציילט וועגן דיין טאַט. מיין טייערע מיידעלע! ס'איז אַ העלדישע דו ביסט!

קאַטיע איז רויט געוואָרן און האָט זיך צעלאַכט.

— און וואָס איז מיר?

— אַ ריז אַרום דער וואונד.

קאַטיע האָט אָפּגעקרענקט זעקס טעג. ס'זיינען איר געקומען געוואָרע ווערן דער פּראָפֿעסאָר דמיטריעווסקי מיט דער פֿרוי, איינמאָל איז געקומען לעאָניד. אַלע טאָג פֿלעגט קומען קאָרסאַקאָוואַ. איר קומען פֿלעגט אַריינברענגען אין דער נשמה ליכט און שטילקייט. זי איז געווען אַ הויכע, פֿעסט־געבויטע און ניט קיין שיינע. אָבער בשעת אירע אויגן פֿלעגן זיך אָנצינדן מיט זייער וואונדערלעכן פֿייער, פֿלעגן זיי מיטאַמאָל באַלייכטן דאָס גאַנצע געזיכט און דאָס מאַכן וואונדערשיין. און שיין איז אויך געווען איר אומדערוואַרטער געלעכטער, וואָס פֿלעגט זיך פּלוצים אַרויסרייסן פֿון דער טיפֿעניש פֿון איר ברוסט. קאַטיע איז איר, אַפּנים, זייער געפֿעלן. נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט דעם פֿאַל מיט דעם מאַכנאָוועץ און געשפּאַסט, אַז מ'וואָלט זי געדאַרפֿט באַערן מיט דעם אָרדן פֿון דער רויטער פֿאָן.

— און דערדאָזיקער פֿאַל מיט דעם מאַכנאָוועץ, — האָט נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ דערציילט, — האָט אַריינגעטראָגן אַ שטאַרקע צערודערונג אין די באַציאונגען, וואָס זיינען שוין אַזוי אויך גענוג פֿאַרשאַרפֿט. די מאַכנאָוועס דערציילן, אַז די קאָמיסאַרן־ זשידעס האָבן אין וועג געפּאַקט זייערן אַ חבֿר און אים אויף אַ בעסטיאַלן אופֿן פֿאַרפּייניקט: צעקלאַפּט מיט אַ ביקס זיין האַנט, אים דורכגעשאָסן דעם בויך און די קני, און, ענדלעך, אים געטויט דורך אַ שאָס אין מויל אַריין. און די באַווייזן זיינען באַשיינ־

פֿערלעכע: אויף דעם וועג איז געבליבן אַ קערפּער פֿון אַ זשיר אַ קאָמיסאַר, וועלכן דער מאַכנאָוועץ, פֿאַרטיידיקנדיק זיך, האָט דערהרגעט. איצט האַלטן זיי זיך נאָך מער היצפּהדיק, פֿירן אָפֿן אַן אַגיטאַציע קעגן די יידן און דער ראַטן־מאַכט, און מיליטער אין שטאָט איז דאָ זייער ווייניק, און זיי ווייסן דאָס.

קאַטיע האָט געזאָגט:

— אָט דאָס זיינען אייערע געפֿערלעכסטע שונאים! וואָס פֿאַר אַ לאָזונגען קאָנען קעגן זיי אַרויסשטעלן די באָלשעוויקעס? רייב אַלץ, וואָס דו זעסט, איזדיעקעווע זיך איבער דער בורזשואַזיע, — דאָס זיינען דאָך אייך זייערע לאָזונגען. און זיי זאָגן נאָך דערצו, אַז ביי די פּויערים דאַרף מען ניט נעמען קיין ברויט, און מ'דאַרף שלאָגן די זשידעס. מיט דעם וועט מסכים זיין איטלעכער רויטער אַרמייער.

נאַרעזשדאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ האָט זיך איבערגעקוקט מיט ווערען און זיך צעלאַכט מיט אַ געלעכטער, וואָס האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן פֿון די טיפֿענישן פֿון האַרצן.

— ס'איז אַ נאַרישקייט, — יעקאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ! נו, וואו האָט איר געזען אַזעלכע רויטע אַרמייער? איר הערט איבער די אינטעליגענטע בוך־סברות און רכילות... און ווי ווערט דאָס גאָר ניט נמאס! איך וואָלט זיי בעסער געזען אין אמתן! איך האָב אַ סך געאַרבעט אויף דעם פֿראָנט, אין די שפּיטאָלן, אויף די באַנדאַזש־פּונקטן. ס'איז אַ ברען, ס'איז אַ אמתער רעוואָלוציאָנערער ריס!

אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט פֿרייד און התלהבות.

— ס'רוב זיינען דאָס דאָך אַרבעטער, וואָס זיינען פֿרייוויליק געגאַנגען אויף דחקות, מאַרטירעריי און טויט. הונגעריקע, באָרוועסע, נאַקעטע — שלאָגן זיי זיך אַזוי ווי לייבן אין משך פֿון גאַנצע וואָכן. און איר האָט אַ פֿאָרשטעלונג, אַז דאָס זיינען באַנדעס פֿון גזלנים, וואָס גייען זיך אָנשטאָפּן פֿולע קעשענעס מיט פֿרעמדן האָב און גוטס. עך, יעקאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ!...

* * *

פֿאַרנאַכט זיינען אין שטאָט אַריין צוויי פּוסגייער פֿאָלקן מיט אַ געהיימער שליחות.

שפּעט ביינאַכט איז ביי זיך אין סאָד, אין דער אַלטאַנקע, באַדעקט מיט ווינשטאָקן, געזעסן דער אַלטער מירימאַנאָוו, מיט אים, — אַ מיליטער-מאַן, מיט אַ פֿינף קאַנטיקן שטערן אויף דעם היטל. זיי האָבן זיך געשושקעט, און זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט. דער אַלטער מירימאַנאָוו האָט דערציילט וועגן זיינע צרות, און דער מיליטער-מאַן האָט געהערט און זיינע אויגן האָבן פֿינסטער געברענט.

דער אַלטער האָט געזאָגט:

— נו, מיך פֿרייט, וואָס דו לעבסט, ביסט געזונט. דאָס, וואָס דו ביסט צו זיי אַריבערגעגאַנגען, אין דעם האָב איך קיינמאָל ניט געגלייבט... זאָל דיר גאָט העלפֿן!

ער האָט מיט נחת איבערגעצלמט דעם זון, אַ כּליפּע געטאָן און אים שטאַרק געקושט. ליובאָוו אַלעקסייעוונאַ איז בגנבֿה צוגעגאַנגען און זיך געזעצט לעבן זיי אויף דער באַנק. דער מיליטער-מאַן האָט געפֿרעגט:

— און וווּ איז באָריאַ?

— ער דינט ביי זיי. אין מיליטער-קאָמיסאַריאַט איז ער, אין דער רעגיסטריר-אָפּטיילונג.

— פֿאַרוואָס איז ער ניט אַוועק מיט אונזערע?

דער אַלטער האָט מיט פֿאַראַכטונג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ליובאָוו אַלעקסייעוונאַ האָט אים אָנגעהויבן פֿאַרטיידיקן:

— מען האָט דאָך אים, צוליב זיין חולאת, באַפֿרייט אויף אַ יאָר. ער האָט געהאָפֿט, אַז די רויטע וועלן אים אויך ניט נעמען.

דער מיליטערמאַן האָט בייז געהערט, קלאַפּנדיק מיט דעם כּטעק איבער דער כּאָלעווע פֿון שטיוול.

„Трусоват был Ваня бедный" *)

*) דער אָרעמער וואַניע איז געווען אַ פּחדן.

— אַגבֿ, גיט ער אונז אַמאָל וועלכע ניט איז ידיעות. ער האָט אָבער שרעקלעך מורא.

* * *

דער חבֿר מעדאָי האָט מיט אומגעדולד געזאָגט:

— סוף־כּל־סוף שלאָגט דאָס שוין צום האַרצן! דער קאָמאַנדיר פֿון דער בריגאַדע איז אַן אמתער אייזלקאָפּ; זיין איינציקע מעלה איז דאָס, וואָס ער איז אַ קאָמוניסט, און אַז מ׳פֿאַרמאָגט ניט קיין אַנדערע מעלות — איז דאָס אַ גרויסער חסרון. אַנטוואָפֿענען און אַרויסטרייבן די מאַכנאָווצעס האָט זיך איינגעגעבן בלויז אַ דאַנק דער טאַקטישקייט און קלוגשאַפֿט פֿון דעם חבֿר כראַבראָוו. ער פֿאַרמאָגט אַ גוואַלדיקע איניציאַטיוו, און איז אויסטערליש העלדיש. נישט אומזיסט האָבן אים די סאָלדאַטן אַ נאָמען געגעבן „כראַבראָוו" („העלד"). און דער קאָמאַנדיר פֿון דעם פֿראָנט באַשטייט אויך דערויף, אַז מ׳זאָל די בריגאַדע איבערגעבן כראַבראָוון.

קראָגער האָט פֿאַרעקשנט געטענהט:

— ער וועט אונז פֿאַרראַטן.

— באַווייזן?

— ווען איך זאָל האָבן באַווייזן, וואָלט איך אים אויפֿן אָרט דערשאָסן.

לעאָניד האָט געלאַכט.

— מיט אייך — איז די מעשה ווי מיט דעם ווייסן עקסל!... אויף דערויף זייט איר אַ פּאָליטקאָם, — גיט אַכטונג אויף אים.

— איך גיב אַכטונג.

* * *

זונטאָג אינאָוונט איז קאַטיע מיט ווערען געגאַנגען צו די קאָרסאַקאָווס. נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ האָט זיי באַגעגנט מיט העלע באַלייכטענע, ווי אַ פּאָר פּראָזשעקטאָרן, אויגן און זיך מיט זיי שטאַרק צעקושט. איר מאַן האָט זי געזאָגט:

– אָט, מיכאַיל! דאָס איז דאָס מיידל, וועגן וועלכער איך האָב דיר דערמאָלט דערציילט: מיט די הוילע הענט איז זי בייגעקומען דעם מאַכנאָווען, וואָס איז געווען באַוואָפֿנט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. זי איז ווערט דעם אָרדן פֿון דער רויטער פֿאָן.

– איך האָב געהערט, איך האָב געהערט... מיר וועלן זי באַשטימען פֿאַר אַן אָנפֿירערין פֿון אַ פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג. מיר וועלן זי אַוועקשיקן צו דעניקינען אין טיל, קיין קובאַן... יורקאַ, ווילסט אַריינטרעטן צו דער אָ מיידל אין איר פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג?

דאָס יינגעלע, וואָס האָט פֿיל געקייט שינקע, האָט באַטראַכט קאַטיען אין סקעפּטיש אויסגעצויגן:

– נו־ו!...

– זי טויג ניט?

נאַרעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך צעלאַכט.

– די פּאַרטיזאַנען פֿאָרן ניט אויף מאַשינעס. און ער וואָלט רק געוואָלט פֿאָרן אויף אַן אויטאָמאָביל, – איין אינטערעס ביי אים.

– וואָס הייסט? ביסט דאָך אַ קאָמוניסט, יורקאַ?

– נו, יאָ.

– איז, אויפֿן סמך פֿון פּאַרטיי־דיסציפּלין. אָן טענות.

– נו־ו!..

אַ קלונג. ס'האָט זיך אַריינגעקאַטשעט אַ קיילעכדיקער מאַן.

– חבֿר קאָרסאַקאָוו, אויף אַ צען מינוטקן געשפּרעכל!

– נו, זאָגט אַליין, חבֿר קלימושקין! איר זעט זיך דאָך אַלע טאָג אין רעווקאָם. לאָזט שוין אים כאָטש זונטאָג אָפּעסן רויִק.

– נו, נו... זייט ניט אין כעס, אייער עקסעלענץ... אינגאַנצן פֿינף מינוט.

ער האָט געהאַט אַ פּאָר לעבעדיקע, קלוג שמייכלענדיקע אויגן, און איז געווען אָנגעפּרישט דיק, אַזוי ווי עס טרעפֿט ביי מענטשן, וואָס הערן מיטאַמאָל אויף זיך פֿאַרנעמען מיט זייער געוויינלעכער פֿיזישער אַרבעט. אַ ראַזירטער, און בלויז אונטער דער נאָז האָט זיך געריטלט אַ קליינקער, קאָמישער דרייעקל־האָר. קאַטיען האָט

געאַרט, וואָס ער איז אַרײַנגעגאַנגען און ניט אַראָפּגענומען דאָס היטל.

ער האָט געגעבן קאָרסאַקאָוון די האַנט. קאָרסאַקאָוו האָט זי געדריקט — אים באַטראַכט — און אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ.

— ווי אַ מענטש וואַקסט! און פֿאַרוואָס ביסטו אַזוי דיק? דו קאָמפּראָמעטירסט די ראַטן־מאַכט. ווי קאָן מען דיך גאָר אַרויסלאָזן אויף אַ מיטינג?

— עפּעס פֿאַרשטיי איך דאָס אַליין ניט, ברודער. איך ווער דיק — און ווייס אַליין ניט פֿון וואָס.

— גייט גיכער און פֿאַרענדיקט.

— נו, נו... און איין מינוט!

זיי זײַנען אַוועק אין קאַבינעט. אָפּגערעדט. קלימושקין איז אַוועקגעגאַנגען.

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט מיט אַ געלעכטער אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן אים. אַ געוועזענער האַמער־קלאַפּער. איצט איז ער קאָמיסאַר פֿון יוסטיץ. אַ זעלטענער אַרבעטער.

— ער איז טאַקע שרעקלעך דיק, אָבער אַפֿילו דאָס איז עפּעס אַזוי אָנגענעם. אַ זעלטענע פֿעאיקייט גלײַך צו כאַפּן דעם תּוך פֿון דער זאַך, גלײַך זיך אָריענטירן אין איר און אַרויסנעמען דאָס וויכטיקסטע. איך האָב דאָס באַמערקט, אַ ריין פּראָלעטאַרישער שטריך. אַ אינטעליגענט נעמט זיך: וואָס? ווי אַזוי? פֿאַרוואָס? און ער פּאַקט דאָס אייפֿן וואונק. און מיט דעם אינסטינקט האַלט ער זיך אָן אין דער ריין פּראָלעטאַרישער ליניע. די ספּעצן־יוריסקאָנסולטן גייען אַרויס פֿון די כּלים, כּדי אים אַרומוועבן מיט זייער בורזשואַזער „געזעצלעכקייט“, און ער רייסט זי, אַזוי ווי שפּינוועבס, און טרעט אויף אַזויפֿיל ניט אָפּ פֿון זײַן וועג.

קאָרסאַקאָוו האָט פֿיל געזאָגט:

— צופֿיל שרדהשאַפֿט! מערקווירדיק, ווי די מאַכט מאַכט אַ תּל פֿון דעם מענטשן. פֿון דזשיגיטער גאַס ביזן רעווקאָם איז פֿינף מינוט גאַנג, — וועט ער קיינמאָל ניט גיין צו פֿוס, ער מוז אומבאַדינגט אַרויסרופֿן דעם אויטאָמאָביל. ס'איז שוין נידעריקער פֿון זײַן ווערדע. אַנדערש פּאַסט אים נישט.

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אויף אים פֿײַנטלעך אַ קוק געטאָן און מיט אַ הוזקל געפֿרעגט:

— און ווי איז דאָס בײַ אײַך, אינטעליגענטן?

— און דו ביסט ניט קיין אינטעליגענטין?... יאָ, בײַ די אידעאישע אינטעליגענטן. די זײַנען עפּעס פּעסטער, דער קאָפּ פֿאַרדרייט זיך ניט אַזוי לײַכט. באַזונדערע מענטשן זײַנען, אַפֿילו, קרעפּטיקער און אויסגעהאַלטענער. אָבער דער דורכשניטלעכער טיפּ, בכלל, מיספֿרײַכט מער מיט דער מאַכט. מיט די אינטערעסאַנטן זײַנען זיי גראָב און קוקן אויף זיי פֿון אויבן אַראָפּ, מיט די, וועלכע ער דאַרף רעווידירן זעצט ער זיך עכן אָונטברויט, זאָגט זיך ניט אָפּ פֿון אַ גלעזל סאַמאָגאָן*)... נו, ס'וועט אָבער מיט דער צײַט אַוועק. דאָך איז דער קערן אַ געזונטער.

— אָט דאָס הייסט אַ בורזשואַזע פּסיכאָלאָגיע! און איך האָב פּונקט באַמערקט דעם היפּוך: טאַקע נאָר די אינטעליגענטן זײַנען גרייט בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט זיך אומצוקערן צו זייערע אַלטע פֿריצישע געוווינהייטן... און אָט נעם טאַקע דיך. שטענדיק — דאָס איז ניט געשמאַק, דאָס ווילט זיך ניט, דאָס האָסטו ניט ליב...

קאָרסאַקאָוו האָט אַ גענעץ געטאָן און זיך געלייגט אויף אַ קורצן קאַסטן לעבן בופֿעט, מיטן פּנים אַרויף און די פֿיס אַראָפּגעלאָזט צו דער פּאָדלאָגע.

— בײַ די אַלטע טוער איז דאָס גאָרנישט, — זיי האָבן אַ שול, — האָט ער געזאָגט, — נאָר אָט בײַ די נייע, בײַ די פֿרישע, — ווייסט עס דער רוח, אויף וואָס זיי וועלן זייער נשמה בויען. מיר האָבן אונזער ערציאונג באַקומען אין די טורמעס, אויף קאַטאָרגע, אונטער די נאַהייקעס פֿון די קאָזאַקן. און די איצטיקע? אין רעקווירטע פּאַלאַצן, אין אויטאָמאָבילן, אין דער אומקאָנטראָלירטער מאַכט איבער מענטשן...

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט מוסיף געווען:

— און בלוטיקע שלאַכטן אויף דעם פֿראָנט...

---

*) בראנפן, וואס מע טרייבט אויף א פרימיטיוון שטייגער.

— יאָ, אין די שלאַכטן... מיר דאַרפֿן זיך אָבער, — צו אַלדע טייוול, — ניט נאָר פּאַרטיידיקן, מיר דאַרפֿן שאַפֿן אויך. שלאַכטן, דאָס איז קלייניקייטן. די שפּאַנישע אָקסן זיינען אין שלאַכט וואונדערלעך, און קיין סאָציאַליזם וועסטו מיט זיי ניט בויען.

קאַטיען איז געפֿעלן, וואָס קאָרסאַקאָוו רעדט אָפֿן, דאָס, וואָס ער טראַכט, — ניט אַזוי ווי נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ און וועראַ. און בשעת מען האָט גערעדט אַזוי, אָן דער טראַפּאַרעטער באַרימערײַ, מיט דעם באַוואוסטזיין פֿון דער גוזמאדיקער גרייס און שווערקייט פֿון די אויפֿגאַבן, זיינען זייערע שטרעבונגען איר געוואָרן נאָענט און אָנגענעמבאַר.

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך געהיצט און נאָך לאַנג זיך געשפּאַרט מיט קאָרסאַקאָוון. ער האָט שווייגנדיק געהערט, מיט צוגעמאַכטע אויגן, דער קערפּער אויסגעצויגן אויף דעם קאַסטן, דאָס געזיכט פֿאַרוואָרפֿן צום באַלקן. קאַטיען האָט איבערראַשט זיין געזיכט, וואָס איז געווען מיד און בלייך. דאָס בערדל האָט אַרויפֿגעשטאַרצט, דאָס מויל איז געווען אָפֿן, אַזוי ווי ביי אַ ברמינן. אַ לייכט כראָפּען האָט געשניטן די ליפּט.

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך שטיל צעלאַכט:

— זעט נאָר, ער שלאָפֿט!

וועראַ האָט אַ שעפּטשע געטאָן:

— ווי נידעריק ס׳ליגט דער קאָפּ. מ׳וואָלט אים געדאַרפֿט אונטערלייגן אַ קישן.

— ניין, מירן אים נאָך אויפֿוועקן.

זיי האָבן געשוויגן. פֿון דער שטילקייט האָט זיך קאָרסאַקאָוו אויפֿגעכאַפּט, זיך שנעל אויפֿגעהויבן פֿון דעם קאַסטן און אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם זייגער.

— צייט צו פֿאָרן.

— וואו נאָך?

— דער מיליטער-קאָמיסאַר האָט געבעטן אויף אַ זיצונג. איך האָב געכאַפּט אַ דרעמל, איצט בין איך פֿרישער געוואָרן.

און איז אַוועקגעפֿאָרן. נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט געזאָגט:

— איצט איז שוין ביז שפּעט בײנאַכט. און נאָכדעם וועט ער ביז פֿאַרטאָג זיצן אין קאַבינעט און אַרבעטן. און אַזוי אַלע טאָג. שלאָפֿן שלאָפֿט ער פֿיר שעה אין מעת־לעת. און האָט אַ שוואַך האַרץ... נו, און דו, פּאַרטיזאַן, הײדאַ שלאָפֿן, — האָט זי זיך געווענדט צום זון.

ווערע האָט געפֿרעגט:

— ער שפּילט נאָך אַמאָל אויפֿן פֿידל?

— ווי איך וואָס! פֿון דער רעוואָלוציע אָן נעמט ער אים אין האַנט ניט.

— און געדענקסט אין דער פֿאַרשיקונג, אין ווערכאָלענסק? אין כוטאָרעווס געבורטסטאָג. אַ ווײַסע נאַכט, אָפֿענע פֿענסטער. און איר האָט צונויפֿגעשטעלט אַ טריאָ, — Engellied —, כוטאָרעוו אויף אַ גיטאַרע, אַנשטאָט אַ קלאַוויר, מיכאַיל טיכאָנאָוויטש אויף דעם פֿידל, און דו האָסט געזונגען:

א גוטע נאכט דיר, מאמא!

דער קלאנג ער לאקט מיך נאכאנאנד...

— אַן אמת מלאָכיש ליד. אָט אַזוי ווי פֿון הימל וואָלטן די קלאַנגען זיך געגאָסן. פּעטראָוו איז געזעסן אין אַ ווינקל און האָט זיך פּלוצים צעכליפּעט. און איך, — ווי נאַריש: איך רעווע; איך בין אַרויס פֿון דער שטוב, איך זאָל אים ניט שטערן... בלאַסע שטערן אויף אַ גרינבלעכן הימל. שוואַרצע טענענביימער...

העלע שטראַלן האָבן אַ בליץ געטאָן פֿון נאַרעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונעס שוואַרצאַפּלען.

— יאָ, ס׳טרעפֿן אַזעלכע מינוטן. מיטאַמאָל ווערט אַלץ איבערפֿול מיט אַזאַ שײנקייט, אַלע ווערן אַזוי נאָענט.

— און כוטאָרעוו אַלײן. געדענקסט, ער האָט דעמאָלט געלײענט לידער. מיר זײַנען זיך צונויפֿגעקומען זיך מיט אים געזעגענען, אײדער ער איז אַנטלאָפֿן. איך האָב דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל געהערט אָט די פֿערזן, צו אַ פֿאַרמשפּטן צום טויט קומט דער גלח און רעדט אים צו ער זאָל תשובֿה טאָן. יענער ענטפֿערט אים, אַז ער האָט ניט אין וואָס תשובֿה צו טאָן, דער גלח באַשטײט

אויף זיינעם. און אָט נעמט דער פֿאַרמשפּטער און הייבט אָן זיין תשובֿה מיט אָט די ווערטער:

זיי מיר מוחל, גאָט, וואָס די הונגעריקע און עלנטע
האָב איך הייס, ווי אייגענע ברידער געליבט!
זיי מיר מוחל, גאָט, וואָס דאָס אייביקע גוטס
האָב איך געהאַלטן אַלס ניט אומזיניקן טרוים!...

אַלע האָבן געשוויגן. וועראַ האָט פּלוצים פֿון דער טיפֿעניש פֿון האַרצן געזאָגט:

— ווי גוט ס'איז דעמאָלט געווען!

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך אָפּגערופֿן:

— ווי גוט!

קאַטיע האָט אויפֿגערעגט אַריינגעקוקט ווערען אין די אויגן:

— יאָ, וועראַ? יאָ? אמת? אמת, אַז דעמאָלט איז געווען בעכער? ס'איז געווען אַ סך בעסער אין דעם אָרימען הייזל, אין דער טייגע, אײדער דאָ, אויפֿן ברעג, אין קרים?

וועראַ האָט שולדיק אַ שמייכל געטאָן:

— אמת.

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך צעלאַכט מיט איר פֿון אינעווייניק אַרויסשפּרידלענדיקן געלעכטער:

— הייסט דאָס, זאָל גאָט העלפֿן, אַז קאָלטשאַק מיט דעניקינען זאָלן זיגן און מ'זאָל אונז ווידער אַהין פֿאַרשיקן! מ'וועט אונז אָבער ניט פֿאַרשיקן — מ'וועט אונז פּשוט אויפֿהענגען!

קאַטיע האָט געפֿרעגט:

— און כוטאָרעוון האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפֿן?

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט ניט גערן געענטפֿערט:

— יאָ...

און אַ שווערער שטילשווייגן האָט געדויערט אַ ווײַלע. קאַטיע האָט פֿאָרשנדיק אַריינגעקוקט אין די אויגן, וואָס האָבן אויף איר ניט געקוקט.

— נו? נו? און ווייטער? וואָס איז מיט אים ווייטער געשען?

— פֿאַראַיאָרן האָט מען אים דערשאָסן. ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם אויפֿשטאַנד פֿון די לינקע עסערן.

* * *

מירימאַנאָוו האָט געקוקט מיט זײַנע קלוגע שמייכלענדיקע אויגן אויף קאַטיען און איר געפֿרעגט:

— אָט, טרעפֿט איר זיך מיט זיי, איר האָט די מעגלעכקייט זיך צוקוקן צו זיי. באַמערקן זיי, לכל הפּחות. עפּעס וואָס, וואָס עס טוט זיך אַרום זיי, גיבן זיי זיך אָפּ אַ דין־וחשבון אין דעם? די קראָמען אין די מאַרקן האָבן זיי פֿאַרמאַכט, דעם האַנדל האָבן זיי פֿאַרווערט, און אַליין גיבן זיי אַרויס צו האַלבע פֿונט ניט דערבאַקענעם ברויט. ווי שטעלן זיי זיך פֿאָר, ווי אַזוי קענען זיך דאָס דורכלעבן אָט די מענטשן, וואָס באַקומען ניט קיין קאָמיסאַרישע פּאַיאָקעס?... אָט איצט איז דער סעזאָן פֿון קאַמסאַ. דער פֿאַנג איז אַ קאָלאָסאַלער, — און די פֿישערס טאָרן ניט פֿאַרקויפֿן די פֿיש פּריוואַטע קונים, — זיי מוזן זיי אינגאַנצן איבערגעבן אין רשות פֿון דערנערונגס־קאָמיסאַריאַט. אומעטום האָט איר פֿיש־אינספּעקטאָרן, קאָנטראָליאָרן מיט מיליטערישע אָפּטיילונגען. מען האָט פֿון פּאָוויאַט געבראַכט אין דערנערונגס־קאָמיסאַריאַט בערך אָנדערהאַלבן טויזנט פּוד פֿיש, און קיין זאַלץ האָט מען ניט פֿאַרגרייט. אַלע פֿיש זײַנען פֿאַרפֿוילט געוואָרן, און איצט באַגראָבט מען זיי שטילערהייט אין דער ערד, דאָס פֿאָלק זאָל ניט זען. און דאָ האַלט מען אין איין צופֿירן פֿרישע פֿיש. און וואָס מיט זיי צו טאָן — ווייסן זיי ניט. ס'איז אַ שווערער ענין! אַפֿילו אַ פֿינף יעריק קינד וואָלט זיי געזאָגט: פֿאַרקויפֿן! ניין, מ'טאָר דאָס ניט, ס'איז קעגן דעם פּרינציפּ!... און זאָגט אַליין: הונגער, חורבן, יעדער פֿונט שפּייז איז אַ שלל, — און זיי לאָזן פֿוילן טויזנטער פּודן! און מיינען, אַז דאָס פֿאָלק מערקט גאָרניט, אַז מ'קאָן דאָס שפּייזן מיט פּליידרייען אויף די מיטינגען! הערט זיך צו, וואָס דאָס פֿאָלק רעדט וועגן זיי אויף די מאַרקן. אַלע, ווי איינער, זײַנען קעגן זיי, דער באָלשעוויסטישער דורמאַן האָט זיך אויסגעוועבט. אַ גרויסן דאַנק

קומט זיי! זיי האָבן דאָס אַליין מער געטאָן, ווי די עקסטרעמסטע שונאים זייערע!

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און אַרויסגענומען פֿון ווערסט־קע־שענקעלע אַ שטיקעלע פּאַפּיר.

— די טעג האָב איך בײַ זייער מאַרקסן געלייענט אַ וואונדערלעכע שטעלע — ס'פּאַסט אויסגעצייכנט צו זייער איצטיקער לאַגע. הערט:

„אַן אָקרענט מיט נאַראָנים וועט זיך, אפֿשר, האַלטן איפֿן 'ים אַ שטיק צײַט, ער וועט זיך טראָגן אַ דאַנק דעם ווינט, אָבער סוף־כּל־סוף וועט ער מוזן אומקומען, און טאַקע נאָר דערפֿאַר, וואָס די נאַראָנים טראַכטן וועגן דעם ניט".

— און זיינען זיי דען נאָר נאַראָנים? גלויבט מיר, יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ: ס'איז ניט קיין שטות און ניט קיין אומזין. ס'איז אַ באַוואוסטזיניקע דעזאָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט, וועלכע ווערט דורכגעפֿירט אַ דאַנק עמיצנס, אַ דייטשקנס, ווילן.

* * *

אויף דער ברעג גאַס איז געגאַנגען מיט אַ שווערנדיק גענגל אַ פֿרוי מיט אַ שוטער קובעלעקל אויפֿן שפּיץ קאָפּ. זי האָט זיך איינגעבויגן און אויפֿגעהויבן פֿון טראָטואַר אַ שטיק צעבראָכענע פֿלאַש, זיך אומגעקוקט און דאָס אַריבערגעוואָרפֿן דורך דעם שטיינערנעם פּאַרקאַן אין ים אַריין.

קאַטיע האָט געקוקט.

— נאָך וואָס טוט איר דאָס?

די פֿרוי האָט אַ שמייכל געטאָן, און פּלוצים איז איר גאַנץ געזיכט באַלויכטן געוואָרן מיט אַ וואונדערלעכן ליבן שמייכל.

— ס'קאָן נאָך ווער אָנטרעטן — זיך צעקאַליעטשען אַ פֿוס.

קאַטיען איז דאָס, אין דער איצטיקער צײַט, אויסגעקומען מאָדנע, — עמיצער זאָל גאָר טראַכטן וועגן אַנדערע! אינאָוונט האָט זי דאָס דערציילט ווערען. ווערא האָט זיך צעלאַכט.

— ווי אַזוי זעט זי אויס? מיט אַ קליין קנעפּעלע אויף דעם שפּיץ קאָפּ? זי גייט, ווי עס פֿליט אַ פֿלעדערמויז?

— יאָ, יאָ!

— דאָס איז אונזער נאַסטאַסיאַ פּעטראָוונאַ.

ווערע האָט דערציילט: זי איז אַן אַרבעטערין אין אַ טאַבאַק־פֿאַבריק, זי האָט צוויי קינדער, דער מאַן איז אַ שיכּור, אַ בריאַן, אַ מגושם, ער פּלעגט שלאָגן דאָס ווייב און די קינדער מכּות רצח, ער פּלעגט פֿאַרשיכּורן זיינע און אירע שׂכירות. מען האָט וועגן דעם מודיע געווען די פֿרויען־אָפּטיילונג. ווערע איז געגאַנגען צו איר אַהיים, און איר איינגערעדט, זי זאָל זיך מיט אים גטן. דאָס פֿאָלקס־געריכט האָט זיי געגט, די קינדער זיינען געבליבן ביי איר, און אים האָט מען עקסמיסירט פֿון דער דירה. פֿון וואָס ער איז געווען שטאַרק איבערראַשט און זי שרעקלעך צופֿרידן. איצט איז זי געוואָרן אַ פֿאַרברענטע קאָמוניסטין, — ווער וואָלט, זאָגט זיי, פֿריער גאָר געטראַכט וועגן אַ פֿרעמדנס אומגליק, ווער וואָלט אַזעלכע געזעצן דורכגעפֿירט? ווערע האָט זי גענומען צו זיך אין דער פֿרויען־אָפּטיילונג.

— דו, קאַטיאַ, פֿאַרקערסט שטענדיק צווישן די, וואָס שיפּען, און דו האָסט דיין קוק אויף אַלעמען. די אַרבעטער־סבֿיבֿה קאָנסטו להלוטין ניט. ווען דו וואָלסט צוגעגאַנגען נענטער, זיך צוגעקוקט, — וויפֿל שיינס וואָלסטו געזען! ביי אונז אין אָפּטיילונג איז פֿאַרהאַן נאָך איין טאָטערין, אַ יונגע, מורע. אָט אַזוי ווי אַ בת־קול פֿון הימל האָט איר געעפֿנט די אויגן און איבערגעאַנדערשט איר גאַנץ לעבן... ס'וועט פֿון איר זיין אַ זעלטענע אַגיטאַטאָרין, די טאָטערן זיינען איפּגעבראַכט, און די טאָטערינס הערן זי אַזוי ווי אַ מלאך פֿון הימל... אָט וואָס. מאָרגן וועט אַנאַסטאַסיאַ פּעטראָוונאַ דאָס ערשטע מאָל לייענען פֿאַר די אַרבעטערינס פֿון איר פֿאַבריק אַ פֿאָרטראָג וועגן דער דעלעגאַטן־פֿאַרזאַמלונג, אויף וועלכער זי איז הײַנט דורך זיי דעלעגירט געוואָרן, ווילסט, וועלן מיר גיין?

— געוויס, וויל איך.

— ריידן קאָן זי, אַפּנים, ניט, איך ווייס ניט, ווי אַזוי זי וועט דאָס טאָן. נאָר דאָך ווערסטו אַלעמען זען.

צומאָרגנס זיינען זיי ביידע געגאַנגען. אין קאָנטאָר פֿון דער פֿאַבריק האָבן זיך פֿאַרזאַמלט בערך פֿערציק אַרבעטאָרינס. נאַ־

כּטאַכּיאַ פּעטראָוונאַ האָט צעשראָקן געקוקט מיט אירע לויפֿנדיקע איגן, אַלעמאָל רויט געוואָרן, און מיטאַמאָל איז איר געזיכט באַ־לויכטן געוואָרן מיט איר ליבן שמייכּעלע.

ווערע איז געווען פֿאַרזיצערין. זי האָט געזאָגט:

— נו, חבֿרטע סיניושינאַ, דערציילט אונז, וואָס האָט איר געהערט אויף דער דעלעגאַטן־פֿאַרזאַמלונג.

— אוי, חבֿרטע סאַרטאַנאָוואַ, איך שרעק זיך! ווי אַזוי וועל איך דאָס טאָן? איך האָב קיינמאָל ניט געלייענט קיין פֿאָרטראָג.

— איר לייענט ניט קיין פֿאָרטראָג. דערציילט פּשוט די חבֿרים, וואָס כ'איז דאָרטן געווען. איר האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז אייך זייער געפֿעלן חבֿר מאַרגוליעסעס רעדע. וואָס האָט ער געזאָגט?

— באמת, איך ווייס ניט, ווי אַזוי...

איין אַלטע אַרבעטאָרין האָט געזאָגט:

— וואָס רעדסטו, נאַסטיאַ? דוכט זיך אַלע זיינען אונזערע. וואָס האָסטו וואָס מורא צו האָבן.

נאַסטיאַ פּעטראָוונאַ איז רויט געוואָרן און זיך אָנגענומען מיט האַרץ.

— נו, אָט ווי אַזוי. ער האָט געזאָגט, די רעוואָלוציע, — איז אַלצאיינס ווי אַ פּיצל קינד, אַ נפֿלע. תּחילת אַזוי, גאָט ווייס, וואָס, קאָנסט אפֿשר ניט דערקענען, צי איז דאָס אַ מענטש, אָדער נאָר אַ חיהלע. אָט אַזוי ווי אַ מפּילע. מ'שרעקט זיך אַפֿילו דערפֿאַר. און נאָכדעם בילדעט זיך דאָס ביסלעכווייז אויס. און ווי כ'ווערט נאָר געבוירן, זעט שוין יעדערער, אַז דאָס איז ווירקלעך אַ קליין מענטשעלע. נאָכדעם הייבט ער אָן צו קוקן מיט די אייגעלעך, ער דערגרייכט די מדרגה פֿון באַוואוסטזיין. נאָכדעם הייבט ער שוין אָן אויפֿהויבן דאָס קעפּל, און נאָכדעם הייבט ער שוין אָן צו גיין. אָט זאָגט מען: ס'איז אַן אומאָרדענונג, אַ בהלה, אַ הונ־גער, די באָלשעוויקעס קאָנען גאָרניט אויפֿטאָן. ס'איז אַלצאיינס, ווי מ'זאָל זאָגן אַן ערשט־געבוירן קינד: פֿאַרוואָס גייסטו ניט?

— אַי, ווי גוט!

— ס'איז דאָך, אמת, מיידעלעך!

נאַסטאַסיאַ פּעטראָוונאַ איז געוואָרן אויפֿגעלעבטער.

— אַלץ, זאָגט ער, וועט קומען בהדרגה, מ׳דאַרף נאָר זען, אַלע זאָלן זיך סטאַרען. מ׳דאַרף דאָך אַלץ איבעראַנייס איינאָרדענען, קיינמאָל, אין קיין לאַנד, ביי קיין פֿאָלק איז דאָס נאָך ניט געווען, אַז די אַרבעטער זאָלן אַליין אָנפֿירן מיט זיך, און איז דאָס דען אַ קלייניקייט, אַז מ׳איז נאָך דערצו ניט געניט?

ס׳איז אַריינגעקומען אַן אַרבעטער און האָט אַ קוק געטאָן מיט אַ געלעכטערל.

— אַ ווייבערשע אַסיפֿה?

ווערא האָט געזאָגט:

— חבֿר, איך בעט אייך, גייט אַוועק, שטערט ניט.

— וואָס טו איך דען? איך וויל נאָר הערן.

— ניין, ניין, גייט אַוועק.

— גיי אַוועק, שאַבראָוו, וואָס דאַרפֿסטו דאָ?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען. נאַסטאַסיאַ פּעטראָוונאַ האָט צונויפֿגעקליבן אירע פֿאַרלוירענע געדאַנקען און ווייטער גערעדט:

— נאָכדעם, הייסט דאָס, האָט ער געגעבן צו פֿאַרשטיין, ווער ס׳זיינען דאָס די באָלשעוויקעס און ווער די איבעריקע. די באָלשעוויקעס זאָגן: מ׳מוז נעמען מיט גוואַלד, אַנדערש טאָר מען ניט. נו, זאָל זיין, רציחות, עוולות אַלערליי, מ׳דאַרף אָבער מיטאַמאָל פֿאַרפֿעסטיקן, אָן שום טענות. און די אַנדערע, — איך האָב שוין פֿאַרגעסן, וואָס פֿאַר אַ נעמען זיי האָבן, — „פֿאַררעטער“, דוכט זיך? — זיי, הייסט דאָס, שרעקן זיך פֿאַר אַלץ: אַלצדינג צו ביסלעך, פּאַוואָלינקע, קיינער זאָל ניט באַוועלט ווערן, מיט יעדערן זאָל מען אויסקומען, די בורזשויען זאָלן ניט זיין אין כּעס. און די בורזשואַזיע נוצט דאָס אויס, און שאַרפֿט שוין די ציין. אַלצדינג צוריק אָפּנעמען, און טראַכטן גאָרניט, אונז ניט צו באַוועלן.

די אַרבעטאָרינס האָבן זיך אויף אַ קול און איינגעלעבט אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג.

— אַי, האָסטו גוט געזאָגט, נאַסטיאַ. האָסט אונז געגעבן צו פֿאַרשטיין — אָט אַזוי ווי אויף דער האַנט!

וועראַ האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— נו, איר זעט, אָט האָט איר געלייענט אַ פֿאָרטראָג, און ס'איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך.

נאַסטאַסיאַ פּעטראָוונאַ האָט געשיינט מיט איר ליבן שמייכל, פֿאַרריכט דאָס צעפּאַטלטע קנבֿלעקל אויפֿן שפּיץ־קאָפּ און מיט גדלות געזאָגט:

— איך האָב ערשט אַ פֿאָרטראָג געלייענט.

* * *

די שרייב־מאַשינעס האָבן געקלאַפּט אַזוי ווי פֿידלערלעך אויפֿן פֿעלד.

טק־טק! טק־טק, טק־טק! דזין! טררר... טק־טק־טק!

— מיין מאַן איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן און מ'ווייסט ניט וואו ער איז. איך האָב חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן.

— וואָס רעדט איר? ער איז שוין לאַנג פֿאַרפֿאַלן געוואָרן?

— שוין צוויי חדשים.

— פֿאַרוואָס־זשע מיינט איר, אַז ער איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן?

— ער שרייבט דאָך ניט.

טק־טק! טק־טק־טק!

— נו, אַז ער וועט מיטאַמאָל קומען צוריק?

— וואָס־זשע האָב איך געקאָנט טאָן? איך בין אַ יונגע. מיר איז אומעטיק אָן אַ מאַנסביל.

* * *

ס'האָט זיך געדרייט אַ ווירבלווינט, — עפּעס אַ משוגע געמי־שעכץ פֿון שטאָלץ פּראָקלאַמירטע רעכט און אַן אומדערהערטע דערנידערונג פֿון יעדער פּערזענלעכקייט, אַ חוצפּהדיק צעוואַלגערן פֿון די סאַמע אַלטגעזעסענע, איינגעוואָרצלטע מיינונגען און ווילדן דערשטיקן פֿון יעדער פֿרייער מיינונג. ס'האָבן געפֿינקלט שטיק־לעך פֿון צעבֿרויזלטע שטאַנדפּונקטן וועגן אייגנטום, בלוטיקע שאָטנס

פֿון צענישט געמאַכטע מענטשן־לעבנס, אָפּגעשפּאָטע הייליקע ביל־דער פֿון קריסטוסן און גאָטס מוטערס, רופֿן צו ברודערשאַפֿט און צו האַס. שטיקלעך פֿון די קייטן פֿון פֿאַמיליען־לעבן, אַרויסגעוואָרפֿענע יאַטן (ѣ) און יערן (ъ), פֿאַרפּלאָנטערטע דאַטן פֿון די קאַלענדאַרן פֿון אַלטן און נייעם סטיל.

* * *

איוואַן איליאיטש איז געשטאַנען אינמיטן. פֿון זיין פֿאַרהוי־בערט קול, — מיט צונויפֿגעלייגטע הענט אויף דער ברוסט און מיט אַ מינע פֿון פֿאַראַכטונג אויף דעם געזיכט. דאָס קאַניצל האָט געהויכערט. מענטשן אין פֿרענטשן מיט מאַטראָסן בושלאַטן האָבן געטרייסלט דעם טופּיאַק, אויפֿגעריסן די ברעטער פֿון דער פּאָד־לאָגע, אַריינגעלייגט אין אַ טעקע בריוו און פּאַפּירן. אַפֿאַנאַסי כאַנאָוו איז געשטאַנען אַ בלייכער, אָנגעשפּאַרט אָן דעם אויוון און האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין דער רעוויזיע.

אַ ראַזירטער מאַן מיט אַ רעוואָלווער האָט געזאָגט:

— לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿון דער אויסעראָרדנטלעכער קאָ־מיסיע אין מאָסקווע ווערט איר אַרעסטירט, בירגער!

איוואַן איליאיטש האָט מיד געענטפֿערט:

— און דאַנקען גאָט. מיר איז דערעסן אייער גרויסע טורמע. פֿירט מיך אין דער קליינער.

צווישן שוואַרצן עולם פֿון באַוואָפֿנטע מענטשן האָט מען אים געפֿירט דורך דעם פֿינסטערן סאָד, צווישן די שמעקנדיקע ווייסע אַקאַציעס, אויפֿן שאָסע האָט אָנגעהויבן רוישן אַ משא־אויטאָמאָביל. פֿון צווישן די ביקסן און סאָלדאַטישע היטלען האָט אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל זיך אַ הוידע געטאָן איוואַן איליאיטשעס הוט מיט די ברייטע ראַנדן. אַננאַ איוואַנאָוונאַ איז פֿאַרגליווערט געשטאַנען ביי דעם צעעפֿנטן טויער און זיי נאָכגעקוקט.

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז, אַן אויפֿגערעגטע, געקומען צו לויפֿן צו ווערען און איר דערציילט, אַז מען האָט אַרעסטירט

איוואַן איליטש. אירע אויגן האָבן געלויכטן מיט צאַרטער ליבשאַפט און מיטגעפיל.

— לויט אַ פאַראָרדענונג פון מאָסקווע. מיכאַאיל האָט דאָס מיר ערשט וואָס געזאָגט דורך דעם טעלעפאָן. ער האָט זיך דאָס אַליין ערשט נאָר־וואָס דערוואוסט.

וועראַ, אַ שרעקלעך בלאַסע, האָט געשוויגן מיט אַן אומבאַוועגלעך געזיכט. קאַטיע האָט זיך אַ הייב געטאָן: מ׳דאַרף עפעס טאָן. נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט געזאָגט:

— קומט צו גיין אינאָוונט. מיכאַאיל וועט זיך אַלץ דערוויסן און דערציילן.

אינאָוונט זיינען זיי געגאַנגען. קאָרסאַקאָוו האָט אַ מאַך געטאָן מיט די הענט.

— נו, וואָס קאָן מען דאָ טאָן! „איר האָט אַגיטירט קעגן טויטשטראָף?“ — „איך האָב אַגיטירט, און וועל שטענדיק אַגיטירן“.

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אומגעדולדיק אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

— כ׳אַר אַ פאַרגליווערטע געדאַנקען! און ווי אַזוי קאָן ער דאָס ניט פאַרשטיין!

קאָרסאַקאָוו האָט געזאָגט קאַטיען:

— דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן טאָן, איז דאָס, וואָס איך וועל אים האַלטן ביי מער אָדער ווייניקער בעסערע באַדינגונגען. איך וועל הייסן, מ׳זאָל אייך לאָזן זיך זען מיט אים. רעדט אים צו, ער זאָל זיך, לכל הפחות, ניט האַלטן אַזוי חוצפהדיק און מיט אַזאַ פאַראַכטונג. ער שרייבט זיך אַליין אונטער דעם אורטייל. די צייט איז איצט אַ גרויזאַמע.

* * *

אין דעמזעלבן פאַלאַץ, וואוהין מען האָט געפירט קאַטיען איידער אויספאָרשונג, וואו זי איז געזעסן אין קעלער, האָט מען איר אַריינגעפירט זיך זען מיט דעם פאָטער. מען האָט אַריינגעפירט איוואַן איליטש אין צימער און זיי גע־

לאָזט אַליין. דורך די אָפֿענע פֿענסטער האָט זיך געפּולט דער ריח פֿון ים און וואַסער־געוויקסן; די לילאָווע הענגלעך פון גליציניעס האָבן זיך אַראָפּגעהאַנגען פֿון דעם מאַרמאָר פֿון די פענסטער געזימסן, זיי האָבן זיך פּולט אויסגעקלעפּט אויף דעם הייסן בלוי פֿון הימל.

איוואַן איליאיטש האָט מיט ברוגזע אויגן געזאָגט:

– איר אַלע, די היינטיקע, אַפֿילו די סאַמע בעסטע, זייט שוין אַזוי פֿאַרוווינט צו שטענדיקע קאָמפּראָמיסן מיט דעם געוויסן, אַז מיר האָבן שוין באַלד ניט קיין אַלגעמיינע שפּראַך.

– אָבער, ניין, פּאַפּאַ, וואַרט! ווי קומען אַהער קאָמפּראָמיסן? דאַרפֿסט זיי נאָר ניט פֿאַררייסן.

– קאַטיאַ! מ׳פֿרעגט מיך: „איר זייט קעגן די טויטשטראָפֿן, וואָס עס פֿירט אויס די ראַטן־מאַכט?“ און איך דאַרף זיך דרייען אויפֿן טעלער, זיך אַרויסדרייען און ניט ענטפֿערן? אָט דאָס הייסט ביי דיר – זיך ניט פֿאַררייסן!... איך זיץ דאָ בסך הכל דעם דריטן טאָג. און איך האָב מיר שוין אַזויפֿיל אָנגעזען, אַז כ׳וועט פּשוט מיאוס דאָס לעבן. יאָ, קאַטיאַ, ס׳ווערט פּשוט אַ שאַנד צו לעבן... אַלע טאָג פֿירט מען אַוועק עטלעכע מענטשן צו דערשיסן, ס׳רוב אַזעלכע, וואָס ווייסן אַפֿילו ניט אין וואָס מ׳באַשולדיקט זיי. ס׳איז דאָ פֿאַרהאַן אַזאַ טשעקיסט, בעליאַנקין, און ווערא איז מיט זיי, און דו דרייסט זיך אויך צווישן זיי...

אַז דאָס זענען זיך האָט זיך געענדיקט, האָט איוואַן איליאיטש אַרומגענומען קאַטיען, זי אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

– איך בעט דיך, קאַטיאַ: קום מער ניט אַהער צו מיר. כ׳איז מיר שווער מיט דיר.

* * *

– שוועבעלעך שוועדישע, קעפּלעך כאָוועטישע! פֿינף מינוט שטינקען זיי, נאָכדעם ברענען זיי!

– פֿריינד, פֿריינד! פֿאַרוואָס־זשע קויפֿט איר ניט קיין ברויט? פֿאַרגעסט זיך ניט! אָט איז ברויט, פֿריש!

– ווי־פֿיל? ביסט פֿון זינען אַראָפּ!...

ס'איז אָנגעפֿלויגן די מיליציע, די קרעמער האָבן זיך אַלע ווילע אומגעקוקט און געלאָפֿן מיט זייערע שטעלעכלעך, די וועגעלעך זיינען געלאָפֿן מיט אַ פֿענט, די פֿורן זיינען אַוועק מיט אַ גאַלאָפּ. די פֿאַרקייפֿער און די קונים האָט מען אַוועקגעפֿירט אין דער מיליציע, די סחורה האָט מען קאָנפֿיסקירט.

אָט אַזוי ווי אַ פֿלוצלונגדיקער געוויטער, אָדער אַ פֿאַרפֿלייצונג. אַן אומפֿאַרשטענדלעכע, אַן אומפֿאַרמיידלעכע. און אין אַ האַלבע שעה אַרום:

— שוועבעלעך, שוועדישע...

— אין גאָט גלייבסטו ניט! הונדערט ריבל קאַרטאָפֿל!

— נעם, בירגער, גיי ניט אַוועק! ביליקער וועסטו ניט קריגן! וועבט קומען צוריק, — וועל איך פֿאַר דעם פּרייז ניט פֿאַרקויפֿן.

אין דעם שטויב און זון, אינמיטן פֿון די מאַרק־אויסגעשרייען און קוויטשען פֿון חזירים — אַ מאָדנער, לאַנגער טרעל:

— אַ־אַ־אַ־אַ־אַ־אַ־אַ...

— אָט איז טאַבאַק פֿאַר ליבהאָבער! פֿאַררייבער, פּייערל!

A-a-a-ah! . . . E strano poter il viso suo veder!
Ah! . . . Mi posso guardar, mi posso rimirar! . . .
— Di, sei tu! Marguerita! Di, sei tu? . . .

אַן אַלטע פֿרוי אין אַן אָפּגעבאַרעטער פּאַלטאָ, אין הילצערנע סאַנדאַלן, האָט געהונגען, הויך פֿאַררייסנדיק דעם קאָפּ, מיט שרעקלעך פֿאַרשעמטע אויגן קוקנדיק איבער דעם עולם. ס'האָט זיך געזען, אַז זי איז געווען אַ שיינהייט, ס'האָט זיך געפֿילט, אַז זי האָט אַמאָל געהאַט אַ שיינע שטימע און אַ גוטע שול. און פּלוצים האָט זי קאַטיע דערקענט: דעם געוועזענעם שטאָט־גאָלאָווא גאַווריליענקאָס פֿרוי, אָט די וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון די מירימאַנאָווס.

קאַטיע האָט זיך איינגעהאָרבעט, — און ניט קוקנדיק אויף איר, איר אַריינגעשטופּט אין האַנט דאָס גאַנצע געלט, וואָס זי האָט בײַ זיך געהאַט, און איז אַנטלאָפֿן.

* * *

אין די בערג, אין די געדיכטענישן פֿון וואַלד, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די גרינע. זיי פֿלעגן איבערנעמען די פֿורן מיט דערנערונג, פֿון זייערע באַהעלטענישן באַשיסן די אויטאָמאָבילן. יעדן אָוונט פֿלעגן זיי מאַכן אָנפֿאַלן אויף די ישובים און דערפֿער, צונעמען עכנוואַרג, געוואָרפֿן אויף די וועגן די צעשאָסענע קערפּערס פֿון די קאָמיסאַרן, וואָס זיי האָבן געכאַפּט. און הייל אויף דעם פֿראָנט איז געווען ווייניק, אַראָפּנעמען דאָס פֿון די פּאָזיציעס אויף צו באַקעמפֿן די פּאַרטיזאַנעס — איז געווען אוממעגלעך.

אומעטום האָט זיך געפֿילט אַן אָרגאַניזירטע, פּאַרטעטרישע האַנט. צוויי מאָל האָט אויף אַ געהיימענישפֿולן אופֿן אויסגעבראָכן אַ שרפֿה נאָענט פֿון די אַרטילערישע סקלאַדעס. אויף די באַשטאַנעס לעבן דער באַן-ליניע האָט מען אַרעסטירט אַ טאָג-אַרבעטער: זיינע הענט זיינען געווען אין מאָזאָלעס, נאָר איין אייזנבאַן-אַרבעטער האָט באַמערקט, אַז ער וואַשט די הענט פֿאַר דעם עסן און דאָס האָט אים אַרויסגעגעבן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַן אָפֿיציר. און דאָך, איז אין פֿינף טעג אַרום, גאַנץ פֿרי, אויפֿגעריסן געוואָרן די אייזנבאַן-בריק אויף דער זיבעצנטער ווערסט.

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז אַריינגעגאַנגען צו ווערען איבערריידן מיט איר וועגן איינאָרדענען דעם טאָג פֿון די אַרבעטאָרינס (זי האָט אָנגעפֿירט מיט דער אָפּטיילונג פֿון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע). נאָכדעם האָט מען געטרונקען טיי. נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אויפֿגערעגט געזאָגט:

— אונזער גאַנצן „אָסאָבי אָטדעל" דאַרף מען דערשיסן. אַ פֿילער, אָן אַ קאַפּ איניציאַטיוו. זיי אַרעסטירן צופֿעליק אַריינגעפֿאַלענע, זיי קאָנען אָבער ניט אָוועקשטעלן די שפּיר-אַרבעט אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין. איצט, אַגב, וועט זיך אַלץ ענדערן, אינגיכן קומט אַהער וואָראָנקאָ.

קאַטיע האָט אויסגעשריען:

— וואָראָנקאָ?!... דער, דער באַוואוסטער?!

— יאָ.

— ג־גאָט, ס׳איז אַ אימה!

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט מיט פֿאַרוואונדערונג אַ קוק געטאָן אויף קאַטיען. ווערא איז געווען בלייך.

— וואָס פֿאַר אַ אימה?

— אָט די היה?... און דאָ וועט זיך אויך אַ גאַס טאָן בלוט, ווי אין פֿאָראָליע און קיעווטשיזנע!

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט מיט וואָג און אויסגעצויגן געזאָגט:

— דאָס איז איינער פֿון די בעסטע און מערקווירדיקסטע מענטשן, וואָס איך האָב אַמאָל באַגעגנט... אָט דאָס איז אַ ווייס־גוואַרדעאישע אָפּשאַצונג! — זי האָט זיך צעלאַכט און זיך געווענדט צו ווערען: — דו ווייסט, אין די אויסלענדישע צייטונגען איז דאָ ניט לאַנג געווען אָפּגעדרוקט זיין פּאָרטרעט מיט אַן אונטערקעפּל: „אָנפֿירער פֿון טשעקאַ וואַראַנקאָ, דער תּליון פֿון אוקראַאינע“. ווען זיי וואָלטן אים געזען, — אַ פֿיינער תּליון!

קאַטיע האָט פֿיינדלעך געענטפֿערט:

— פֿאַר אייך איז ער, געוויינלעך, ניט קיין תּליון. אָט ווען ער זאָל נעמען אייערע פֿאָטערס און קינדער און זיי פֿאַראורטיילן צום שיסן, וואָלט איר גאָר מיט אַנדערע אויגן געקוקט אויף אים... „אַ זעלטענער מענטש“... נו, זאָגט אַליין: איר, איר אַליין, וואָלט געגאַנגען אַרבעטן אין טשעקאַ?

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט מיט פֿאַרוואונדערונג אָנגע־קוקט קאַטיען.

— געוויס! וואָס פֿאַר אַ רייד קאָן דאָ זיין!... ניין, טאַקע באמת, אַלע קאָמוניסטן וואָלטן נאָך דער ריי נאָך געדאַרפֿט אַרבעטן אין דער אויסעראָרדנטלעכער קאָמיסיע, כּדי אַלע זאָלן זען, ווי מיר באַציִען זיך צו אָט דער אַרבעט.

— און איר ווייסט ניט, — זאָגט, אַז איר ווייסט טאַקע ניט, — וואָס פֿאַר אַ בעלי־תּאווהדיקע מערדער־סאַדיסטן עס אַרבעטן זיך אויס אין אייערע טשעקאַען. אָט ווייסט איר דאָך, וואָס מ׳דערציילט זיך

אָן וועגן דעם אָרטיקל טשעקיסט, בעליאַנקינען... און ער איז, געווים, געווען אַ גוטער אַרבעטער.

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונעס אויגן זיינען געוואָרן זייער קליין, טונקל און שטעכיק.

— יאָ, עס טרעפט דאָס אויך, איך ווייס דאָס. אָבער, — אַנטשולדיקט, ניט ביי אַן אַרבעטער. אין קורסק, פאַר אונזער אָפּפאָרן, האָט מיכאַאיל געוואָלט באַפרייען איין אַרעסטירטן, — קיין שום באַווייזן קעגן אים זיינען ניט געווען. און אַ טשעקיסט האָט געפּאַקט אויף אים מיט די פויסטן: „זיי האָבן אונז דאָס גאַנצע לעבן געדריקט, געשאָסן אונזערע ברידער־אַרבעטער. מ׳דאַרף אים אויך שיסן!“ מיכאַאילן איז ער אויסגעקומען פאַרדעכטיק. ער האָט געהייסן אויספאָרשן, ווער ער איז. האָט זיך אַרויסגעוויזן, — אַ געוועזענער זשאַנדאַרם־אָפיציר. מען האָט אים דערשאָסן.

בעת נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז אַוועקגעגאַנגען, האָט כאַטיע, אַרויסקוקנדיק דורך דעם פענסטער געזאָגט:

— אַז איך וועל זיך ערגעץ צופעליק טרעפן מיט אָט דעם וואָראָנקאָן, וועל איך אים די האַנט ניט געבן!

אויף דער באַנק אונטער דעם פענסטער, אָנגעשפּאַרט אָן אָנלען, איז געזעסן מירמאַנאָוו און האָט אַזוי ווי געדרעמלט.

* *
*

ביי יעדער נייער באַגעגעניש מיט נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונען האָט זיך קאַטיע געפילט אַלץ ערגער. נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אָן אויפהערונג ניט געקאָנט ריידן מיט איר. די פראַגן, וואָס כאַטיע פלעגט, מיט איר באַשטענדיקער גלייכקייט, שטעלן, זיינען פאַר נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונען געווען, אַזוי ווי דאָס דערעסענעם זמאַס זמאוסע זשומען פון די בלינדע פליגן, וואָס ראַנגלען זיך אין פאַרשטויבטן שפינוועבס.

קאַטיע האָט באַמערקט: די גאַנצע מענטשהייט האָט זיך אין אירע אויגן שאַרף אָפּגעטיילט אין דריי ראַסעס: די ערשטע — דער פּראָלעטאַריאַט; דאָס איז געווען אַ געטלעכער, מיט שטראַלן־

שיין באַזעלטער און געטלעך־ניט פעלערהאַפטער מין מענטשן, פול מיט גבֿורה, פיינקייט און קלוגן פאַרשטיין דאָס לעבן. די צווייטע — די מענטשן פון איר פּאַרטיי: אַ ענגע פאַמיליע פון טייערע חבֿרים, וואָס זיינען פאַרנומען מיט אַ ווייכטיקער, איינציק־נוצלעכער אַרבעט. און די דריטע — די אַלע איבעריקע: די פאַרביטערט בליאַפענדיקע בלאָטע, וואָס טראַכט נאָר פון איין זאַך, ווי אַזוי צו פאַרגיסן מיט איר שטינקענדיקער שיטעריצע דעם העלן פלאַם פון דער רעוואָלוציע. אויף וויפל דאָס איז געווען מעגלעך, האָט זי זיי איבערגעמיטן מיט אַ פאַראַכטונג. אַלע זייערע ווערטער און מעשים האָבן אין אירע אויגן אויסגעזען, ווי אַ באַוואוסטזיניקער ליגן, באַבאַטאַש און אונטערגראָבונג אונטער דער רעוואָלוציע.

אין דער רעוואָלוציע איז זי געווען פאַרליבט, אַזוי ווי אַ ווייב איז אַמאָל פאַרליבט אין איר מאַן: אַלצדינג איז ביי איר גוט — ער קאָן גאָרניט מאַכן קיין פעלער און טעותים, דער מינדסטער קריטיקירנדיקער מיינונג וועגן אים, נעמט זי אָן, אַזוי ווי די שרעקלעכסטע באַליידיקונג.

קאַטיע האָט איר געזאָגט:

— זעט, אַלע ריידן: אייער וואוינונגס־אָפּטייל — איז פשוט אַ נעסט פון כאַבאַרניקעס, פאַר געלט קאָן מען קריגן די בעסטע דירה, און אָן כאַבאַר וועסטו גאָרניט באַקומען.

שוואַרצע טשוועקעס פון די קליינינקע אייגעלעך האָבן זיך מיט האַס אָנגעשטעלט אויף קאַטיען.

— דערוויזט!

און ס'איז געווען מאָדנע: אָט די שוואַרצע טשוועקעלעך, — איז ניט־זשע זיינען דאָס דיזעלבע גרויסע צעעפנטע פענסטער, פון וועלכע כ'האָבן זיך, אַזוי ווי פּראָזשעקטאָרן, געגאָסן גאַנצע סנאָפּעס וואונדערלעכע ליכט?

— נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ, ווי אַזוי קאָן דאָס דערוויזן אַ פּריוואַטער מענטש? און די מאַכט, אויב זי וועט דאָס נאָר וועלן אויספאָרשן, וועט דאָס זיין זייער לייכט.

— אַנטשולדיקט, קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, די מאַכט האָט ניט קיין צייט צו פֿאַרנעמען זיך מיט שטאָט־פּלאָטקעס.

און קאָרסאַקאָוו, איר מאַן, איז איר װאָס װייטער אַלץ מער געפֿעלן געװאָרן. ער האָט קלאָר געזען די גאַנצע אומאָרדענונג, די אומזיניקע אַכזריות, די אוממעגלעכקייט בײַצוקומען די גרוזמאַדיקע פֿאַרברעכערישקייט און ניט קולטורעלקייט פֿון די אָנפֿירער פֿון דער מאַכט. בשעת די אָפֿיציעלע אַריסטרעטונגען האָט ער זיך געהאַלטן, גלײַך װי דאָס אַלץ איז גאָרניט בנמצא, אָבער אין אַ פּריװאַטן שמועס האָט ער אָפֿן מודה געװען אין דעם. ער האָט פֿעסט געגלייבט אין דעם ענדציל, אין דער אַלגעמיין־ריכטיקער ליניע פֿון דעם אָנגעמערקטן װעג, אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט זיך מודה זײַן אין דעם, אַז אָט דער װעג גייט דורך אַ געדיכטן װאַלד פֿון סטיכישע שטותערייען און קינדערשע פֿעלערן.

אַז קאַטיע פֿלעגט ריידן מיט נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָװנען, אָדער װען זיי פֿלעגן לייענען אַ צייטונג, האָט זי געהאַט אַ פֿאַרשטעלונג: ס׳זיינען געקומען, אַליין זיך לױבנדיקע, אין זיך זיכערע, טעמפּע מענטשן, װאָס זעען ניט דאָס לעבן, זיי צעבלאָזן אין די מאַסן די נידעריקסטע אינסטינקטן און, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן זיי, פּרוּװן זיי זיך צו בויען דאָס לעבן לויט זייערע משוגענע סכעמעס; און צו אָט די מענטשן ציִען זיך פֿון אַלע זייטן געשיקטע ביזנעסלייט, װאָס טראַכטן בלויז װעגן מאַכט און זייערע אינטערעסן.

און אַז קאַטיע האָט גערעדט מיט קאָרסאַקאָװן, האָט זיך איר פֿאָרגעשטעלט אַ בילד: אַ שלאַבעריקן שיפֿל טראָגט זיך מיט דעם שטראָם אויף אַ װילדן, סטיכישן פֿלוס, צװישן אַ שױמענדיקן שױם און שאַרפֿע פֿעלזן, און די, װאָס זיצן אין דעם שיפֿל, שטרענגען אָן אַלע זייערע כּוחות און זעען, אַז דאָס שיפֿל זאָל זיך ניט איבערקערן, ס׳זאָל אין דעם ניט אַרײַנרינען, עס זאָל ניט אַרויף אויף אַ אונטערװאַסערדיקן פֿעלז. און גלייבן, אַז סוף־כּל־סוף װעלן זיי אַרויסשװימען אין אַ ברייטן, ליכטיקן טייך. און די אַלע שטויסן,

די איבגעבריוזטע כוואַליעס, דאָס טראַסקען פון די זייטן פֿון שיפֿל — דאָס אַלץ איז געווען נאַטירלעך און אומפֿאַרמיידלעך.

צווישן קאָרסאַקאָוון און נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָווען זיינען שטענדיק געווען צוזאַמענשטויסן. קאָרסאַקאָוו האָט געטענהט, מיד איבציִענדיק זיך און רייבנדיק די דלאָניעס צווישן די צונויפֿגע־דריקטע קני:

— ס'איז אַ באַשיינפּערלעכער אַבסורד: מיט אונזער ניט־אָרגאַ־ניזירטקייט זיינען מיר פּשוט ניט בכּוח איינצוהאַלטן אין אונזערע הענט די גאַנצע אינדוסטריע און דעם גאַנצן האַנדל. די הויפֿן פֿון די פֿאַבריקן זיינען געוואָרן גאַנצע בית־הקבֿרותן פֿון די נאַציאָנאַ־ליזירטע מאַשינעס, — זיי ווערן פֿאַרזשאַווערט אונטער די רעגנס, מ'צעשלעפּט זיי... דער פּריוואַטער האַנדל שפּאַרט דורך דורך אַלע שפּאַרונעס...

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט גיפֿטיק אָפּגעענטפֿערט:

— הייסט דאָס, אַז מ'דאַרף ווידער ערלייבן דעם פּריוואַטן האַנדל, אומקערן די פֿאַבריקן צו די באַלעבאַטים?

— יאָ, עפּעס וואָס מוזן מיר דאָ טאָן... פֿריער אָדער שפּע־טער וועט מען דאַרפֿן אַריינטראָגן איניקע קאָרעקטיוון.

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז מיט איבגעבראַכטקייט אַרויס פֿון אונטער דעם טיש.

— און דאָס זאָגט אַ קאָמוניסט! אַזעלכע לייט דאַרף מען פּשוט אַרויסוואַרפֿן פֿון דער פּאַרטיי און דערשיסן!

קאָרסאַקאָוו האָט זיך צעלאַכט:

— און אַפֿילו דערשיסן?

— יאָ, און דערשיסן!

* * *

צווייט מאָל איז אַננאַ איוואַנאָוונאַ געקומען צו פֿאָרן זיך זען מיט איוואַן איליאיטשן. און נאָכדעם איז געשען אָט־וואָס.

אַכט סאָלדאַטן זיינען דורכגעגאַנגען דורך אַרמאַטלוק. זיי האָבן דערשמעקט, אַז ס'געפֿינט זיך דאָ אַ סקלאַד מיט ווייַן, האָבן זיי

אָנגעבראָכן די ביינער דעם שומר פֿון סקלאַד, דעם פּאָסטאַליאָן־מיליציאָנער, אַראָפּגעקלאַפּט מיט די ביקסן דעם שלאָס, אַרויסגענומען וויין און זיך געזעצט אויף דעם בערגל טרינקען. זיי האָבן זיך אָנגעשיכּורט. זיי האָבן אָפּגעשטעלט אַ פֿור, וואָס איז גראָד דורכגעפֿאָרן אויף דעם שאָסע, און געהייסן דעם פֿורמאַן, אַ גריך, ער זאָל זיי פֿירן שפּאַצירן. אַלע אַכט זיינען אַרויף אויף דעם פֿורל און אַ לאַנגע צייט מיט אַ גאַלאָפּ זיך געטראָגן איבער דעם דאַטשע ישובֿ, כ'איז שוין געווען אָוונט־צייט און איבער דער גאַנצער גאַס האָט זיך געהערט זייער שיכּור געזאַנג און ווילדער הוקען. און נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן שיסן די הינט אין די הויפֿן. טויט שיכּור זיינען זיי אַנטשלאָפֿן געוואָרן אין סטעפּ הינטער דעם ישובֿ. דער גריך איז אַוועקגעפֿאָרן.

אין אינדערפֿרי האָט דעם שכנישן שומרס טאָכטער ליובאַ דערזען ביי די סאַרטאַנאָווס אין הויף, ביי דעם הויז־שטעלכל, אַננאַ איוואַנאָוונעס טויטן קערפּער. לעבן איר איז געלעגן די שיסל מיט עסן פֿאַר דעם חזירל. אין דער לינקער זייט ביי איר איז געווען אַ וואונד פֿון אַ קויל.

מען האָט דורך דעם טעלעפֿאָן געגעבן צו וויסן אין שטאָט אַריין, און דעם אַנדערן טאָג זיינען געקומען צו פֿאָרן קאַטיע מיט ווערען. זיי האָבן געקוקט אויף דעם רואיקן, וואונדערלעך־שיין טויטן געזיכט פֿון זייער מוטער, — אַ מאָדנע, אָן די קיילעכדיקע ברילן, אַזאַ ליבס און איינגעבאַקנס. און זיי האָבן ביטער געוויינט און מיט שרעק געטראַכט, וואָס וועט זיין מיט דעם פֿאָטער, אַז ער וועט זיך פֿון דעם דערוויסן. קאַטיע האָט געזען די אַרעסטירטע סאָלדאַטן, בלייכע, אויסגעניכטערטע און דערשראָקענע, דערשראָקן נאָר פֿאַר זיך, און ניט פֿאַר דעם, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן. מען האָט זיי געטריבן אין שטאָט אַריין זיי דערשיסן. און דאָס אַלץ איז געווען איבעריק, און וועמען וועט פֿון דעם ווערן גרינגער? אין מויל האָט זיך אַזוי ווי געפֿילט אַ איבלדיקער טעם פֿון בלוט, און אויף דעם האַרצן — אַ טעמפּע שרעק פֿאַר דעם לעבן.

פֿאַר דער צייט, וואָס קיינער האָט ניט אַכטונג געגעבן אויף דער דאַטשע, איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן דאָס חזירל, די הינער

האָט מען צעגנבֿעט. אין קיך האָט מען איסגעזעצט דאָס פֿענסטער אין אַרויסגענומען פֿון דעם אויוון דאָס אייזעלע אין דעם קעסל.

* *
*

ס'האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַ סך געסט. היינט איז געווען קאָרסאַקאָווס געבוירנטאָג, און הערצו נאָך איז געווען זונטאָג, און אַלע זיינען געווען זייער צופֿרידן זיך אַ ביסל אָפּרוען פֿון דער ריזיקער אַרבעט, אַ ביסל פֿאַרברענגען און זיך לאָזן וואוילגיין.

בעלאָזיאָראָוו, אָנגעטאָן אין אַן אָפּגעטראָגענער כאַקי-קורטקע, האָט אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף דעם קלאַוויר, זיין געזיכט איז געוואָרן ערנסט און שטרענג. מען האָט אויפֿגעהערט ריידן. ער האָט געגעבן אַ צייכן דעם אַקאָמפּאַניאַטאָר.

פאר דעם וואָיעוואָדע שווייגנדיק שטייט ער
דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט, דער בליק פינסטער,
דער סאמענער קאפטן
אראָפּגעשלעפּט פון זיינע אקסל,
דאָס בלוט עס רינט פון די וואונדן,
די הענט געבונדן, די פיס אין קייטן...

אַזוי ווי אַלעמאָל, בשעת קאַטיע האָט געהערט בעלאָזיאָראָוון, האָט איר איבערראַשט די ציטערנדיקע קראַפֿט, וואָס האָט איבערגעאַנדערשט דעם קינסטלער אין די מינוטן פֿון זיין שאַפֿן. אַ פֿינצטער שפּאָטישער בליק פֿון אונטערן שטערן, אַ ווילדע ענערגיע, אַ בלוטיק-פֿריילעכע שפּיל אי מיט פֿרעמדע לעבנס, אי מיט דעם אייגענעם. אַלע ליידן, אַלע עינויים, — פֿאַר איין ניצחונותדיקן קלאַפּ אין האַרצן פֿון באַזיגטן פֿיינט.

איך האָב געזונגען אין דיין הייזל,
פארטרונקען די לידער מיט דיין בעסטן ווייַן,
נאָך יעדער גלעזל פארביסן מיט דיין בעסטער שפּייז,
און געקושט זיך הייס, — טאקע מיט דיין אייגן ווייב.

וואו נעמט ער דאָס אַלץ אין זיין נשמה, — אָט דער עקלהאַפֿטער פֿאַרשוין מיט דער קריכערישער, באַלעבאַטיש-מיזערנער נאַטור?

ווי אַזוי קאָן אַ שרעקיק, גרויסאויגיק קינגל מיטאַמאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אמתן טיגער? — ער האָט אַפֿילו ניט געוואַגט אָנצוטאָן זיין כּמאָקונג, — זינט די באָלשעוויקעס זיינען געקומען האָט ער ערגעץ אַרויסבאַקומען אָט די דעמאָקראַטישע קורטקע.

איף די שפּיץ פֿינגער איז אַריינגעקומען אַ גרויער מאַן אין גאָלדענע ברילן. קאָרסאַקאָוו, האָט אים פֿריינדלעך אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און זיך שטיל געזעצט איף אַ פֿרייען שטול לעבן קאַטיען.

בעלאָזיאָראָוון האָט מען מיט באַגייסטערונג אַפּלאָדירט, ער האָט נאָך געזונגען:

„Нас венчали не в церкви“,

„Не шуми ты, мать-дубравушка“.

קאַטיען איז דאָס אויסגעקומען קאָמיש: די אַלע לידער זיינען געווען גזלנישע; ער מיינט, אַפּנים, אַז אָט דער רעפּערטואַר פּאַסט געווים פֿאַר זיינע איצטיקע צוהערער.

קאָרסאַקאָוו האָט פֿיל געזאָגט:

— זינגט: „צוועלף אַ זייגער יעדע נאַכט שטייט איף דער אימפּעראַטאָר פֿון זיין קבֿר אַרויס“.

בעלאָזיאָראָוו האָט פֿאַרוואונדערט און מיט באַדויערן געענטפֿערט:

— איך האָב די נאָטן ניט מיט זיך.

פּלוצים האָט די עלעקטריע אַ פּינטל געטאָן און איז מיטאַמאָל אין אַלע צימערן געוואָרן אויסגעלאָשן. פֿון דער פֿינסטערניש זיינען אַרויסגעשפּרונגען די לבֿנהדיק-העלבלויע פֿירעקן פֿון די פֿענצטער.

— אַ פּראָפּ האָט איבערגעבּרענט.

— ניין, אין דער גאַנצער שטאָט איז פֿינצטער.

— דער מאַשיניסט איז מסתמא אַנטשלאָפֿן געוואָרן. ס'וועט זיך באַלד ווידער אָנצינדן.

ס'האָט זיך אָבער ניט אָנגעצונדן. די עלעקטריע האָט בכלל געאַרבעט זייער שלעכט. נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז געגאַנ-

געגן ערגעץ קריגן ליכט. די געסט האָבן צווישן זיך געשמועסט און געלאַכט און דער פֿינסטער.

איינער האָט זיך אָנגערופֿן מיט אַ קונסטלעך־טיפֿן באַס:

— חבֿר קאָרסאַקאָוו אין דער מיט! אַ סאָוועטישן אַנעקדאָטל!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, אונטערגעכאַפּט, און אָנגעהויבן בעטן.

קאָרסאַקאָוו האָט אַ ווײַלע געשוויגן און געפֿרעגט:

— „די רייזע פֿון אַ רוסישן קיין אויסלאַנד“, איר האָט דאָס ניט געהערט?

— ניין. שיט אַרויס.

דער פֿריערדיקער באַס:

— מיר האָרכן!

קאָרסאַקאָוו האָט אָנגעהויבן דערציילן:

אַ בירגער פֿון דער ראַטן־רעפּובליק האָט, אָפּשטייענדיק זיבן און דרייסיק רייען, באַקומען אַן אויסלענדישן פּאַס, און איז אַוועק־געפֿאָרן קיין בערלין. אויף דער דײַטשער גרענעץ־סטאַציע האָט ער באַקומען אַ בילעט, — און היידא אויף דער רעזערוו־ליניע, וואו עס האָט זיך פֿאָרמירט דער צוג, און מיט דעם טשעמאָדאַן גלייך אַרויף אויף דעם דאַך פֿון וואַגאָן. מען האָט צוגעפֿירט דעם צוג צום פּעראָן. זאָגט דער קאָנדוקטאָר: — „וואָס טוט איר דאָרט, מיין הער? קריכט אַראָפּ!“ — „ס׳מאַכט ניט אויס, חבֿר, איך פֿאָר אַלעמאָל אַזוי, איך בין שוין געוואוינט“. — ביי אונז טאָר מען דאָס ניט, גייט אַריין אין וואַגאָן“. — „זעט איר, חבֿר, איך האָב ניט קיין רעכט צו פֿאָרן אין צוג פֿון שטאָב און אין צוג פֿון אַל־טשעקאַ“. — „אַ בילעט האָט איר?“ — „אָט איז ער, אָט איז דער בילעט“. — „טאָ גייט אַריין אין וואַגאָן“. דער בירגער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אונטערן אויער, אַראָפּגעקראָכן און איז אַריין אין וואַגאָן, — ווי אַ קויל אין וואַסער און זיך פֿאַרשלאָסן. מ׳קלאַפּט. — „ניטאָ קיין אָרט, ניטאָ קיין אָרט, חבֿרים! ס׳זיצן שוין דאָ אַ מאַן צוואַנציק!“ דער צוג איז אָפּגעגאַנגען, די פּאַסאַזשירן קלאַפּן אין וואַטער — פֿאַר־שלאָסן. קומט דער קאָנדוקטאָר. — „העי, מיין הערר! איר וועט דאָרט נאָך לאַנג זיצן?“ — „ביז בערלין!“ — „ביז בערלין? אָט אַ מאָדנע קראַנקהייט!“

דער הער וואָס איז געזעסן לעבן קאַטיען האָט זיך צעלאַכט.

— דער קאָנדוקטאָר האָט אויפגעשלאָסן די טיר מיט זיין שליסל. — „מ׳טאָר אַזוי ניט, מיין הער. טרעט אַמאָל אָפּ דאָס אָרט אַן אַנדערן איך!“

קאָרכאַקאָוו האָט דערציילט, ווי אַזוי דער בירגער איז געקומען קיין בערלין, ווי אַזוי ער האָט אומזיסט געזוכט דעם וואוינונגס-אָפּטייל, ווי אַזוי ער איז געקומען אין אַ האָטעל. ער רופט בסוד אַוועק דעם שווייצאַר. „די זאַך, חבר, באַשטייט אין דעם: איך דאַרף דאָ איבערנעכטיקן. אַזוי, וואו-ס׳איז-ניט-איז! איך בין ניט קיין מפונק. אָט, זאָל זיין אַפילו אָט דאָ, אונטער די טרעפּ, וואו מ׳פאַרקערט דאָס מיסט, איך וועל אייך דערפאַר באַצאָלן צוויי הונדערט מאַרק“. — „ביטע, נעמט אַ נומער. דער בעסטער נומער קאָסט ביי אונז זיבעציק מאַרק“. — „איר פאַרשטייט ניט, איך בין געקומען שפּעט, די וואוינונגס-אָפּטיילונג איז שוין פאַרמאַכט, און איך האָב קיין אָרדער ניט“...

נאָך אַ סך פאַרלייפעניש אין בערלין, האָט מען דעם בירגער, סוף-כל-סוף, אַריינגעזעצט אין אַן אייזערנער שטייג און איבער איר אָנגעשריבן:

Р. С. Ф. С. Р.

(редкий случай феноменального сумашествия расы) *)

ס׳איז אַריינגעקומען נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ מיט צוויי אָנגעצונדענע קוך-לעמפלעך און מיט אויפרעגונג געזאָגט:

— שוין ווידער מיט דיינע ווייסגוואַרדעישע אַנעקדאָטן!

דער דיקער קלימושקין האָט הילכיק געלאַכט. דער הער, וואָס איז געזעסן לעבן קאַטיען, האָט געלאַכט מיט אַ קינדיש געלעכטער, ווי עס לאַכן ערנסטע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן ניט קיין אייגנס קאָמיזם. נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט מיט אַ פאָרוואָרף אַ קוק געטאָן אויף אים.

— און איר אויך?

דער הער האָט אויסגעווישט אונטער די ברילן די טרערן.

*) אַ זעלטענער פאַל פון פענאָמענאַלער משוגעת פון אַ ראַסע.

— ס'איז זייער, זייער שאַרפֿזיניק!

ער איז געפֿעלן קאַטיען, און זי האָט מיט אים פֿאַרפֿירט אַ שמועס. ערנסט און גוט האָט ער געענטפֿערט אויף אַזעלכע פֿראַגן, ביי וועלכע אַנדערע פֿלעגן ווערן איבערגעבראַכט, אָדער גאָר ענטפֿערן מיט אַ גאַוודיקן הזקל.

ער האָט גערעדט, אַרויסלאָזנדיק דורך די וואָנסן דעם רויך פֿון זיין פּייקע.

— ...דאָס האָט מען פֿון לכתּחילה אָן געקאָנט פֿאָראויסזען, און די לאָגיק פֿון דער לאַגע האָט, נאַטירלעך, געבראַכט צו דעם אַלעמען. אָט גיט אַ טראַכט, — אין זיין צייט זיינען ביי אונז אין די הענט געווען דעניקין, קראַסנאָוו און קאָרנילאָוו. קראַסנאָוו איז געווען אַרעסטירט ביי אונז אין סמאָלני אינסטיטוט, — און מען האָט אים באַפֿרייט אויף אַן ערן־וואָרט, אַז ער וועט ניט גיין קעגן אונז. און וויפֿל אַרבעטער־בלוט האָט זיך צוליב דעם אומזיסט אין אומנישט פֿאַרגאָסן!... שונאים, אינערלעכע זיינען נאָך געפֿערלעכער, זיי מאַכן אַ לאָיאַלן אָנשטעל, און שטילערהייט סאַבאָטירן זיי אונזערע אַלע מעשׂים, דעזאָרגאַניזירן אַלץ, וואָס זיי קענען, און אין אַ קריטישן מאָמענט גייען זיי איבער אויפֿן צד פֿון אונזערע שׂונאים.

אין דער האַלבטונקלקייט האָט קאַטיע געזען ערנסטע אויגן אונטער אַ הויכן גלייכן שטערן, ס'האָט געגלאַנצט דאָס גילדענע רעמל פֿון דיברילן, די גרויליקע וואָנסן זיינען אין דער מיט געווען געלרייטלעך פֿון טאַבעק־רויך, דער אייזן פֿון אַ געוויינלעכן אינטעליגענט. געהאַלטן האָט ער זיך אָבער מאָדנע גלייך, אַ האָרעלע ניט איינגעהאָרבעט.

קאַטיע האָט געזאָגט:

— נו, גוט. דאָס אַלץ קאָן מען נאָך — אויב ניט אָננעמען, איז פֿאַרשטיין. מען אַרעסטירט דאָך אָבער און מ'ברענגט אום אומשולדיקע, אַבי נאָר ס'פֿאַלט אויף זיי אַ חשד, אַפֿילו אָן דעם מינדסטן חשד, פּשוט אַזוי זיך.

— געוויס. אָבער ס'איז גלייכער אומצוברענגען צען אומשולדיקע, איידער דורכלאָזן איינעם אַ שולדיקן. און דער עיקר, — ס'איז וויכטיק, די אַטמאָספֿער פֿון שרעק, וואָס דראָט מיט פֿאַראַנטוואָרטלעכ-

קייט פֿאַר דער מינדסטער שייכות. אָט דאָס איז דער עצם פֿון דעם טעראָר... דאָס שפּורלאָזע פֿאַרפֿאַלן ווערן אין די קעלערס אָן די עפֿעקטפֿולע עפֿנטלעכע עקזעקוציעס און פֿייערלעכע לעצטע ווערטער. ניט מורא האָבן פֿאַר דעם אַלעמען קאָנען בלויז אידעאישע, גראָדע מענטשן, און אונזערע שונאים האָבן זיי זייער ווייניק. און אָן די מאַסן זיינען זיי שוואַך, און די בירגערלעכע מאַסע וועט ביי אַזעלכע באַדינגונגען אַפֿילו ניט וואַגן זיך אַריר צו טאָן, זי וועט מורא האָבן אַפֿילו אַרויסשלעפֿן אויף זיך דעם מינדסטן חשד.

מיט אַ שוואַכער שרעק האָט קאַטיע געקוקט אויף די ברילן, וואָס האָבן געגלאַנצט אין דער האַלבטונקלקייט פֿון אונטער דעם הייכן שטערן. און איר שכל איז זי, אפֿנים, געפֿעלן,— מ'זיינען אים געפֿעלן אירע אויגן, וואָס זיינען להוט נאָך דעם אמת, די אומפֿאָרזיכטיקע ליידנשאַפֿטלעכע זוכעניש אין דער שטימע. ער האָט גערעדט, — מיט אַ גוטן, ערנסטן טאָן פֿון אַן עלטערן חבר:

— אין די גוזמאדיק־שווערע באַדינגונגען, ביי וועלכע די רעוואָלוציע קעמפֿט פֿאַר איר קיום, איז דאָס — דער איינציקער וועג. אַ געפֿערלעכער וועג, אַ שווערע אַרבעט. מ'דאַרף האָבן גאָר אַ באַזונדער מין כאַראַקטער: מ'זאָל קאָנען רואיק, אָן אָנשטרענגונג, היכּגיין דאָס אַלץ, און ניט אַראָפּ פֿון דעם זינען — און מ'זאָל ניט פֿאַרשיכּורט ווערן פֿון דעם בלוט, פֿון דער מאַכט, פֿון דער גיטגעקאָנטראָלירטער אַרבעט. און צום באַדויערן טרעפֿט עס זייער אָפֿט, אַז די מערהייט ענדיקט טאַקע אַזוי: אָדער זיי גייען אַראָפּ פֿון דעם זינען, אָדער פֿריער אָדער שפּעטער מוז מען זיי דערשיסן.

קאַטיע האָט אַ טרייסל געטאָן מיט דעם קאָפּ, כּדי אַראָפּצוּוואַרפֿן די שווערקייט, וואָס האָט זיך אויף איר אָנגעוואַלעט.

— אַך, ניין!... גאָט! אָט וואָס איך פֿאַרשטיי ניט. נאָך דער שטים הער איך, איך זע — איר זייט אַן אידעאישער, איבערצייגטער מענטש. און אָט, — איר, נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, סעראָי... איר אַלע רעדט אַזוי לייכט וועגן דעם, דערפֿאַר וואָס פֿאַר אייך איז דאָס נאָר טעאָריע: מ'טוען טוט זיך דאָס דאָרטן ערגעץ מחוץ לגדר פֿון אייער טעטיקייט. נו, זאָגט, — נו, אויב אייך זאָל אויסקומען... ווי איז אייער פֿאַמיליענאָמען?

— וואָראָנקאָ.

קאַטיע איז פֿאַרטרייסלט געוואָרן:

— וואָ־וואָראָנקאָ?

— יאָ.

אַזוי ווי אַ קינד, האָט קאַטיע פֿון איבעראַשטער שרעק אויפֿגעעפֿנט דאָס מויל און אומבאַוועגלעך געקוקט אויף וואָראָנקען.

ער האָט פֿאַר זיך אַ שמייכל געטאָן.

— איר האָט געמיינט, — אַז ניט נאָר די הענט, נאָר דאָס מויל איז אויך בײַ מיר אין בלוט?

קאַטיע האָט שווײַגנדיק ווײַטער געקוקט. דאָס געווײנלעכע געזיכט פֿון אַ רוסישן אינטעליגענט איז מיטאַמאָל געוואָרן געהיימעניספֿול שרעקלעך, אײן און אײנציק מיט זײַן נײַקײַט. זי האָט פֿאַרלוירן געזאָגט:

— איך פֿאַרשטײ גאָרנישט...

קאָרסאַקאָוו איז צוגעגאַנגען און פֿאַרפֿירט אַ שמועס מיט וואָראָנקאָן.

געגעסן האָט מען רײַשיק, מיט אַ געלעכטער. מען האָט געטרונקען ווײַן, קאָניאַק. וואָראָנקאָ איז געזעסן שווײַגנדיק, — אַ גלײַכער. מיט ערנסטע, אין זיך קוקנדיקע אויגן. דער גראָדער שטערן איז אַראָפּגעהאַנגען איבער זײַנע ברילן. אַ געוויינלעך, עטוואָס צעשויבערט גרוי בערדל.. וויפֿל הונדערטער, און אפֿשר טויזנטער לעבנס זײַנען אויף זײַן געוויסן! און אַלע ריידן אַזוי פּשוט, הפֿקריש, מיט אים און ער קוקט אַזוי רויִק... קאַטיע האָט געזוכט אין אָט די אויגן, הינטער די ברילן אַ באַהאַלטן פֿײַערל פֿון תּאוותדיקער אַכזריות, — ס'איז ניט געווען. ס'איז אויך ניט געווען קײן סימן פֿון „גרויבן, געהיימען טויער“.

אינדערהיים איז קאַטיע אַליין אַוועק אין סאָד אַרײַן. די שפּיצן פֿון די קיפּאַריסן און פּיראַמידאַלע אַקאַציעס האָבן זיך מיט די שאַרפֿע שפּיצן פֿון שוואַרצן פֿלאָם־פֿײַער געצויגן צו די העלע שטערן, וואָס האָבן געבלינצלט מיט אַ שוואַכן ציטער.

אָט די רויִקייט און ניט שעמען זיך פֿאַר דעם, וואָס ער טוט... און ס'קאָן דאָך זײַן, אַז ערגעץ אין רוסלאַנד האָט ער קינדער, וועלכע

ער צערטלט. וואָס איז דאָס? און ווי זי האָט זיך ניט געמיט, האָט זי ניט געקאָנט פֿאַראייניקן איר איינדרוק, וואָס ער האָט אויף איר געמאַכט, מיט דעם, וואָס זי האָט וועגן אים געוואוסט. און איצט איז זי געווען גרייט צו האַלטן פֿאַר מעגלעך, וואָס נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט וועגן אים מיט ליבשאַפֿט דערציילט, — אַז ער לעבט ווי אַן אָרעמאַן און אַסקעט, ער עסט צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן פֿון זיין טשעקאַ, פֿון קיין פּערזענלעך לעבן ווייסט ער אינגאַנצן ניט. פֿאַר דער רעוואָלוציע האָט ער פֿינף יאָר פֿאַרבראַכט אין אַ קאַטאָרגע־טורמע.

אָבער ווי אַזוי, — ווי אַזוי קאָן ער זיין אַזאַ? קאַטיע איז שנעל אַרומגעגאַנגען איבער די שטעגעלעך פֿון סאָד, צוגעדריקט די דלאָניעס צו די באַקן און קוקנדיק אַרויף צום הימל, אויף די שטערן, וואָס האָבן געבלינצלט פֿון צווישן די שוואַרצע צווייגן.

און מיטאַמאָל איז איר געקומען אויף דער מחשבֿה: די מאָראַל, אין אירע סאַמע טיפֿסטע יסודות, — צי איז זי ניט עפּעס אַ מין צייטווייליקע, אַ אַמטלעכע, — אָט פּונקט ווי, למשל, אַ היפּאָטעזע אין דער וויסנשאַפֿט? האָט זי איבערגעהערט צו דינען דעם לעבן, ווי ווער עס באַנעמט זי, — איז מאַרש, אַרויס! אַרויס דאָס אַלץ, וואָס האָט פֿריער געשיינט צו זיין אומבאַרירלעך, אָן וועלכן דער מענטש האָט קיין מענטש ניט געקאָנט זיין?

און באמת, און ביז איצט, — צי איז דען דאָס אַלעמאָל אַזוי ניט געווען?

אָט, ערשט דאָ ניט לאַנג. פֿאַרנאַרן טויזנט מענטשן אין אַ פּאַסטקע און אַפֿילו מיט קיין אויג ניט אַ פּינטל טאָן, זיי אויסהרגענען פֿון ווייט־שיסנדיקע האַרמאַטן. אָדער אַ לאָז טאָן אויף די שיץ־גראָבנס פֿון דעם שונא, נאָך ביז אַהער ניט געזעענע טאַנקעס אין, ווי מיט אַ שניידמאַשין, אויסשניידן מיט קוילנוואַרפֿערס דאָס מענטשלעכע פֿעלד. ווערן איבערגעבראַכט און פֿילדערן וועגן די גיפֿטיקע גאַזן, און נאָכדעם זאָגן: — „איר טוט אַזוי — טוען מיר אויך אַזוי!“ און זיך אומקערן מיט אָרדנס, הערן פֿריידעוודיקע, באַגריסנדיקע רייד, זען זייערע פּאָרטרעטן אין די צייטונגען, זיך רעכענען פֿאַר אַ העלד און זעלטן פֿיינעם מענטשן. האַלטן אויף

די קני דעם זין, קוקן אין זיינע באַגייסטערטע אויגן און אים דערציילן וועגן זיינע גאַזלאָוואָסטוועס. צו דעם איז מען געווינט, אַזוי טוען אַלע. און דער מענטש שעמט זיך דערפֿאַר נישט. און נאָר דערפֿאַר?

* * *

אינדערפֿרי, ליגנדיק נאָך אין בעט, האָט קאַטיע געזאָגט ווערען:

— דעם פּאַפּאַ וועט מען באַפֿרייען, איך בין איצט איבערצייגט. איך וועל היינט גיין צו וואָראָנקאָן.

וועראַ האָט מיט אַן אומבאַוועגלעך געזיכט אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ און שוואַך געענטפֿערט:

— ער וועט אים ניט באַפֿרייען.

— ער וועט באַפֿרייען, וועסט זען. ס׳איז געפערלעך צו האָבן צו טאָן מיט איסקאַנדערן, מיט די בעליאַנקינס. און וואָראָנקאָ וועט פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַ מענטש דער פּאַפּאַ איז. מיט אים קאָן מען ריידן מיט אַ מענטשלעכער שפּראַך.

זי איז אַוועק. ס׳איז געווען שווער צוצוקומען צו אים. וואָראָנקאָ האָט קיין פּריוואַטע מענטשן ניט איפּגענומען, נאָר קאַטיע האָט געקאָנט צוקומען צו אים.

וואָראָנקאָ האָט זי אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט.

— ניין. ער איז אַן איבערצייגטער קאָנטר-רעוואָלוציאָנער, באַ-פֿרייען אים טאָר מען ניט. מיר האָבן ידיעות פֿון די אָרטיקע אַר-בעטער, אַז בשעת די ווייסע, האָט ער ענערגיש אַגיטירט קעגן דער ראַטן-מאַכט.

קאַטיע איז איבערראַשט געוואָרן. פֿון די אָרטיקע אַרבעטער? פֿון וועלכע אַרבעטער?

און האָט זיך פּלוצים דערמאָנט: ס׳איז געווים טימאָפֿיי גלובאַר, וואָס האָט ביי זיי פֿאַרריכט דעם דאַך...

— און ס׳אַנדערע, אויב אייער פֿאָטער וועט איינגיין דערויף, ער זאָל זיך אונטערשרייבן, אַז ער וועט ניט אַגיטירן קעגן טויט-

שטראָף און קעגן דער ראַטן־מאַכט, און אַז ס'וועלן פֿאַר אים ערבֿ זיין אייער שוועסטער און דער חבֿר סעדאָי, — וועל איך אים באַפֿרייען.

און אין די רויִקע, ניט פֿיינטלעכע אויגן הינטער די גאָלדענע ברילן, האָט קאַטיע דערזען, אַז דערדאָזיקער מאַן ענדערט קיינמאָל ניט זיינע באַשלוסן. זי האָט מיט אַן אַראָפּגעפֿאַלן קול געזאָגט:

— ער וועט דאָס ניט טאָן.

— איך ווייס. איך האָב דאָס אים שוין פֿאָרגעלייגט.

— חבֿר וואָראָנקאָ! — קאַטיעס קול האָט געקלונגען. — איר פֿאַרשטייט אויסגעצייכנט, אַז דער פּאַפּאַ איז ניט קיין קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, אַז ער בונטעוועט זיך ניט קעגן דער רעוואָלוציע, נאָר קעגן אייערע מעטאָדן.

— וויכטיק זיינען ניט זיינע מיינונגען וועגן דער רעוואָלוציע, נאָר זיינע מעשׂים.

— גאָט! וואָס־זשע וועט איר מיט אים טאָן?

וואָראָנקאָ האָט געקוקט פּונקט אַזוי ערנסט און ניט פֿאַראינטערעסירט, ער האָט נאָר אָפּטער, ווי מען האָט געדאַרפֿט, געשטופּט דעם מונדשטוק פֿון זיין פּיפּקע אין מויל אַריין און מיט צונויפֿגעפּרעסטע ליפּן דורכגעלאָזט דעם רויך דורך די פֿאַררייכערטע וואָנסן.

— אויב דאָ וועט זיין רויִק, און די פֿאַרבינדונג וועט זיך איינשטעלן, וועלן מיר אים אָפּשיקן קיין מאָסקווע... אָט, חבֿרטע סאַרטאַנאָוואַ, איז אַלץ, וואָס איך קאָן אייך זאָגן.

און ער האָט געוויזן אויף דעם פּלאַקאַט:

פֿאַרהאַלט ניט מיט קיין איבעריקע געשפּרעכן.

געענדיקט אייער ענין, גייט אַוועק.

קאַטיע האָט שוין געהאַט געעפֿנט דאָס מויל, — נאָר זי האָט צונויפֿגעפּרעסט די ליפּן, און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. אומגערן האָט זי זיך אָנגעשלאָגן מיט דעם ביישטידל פֿון דער טיר. זי איז אַרויסגעגאַנגען.

איבער דעם קאָרידאָר האָט מען איר אַנטקעגן געפֿירט אַן אַרעסטירטן. קאַטיע האָט צעשטרייט אַ קוק געטאָן און איז פֿאַרבייגעגאַנגען. און פּלוצים האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. צום באַוואוסטזיין איז געקומען דאָס געזיכט מיט דער האָרבאַטער נאָז מיט דעם גרויסן, געשלענגלטן מויל, מיט די אויסגעקאָלערטע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך געזען טויט-שרעק... זיידבערג! דער אָנפֿירער פֿון דעם וואוינונג-אָפּטייל, וועלכער האָט דעמאָלט אַריינגעזעצט קאַטיען אין קעלער. זי האָט אים נאָכגעקוקט. מען האָט אים אַריינגעפֿירט אין וואָראָנקאָס קאַבינעט.

* * *

לאַנג-לאַנג האָט זי שוין ניט געהאַט קיין רויִקן שלאָף און קיין ליכטיקע חלומות. שווערע קאָשמאַרן פֿלעגן איר דריקן ביינאַכט און פּרעסן די ברוסט און ווי אַ שטיקנדיקער קישן זיך אָנוואַלגערן אויף דעם געזיכט.

אַ מאַטראָס מיט אַ שווערדל האָט זיך געוואָרפֿן אויף אַ דיקן בורזשוי אָן אַ געזיכט און, צוזעצנדיק זיך אויף די קני, האָט ער אים געהאַקט איבער דעם קאָפּ, און ער איז זיך צעפֿליגן אויף קליינע שפּענדעלעך. נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, שטראַלנדיק מיט אירע רעפֿלעקטירנדיקע אויגן, הזרט אָן אַן אויפֿהער: „דערשיסן! דערשיסן! דערשיסן!" דער דערשטיקטער גענעראַל איז געלעגן מיט צעשפּרייטע הענט, און דאָס איז גאָרניט געווען קיין גענעראַל, נאָר די מאַמע מיט אַ רויִק געזיכט, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי מאָדנע אָן די ברילן. און אַ יונגע פֿרוי מיט געפֿאַרבטע ליפּן האָט גערעדט אונטער דער נאָז: „מיין מאַן איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, — שוין צוויי חדשים, אַז איך באַקום פֿון אים קיין בריוו ניט".

קאַטיע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און זיך שנעל געזעצט אויף דעם בעט. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט מיט שווערע, לאַנגזאַמע שטויסן. הינטער די ניט פֿאַרהאַנגענע פֿענסטער האָט קוים שעמערירט די נעפּלדיקע זריחה.

שוואַך, סודותפֿול און טרויעריק האָט אַ קלונג געטאָן דער גלאָק פֿון דעם מאָנאַסטיר אויף דעם באַרג. נאָך אַ קלונג און נאָך — איינער נאָך דעם אַנדערן. די קלאַנגען האָבן זיך פּאַמעלעך און איינגעטיפּט געטראָגן און געשוואומען אין דעם מוטנעם גרוי. און ס'איז געווען אין זיי אַ ווילכטיקס, אַן אָרגאַניזירנדיקס. און געשטאָרבנס. און ס'האָט זיך געפֿילט, אַז זיי זיינען שוין איצט ניט ביכולת עפּעס וואָס צו אָרגאַניזירן... און אַרום און אַרום הערשט אַ מוטנער כאַאָס, און ס'איז ניט בנמצא די קראַפֿט, וואָס זאָל אָרגאַניזירן.

וועראַ האָט אין שלאָף געזיפֿצט, נאָכדעם האָט זי זיך פּלוצים צעוויינט, אויסגעציגן מיט אַ כליפּערײַ. זי האָט אויפֿגעציטערט און איז אַנטשוויגן געוואָרן, און איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט דער קאָלדרע.

אַפּנים זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אייגענעם געוויין.

קאַטיע האָט שטיל גערופֿן:

— ווערא!

זי האָט ניט געענטפֿערט. און טרויעריק, פּאַראיינזאַמט האָט אין נעפּל געקלונגען דער ווייטער גלאָק.

* *
*

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט באַגעגנט קאַטיען מיט אָט די ווערטער:

— נו, קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, פֿרייט זיך! ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איר זייט גערעכט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין וואוינונגס־אָפּטייל זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן מעשים תעתועים, אַלע האָבן גענומען שוחד, אַלע, ווער ס'האָט זיך נאָר ניט געפֿוילט. היינט אינדערפֿרי האָט מען, לויט וואָראָנקאָס באַפֿעל, דערשאָסן דעם גאַנצן וואוינונגס־אָפּטייל. די אָרדערס האָט מען מבטל געמאַכט, מען האָט באַשטימט אַ נייע קאָנטראָלע איבער זיי.

קאַטיע האָט זיך אָנגעבלאָזן, ווי אַ שטעכלער:

— וואָס־זשע דאַרף איך זיך פֿרייען! אַז די מאַכט איז אָן אַ קאָנטראָל, אַז ס'איז ניטאָ פֿאַר וועמען זיך צו קלאָגן, און קיינער

ווייס ניט זיינע רעכט, — וועלן אַנדערע איך זיין פּונקט אַזוי ווי יענע.

אַ קלונג. מיט שנעלע טריט איז אין עסצימער אַריין אַ מאַן אין אַ פעלדגרויער קורטקע. ניט באַגריסנדיק זיך, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם טישטעך, באַטראַכט דעם טיש.

— אַ סאַמאָוואַר? גוט. קעז? פּוטער? מער דאַרף מען גאָרנישט. קאָניאַק איז דאָ?

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָווונאַ האָט זיך צעלאַכט.

— רוכט זיך יאָ. אָט וועל איך אַ קוק טאָן.

— אויסגעצייכנט. איבער טיש! דער לאָרד-מער איז אינדערהיים?

— ביי זיך אין קאַבינעט.

— זייער גוט. אַ פערטל שעה אויף אַ שמועס. נאָכדעם אַהער צו אייך. אין אַ האַלבע שעה אַרום אין פּאָוויאַט אַריין... טוק-טוק!

ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער טיר פון דעם קאַבינעט. נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָווונאַ האָט זיך מיט אַ געלעכטער איבערגעקוקט מיט ווערען.

— אַזוי איז אַלעמאָל. אַזוי ווי אַ שטורעם-ווינט. מיט דריי טעג צוריק איז ער געקומען צו פאָרן פון סימפעראָפּאָל, און אין דער דערנער-אָפּטיילונג איז אַלץ אַוועק כאַדראַם. אָט וועסטו זען, ס'וועט אַוועק איין וואָך, — און ס'וועלן אויסוואַקסן וואַגאָנעס ברויט ווי פון אונטער דער ערד.

קאַטיע האָט געפרעגט:

— ווער איז דאָס?

— דער גובערנערקאָם, קאָמיסאַר פון דערנערונג. קאָלעסניקאָוו. אַן אויסטערלישער מענטש. אָט אַן ענערגיע! שטענדיק אונטערוועגס. ווען ער שלאָפט, — ווייסט קיינער ניט. דאָס גאַנצע לעבן אין דער אַרבעט. איר פאַרשטייט, ער איז די גאַנצע צייט אַזוי ווי פאַרשיכורט מיט זיין אַרבעט.

ווערע האָט איינגעהאַלטן באַמערקט:

— יאָ, ער איז אַן ענערגישער. איך האָב מיט אים ווינטער געאַרבעט אין טאַמבאָווער גובערניע. ער געפעלט מיר אָבער ניט.

אַן אַכזר, אַ גזלן. ער פֿלעגט דערשיסן צענדליקער פּויערים. און אַזוי גלייכגילטיק, זאַכלעך, — אָט אַזוי ווי שאָף.

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ האָט אַרויסגעשטעלט פֿון דעם בופֿעט אַ פֿלאַש קאָניאַק, קאַלט פֿלייש, ווינעגרעט.

— דערפֿאַר אָבער איז זיין פּאָוויאַט, לויט דעם סכום פֿון צוגעשטעלטן ברויט, געווען דער ערשטער אין גאַנץ רוסלאַנד. מ׳זאָגט, אַז לענין האָט אים געזאָגט: ווען אַלע דערנערקאָמען זאָלן זיין אַזעלכע, ווי איר, וואָלט אונזער רעוואָלוציע דורכגעגאַנגען דורך אַ פֿיל גרינגערן וועג.

— יאָ... אָבער דאָך... און זיך אַליין זאָגט ער אין קיין זאַך ניט אָפּ. ער האָט שטענדיק קאָניאַק, און אַלץ האָט ער איבער־געגנוג. כ׳איז פּשוט געווען אַ בזיון אַריינצוקומען צו אים. און דער־צו נאָך: אַלע האַלבע יאָר אַ פֿרישע ווייב.

— געוויס איז דאָס אַלץ... איך ווייס אָבער ניט. ווי פֿל איך קוק מיך צו, — אַלץ מער איבערצייג איך זיך, אַז די געזעלשאַפֿטלעכע מאָראַל שטימט גאַנץ אָפֿט ניט מיט דער פּערזענלעכער. אַפֿנים, אַז דאָס זיינען גאָר פֿאַרשיידענע זאַכן. און ווי וואָלט ער גאָר געקענט אַרבעטן, ווען ער זאָל זיך שפּייזן מיט ברויט מיט שטרוי? און נאָכדעם, — אַז עס קומט אויס, קאָן ער גאַנצע טעג גאָרנישט עסן, שלאָפֿן אונטער אַ ביימל, אויפֿן רעגן.

כ׳זיינען אַריינגעקומען קאָלעסניקאָוו מיט קאָרסאַקאָוון, האַלטנ־דיק אינמיטן געשפּרעך. קאָלעסניקאָוו האָט זיך שנעל געזעצט צום טיש, גענומען די פֿלאַש קאָניאַק און אַ קוק געטאָן אויף דעם עטיקעט.

— מאַרטעל, דריי שטערנדלעך. זייער גוט.

ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גרויס גלעזל, דאָס אויסגעטרונקען, און גענומען צובייסן מיט גרויס אַפּעטיט. ער האָט נאָך געטרונקען. קאָרסאַקאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טרינקען. ער האָט גענומען אַ לעפֿעלע מיט ווייסע גרייפּעלעך פֿון אַ גלעזל באַנקעלע און דאָס איינ־געשלונגען.

— וואָס איז דאָס?

— גליצעראָפֿאָספֿאַט.

— זיך אָננעמען מיט חכמה?

— יאָ.

— כ'העלפֿט. פֿאַראַיאָרן איז ניט געווען קיין צוקער, פֿלעג איך טרינקען טיי, מיט גליצעראָפֿאָספֿאַט. האָבן זיך אַלע אין גאַס געשראָקן, — אַזאַ קלוג געזיכט האָב איך באַקומען!

נאַרעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט מיט לייכטנדיקע אויגן געקוקט און געלאַכט. אין די אָפֿענע פֿענסטער איז געווען שוואַרץ, און כ'האָבן געבלאַנקט בליצן.

— איך האָב דאָס באַלד אַוועקגעוואָרפֿן. מען האָט מיך נאָך געקענט אָננעמען פֿאַר אַ רוסישן אינטעליגענט.

קאַטיע האָט זיך אַוואָרף געטאָן.

— און וואָס פֿאַר אַ בזיון איז דאָס, ווען מ'וואָלט איך אָנגענומען פֿאַר אַן אינטעליגענט?

קאָלעסניקאָוו האָט אָנגעהויבן זידלען די אינטעליגענץ. קאַטיע האָט זיך צעאַמפּערט מיט אים. ווי אַזוי קאָן מען זיך אַזוי באַציען צו דער אינטעליגענץ! מען האָט זיי פֿאַרוואַנדלט אין עפּעס אַ מין פֿאַריער, זי קומט אום פֿון הונגער און קעלט — כ'קומט אום די גאַנצע אינטעלעקטועלע קראַפֿט פֿון לאַנד. ערשט דאָ ניט לאַנג האָט דער פּראָפֿעסאָר דמיטריעווסקי באַקומען אַ בריוו פֿון פּעטערבורג. דער באַרימטער היסטאָריקער, דער אַקאַדעמיקער זיאַבראָוו האָט פֿאַר צוויי פֿוד ברויט פֿאַרקויפֿט זיין גאַנצע ביבליאָטעק. ער איז געקומען אַהיים און דערזען די ליידיקע פּאָליצעס — האָט ער זיך אויפֿגעהאַנגען, טאַקע דאָ אין זיין קאַבינעט... און די מאָראַלישע זייט פֿון אונזער רעוואָלוציע איז אויך אַזוי פֿיל נידעריק, זי פֿאַרמאָגט אַזוי וויניק איידלקייט טאַקע נאָר דערפֿאַר, וואָס זי האָט פֿון זיך אָפּגעשטויסן די אינטעליגענץ.

נאַרעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט געמאַכט אַ זויערע מינע.

— גאָט מיינער! אָט די אינטעליגענטישע חקרות, ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צו זיי!

קאָלעסניקאָוו האָט מיט לאַכעדיקע אויגן מיט נייגעריקייט באַטראַכט קאַטיען: ס'הייסט, ווי קומט דאָס אַזעלכע אָט אַהער אַ? ער האָט זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל און דאָס אויסגעטרונקען.

— נו, פֿריילין, אָט לאָמיר אַ ביסל אָנשאַרפֿן די צינגער. אַלס דיווערטיסמענט. וואָס פֿאַר אַ מאָראַלישע ליניע פֿאַרמאָגט דאָס די אינטעליגענץ? ס'איז דורכגעפֿוילט דרויב, און ניט קיין ליניע. אַלטע, פֿאַרסליזנעטע ווערטער. אין מיסטקאַסטן דאַרף מען אַרויס־וואַרפֿן אָט די קאַרטלעך, די ריינקייט פֿון דער נשמה. צו וועלכע טייוול דאַרף זי ווער האָבן? די ליבע צו די ליידנדע ברידער... אַבסורד! „די פֿליכט פֿאַר דעם פֿאָלק... אַב־סורד!. דאָס פֿאָלק מיט געפֿיל, „די שטים פֿון פֿאָלק". שפּייען!

— און אויף דעם מיטגעפֿיל פֿון פֿאָלק?

— אויף כפּרות!

— און אויף דעם מיטגעפֿיל פֿון די אַרבעטער?

— אויב זיי גייען ניט מיט אונז — אויף כפּרות! מיר וועלן זיי אייך באַווייטיקן! מיר וועלן זיי צווינגען צו גיין מיט אונז. זיי זיינען ניט דערוואַקסן, זעען ניט די ליניע, און דערפֿאַר דאַרפֿן מיר זיך דאָבטשען אויף איין אָרט? זיי לאָזן פֿאַרגרעסערן די מענשעוויסטישע בלאָטע?

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום פֿלעשל. נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט ניט געלאָזט.

— זעט נאָר: אַ געוויסער, דער רעגן גיסט. איר האָט טאַקע באַשלאָסן פֿאָרן?

— אין צוויי מינוט אַרום.

— ווייבאַלד אַזוי, וועל איך אייך מער ניט לאָזן טרינקען.

ער האָט מיט דער דלאָניע אָפּגעשניטן די פֿלאַש פֿון נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונען.

— איך בין קיינמאָל ניט שיכּור. אַז ס'דערגייט ביז צו דער דראָענדיקער מאָס — ווערט מיר דער וויין דערווידער.

ער האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזל.

— אָט־וואָס, מיין ליבע פֿריילין. הערט זיך דאָס איין. אייער אינטעליגענץ נוצט אונז צו גאָרנישט. מיר דאַרפֿן בלויז האָבן צוויי קאַטעגאָריעס מענטשן: געוועזענע קאַדר־אָפֿיצירן — שלאַכט־מענטשן, פּראָנטאָוויקעס, אָט מיט דעם אָ, — ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיט זיין פֿיסט, — און אויך אינזשינערן. ניט אייערע צעווייקטע אינטע־

ליגנטן, נאָר אינזשענערן פֿון אַמעריקאַנישן שטייגער, זיי זאָלן קאָנען אַרבעטן, און ניט פּראַווען סענטימענטן. און וואָס שייך די פּראָפֿעסאָרישע מייטקעס — וואָס גייט דאָס אונז אָן?

— וואָס פֿאַר אַ מייטקעס?

— נו, די ביכער, לאָמיר זאָגן!

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן.

— איך פֿאָר! — ער איז צוגעגאַנגען צום בופֿעט, אים איפּגעפּנט. — אָהאָ! נאָך אַ גאַנצע פֿלאַש קאָניאַק! איך רעקווירירט!

ס'האָט געגאָסן אַ דרוס-רעגן, ס'האָט געקנאַלט דער דונער. אין דער שטורעמדיקער פֿינסטערניש האָט זיך דערווייטערט דאָס אױבענדיקע זיפֿצן פֿון דער אויטאָמאָביל-סירענע.

דריטער טייל

לאַנגזאַם שלענגלענדיק זיך, זיינען זיך איבער דער שטאָט צעקראָכן שטילע קלאַנגען. אויף אַ צייט זיינען זיי אָפּגעשטאָרבן, צוגעפֿאַלן צו דער ערד, — און ווידער איפּגעהויבן דעם קאָפּ, און געקראָכן שנעלער, דרייסטער, וועקנדיק שרעק ביי אײנע, און האָפֿענונג ביי אַנדערע.

מען האָט דערציילט: פֿון צפֿון-זייט האָט יודעניטש פֿאַרנומען פּעטראָגראַד און ער טרעט שוין צו צו טווער; די פֿרייוויליקע אַרמיי האָט פֿאַרנומען סינעלניקאָווע און כאַרקאָוו; די מאַכנאָווצעס זיינען איבערגעגאַנגען אויף דעניקינס צד. די ראַטן-פּרעסע האָט מודיע געווען, אַז דעניקין האָט פֿאַרנומען דעם גאַנצער באַסיין. דער מיליטערישער קאָמיסאַר וואָראָשילאָוו האָט אויף אַ צוזאַמענפֿאָר מודיע געווען, אַז גריגאָריעווס רויבערישע באַנדעס זיינען צעווייט אין די וועלדער, אָבער דער „אוזעאישער בעל-גופֿישער קערן" אָרגאַניזירט זיך און שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן ערנסטע געפֿאַר. מען האָט איבערגעגעבן, אַז גריגאָריעוו איז גאָרניט צעשלאָגן — פֿאַרקערט: גריגאָריעוו מאַרשירט צו פּערעקאָפּ צו, כדי זיך צו פֿאַראייניקן מיט מאַכנאָ, זיינע לאָזונגען זיינען: די גאַנצע מאַכט די פֿריי אויסגעוויילטע ראַטן, דאָס אָפּשאַפֿן פֿון דעם ברויט-מאָנאָפּאָל און די קאָמונעס, פֿאַרטיליקן די יידן. די רויטע מיליטער-טיילן, וואָס מען האָט קעגן אים אַרויסגעשיקט, זיינען איבערגעגאַנגען אויף זיין זייט. די ראַטן-מאַכט געפֿינט זיך אין אַ שרעקלעכער פּאַנישער לאַגע. דער פֿראָנט איז זיך צעפֿאַלן. ס'פֿילט זיך קיין סימן ניט פֿון וועלכער ניט איז דיסציפּלין. די סאָלדאַטן שיכורן און דעזערטירן.

קאַטיע האָט אין גאַס געטראָפֿן דעם אַרטיסט בעלאָזיאָראָוון.

— װלאַדימיר איװאַנאָװיטש, איר האָט געהערט? מ'זאָגט, אַז די באָלשעװיקעס האַלטן שמאָל.

— און איר גלייבט? ס'איז אַ אַבסורד! און װער פֿאַרשפּרייט דאָס אָט די קלאַנגען? אָט, ערשט נאָר װאָס האָט מיר דאָס זעלבע געזאָגט סעמיאָנאָװ, אַ מיטגליד פֿון דער קאָלעגיע פֿון ערד-אָפּטייל, איך װעל היינט זיין אין רעװקאָם, װעל איך דאָרט איבערפֿרעגן.

גייענדיק צוריק פֿון דער אַרבעט, האָט קאַטיע װידער געטראָפֿן בעלאָזיאָראָװן. ער איז געגאַנגען און האָט געטראָגן אונטער יעדן אָרעם צו אַ צען פֿונטיקע סלוי, — איינער מיט האָניק, דער צװייטער מיט אַבריקאָסן-איינגעמאַכטס; איבער רוקן האָט ער געטראָגן אַ פֿערטל שינקע. קאַטיע האָט זיך צעלאַכט.

— װאָס איז דאָס?

— היינט אינדערפֿרי האָט מען אין דער װילע בענאַרדאָקי אַנטדעקט צװיי פֿאַרמויערטע צימערן. זיי זיינען פֿול געװען מיט גאָלד און זילבער, מיט מאַנופֿאַקטור, מיט כּל-ערליי שפּייז. דער גערטנער האָט געמסרט. אָט האָט מען מיך פֿאַרזאָרגט אין רעװקאָם.

— און װאָס האָט מען אייך געזאָגט װעגן דער אַלגעמיינער לאַגע?

— געװיינלעך, אַן אַבסורד! איך האָב אייך אַזוי געקלערט. ס'איז אַ פּראָװאָקאַטאָרישער אויפֿטו. די לאַגע קאָן גאָר בעסער ניט זיין. מען האָט מיך געפֿרעגט: „װער פֿאַרשפּרייט דאָס אָט די קלאַנגען?“ — האָב איך דערציילט װעגן סעמיאָנאָװן. — „װי איז זיין פֿאַמיליע? סעמיאָנאָװ? אָט װעלן מיר אים פֿאַרנאָטירן און אים פֿאַרבעטן“.

— איז ניט-זשע האָט איר אָנגערופֿן די פֿאַמיליע?

בילאָזיאָראָװ האָט זיך פֿאַרװאונדערט.

— װאָס איז דען?

— דאָס הייסט דאָך, װלאַדימיר איװאַנאָװיטש, ביי אָנשטענדיקע מענטשן, אַזוי גוט, װי געמסרט, װי שעמט איר זיך ניט?

— פֿאַרװאָס-זשע רייסן זיי אַרונטער דעם אויטאָריטעט פֿון דער ראַטן-מאַכט? אַזוי קומט זיי!

* * *

בעלאָזיאָראָוו, איז געפֿאָרן קיין אַרמאַטליק, — אָפּפֿירן אייניקע זאַכן אין באַקוקן זיין דאַטשע, וואָס איז געווען פֿאַרזיכערט דורך צענדליקער פּאַפּירלעך. די דאַטשע איז שטענדיק געווען באַוואַכט דורך אַ מיליציאָנער פֿון דעם רעווקאָם.

אין דאָרף האָט מען אייך געהאַלטן אין איין שמועסן, אַז די באָלשעוויקעס גייען אַוועק. בעלאָזיאָראָוו האָט אויף דער טיר פֿון רעווקאָם אויפֿגעהאַנגען אַ מודעה, אַז איך האָב זיך, הייסט דאָס, דערוואוסט, אַז אין דאָרף ווערן פֿאַרשפּרייט פּראָוואָקאַטאָרישע ביי־ווילִיקע קלאַנגען... די ראַטן־מאַכט האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט אין קרים אויף שטענדיק... די וואָס פֿאַרשפּרייטן אָט די בייזוויליקע קלאַנגען וועלן דורך דעם רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל פֿאַרמשפּט ווערן צו דערשיסן אויף דעם אָרט...

ס'איז ניט באַוואוסט, מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט בעלאָזיאָראָוו האָט זיך דאָס אונטערגעשריבן אונטער אָט דער מודעה. בכּך־הכּל איז ער געווען אַ פֿאַרוואַלטער פֿון דער סיבאָפּטיילונג פֿון טעאַטער אין אָרטיקן פֿאָלקבילד.

* * *

און די קלאַנגען אין שטאָט זיינען געוואָרן שטאַרקער, די פּאַניק — פֿילבאַרער. מען האָט געמאַכט אַ שלל רעוויזיעס. מען האָט אייך געמאַכט אַ רעוויזיע ביי מירימאַנאָוון. אָבער, ווי אַלעמאָל בשעת די מאַסן־רעוויזיעס, איז די רעוויזיע געווען אויף גיך און אויבן־אויפֿיק. ביינאַכט האָט דער העלבלויער שטראַל פֿון אַ פּראָזשעקטאָר גענישטערט איבער דעם ים און איבער די בערג. מען האָט דער־ציילט, אַז ביינאַכט האָט מען אויפֿן ים באַמערקט מינען־טרעגער, אַז מען האָט זיי סיגנאַליזירט פֿון די סעדער אויף די בערג. פֿון פֿאָוואַט פֿון די ברעג־פּונקטן האָט מען אויך איבערגעגעבן, אַז מען האָט באַמערקט אויסשפּיר־שיפֿן און אַז מען האָט זיי סיגנאַליזירט

פֿון די בערג. מען האָט איבערגעגעבן, אַז אָט־אָט וועט קרים ווערן אָפּגעשניטן פֿון צפֿון זייט.

דער פּראָפֿעסאָר דמיטריעווסקי האָט זיך געקאָכט און איז אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרקלערטער.

קאַטיע האָט געפֿרעגט ווערן — וואָס הערט זיך? ווערע האָט גיך געענטפֿערט, אַז אַלץ איז כּשורה. ס'האָט זיך אָבער געפֿילט — ס'רוקט זיך ווידער אָן אַ שטורעם.

די אַרבעטער, וואָס מען האָט אײַנגעקוואַרטירט בײַ מירימאַנאָוון אויפֿן אויבערשטאָק, האָבן מיט פֿינסטערע פּנימער זיך אײַנגעפּאַקט און ערגעץ אַוועקגעטראָגן זייערע זאַכן.

* *
*

אײַנמאָל איז צו מירימאַנאָוון געקומען אַ באַוואַקסענער קאָזאַק מיט אַ רויטן שטערן אויף דעם היטל. קאַטיע האָט אים שוין פֿריער איך עטלעכע מאָל געזען. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז מירימאַנאָוו אַוועקגעגאַנגען און די נאַכט ניט גענעכטיקט אינדערהיים.

* *
*

אין עק שטאָט, אין דער זייט פֿון דעם שאָסע, שטייט אַ שמוציקער צווייִשטאָקיקער בנין מיט קליינע פֿענצטערלעך מיט קראַטן. שפּעט בײַנאַכט איז צום אײַזערנעם טויער צוגעפֿאָרן אַן אויטאָמאָביל, פֿון אים זײַנען אַרויסגעגאַנגען צוויי מיליטער־לײַט און זײַנען אַרײַן אין קאָנטאָר. אין דער פֿינסטערער קאָנטאָר האָט געזיבערט אַ קאַניצל, באַוואָפֿנטע סאָלדאַטן האָבן געטרונקען ווײַן, געזונגען לידער.

איינער פֿון די מיליטער־לײַט האָט שטרענג געפֿרעגט:

— דער קאָמענדאַנט פֿון דער טורמע איז דאָ?

אַ מאַטראָס, וואָס איז געזעסן בײַם טיש, האָט ניט גערן געענטפֿערט:

— איך בין דער קאָמענדאַנט.

דער מיליטערמאַן האָט אים אָװעקגערופֿן אָן אַ זײַט און אים שטיל געפֿרעגט:

— חבֿר, איר האָט באַקומען דעם באַפֿעל?

— באַקומען. מיר פֿירן באַלד.

— אָט־װאָס. בײַ אײַך געפֿינט זיך דאָ אַן אַרעסטאַנט, װעלכן מען האָט געדאַרפֿט אָפּשיקן קײן מאָסקװע. דאָקטאָר סאַרטאַנאָװ. מיר מוזן פֿערזענלעך זײַן איבערצײַגט, אַז ער װעט אונדז שױן קײנמאָל ניט זײַן געפֿערלעך. זאָגט, מ'זאָל אים אונדז ברענגען.

דער מאַטראָס האָט גוטמוטיק אַ שמײכל געטאָן.

— אפֿשר װילט איר נאָך עמיצן? נעמט נאָך אַ צענדליק. ס'װעט קלעקן פֿאַר אַלעמען.

— נײן, מיר דאַרפֿן נאָר אים אַלײן. — ער האָט זיך געװענדט צו זײַן חבֿר. — חבֿר טשאַנג, איר װעט צונעמען דעם אַרעסטאַנט, און איך װעל װאַרטן אין אױטאָמאָביל.

דער חבֿר, דער כינעזער האָט געענטפֿערט:

— халясó *)

דער ערשטער האָט געװאַרט אין אױטאָמאָביל. ער איז געזעסן לעבן דעם שאָפֿער, פֿון פֿאָרנט. דער כינעזער איז אַרױסגעגאַנגען מיט איװאַן איליטשן פֿון טיר. איװאַן איליטשעס הענט זײַנען געװען געבונדן מיט אַ שטריק. ער איז געװען זײער באַװאַקסן און האָט עפּעס שטאַרק אונטערגעהינקען. דער כינעזער האָט זיך געזעצט לעבן אים.

דער מיליטערמאַן, װאָס איז געזעסן פֿון פֿאָרנט, האָט אַ שעפּטשע געטאָן דעם שאָפֿער:

— אין דזיכאָנינס שטאַב!

די מאַשין האָט אַ װאָרטשע געטאָן, לײכט זיך אָפּגעריסן פֿון דעם אָרט און אַװעקגעפֿאָרן מיט דעם שאָסע. דאָרט האָט זי זיך פֿאַרקערעװעט אױף לינקס פֿון דער שטאָט, און זיך געלאָזט אין די בערג.

איװאַן איליטש האָט זיך פֿאַרװאונדערט אומגעקוקט.

*) גוט.

— וואוהין פֿירט איר מיך?

דער כינעזער האָט נית געענטפֿערט. איוואַן איליאיטש האָט אויסגעגלייכט דעם רוקן, טיף אָפּגעאָטעמט און אַ קוק געטאָן אויף דעם וואַרימען, טרוקענעם חושך, וואָס האָט איינגעהילט די קוסטעס ביים וועג, אויף די העלע שטערן איבער די בערג. און ער האָט נאָך אַמאָל טיף אָפּגעזיפֿצט, נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין דעם ווענטל, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אים שוין מער נית אויפֿגעהויבן.

די מאַשין האָט געפּראַלט איבער דעם שאָסע, צווישן דעם שטילן אַראָמאַט פֿון די וואַלד־גראָזן. אַלע האָבן געשוויגן. דער מיליטער־מאַן, וואָס איז געזעסן לעבן דעם שאָפֿער, האָט פּלוצים געזאָגט:

— שטיי!

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם וואַלדיקן שיפּוע, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט פֿון דעם שאָסע מיט אַ שורה בלופּיקלעך.

— איר וועט פֿאָרן ווייטער, — דאָרט וועט מען קענען אויסקערעווען דעם אויטאָמאָביל.

און ער איז אַראָפּגעקראָכן. דער כינעזער איז אויך אַרויסגעקראָכן און געהייסן איוואַן איליאיטשן אַראָפּגיין.

דער ערשטער איז בלייך געוואָרן און מיט אַ געשטיקטן שעפּטשען איינגערוימט דעם כינעזער אויף דעם אויער:

— איך וועל אַליין. זעצט זיך צוריק אין אויטאָמאָביל.

דער כינעזער האָט גלייכגילטיק אַ פֿינטל געטאָן מיט די שמאָלע שפּעלטעלעך פֿון די אויגן און איז צוריק אַריינגעקראָכן.

דער אויטאָמאָביל איז ווייטער אַוועקגעפֿאָרן. אונטן, וואו דער ווייבער וועג האָט זיך פֿאַראייניקט מיט דעם שאָסע, האָט ער זיך אויסגעקערעוועט און נית געאיילט געפֿאָרן צוריק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט איבער דעם שיפּוע און אַ פֿייף געטאָן. און אַזוי ווי אַלס ענטפֿער, האָט זיך פֿון אונטן, פֿון אונטער די שוואַרצע קופּאָלן פֿון די ביימער, קורץ אָפּגעהאַקט אַ שאָס פֿון אַ רעוואָלווער. פֿון צווישן די קוסטעס איז אַרויסגעגאַנגען דער מיליטער־מאַן, אַריינ־

לייגנדיק אין שוידל אַ גרויסן רעוואָלווער, שווייגנדיק האָט ער זיך געזעצט אין אויטאָמאָביל לעבן דעם כינעזער.

די מאַשין איז אַוועק צו דער שטאָט צו.

* * *

אין אַ האַלבע שעה אַרום, נאָכדעם, ווי דער אויטאָמאָביל איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער טורמע, האָבן זיך די אייזערנע טויערן ברייט צעעפֿנט, ס'איז אַרויסגעגאַנגען אַ גרויסער עולם מענטשן; אַרומגערינגלט מיט באַוואָפֿנטע סאָלדאַטן.

די איינוואוינער פֿון דער טאָטערישער סלאָבאָדע, וואָס זיינען נאָך ניט געשלאָפֿן, האָבן אונטער די פֿענסטער געהערט אויפֿגערעגטע מאַנסבילשע קולות, אַ געוויין פֿון פֿרויען, אַ שיכור שרעקלעך זידלעריי, וואָס האָט זיך דערווייטערט אין דער ריכטונג צו די אָפּוואָרף־גריבער. אַ זקן, אַ טאָטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס אַ קוק טאָן, האָט אין אַ פֿערטל שעה אַרום דערהערט אין דער פֿינסטער הינטער די גריבער ווייטע געשרייען, טרוקענע זאַלפּן פֿון ביקסן און איינציקע שאָסן. די שטילקייט האָט איבערגעריסן אַן אומזיניקער, היהשער געשריי פֿאַר דעם טויט, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן מיט אַ שאָס, און אַלץ איז ווידער שטיל געוואָרן.

* * *

די גאַסן זיינען געווען פּוסט. ס'זיינען אַרומגעגאַנגען באַוואָפֿנטע אַרבעטער. אין די אַנשטאַלטן זיינען געהאַנגען מודעות וועגן די פֿאַלשע קלאַנגען, וואָס ווערן פֿאַרשפּרייט דורך בייזוויליקע מענטשן און פּראָוואָקאַטאָרן. אַלע אָנגעשטעלטע איז פֿאַרזאָגט צו קומען צו דער אַרבעט. און דאָך, איז כמעט קיינער ניט געקומען.

קאַטיע האָט אין גאַס אָנגעיאָגט בעלאָזיאָראָוון. מיט אַ געל, איינגעפֿאַלן פּנים, האָט ער געשלעפּט אַ גרויסן קלומעק מיט זאַכן.

קאַטיע האָט אים באַטראַכט מיט לאַכעדיקע אויגן.

— נו, וואָס, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש, — פּראָוואָקאַטאָרישע קלאַנגען?

בעלאָזיאָראָוו האָט אַ דריי געטאָן מיט דעם קאָפּ.

— שלעכט.

— וואו גייט איר דאָס?

— אין דעם ראַטן-הויז בלייבן — איז ניט באַקוועם. איך קלייב זיך איבער צו באַקאַנטע אין אַ פּריוואַטער דירה.

קאַטיען האָט זיך פאַרוואָלט אים רייצן.

— אין ס׳וועט דאָך אייך, מסתמא, אויסקומען צו ענטפערן פאַר אייניקע אייערע מעשים.

— אייגנטלעך, וואָס האָב איך דען אַזוינס געטאָן? — נאָכדעם האָט ער אַ דריי געטאָן מיט דעם קאָפּ און בלאָז אַ שמייכל געטאָן. — און ווער ווייס, ס׳קאָן זיין, — מ׳וועט מיך אויפהענגען!

ער איז נאָך מער געל געוואָרן, און די אויגן האָט זיך באַוויזן אַ געלע שרעק.

— נו, מ׳וועט אייך ניט הענגען. איר וועט זיי זינגען פון „זשיזן זאַ צאַריאַ“, „טשיזוט פּראַוודו“.

לעבן גאַניק פון דעם מיליטער-קאָמיסאַריאַט איז געשטאַנען אַ הייפל הייטע אַרמייער, איינער האָט מיט חוזק געפרעגט בעלאָזיאָראָוון:

— וואָס, חבר, איר קלייבט זיך איבער אויף אַ זומער-וואוינונג?

— יאָ, אין מיין דירה איז עפּעס די לופט איבערגעפירט.

דער עולם האָט זיך צעלאַכט. הינטער זיי האָט זיך דערהערט:

— מ׳וואָלט אים געדאַרפט אַריינזעצן אַ קויל אין רוקן.

בעלאָזיאָראָוו האָט זיך פאַרקערעוועט אין אַ געסל.

אויף דער ברעג-גאַס איז אַן איינפאַך געקליידטע פרוי, אַפּנים אַ דינסט, צוגעלאָפן צו אַ יונג מיט אַ ביקס און האָט אַ געשריי געטאָן:

— פּאַטרול! שטעל אָפּ אָט די פרוי! די איז אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנערין!

אַ פיין געקליידטע פרוי האָט זיך געאיילט אַוועקצוגיין אין אַ זייטיקער גאַס.

— האַלט, אַניט וועט זי אַנטלויפֿן!

דער מיליציאָנער איז נאָכגעלאָפֿן די דאַמע און זי געכאַפּט בײַ דער האַנט.

— וואָס ווילט איר?

— זי האָט ערשט אַ פּראָפּאַגאַנדע געפֿירט. זי האָט, הייסט דאָס, געזאָגט, אַז דאַנקען גאָט, וואָס מ׳טרייבט שוין די באָלשעוויקעס. זי האָט געזאָגט, אַז די באָלשעוויקעס זײַנען הייבער.

— וואָס רעדט איר... לאָזט מיך... וואָס האַלט איר מיך?...

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— איך האָב גאָרניט געזאָגט... איך האָב נאָר געפֿרעגט, צי ס׳איז אמת, אַז די באָלשעוויקעס גייען אַוועק פֿון דער שטאָט.

— זעסט, ס׳איז אַ זיסינקע זי איז איצט געוואָרן! ניין, דו האָסט געזאָגט: אָט אָזוי קומט זיי, אָט די מיאוסע מנוולים. ס׳וועלן קומען די פֿרייוויליקע, וועלן זיי איך ווייזן, וואָס עס הייסט אַזוינס איבער אונז זיך צו איזדיעקעווען... פֿיר זי, פּאַטרול! איך בין אַן עדות...

דער יונג איז מיט ביידע פֿרייען אַוועק צום אָסאָבי אָטדעל.

אויפֿן בולוואַר, לעבן דעם פּאָסטומענט פֿון דעם אַראָפּגענומענעם דענקמאָל פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, האָט קאַטיע באַגעגנט מירימאַנאָוון. ער האָט געפֿרעגט מיט אַ שטיל קול:

— איר האָט געהערט, וואָס זיי האָבן הײַנט בײַנאַכט אָפּגעטאָן?

— וואָס?

— זיי האָבן דערשאָסן אַלע ערבֿית-לײַט און פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. אַרויסגעפֿירט פֿון דער טורמע און דערשאָסן הינטער די מיסט-גריבער.

— וואָס רעדט איר?!

— ס׳שטייט שוין דאָרטן אַ גאַנצער עולם קרובֿים.

— גאָט מײַנער! מען האָט דאָך דעם פּאַפּאַ מסתמא אויך איבערגעפֿירט אין טורמע אַרײַן!...

קאַטיע איז אַנטלאָפֿן. זי איז אַרײַן אין דער פֿרייען-אָפּטיילונג. אין די פֿאַרשמוצטע צימערן איז געווען אַן אומאָרדענונג, פּאַפּירן

האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, קיין אָנגעשטעלטע זיינען ניט געווען. אין ווייטסטן צימער האָט ווערע מיט נאַסטאַסיאַ פּע־טראָוונען און דער יונגער טאַטערין מורע געברענט פּאַפּירן. ווערע איז אַראָפּ פֿון פּנים פֿאַר די עטלעכע שעה, די איינגעפֿאַלענע באַקן זיינען געווען בלאַס.

— ווערע! קום נאָר גיכער אַהער!

זיי זיינען אַריין אין אַ פּוסטן צימער.

— דו ווייסט, אַז היינט ביינאַכט... מ׳זאָגט, אַז היינט ביי־נאַכט האָט מען דערשאָסן אַלע, וואָס זיינען געזעסן אין טורמע.

— ווערע האָט פֿאַרביסן די ליפּ און געענטפֿערט:

— יאָ. מען האָט דערשאָסן. אַוועקפֿירן איז אוממעגלעך, און איבערלאָזן — הייסט באַפֿרייען. זיי וועלן ווידער גיין קעגן אונז.

— דערשאָסן! אַלע! הייסט דאָס, דעם פּאַפּאַ אויך!... גאָט! און דאָס האָט מען אויך געדאַרפֿט פֿון דער רעוואָלוציע־וועגן? אַן ערלעכן, אַן אָרנטלעכן, אַ גראָדן! קיין איין פֿינטעלע אויף דעם גאַנצן מענטשן!

קאַטיען האָט געוואָרגן דאָס געוויין.

— אַ קללה אויף אייער רעוואָלוציע, וואָס ציט צו זיך צו בלויז גראָביאַנעס און מנוולים, און ברענגט אום אַלע איידעלע און פֿיינע! און דו, — דו ביסט אויך מיט אָט די תּלינים! און אַמאָל האָסטו דאָך די האַנט ניט געוואָלט געבן אַ דאָקטאָר, וואָס איז בלויז ביי־געווען ביים אויספֿירן די טויטשטראָף!... ווערע, ווערעטשקאַ! וואָס־זשע אַזוינס איז דאָ געשען?

— ני, קאַטיאַ!...

— וואָס איז אַזוינס געשען? ניט שוין־זשע איז דאָס מעגלעך?

איבער ווערעס בלאַסע באַקן זיינען אומבאַוואוסטזיניק גערונען טרערן, אָבער דאָס געזיכט איז געווען אומבאַוועגלעך און שטרענג.

קאַטיע האָט געזאָגט:

— קום, וועלן מיר אַ קוק טאָן אויף די טויטע. אפֿשר וועלן מיר אָפּזוכן דעם פּאַפּאַ.

— קום.

איוואַן איליטש איז צווישן די טויטע ניט געווען.

* * *

פֿאַרנאַכט איז צו זיי אין צימער אײַליק אַרײַנגעגאַנגען נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ.

— וועראַ, מיר פֿאָרן. די מאַשין שטייט בײַם גאַניק, אונזערע וואַרטן... וואָס איז דאָס מיט דיר?

ווערא האָט גלײַכגילטיק געפֿרעגט:

— וואַהין פֿאָרן מיר?

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך פֿאַרוווּנדערט:

— וואָס הייסט, וואַהין? אין דזשאַנקאָי. אַ באַפֿעל — אַלע פֿאַראַנטוואָרטלעכע טוער זאָלן זיך תּיכּף־ומיד עוואַקויִרן, דו ווייסט דאָך. די מיליטער־טיילן האָבן אויך אַ באַפֿעל — וואָס שנעלער אָפּצוטרעטן פֿון די פּאָזיציעס.

— יאָ, יאָ... — ווערא האָט אַ מאַך געטאָן מיט די אויגן, גלײַך זי וואָלט זיך אָן עפּעס וועלן דערמאָנען. — יאָ. נעמט מיט אַנדערע חבֿרים.

— ביסט פֿון זינען אַראָפּ, ווערא! דו מוזט אויך פֿאָרן, אומבאַדינגט. וואָס־זשע איז דעמאָלט פּאַרטיי־דיסציפּלין?

— געוויס, פֿאָר איך. לעאָניד האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט קומען נאָך מיר. איך וואַרט אויף אים.

— נו, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. פֿאַרהאַלט זיך אָבער ניט. די דעניקינצעס האָבן זיך אַרויסגעזעצט בײַ דער דריי־אַנקערדיקער בוכטע און גייען איבערשנײַדן די אײַזנבאַן־ליניע. ס׳קאָן זײַן, אַז זיי האָבן אונז שוין אָפּגעשניטן.

— יאָ, געוויס...

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אויפֿמערקזאַם אַרײַנגעקוקט ווערען אין געזיכט. ס׳האָט זי איבערראַשט דער העלער, פֿרײַדעוודיקער שײַן, וואָס האָט געלײַכטן אויף איר געזיכט, און די פֿײַנלעך צונויפֿגעדריקטע ליפּן.

— ווערא, וואָס איז דאָס מיט דיר? ס׳טרעפֿן אָפֿט אַזעלכע זאַכן. נו, מוז מען אָפּגעבן קרים. בכלל איז דאָס געווען אַ פֿעלער,

מען האָט פֿון אָנהייב אָן ניט געדאַרפֿט פֿאַרנעמען, טראַצקי האָט דאָס אָפֿן ערקלערט.

— יאָ, דאָס איז אמת.

— נו, דערווייל!

נאַדעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונעס אייגן האָבן איינגעפֿלאַמט מיט די ליכטיקע פּראָזשעקטאָרן, מיט אַ ווייך, מוטערלעכער צערטלעכ־קייט האָט זי אַרומגענומען ווערען, אַריינגעקוקט איר נאָענט אין די אייגן און איר שטאַרק געקושט. און נאָך אַמאָל מיט ספֿק איר אַריינגעקוקט אין די אייגן. נאָכדעם האָט זי מיט אַ הויכל זיך געווענדט צו קאַטיען:

— צום ווידערזען! איר ווייט, געוויס, צופֿרידן, וואָס די ווייסע קערן זיך אום. זיי וועלן אָבער דאָ לאַנג ניט זיין!

קאַטיע האָט מיט שנאה אַ קוק געטאָן אויף איר און איר גאָרניט געענטפֿערט.

* *
*

— הייסט דאָס, זאָגט איר, ביי דער באַלקע, לעבן דעם איבערגעבראָכענעם בוים...

— גענוי אַזוי.

זיי זיינען געשטאַנען נאָענט איינס לעבן אַנדערן און, קוקנדיק אָן אַ זייט, גערעדט אין דער שטיל. פּישטשאַלניקאָוו האָט ווייטער געזאָטלט די פֿערד, און כראַבראָוו איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם שטאַל און זשעדנע פֿאַררויכערט.

די פּורמאַנקעס האָבן זיך אויף דעם הויף אייליק געלאָדן. איבער דער גאַס זיינען געפֿאָרן האַרמאַטן. איבער דעם גאַניקל האָט נאָך אין דער האַלבטונקלקייט פֿון אָוונט געפֿלאַטערט די רויטע פֿאָן. פֿון דעם שטאַב איז אַרויסגעגאַנגען קראָגער און האָט קאַלט געזאָגט:

— מ'דאַרף אייַלן, כּל־זמן די לבֿנה איז נאָך ניט איינגע־גאַנגען. מיר פֿאָרן.

— מיר פֿאָרן. מ'זאָטלט נאָר אָן די פֿערד... חבר מאַלאַוו, אין אַ שעה אַרום פֿאָרט איר אַהין לויט דעם מאַרשרוט נאָך, ניט דערוואַרטנדיק זיך אויף אונז. מיר פֿאָרן אַרויס אויף די פּאָזיציעס, מיר וועלן גיין צוזאַמען מיט די פּאָלקן.

— גוט, חבר כראַבראָוו, — האָט דער אָנפֿירער פֿון שטאַב געזאָגט.

פּישטשאַלניקאָוו האָט פֿון שטאַל אַרויסגעפֿירט דריי אָנגעזאָטלטע פֿערד.

כראַבראָוו מיט קראָגערן, און הינטער זיי פּישטשאַלניקאָוו, האָבן זיך מיט אַ גאַלאָפּ געלאָזט פֿאָרן דורך די פּוסטע גאַסן פֿון דעם דאָרף, וואָס איז חרובֿ ונחרבֿ געוואָרן פֿון דעם אַרטילעריש פֿייער. זיי זיינען אַרויסגעפֿאָרן אין סטעפּ. דער מערבֿ האָט זיך שוואַך געלויכטן מיט אַ גרינבלעכן שיין, און אונטער דעם שיין האָט דער סטעפּ אויסגעזען שוואַרץ. פֿאָראויס, הינטער די פּאָזיציעס, האָבן זעלטן געבלאָזט זעלטענע האַרמאַטן שאָסן פֿון די ווייסע. דער סטעפּ האָט פֿאַרשיכורט געאָטעמט מיט די אַראָמאַטן פֿון די בליענדיקע גרעזער, הינטער דעם גראָבן האָבן ווי קנוילן זיך געטוּנקלט די פֿעלד־פֿיאָגען.

געפֿאָרן זיינען זיי שווייגנדיק. פּישטשאַלניקאָווס פֿערד האָט זיך געהיצט, געשפּרונגען, אַלע ווײַלע כמעט אָנגעפֿלויגן אויף דעם הינטן פֿון קראָגערס פֿערד, ווידער אָפּגעטרעטן. פּישטשאַלניקאָוו האָט אויף דעם געשריען:

— זיך פֿאַרשטאַנען, איראָד... או, די כאָלערע זאָל דיך נעמען!

ווי אַ העסלעכע מאַסע האָט זיך איבער דער באַלקע געשוואַרצט אַ צעבראָכענער טאָפּאָל, מיט אַ צעקלאַפּטן שטאַם. פּישטשאַלניקאָווס פֿערד איז ווידער פֿון הינטן אַרויפֿגעפֿלויגן אויף קראָגערס פֿערד. מיט אַ שנעלער באַוועגונג האָט פּישטשאַלניקאָוו אַרויסגעשלעפּט די שווערד, צוגעדריקט מיט די קני דעם פֿערדס זייטן און, איינבויגנדיק זיך, מיט אַ שווערן פֿאָך אַ קלאַפּ געטאָן קראָגערן איבער דעם קאָפּ. קראָגער האָט אַ געשריי געטאָן און איז אומגעפֿאַלן אויף

דער גריווע פֿון זיין פֿערד, פּישטשאַלניקאָוו האָט אים נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן איבער דעם האַלז.

דאָס פֿערד איז געשפּרונגען, איינגעבויגן דעם האַלז, אויף דער זייט איז געהאַנגען קראַגער מיט דעם קאָפּ אַראָפּ. ער האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין צימל און אין די פּיס־האַלטערס. בײַ דער זייט איז געפֿאָרן פּישטשאַלניקאָוו און זיך געמיט צו כאַפּן דאָס פֿערד בײַם צימל.

זיי זיינען אַראָפּגעקראָכן פֿון די פֿערד. כראַבראָוו האָט קורץ געזאָגט:

— שלעפּ אים אַראָפּ אין דער באַלקע.

אין דער באַלקע, הינטער אַ קוסט פֿון ווילדע רויזן, האָט כראַבראָוו באַזוכט די קעשענעס פֿון דעם געהרגעטן לאַטווייער, אַרויסגענומען אַ שטעמפּל מיט אַ טוש־קישעלע. ער האָט אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע טאַשן־לעמפּל און צוגעלייגט דעם שטעמפּל צו די פֿון פֿריער פֿאַרגרייטע פּאַפּירן. פּישטשאַלניקאָוו האָט אָפּגעווישט דאָס בלוט פֿון דער שווערד.

— נו, אַט, פּישטשאַלניקאָוו. פֿלי גיכער אויף די פּאָזיציעס, גיב יעדן פֿון די קאָמאַנדירן צו איין פּאַפּיר, און קום באַלד צוריק. איך וועל אויף דיר וואַרטן ווייטער אַ ביסל אין דער באַלקע... וועסט צוריקקומען זאָלסטו אַ פֿייף טאָן.

— איך הער, וואַשע בלאַגאָראָדיע.

פּישטשאַלניקאָוו איז פֿריילעך אַוועקגעפֿאָרן און כראַבראָוו מיט די צוויי פֿערד האָט זיך געלאָזט גיין טיפֿער אין דער באַלקע.

* * *

די נאַכט איז געווען אַ בלייע. די גרעזער האָבן פֿאַרשפּורט מיט זייער שאַרפֿן ריח. כראַבראָוו האָט זיך פֿאַרקליבן טיף אין דער באַלקע און זשעדנע גענומען רייכערן איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ער דערהערט אַ שאַרפֿן פֿייף. כראַבראָוו איז אויפֿגעשפּרונגען.

— נו, פּישטשאַלניקאָוו...

— איך האָב אַלץ געטאָן, ווי איר האָט געהייסן, וואַשע בלאַגאָראָדיע.

זיי האָבן אַ קוק געטאָן איינער אויף דעם אַנדערן, — פּלוצים האָבן זיי זיך אַרומגענומען און זיך שטאַרק צעקושט.

— מיר פֿאָרן!... וואַרט!

כראַבראָוו האָט אַראָפּגענומען פֿון היטל דעם פֿינף־קאַנטיקן שטערן, אים אַ שמיץ געטאָן אויף דער ערד און גענומען דאָפּטשען מיט דעם קנאַפּל. נאָכדעם האָט ער אָפּגעשניטן אַ שטיקן און צו אים צוגעבונדן זיין נאָוטיכל.

אָטעמענדיק זשעדנע די סטעפּ־לופֿט, זיינען זיי געפֿלויגן צו די פּיסט־געוואָרענע שוצגרובנס, אַנטקעגן דער פֿרייהייט.

* *
*

די זון האָט זיך נאָך ניט געזען פֿון הינטער די בערג, נאָר דער הימל האָט געשיינט מיט אַ הייזלעך־גאָלדן ליכט, און די פֿאַרגייענדיקע לבֿנה איז ווי אַ ווייס וואָלקנדל געשטאַנען אויף דעם שאַרפֿן שפּיץ פֿון קאַראַ־אַגאַטש. אַרום און אַרום ווילדע בערג, די נעפּלען זיינען אַזוי ווי שווערע טונקל־לילע וואָלקנס געלעגן אויף די וויטע שפּיצן. אין דעם באַרג־שפּאַלט איז געווען שטיל.

דער קאָמאַנדיר פֿון פּאָלק, אַ געוועזענער אונטער־אָפֿיציר האָט פֿאַרזאַמלט זיינע סאָלדאַטן און פֿאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע, פֿאַר דער שלאַכט. נאָכדעם איז ווידער שטיל געוואָרן. די סאָלדאַטן האָבן זיך איסגעלייגט און געשמועסט צווישן זיך.

— באַקאַנטע ערטער. געדענקסט, גרישאַ, פֿרילינג האָבן מיר אָט דאָ, פֿון דעמדאָזיקן וועלדל, אָפּגעשלאָגן אַ טראַנספּאָרט מיט פּראָוויאַנט ביי די ווייסע.

דער צווייטער זעלנער, מיט אַ שוואַרץ בערדל אויף דעם געלבלעך־בלאַסן געזיכט, האָט זיך אָפּגערופֿן:

— ווי קאָן מען דאָס ניט געדענקען! מיר האָבן דעמאָלט געפענקגעט פֿון הונגער אין די בערג, — ער האָט זיך צעלאַכט. —

ווי דו ביסט דאָס דעמאָלט אויף דעם מעל אָנגעפֿלויגן? ער האָט, ברידערלעך, דערזען מעל, האָט ער זיך אַזוש אָנגעהויבן טרייסלען. נו, האָבן מיר דאָס דעמאָלט היפּנוויז אין די פּיסקעס געשטופּט. די צרה איז ווײַס, ווי בײַ אַ מילנער. אַ געלעכטער!

דער ערשטער האָט אַ גענעץ געטאָן און אָנגעהויבן טופּען מיט די פֿיס.

— ס'וואָלט גוט געווען אַ ביסל מלחמה צו האַלטן, ס'איז שוין נמאס ומאוס צו זיצן אין די שוץ־גראָבנס.

אַ וואַרעם ווינטל האָט געבלאָזן פֿון דעם ניט־געזעענעם ים. ערגעץ ווײַט האָבן געבאָבעט ווײַטע שאָסן פֿון האַרמאַטן.

— וואַרט, וואָס זשע שיסן דאָס האַרמאַטן? אָט האָסטו דיר! ניט־זשע זײַנען שוין די ווײַסע אין קרים?

— ניט אַנדערש, אַז מ'שיסט אין עסקי־קערים.

— אָט מנו־וולים!... זיי האָבן, מסתמא, געמאַכט אַ דעסאַנט.

אַ שווערע פּאַניק איז דורך איבער די רייען. די פּנימער זײַנען געוואָרן ערנסט, די אויגן האָבן אויפֿמערקזאַם געקוקט אויף די בערג.

די זון האָט זיך באַוויזן. די באַגילדטע קנוילן פֿון דעם נעפּל האָבן זיך, אַזוי ווי אָנגעיאָגטע גנבֿים, שנעל געקײַקלט באַרג־אַרויף, רײַשלאָז זיך איבערגעקאָלערט איבער די קוסטעס, זיך אָפּגעריסן פֿון די שפּיץ־בערג און פֿאַרשוואונדן געוואָרן אין דעם בלענדנדיקן בלוי.

פּלוצים האָבן זיך פֿון וואַלד הילכיק דערהערט שאָסן. באַרג־אַרויף, אײַנגעבויגן, זײַנען געלאָפֿן צוריק די אויסשפּירער, איינער, אַן אונטערגעשאָסענער, איז געפֿאַלן און זיך איבערגעקאָלערט מיט דער ביקס. דער שוואַרצבערדלדיקער האָט אַ קרעכץ געטאָן און איז געפֿאַלן אויף דער ערד. דער וואַלד האָט אויפֿגעלעבט און אָנגעהויבן הודען מיט שיסערייען.

מען האָט גאָרנישט געקענט פֿאַרשטיין. אַרום און אַרום זײַנען געפֿאַלן געהרגעטע און פֿאַרוואונדעטע, די מענטשן זײַנען אַרומגעלאָפֿן, זוכנדיק פֿאַר זיך אַ באַהעלטעניש. דער וואַלד האָט שנעל און גלײַכמעסיק געטיקעט מיט פֿאַרבאָרגענע קוילנוואַרפֿערס, ער

האָט געטראַסקעט מיט זאַלפּן. דער קאָמאַנדיר האָט פֿאַרשטיקט געשריען:

— חבֿרים! אַ פּאַסטקע!... צעשפּרייט זיך! צוריק צום שאָסע!

מען איז געלאָפֿן צעבויגנדיק זיך צו דער ערד. מען איז צוגעפֿאַלן הינטער די שטיינער, זיך אָפּגעשאָסן און געלאָפֿן ווייטער. דער שוואַרצבערדלדיקער, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער ביקס אין דער ערד, האָט מיט איסגעטעלעפּעטע אויגן געשפּרונגען אויף איין פֿוס.

פּלוצים האָבן זיך אויף דער אַנדערער זייט, ביים אַריינגאַנג אין דעם באַרג־שפּאַלט, אויף דעם צופֿוסנס פֿון באַרג אַ ווייז־געטאָן שרעגעס, גלייכע פֿיגורן פֿון די יונקערס זיינען איבערגעלאָפֿן, שיסנדיק, פֿון איין קוסט צו דעם אַנדערן. צוויי האָבן אויף אַ שטיין אָנגעשטעלט אַ קילנוואַרפֿער.

האַלטנדיק זיך פֿאַר דעם צעבלוטיקטן קאָפּ, האָט דער קאָמאַנדיר מיט אַ פֿרייליכן יאָיש איסגעשריען:

— פֿאָראויס, חבֿרים! שלאָג זיך דורך צום שאָסע צו!... זאָל לעבן די מאַכט פֿון די אַרבעטנדיקע!

און וואַקלענדיק זיך איז ער געלאָפֿן. דער ווייס־האָריקער האָט אים, פֿאָכנדיק מיט דער ביקס, אָנגעיאָגט. — אוראַ!

— אור־ראַ־אַ!!!

די זעלנער האָבן זיך שטורמיש אַלאָז געטאָן אויף דעם באַרג, אויף די יונקערס. און אין הוקן, פֿון דעם וואַלד, האָט מיט אַ אָפּטן שטורמישן רעגן אַ שאָט געטאָן קילן, מענטשן האָבן זיך ווי האַלעשקעס געקייקלט פֿון דעם שיפּוע פֿון באַרג. פֿון דער טיף פֿון פעלזן־שפּאַלט זיינען געפֿלויגן קאָזאַקן.

* * *

די שטאָט איז אָפּגעשניטן!

דאָס האָבן שוין אויפֿן אַנדערן טאָג אַלע גערעדט — דאָס רובֿ פֿון די פֿאַראַנטוואָרטלעכע טוער האָבן נאָך ביינאַכט באַוויזן זיך דורכצורייסן אויף אויטאָמאָבילן (די איזנבאַן־בריק איז מיט אַ טאָג

פֿריער ווידער איבערגעריסן געוואָרן דורך עמיצן), נאָר איניקע זייַנען אַרייַנגעפֿאַלן צו די ווייסע. דאָס מיליטער פֿון דער פּאָזיציע איז דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ דער שטאָט און האָט אויך באַוויזן אַרויסצורייסן זיך פֿון דעם רונג. בלויז צוויי פּאָלקן זייַנען, אויפֿן גרונט פֿון עפּעס מאָדנע פֿאַראָרדענונגען פֿון דעם בריגאַדע־שטאַב, אַוועקגעגאַנגען אָן אַ זייט, אין די בערג. דאָרט זייַנען זיי אַרייַנגעפֿאַלן אין אַ פּאַסטקע און זייַנען אומגעקומען ביז איין מענטש. אַ קליינע אָפּטיילונג האָט זיך פֿאַרקליבן אין דער שטיינהאַקערײַ, זעקס ווערסט פֿון שטאָט, און האָט זיך געקליבן זיך צו פֿאַרטיידיקן. די אַרבעטער־יוגנט פֿון שטאָט האָט זיך גרופּעסווייַז אויך געצויגן צו דער שטיינהאַקערײַ, אָבער, ווי זיי האָבן דערציילט, אויפֿן וועג אַהין זייַנען שוין געפֿלויגן פּאַטרולן פֿון די קובאַנער קאָזאַקן.

אינדערפֿרי האָט ווערא אויך גיך צונויפֿגעפּאַקט איר קליין קלומעקל זאַכן. איר געזיכט איז געווען פֿאַרשטיינערט, נאָר די אויגן האָבן געלויכטן מיט באַפֿרייטער פֿרייד. און אינגאַנצן האָט זי מאָדנע געלויכטן, קאַטיע האָט מיט פֿאַרגאַפֿונג געקוקט אויף איר.

— וואוהין גייסטו?

— נו, וואוהין! צו די חבֿרים, געוויינלעך. אין די שטיינהאַקערייען.

— וואָס רעדסטו, ווערא?!

קאַטיע האָט זי געוואָלט איבעררייַדן, נאָר די ווערטער האָבן ניט דערגרייכט די ליפּן. זי האָט מיט דער נשמה דערפֿילט דאָס הייליקע לייכטן פֿון ווערעס געזיכט: אָט אַזוי ווי זי וואָלט זיך פֿרייען דערמיט, וואָס זי באַפֿרייט זיך פֿון אַלע ספֿקות און עינוים, און פֿאָראויס האָט געוואַרט עפּעס אַ בלי־ספֿקדיקס און אומענדלעך־ליכטיקס.

קאַטיע האָט זיך איינגעגעסן מיט אירע אויגן אין ווערעס געזיכט אין, שטיקנדיק זיך, געפֿרעגט:

— ווערא... מיר וועלן זיך שוין מער ניט זען?

— וואָס הייסט? איך ווייס ניט... אַלין קאָן זיך טרעפֿן.

קאַטיע האָט זיך צעוויינט און אַרומגעכאַפּט ווערעם האַלדז מיט אירע הענט.

— ווערא! זיי מיר מוחל!

— פאַרוואָס? מיידעלע מיינע, וואָס רעדסטו? פאַרוואָס זאָל איך דיר מוחל זיין?

— דו ווייסט, דו ווייסט!... איך האָב זיך אָבער ניט געקאָנט איינהאַלטן, ס'האָט מיר שוין שטאַרק וויי־געטאָן פאַר דעם פּאַפּאַ... גאָט! און דו, — דו גייסט איך אַוועק!

זי האָט געוויינט מיט אַ רחמנותדיק־קינדיש געוויין. ווערא האָט זי געגלעט איבער דעם קאָפּ.

* * *

זעקס אַזיינער אינאָווענט זיינען אָן אַ שום ווידערשטאַנד אין שטאָט אַריין קובאַנער קאָזאַקן און האָבן זיך אויסגעשטעלט אויפן מאַרק.

אינדערפרי איז קאַטיע אַרויסגעגאַנגען אין שטאָט אַריין. ס'האָבן געגלאַנצט גילדענע עפּאָלעטן. אומעטום האָבן זיך באַוויזן עלע־גאַנטע הערן און געקראָכמאַלטע קעלנערלעך, שיין־געקליידעטע פרייען. און ס'איז אויסגעקומען מאָדנע: וואו האָבן זיי דאָס אַלץ גע־נומען נאָך די אַלע רעקוויזיציעס?

איף די ווענט זיינען געהאַנגען מוראדיק גרויסע אַפישן:

היינט דעם 12 יוני 1919

לטובת דער העלדישער פריייוויליקער אַרמיי

אין שטאָט־טעאַטר

וועט פאָרקומען אַ ספּעקטאַקל

מיט דעם אָנטייל פון דעם אַרטיסט פון קייזערלעכע טעאַטערס

וו. אי. בעלאָזיאָראָוו.

מען האָט מודיע געווען, אַז מ'וועט שטעלן די פּיעסע „אין די אַלטע יאָרן", מיט דעם אָנטייל פון די בעסטע קרעפטן פון דער טרופּע, און אַז נאָכדעם וועט אַרויסטרעטן וו. אי. בעלאָזיאָראָוו אין די באַליבטסטע נומערן פון זיין רעפּערטואַר.

פֿון דעם וועסטיביול פֿון טעאַטער זיינען אויפֿגערעגט אַרויס-געגאַנגען די אַקטיאָרן. צו קאַטיען איז צוגעגאַנגען די פּרעמיערין פֿון טעאַטער, באַרינאַ-סטרויסקאַיאַ, מיט אַ שיין און נערוועז גע-זיכט.

— איר האָט געלייענט דעם אַפֿיש?

— יאָ.

— שטעלט אייך פֿאָר, אַז מיר אַלע האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם ספּעקטאַקל ערשט נאָכדעם, ווי מיר האָבן איבערגעלייענט דעם אַפֿיש. נעכטן אינאָוונט איז בעלאָזיאָראָוו געקומען צו דעם שטאָט-קאָמענדאַנט און ערקלערט אין נאָמען פֿון דער טרופּע, אַז מיר ווילן געבן אַ ספּעקטאַקל לטובֿת דער פֿרייוויליקער אַרמיי. מיר זיינען ניט קיין באָלשעוויקעס. נאָר ווי אַזוי קאָן מען דאָס? די טעג האָבן מיר ערשט באַקומען געהאַלט פֿון די באָלשעוויקעס, און היינט שוין שפּילן לטובֿת די פֿרייוויליקע! ערשט נאָר-וואָס איז בעלאָזיאָראָוו געווען אין טעאַטער, זיינען מיר אויף אים אַרויף. און ער: „גוט! איר ווילט ניט — איז דאָס אייער זאַך! איך וועל פֿאָרן צום קאָמענדאַנט און אים זאָגן, אַז די טרופּע זאָגט זיך אָפּ צו שפּילן אין דעם ספּעקטאַקל“... ס׳אַר אַ מנוול! נו, וואָס-זשע קאָנען מיר טאָן? מ׳מוז שפּילן. יעדערן איז טייער זיין פֿעלכל.

אין „אַסטאָריאַ“ האָט געשפּילט מוזיק. אויף דעם פּאַנעל פֿאַר דעם רעסטאָראַן, אונטער אַ פּאַרוסינענעם פּידאַשעק, ביי טישלעך מיט שניי-ווייסע טישטעכער, זיינען געזעסן אָפֿיצירן, ציווילע, דאַמען. די פּאַלמעס זיינען געווען אויסגעוואַשן. די קעלנער זיינען אַרומ-געלאָפֿן מיט ליבע פֿריילעכע געזיכטער. ס׳האָט געקלונגען געפֿעס, אין די גלעזער האָט געפֿינקלט דער וויין.

פֿון רעסטאָראַן איז אַרויסגעגאַנגען בעלאָזיאָראָוו מיט אַ צו-פֿרידן באַרויִקט געזיכט, אין אַ פֿרישן ווייסן אָנצוג. דערזעענדיק קאַטיען, האָט ער אויפֿגעציטערט אין העפֿלעך, נידעריק זיך פֿאַר-נייגט פֿאַר איר. קאַטיע האָט אים מיט אַ קאַלטער פֿאַרוואונדערונג באַטראַכט און זיך אָפּגעקערט.

* * *

א יונגער בארונזשי—א קובאנער האט העפלעך געריט מיט מירימאנאָון.

— איך פארזיכער איך, אז ס'וועט איך זיין פיל באקוועמער, אויב דער פאלקאָווניק וועט ביי איך וואוינען. ער און אינז צוויי אדיוטאנטן, און קיינער וועט איך שוין מער ניט באאומרואיקן. איר ווייסט, די ערשטע טעג קאָנען פארקומען פארשיידענע עקסצעסן. און ביי אונז וועט איר זיך פילן ווי ביים טאטן אין ווייַנגאָרטן.

אין צוויי שעה ארום האבן זיי זיך איבערגעצויגן. דער פאלקאָווניק האט זיך אריינגעקליבן אין קאבינעט, די צוויי אדיוטאנטן אין שכנותדיקן צימער. געגעסן האבן זיי אין עס-צימער.

לאנג, ביז שפעט ביינאכט האבן זיך אין עס-צימער געהערט הילכיקע קולות, ס'זיינען אלע ווילע אריינגעקומען און ארויסגעגאנגען מענטשן, מען האט געהאלטן אין איין קלאפן מיט דער טיר, מירימאנאָון האט דאס פאראינטערעסירט. ער איז אריינגעגאנגען אין עס-צימער, כלומרשט נאך א פלאש.

דער פאלקאָווניק האט געטרונקען וויין. אויף דעם טיש זיינען געשטאנען פלעשער. דער אדיוטאנט האט געשריבן אין א גרויסן העפט, און פאר אים איז געלעגן א בארג גאלדענע רינגען, בראנזעלעטן, זייגערס, זילבערנע גאפל-מעסערס. ס'זיינען אריינגעקומען קאזאקן מיט רויטע פנימער און געלעגט אויף דעם טיש פארשיידענע טייערע חפצים.

— א-א, הער באלעבאס!

דער פאלקאָווניק האט מיט פרייד אים אויסגעשטרעקט ביידע הענט.

— זעצט זיך, מעג איך איך פארלייגן א גלעזעלע וויין?

מירימאנאָו האט זיך געזעצט.

— וואס איז דאס ביי איך אויף דעם טיש?

— אט-דאס? מלחמה-רויב.

מירימאנאָו האט פארוואונדערט געקוקט.

— וואָס פֿאַר אַ מלחמה־הויב ?

דער פּאָלקאָווניק האָט זיך איבערגעקוקט מיט דעם אַדיוטאַנט און האָט זיך צעלאַכט, אַזוי ווי מען צעלאַכט זיך ביי אַ נאַאיווער פֿראַגע פֿון אַ קינד.

— נו ? וואָס פֿאַר אַ !... וואָס מיינט איר, אַז „אינוערע קאָזאַקן ווילן גאָרניט עסן און טרינקען ?... זעט אָבער, וואָס פֿאַר אַ „אָרגאַניזירטקייט !” די „חברים” וואָלטן מקנא געווען ! ניט יעדערער פֿאַר זיך, נאָר — ער ברענגט דאָס אין קהל, אין פּאָלק־פֿאָנד !

מירימאַנאָוו האָט פֿאַרקלערט אַ גלעט געטאָן די וואָנסן.

— און ווי מיינט איר, פּאָלקאָווניק, דאָס קאָן ניט איפּרייצן די באַפֿעלקערונג, זיי איבערענגען קעגן דער פֿרייוויליקער אַרמיי ?

— אָבער מיר פֿירן זיך ניט אַזוי, אַזוי ווי די מאַכנאָווצעס : יענע פֿלעגן אָפּשניידן די פֿינגער מיט די פֿינגערלעך, און מיר נעמען זיי נאָר אַראָפּ. און מערסטנטייל ביי די זשידקעס.

ביינאַכט, אין דער איינגעהאַלטענער שטילקייט, האָבן זיך זעלטן געהערט ווייטע געשרייען : „קאַראַאול !” און איינצלנע שאָסן פֿון ביקסן.

* * *

די איינוואוינער האָבן זיך באַהאַלטן אין די הייזער. די קאָזאַקן פֿלעגן זיך אַריינרייסן אין די שטיבער און צונעמען אַלץ, וואָס ס'איז זיי נאָר געפֿעלן. מען האָט געשמועסט, אַז ביים איינעמען די שטאָט האָט מען זיי געגעבן אַן ערלויבעניש צוויי טעג צו רויבן. אויף דזשוגיטער גאַס האָבן צוויי שיכורע אָפֿיצירן מיט די שווערדן געהרגעט צוויי יידן, וואָס זיינען צופֿעליק דורכגעגאַנגען די גאַס.

אין דער גאַנצער שטאָט האָט מען געמאַכט רעוויזיעס און אַרעסטן. ס'האָבן זיך געפֿונען אַ מענגע ליבהאָבער־מוסרים, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף די „,מיטפֿילנדיקע”. די פֿעלדשערין סאָראָקינאַ איז געקומען צו לויפֿן צו קאַטיען און מיט אַ טויט־שרעק אין

די איינן איר דערציילט: פאַר דער טאַבאַק פאַבריק בערנאַדאַקי, האָט מען איך די לאַמטערן־סלופעס אויפגעהאַנגען פינף אַרבעטער, געוועזענע מיטגלידער פון פאַבריק־קאָמיטעט. מען האָט זיי נאָך נעכטן אויפגעהאַנגען, און זי איז ערשט נאָר־וואָס פאַרבייגעגאַנגען, — הענגען זיי נאָך אַלץ, נאַקעט ביז דעם גאַרטל, די פלייצעס צעפאַסעוועט.

מען האָט אויך אַרעסטירט דעם פראָפעסאָר דמיטריעווסקי. זיין פרוי, נאַטאַליאַ סערגייעוונאַ, איז געקומען אין דער דעפענסיווע. דער ראָטמיסטער מיט צעבאַרשטע וואָנסעלעך, וואָס האָט זייער דערמאָנט די אַמאָליקע זשאַנדאַרם־ראָטמיסטערס, האָט זי אויפגענומען זייער שטרענג.

— ניין, מיקאָן פאַר אים גאָרניט פועלן. מיקאָן נאָך מוחל זיין אַלערער, וואָס איז מחמת הונגער געגאַנגען צו זיי אַרבעטן. אָבער ער, — אַ געהיים־ראַט, — און האָט זיך פאַרבונדן מיט אָט די מנוולים.

— ער האָט דאָך אָנגעפירט מיט דער בילדונג. ער איז ניט קיין באָלשעוויק, ער האַלט, אַז דאָס געפערלעכסטע געווער קעגן די באָלשעוויקעס, פונקט אַזוי ווי קעגן דער זעלבסט־הערשאַפט, איז — די בילדונג. ער איז געגאַנגען צו זיי, פונקט אַזוי ווי ער איז געגאַנגען צו דער זעלבסט־הערשאַפט.

דעם ראָטמיסטער האָט געאַרט בשעת זי האָט דערמאָנט די זעלבסטהערשאַפט, ער האָט שאַרף געענטפערט:

— איר וועט אונז, פרוי דמיטריעווסקי, מיט אָט די פראַזן ניט איבערציינן, מיר האָבן קעגן אים אָט אָ דעם דאָקומענט.

און ער האָט פאַר איר אַוועקגעלייגט אַ נומער „דער רויטער פראָלעטאַריער“ מיט דעם באַריכט וועגן דער מאַי־פייערונג.

— אָט וואָס אייער בילדונגס־טוער האָט גערעדט: „דער סאָציאַליזם וועט קאָנען פאַרפעסטיקט ווערן בלויז דורך דער אומברחמנותדיקער ביקס און באַגנעט אין די מאָזאָלעס־הענט פון דעם אַרבעטער“.

נאַטאַליאַ סערגייעוונאַ איז בלייך געוואָרן.

— דאָ האָט מען זיינע ווערטער פאַרדרייט, ער האָט גאָר אַנדערש גערעדט.

— נו, געווים, וואָס נאָך קאָנט איר אויף דעם זאָגן.

נאַטאַליאַ סערגייעוונאַ האָט אָנגעוויזן וויפֿל מענטשן דמיטריעווסקי האָט געראַטעוועט פֿון טויט און טורמע אַדאַנק זײַנע באַמיאונגען.

— דאָס, מאַדאַם, אַרט אונז זייער ווייניק. וואָס מער די באָלשעוויקעס וואָלטן זיך געווען קאָמפּראָמעטירט, וואָלט פֿאַר אונז גלײַכער געווען.

דער אייראָפּעאישער נאָמען, דמיטריעווסקיס, האָט אַפֿילו גאָרניט געזאָגט דעם ראָטמיסטער. די באָלשעוויקעס האָבן אָפּגעשאַצט די גרויסע טוער אויף דעם געביט פֿון וויסנשאַפֿט און קונסט, זיך באַציִען צו זיי אויסערסט פֿאָליטיק. דאָ איז דמיטריעווסקי בלויז געווען אַ געהיים-ראַט.

קאַטיע איז אַוועקגעלאָפֿן צו גאָלדבערגן, דעם געוועזענעם פֿאַרוואַלטער פֿון די ענינים פֿון זייער אָפּטייל. ביידע האָבן די אַנטוויקלט אַ ריין-עלעקטרישע טעטיקייט. קאַטיע האָט אָנגעשריבן אַ מעלדונג, וואו זי האָט, אַלס עדות, דערציילט, ווי די צייטונג האָט געפֿעלשט און פֿאַרדרייט דעם פּראָפֿעסאָרס רעדע, ווי זיי האָבן ביידע באַזוכט די רעדאַקציע. גאָלדבערג האָט אויפֿגעזוכט נאָך עטלעכע עדות, וואָס האָבן געהערט די רעדע און האָבן צוגעזאָגט צו געבן זייער גבית עדות. מען האָט אויפֿגערודערט דעם לערער-פֿאַראיין, דעם פֿאַראיין פֿון קונסט און וויסנשאַפֿט-טוער, מען האָט בײַ זיי געפֿועלט, זיי זאָלן אײַנגעבן אַ מעלדונג מיט אַ השתדלות פֿאַר דמיטריעווסקין, אַלס אייראָפּעאישן באַרימטן געלערנטן, דער שטאָלץ פֿון דער רוסישער וויסנשאַפֿט. מען האָט אונטער דער מעלדונג געקליבן התימות פֿון בכבודיקע בירגער. קאַטיע האָט זיך אויך געווענדט צו מירימאַנאָוון נאָך אַ התימה. מירימאַנאָוו האָט אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ און געזאָגט:

— ניין, אַנטשולדיקט, — איך וועל זיך ניט אונטערשרײַבן, פֿאַרוואָס איז ער צו זיי געגאַנגען? דער פֿיש אַליין שלאָגט זיך...

— איר ווייסט אָבער דאָך, ווי קאָרעקט ער האָט זיך די גאַנצע צײַט געהאַלטן, ווי ער האָט שטענדיק...

— יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ! מיר אַלע פֿאַרשטייען זייער גוט, פֿאַרוואָס ער איז געגאַנגען צו די באָלשעוויקעס: ער האָט זיך גע-

ראַטעוועט פֿון בזיונות, ער האָט אָפּגעראַטעוועט זיין ראַטשע פֿון אַ פּאָגראָם. און צוליב דעם האָט ער אַרויסגעוואָרפֿן די הייליקע בילדער פֿון די שולן, געהאַלטן דעמאַגאָגישע רעדעס... ער האָט געדאַרפֿט וויסן איף וואָס ער גייט.

⁂

די דעפּוטאַציע איז געגאַנגען איבער דעם קאָרידאָר פֿון דעם „איראָפּעאישן האָטעל“, וואָס איז געווען פֿאַרנומען דורך דער קאָמענדאַנטור. אין דער דעפּוטאַציע זיינען געווען די פֿאָרזיצערס פֿון דעם לערער-פֿאַראיין און פֿון פֿאַראיין פֿון קונסט און בילדונגס-טוער, דער שטאָט-גאָלאָוואַ גאָרילענקאָ, קאַטיע און גאָלדבערג.

מען האָט אַרויסגערופֿן דעם אַדיוטאַנט.

— מיר דאַרפֿן זען דעם שטאָט-קאָמענדאַנט. איר האָט אונז באַשטימט צו קומען היינט פֿינף אַ זייגער.

— ביטע, וואַרט אַ ביסל צו. ער איז נאָך ניטאָ.

וואַרטנדיק זיינען זיי לאַנגזאַם אַרומגעגאַנגען איבער דעם קאָרידאָר. ביי די טירן זיינען געשטאַנען קובאַנער אויף דער וואַך. אין דער טיף פֿון דעם קאָרידאָר האָט זיך באַוויזן אַ דאַרער קאָזאַקישער אָפֿיציר. ער האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט לעבן אַ יונגן קאָזאַק, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך.

— גאָט העלף!

דער קאָזאַק האָט געענטפֿערט:

— איך ווינטש געזונט, הער עסאַול!

— וואָס? איך הער ניט!

דער קאָזאַק האָט זיך אויסגעצויגן און הויך געענטפֿערט:

— איך ווינטש געזונט, הער עסאַול!

— איך הער ניט, אַ רוח אין דיין מאַמען אַריין!... ווי האַלטסטו די הענט, דו הינטישע בלוט?

דער קאָזאַק האָט אויסגעצויגן זיינע הענט און האָט אַ געשריי געטאָן, איבער דעם גאַנצן קאָרידאָר:

— איך ווינטש געזונט, הער עסאַול!

דער אָפֿיציר איז נאָך אַ ווײַלע שווײַגנדיק געשטאַנען און אַ צי געטאָן מיט דעם פֿינגער פֿאַר דעם קאָזאַקס נאָז און איז אַרײַנגעגאַנגען אין נומער.

קאַטיע האָט פֿאַרוואונדערט געפֿרעגט דעם קאָזאַק:

— ניט־זשע ריידן אַצינד די אָפֿיצירן אויך אַזוי מיט די סאָלדאַטן?

דער קאָזאַק האָט מיט אַ פֿאַרשעמטן שמייכל אַ דריי געטאָן מיט דעם קאָפּ.

— ער פֿירט זיך שטענדיק אַזוי אויף מיט די יונגע קאָזאַקן. ער וויל מיר זאָלן זיין קאָזאַקן און ניט קיין ווייבער. ער איז אַ וואוילער, מיר האָבן אים ליב.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז טאַקע דער קאָמענדאַנט. נאָר דער אַדיוטאַנט האָט געבעטן נאָך אַ ביסעלע צוּוואַרטן. זיי האָבן לאַנג געוואַרט. הינטער דער טיר פֿון נומער האָבן זיך געהערט בייזע, הויכע געשרייען, אַ שוואַך קול האָט עפּעס געענטפֿערט.

קאַטיע האָט ווידער אַרויסגערופֿן דעם אַדיוטאַנט. ער איז אַרויסגעגאַנגען אַ פֿאַרלוירענער.

— מיינע הערן! אָט וואָס איך וועל אייך זאָגן: דער מאָרגן איז בעסער פֿון דעם היינט. קומט בעסער מאָרגן.

קאַטיע איז באַשטאַנען אויף אירס.

— מאָרגן, מאָרגן קומט. איצט איז ניט באַקוועם. איך בעט אייך, גייט אַוועק.

און ער איז פֿאַרשוואונדן אין נומער. הינטער דער טיר האָט זיך געהערט אַ גערויש, בייזע אויסגעשרייען. גאָלדבערג איז צוגעגאַנגען.

— מען האָט מיר ערשט געזאָגט: דער קאָמענדאַנט איז שיכּור און ס'איז גלייכער אים היינט ניט צו באַאומרואיקן.

די טיר האָט זיך צעפּראַלט. אין קאָרידאָר איז, וואַקלענדיק זיך, אַרויסגעפֿלויגן אַ יונגער אָפֿיציר אין אַ ברוינעם פֿרענטש. ער האָט מיט אַ כליפּען אויסגעשריען:

— זעט נאָר, וואָס זיי טוען מיט מיר!

ער האָט געהאַלטן די האַנט בײַ די צעהאַקטע צײַן, פֿון דער צעהרגעטער נאָז איז גערונען בלוט, די קנעפּ פֿון דעם פּרענטש זײַנען געווען אָפּגעריסן. קאַטיע האָט מיטאַמאָל דערקענט באָריס דאָלינסקין, מירימאַנאָווס פּלימעניק.

הינטער דער טיר האָבן זיך ווידער דערהערט שיכּורע מוראדיקע געשרייען:

— די הענט גלײַך, לײדאַק, זיך פּאַרקויפֿט די באָלשעוויקעס! און נאָך אַן אָפֿיציר!

דער אַדיוטאַנט איז אַרויסגעגאַנגען:

— זײַט אַזוי גוט און גייט אַוועק. איך האָב דאָך אײַך געזאָגט.

קאַטיע האָט אַ געשריי געטאָן:

— גאָט, איר שלאָגט דאָך דאָרט אַ מענטשן!

די וואַך האָט זי אַלעמען אַרויסגעשטעלט.

קאַטיע איז געגאַנגען אין גאַס און געציטערט מיט אַן אינערלעכן דריבנעם ציטער. און מיטאַמאָל האָט זי זיך דערמאָנט אָן באָריס' אונטערגעפֿירטע אויגן, זײַן קאָקעטיש-זינגענדיקן קול:

> אין אַ גרופּע מיידעלעך נערוועזע, אין שאַרפֿער געזעלשאַפֿט פֿון דאַמען
> וועל איך די טראַגעדיע פֿון לעבן פֿאַרוואַנדלען אין אַ חלום-פֿאַרס...

איר אַנטקעגן איז אָנגעקומען דער זינגער באָלאָזיאָראָוו. ער איז געגאַנגען מיט אַן אָפֿיציר און גאָלדענע עפּאָלעטן אונטערן אָרעם און האָט פֿריילעך געפּלוידערט.

⁂

איבער די ווענט און אויף די שטיינערנע פּאַרקאַנעס זײַנען געהאַנגען מודעות פֿון דער נײַער מאַכט. ניט די באַפֿעלן פֿון די באָלשעוויקעס, — שטרענגע, גלײַכע און אָפֿענע. גליטשיק, מיט געדריידלעך האָט מען באַקאַנט געמאַכט וועגן דעם פֿעסטן ווילן אַנטקעגנצוקומען די „ווירקלעכע“ נייטן פֿון די אַרבעטער, וועגן דער ניטווענדיקײט „על-פּי-יושר“ צו באַפֿרידיקן די ערד-נויט פֿון די

פּויערים. און ס'האָט זיך געפֿילט, — דאָס ריידן פֿרעמדע מיט אַ שטיין אין בוזעם, די, וואָס זיינען גרייט נאָכצוגעבן דאָס, וואָס זיי קאָנען שוין ניט איינהאַלטן, — און אָפּנעמען אַלץ צוריק, ווי נאָר דאָס וועט מעגלעך ווערן.

מירימאַנאָוו האָט מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל געשריבן בקשות און געריכט מיט פֿאָדערונגען, אַז די אַרבעטער, וואָס האָבן געוואוינט ביי אים, זאָלן אים באַצאָלן דאָס דירה-געלט און די קאָסטן פֿון די צעבראָכענע שויבן און איבערגעפֿירטע צאַפּנס פֿון דער וואַסער-לייטונג. דאָקטאָר ווינשטיין און גאַווירילענקאָ האָבן זיך צוריק אַריינגעקליבן אין זייערע דירות. מירימאַנאָוו האָט זיי פֿאָרגעלייגט, אָן האָנאָראַר, איינצומאָנען די היזקות זייערע פֿון די אַרבעטער. גאַווירילענקאָ האָט זיך פֿאַרקרימט און אָפּגעזאָגט. ווינשטיין האָט שעלמיש אַ שמייכל געטאָן, אויפֿגעהויבן די דלאָניעס און געענטפֿערט:

— ניין, זאָל די גאָט העלפֿן. וואָס עס איז פֿון וואָגן אַראָפּגעפֿאַלן, איז פֿאַרפֿאַלן. איך קאָן דען וויסן, וואָס עס וועט זיין אין אַ פּאָר חדשים אַרום?

* * *

אַ פֿאַרברענטער, אַ באַלעבטער און אַ פֿריידעוודיקער, איז דמיטרי געזעסן ביי קאַטיען, די באַטראַכט מיט אַ זשעדנער ליבשאַפֿט און דערציילט:

— אין די פֿאָלקס-מאַסן איז בלי-ספק פֿאָרגעקומען אַן איבערבראָך. דער באָלשעוויזם לעבט זיך אויס. אין קופּיאַנסק האָבן אונז די איינוואוינער באַגעגנט אויף די קני, מיט קלינגען אין די גלעקער. בשעת אונזערע פּאָלקן זיינען אַרויס פֿון קובאַן, איז ער באַשטאַנען פֿון צוויי-דריי הונדערט מענטשן, און אין אוקראַינע באַשטייט שוין יעדער פּאָלק פֿון פֿינף-זעקס טויזנט מאַן. די פּויערים פֿאַרשרייבן זיך מאַסנווייז אַלס פֿרייוויליקע. אין כאַרקאָוו זיינען די אַרבעטער געשטימט אַנטי-באָלשעוויסטיש, זיי האָבן ניט געלאָזט די באָלשעוויקעס עוואַקויִרן די פֿאַבריקן. אָט וועסטו זען, אין צוויי חדשים אַרום וועלן מיר זיין אין מאָסקווע.

קאַטיע האָט מיד געהערט.

— און הכלט זיך איך ניט, דמיטרי, אַז איר צילעט די גאַנצע צייט אַ גראָבן פּאָדעם אין אַ קליין לעכל פון אַ נאָדל, און אַלע כוחות פּטרט איר דערויף? הכלט זיך איך ניט, אַז אייער פּאָדעם וועט קיינמאָל זיך ניט אַריינצילן אין אָט דעם לעכל?

דמיטרי האָט אַ ציטער געטאָן און פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף קאַטיען.

— „איך?“ קאַטיאַ, דו האָסט געזאָגט — „איך?“

זי האָט געזאָגט „איך“, נאָר זי האָט דאָס ניט באַמערקט. זי איז רויט געוואָרן און מיט מי אים אָנגעהויבן זאָגן „דו“.

אַז דמיטרי איז אין אַ האַלבע שעה אַרום אַוועקגעגאַנגען, האָבן זיי ביידע דערפילט, אַז צווישן זיי ביידן איז שוין גאָרנישט.

⁂

אין שטאָט איז פון אַרמאַטלוק געקומען קאָנקאָרדיאַ דמיטריעוונאַ, דעם גלה וואָזדווישענסקיס טאָכטער, און דערציילט קאַטיען, אַז איוואַן איליאיטש איז אין דער היים, ביי זיך אין דער דאַטשע. ער איז שוין אַ וואָך צייט אין דער היים, ער איז געקומען צו פוס, ער איז אָבער זייער קראַנק, ער ליגט די גאַנצע צייט, און קיינער זעט אים ניט צו.

קאַטיע איז שיער פון זינען אַראָפּ פון פרייד און האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואָס עס האָט זיך געטראָפן מיט דעם פאָטער, ווי אַזוי איז ער געקומען אַהיים.

— איך ווייס ניט. ער דערציילט גאָרניט.

אין אַ האַלבע שעה צייט איז שוין קאַטיע געווען גרייט און איז אַוועקגעגאַנגען קיין אַרמאַטלוק.

געקומען איז זי פאַרנאַכטלעך. אין זיין שלאָפצימערל איז געלעגן איוואַן איליאיטש מיט אַ שרעקלעך מאָגער געוואָרן געזיכט און מיט איינגעפאַלענע אויגן. בשעת קאַטיע איז אַריינגעקומען האָט ער שלאָבעריק און מיט פרייד אַ שמייכל געטאָן, און האָט גע־

שמײכלט די גאַנצע צײַט, װען זי האָט, װײנענדיק, אים געקושט די הענט.

מיט גרױס מי, אָפּשטעלנדיק זיך נאָך יעדער פֿראַזע, האָט ער דערצײלט, װי אַזױ מען האָט אים אַרױסגעפֿירט פֿון דער טורמע און אַװעקגעפֿירט אין אַן אױטאָמאָביל אין די בערג, װי אַזױ מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן װעג, און װי אַזױ אַ מיליטערישער האָט אים אַראָפּגעפֿירט פֿון שאָסײ אין די קוסטעס.

— נו, קלער איך, אַ סוף. פּלוצים זאָגט ער: „פּעטער, שרעק זיך ניט, דאָס בין איך". איך קוק מיך צו אין דער פֿינסטער: — לעאָניד! דו? — „שטילער. קום גיכער". מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון שאָסײ, ער האָט מיר אױפֿגעבונדן די הענט. אױבן האָט גערױשט דער אױטאָמאָביל, װאָס האָט זיך אומגעקערט, כ'האָט זיך דערהערט די סירענע. — „שרעק זיך ניט, — זאָגט ער, — איך װעל אױסשיקן. אַ שעה צײַט זיצט דאָ, און נאָכדעם גײט זיך צו זיך קײן אַרמאַטלוק. אין שטאָט טאָרט איר זיך ניט באַװײַזן, כּל־זמן מיר זײַנען דאָ". ער האָט אױסגעשאָסן פֿון דעם רעװאָלװער און די קוסטעס און איז אַרױפֿגעגאַנגען.

איװאַן איליטש האָט אַ װײַלע געשװיגן, און נאָכדעם געפֿרעגט:

— און װאָס האָט מען מיט די איבעריקע געטאָן?

— מען האָט זײ אַלעמען בײַנאַכט דערשאָסן.

װעגן אַננאַ איװאַנאָװנען האָבן זײ ניט גערעדט. קאַטיע האָט געפֿרעגט:

— און װאָס איז דיר?

— איך װײס ניט... לכתּחילה האָב איך געמײנט, — רעװמאַטיזם. און קעלער איז געװען קאַלט און פֿײַכט. אַ שרעקלעכער װײטאָג אין די קני, פֿריער אין אײנער, נאָכדעם איך אין דער אַנדערער. און אַן אומענדלעכע שװאַכקײט, איך װאָלט אַלץ געלעגן, געלעגן. אױף די קלובעס רױטע פֿינטעלעך, אַזױ װי פֿלײ װאָלטן מיך צעביסן. און נעכטן האָב איך אַ קוק געטאָן, — פֿונק־רױטע און געלע פֿלעקן אױף די קלובעס... ס'איז קלאָר — ציננגע. ס'איז נאָר מאָדנע,

וואָס איף די קינבאַקן איז גאָרניטאָ. נאָר ס׳טרעפט אַמאָל. ס׳איז אַלין גאָרניט.

ער איז מיד געוואָרן רײדנדיק און האָט פאַרמאַכט די אויגן.

— דו האָסט הײנט עפעס געגעסן?

— יאָ, יאָ, געגעסן. די אַלטע וואָזדווישענסקאַיאַ האָט מיר געבראַכט זופ.

— איך וועל דיר באַלד עפעס מאַכן.

קאַטיע איז געגאַנגען אין קיך אַרײַן. דער אויזן איז געווען צענומען. דאָס אײַזעלע און דער קעסל אויסגעבראָכן, ס׳האָבן זיך אַרויסגעזען די פאַררויכערטע ציגל. אין די צימערן, וואו עס האָבן געוואוינט די סאָלדאַטן, איז פון דער קאַנאַפע און די שטולן געווען אויסגעשניטן דער שטאָף, די נאַקעטע ספּרענזשינעס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון דער קלאַטשע, די שויבן אויסגעבראָכן, שמוציק.

די סליפעס פון דער דראָט-פאַרצאַמונג זײַנען געווען אויסגעהאַקט, און דעם ניט-פאַרצײַמטן סאָד זײַנען אַרומגעגאַנגען קי. די פרוכט-ביימלעך זײַנען געווען אַרומגענאָגט, די ווײַנשטאָקן און די בייטן צעטראָטן. אין דעם פוסטן הינער-קעמערל איז געלעגן ווייס הינער-קויט, און דעם קעמערל אונטער די טרעפ, וואו זי האָט געהאַלטן דאָס חזירל, איז געווען פוסט.

קאַטיע האָט זיך מיטאַמאָל מיט געלעכטער דערמאָנט די ווערטער:

. . . мы старый мир разроем
До основанья, а затем . . .

און זיך פויל געלאָזט גײן צוריק אין קיך אַרײַן.

* * *

הינטער דעם ישוב, אונטער דעם שאָסע-בריק, האָבן די טש[illegible]באַנעס געפונען אַ טויטן קערפער פון אַ דערשאָסענעם טאָטער. זײַן דיקן איז געווען צעפאַסעוועט מיט אײַזערנע ריטער. מען האָט דער-

קענט דעם פּאָרזיצער פֿון רעווקאָם פֿין שכּנישן דאָרף. ער איז אימענגקימען אַ דאַנק זיין געאָרג־צלם, וואָס ער האָט אָנגעטאָן, כּדי נושא חן צו זיין ביי די ווייסע. מיט אַ נאַכט פֿריער, האָבן די קאָזאַקן, וואָס האָבן געטריבן אַרעסטירטע אין שטאָט אַריין, געטרונקען ווין אין אַווראַמידיס קאַפּע. דער אוריאַדניק האָט געפּאַטשט אַ טאָטער אין דערביי געשריען:

— האָסט אַזעלכע נבלות אָפּגעטאָן — אין טראָגסט נאָך אַ צלם.

אין צווישן זיך אָפּגעמאַכט:

— אַלעמען וועלן מיר אַריינצײלן צו פֿינף אין צוואַנציק אייזערנע ריטער, אין דעמדאָזיקן גליך אין גראָבן אַריין.

אין סאָד האָט מען אַרעסטירט אַפֿאַנאַסי לאַנאָוון, בשעת ער איז געשטאַנען אין געאַרבעט, מען האָט אויך אַרעסטירט קאָפּראַלאָוון אין זיי ביידע אַוועקגעפֿירט אין שטאָט אַריין. גרעבענקין איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן. טימאָפֿיי גליבאַר האָט זיך אויך איסבאַהאַלטן, אין אינאָוונט, בין־השמשות, איז ער אַרומגעלאָפֿן איבער די דאַטשעס אין געבעטן די מער־ווייכהאַרציקע דאַטשניקעס, זיי זאָלן זיך התמענען, אַז ער האָט קיינעם פֿון זיי ניט באַעוולט. ער האָט מיט גרויס דרך־ארץ געבעטן אין געשטאַנען אָן אַ היטל.

אַגאַפּאָוו האָט ליב אין נצחונותדיק געשמייכלט אין איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ מיליציאָנער איבער די פֿייערשע לאַטעס אין אָפּגענומען זיין מעבל, געפֿעס און וועש. אינאָוונט האָט ער ווידער געשריבן מסירות אין דער דעפֿענסיווע מיט כאַראַקטעריסטיקעס פֿון אַלע דאַטשניקעס אין פֿויערים. בובליקאָוו האָט תּיכּף אַריבערגעוואָרפֿן די פֿירשטין אַנדראָזשסקאַיאַ פֿין דער דירה. אַלע צימערן פֿון זיין האָטעל האָט ער פֿאַרדינגען אָנגעפּאָרענע געסט. זיין קילעכדיקער קאָפּ, אָפּגעשאָרן מיט אַ מאַשינקע, האָט געגלאַנצט, ווי אַ קירבּיס, באַגאָסן מיט פּראָוואַנס־בוימל.

* * *

פֿין וואַנען האָבן זיי זיך גענומען? ס'איז געווען אומפֿאַרשטענדלעך. אויף דעם שטראַנד, אויף די בערג האָבן שפּאַצירט דאַמען

אין ווייסע קליידער און הערן אין פאנאמעס, אויף די טעניס־פּלע־צער זיינען געפלויגן באלנס, אויף דעם זאמד ביים ים האבן זיך אויף דער זון געבאקט ווייסע לייבער, לייבער האבן זיך געפּלוסקעט אין די העל־בלויע כוואליעס.

די געדעטעניש איז געווען א קאלאסאלע. איבער דעם שאסע האבן זיך פון גאנץ פרי ביז שפעט אין אוונט געשלעפּט מאשארעס מיט גערעטן, די פויערים שווארץ פון דער זון זיינען הורכגעפארן פון סטעפּ מיט די שנייד־מאשינעס, דורכגעגאנגען מיט קאסעס. זיי האבן געקוקט אויף דעם ברעג, וואס האט זיך געוויסט מיט לייבער, מיט הארצוויטאג געפאכט מיט די הענט און געטענהט:

— און זיי, — זיי ליגן שוין ווידער נאקעטע אויף דעם זאמד!

* * *

אין דער פרייען־קאמער פון דער שטאטישער טורמע זיינען, קלינגענדיק מיט די שפארן, אריינגעקומען צוויי אפיצירן, הינטער זיי דער הויפטמאן פון דער טורמע און סאלדאטן. דער יונגער אפיציר האט אויסגערופן פון א צעטל:

— סארמאנאווא.

ווערא האט זיך אפגערופן. דער עלטערער אפיציר האט גע־פרעגט:

— וועלכע איז דאס?

— די וואס מען האט געפאקט אויף דעם וועג צו דער שטיינהא־קעריי, — העלפר פאלקאווניק, זי זאגט אליין, אז זי איז א קאמוניסטין.

מען האט ארויסגערופן נאך פיר ארבעטערינס. דער פאל־קאווניק האט געזאגט אויף א קול:

— די פינף — מארגן אינדערפרי ביי דיזעלבע מיסטגריבער, ווי זיי פלעגן אליין דערשיסן. איבערפירן זיי אין קאמער נומ. 7.

דער הויפטמאן פון דער טורמע האט זיך העפלעך פארנייגט צו אים.

— דארטן זיצן מענער, הער פאלקאווניק.

— וואָס־זשע איז? איר וועט די דערמיט ניט איבעררעדן. די זיינען געוואוינט ביינאַכט צו שלאָפן מיט מענער. ס'וועט זיי געוויס פריילעכער זיין אויף ס'לעצט. ביי זיי גייט דאָס צו פשוט.

די באַגלייטער האָבן זיך צעלאַכט.

אין דער ענגער קאַמער נומ. 7 זיינען געווען אַ סך מענטשן. ווערא האָט זיך געזעצט אויף דעם ברעג פון די נאַרעס. אין דער לופטן איז געהאַנגען אַ שווער פאַרטראַכטע שווייגעניש פון דער־וואַרטן טויט. בלויז אין ווינקל האָט געכליפעט אַ פרוי.

לעבן ווערען איז געזעסן, מיט די פיס אויף די נאַרעס, אַ הויכער מאַן אין לעדערנע באָלגאַרישע פאַנטאָפל־פּאַסטאַלעס — ער איז געזעסן, אָנגעשפאַרט מיט די עלנבויגנס אויף די קני און דעם קאָפּ אויף די הענט. ווערא האָט פאָרזיכטיק אַוועקגעלייגט איר דלאָניע אויף זיין רוקן. ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און זי אָפּגעפרעמדט באַטראַכט מיט זיינע וואונדערשיינע שוואַרצע אויגן.

— חבר, מ'דאַרף ניט פאַלן ביי זיך.

ער האָט אין דער גיך געענטפערט:

— ניין, איר פאַרשטייט, איך, גאָרניט... איך האָב זיך גלאַט אַזוי פאַרטראַכט...

— איר האָט אַ פאַמיליע, קינדער?

— יאָ. אָבער ניט וועגן דעם האָב איך געטראַכט.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף ווערען.

— איר, חברטע, זייט אַ קאָמוניסטין?

— יאָ. און איר?

— איך, פאַרשטייט איר מיך, בין איך אַ קאָמוניסט. נאָר... ווי איז אייער פאַמיליע?

— סאַרטאַנאָוואַ.

— סאַרטאַנאָוואַ? ביי אונז אין דאַטשע־ישוב איז דאָ אַ דאָקטאָר, איז זיין פאַמיליע אויך סאַרטאַנאָוו.

— איר זייט פון אַרמאַטלוק?

— יאָ.

— וואו איז איצט דער דאָקטאָר סאַרטאַנאָוו?

— אינדערהיים. מען האָט אים געהאַט אַרעסטירט און דעם לעצטן טאָג, האָט מען אים, אַפּנים, באַפרייט. נאָר איצט איז ער אינדערהיים.

ווערע האָט קיים געכאַפּט דעם אָטעם.

— אמת?

— נו, יאָ. איך האָב אים אַליין געזען.

ער האָט מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף ווערען. זי האָט צוגעדריקט איר קאָפּ צום סלופּ פון די נאַרעס און שטיל געוויינט, פאַרשטעלנדיק די אויגן מיט דער האַנט. און אַז זי האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף אים, איז איר געזיכט געווען ליכטיק און פריי־לעך.

— איר זייט זיינע אַ קרובה?

— דאָס איז מיין פאָטער... נו, יאָ! — זי איז געקומען צו זיך.

— אַ וואוילער מענטש. און זיין טאָכטער, קאַטערינאַ איוואַ־נאָוונאַ — איז אויך אַ וואוילע. זייער אינטערעסאַנט, פאַרשטייט איר מיך, רעדט זי וועגן דעם לעבן. הייסט דאָס, איז זי אייערע שוועסטער, און איר — זייט אַ קאָמוניסטין. איך קלער אַ סך וועגן דעם.

— וועגן וואָס קלערט איר?

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— בכלל — וועגן לעבן... אָט זאָגן מיר, — אַז אַלעמען זאָל זיין גוט. און טאָן טוען מיר אַזוי, אַז ס'ווערט נאָך ערגער. אָט בין איך געווען פאַרזיצער פון רעווקאָם. וויפל נבלות האָב איך דאָס אָפּגעטאָן! און פון שטאָט קומט מען, — מ'שרייט: „וואָס זשאַ־לעוועסטו זיך? וואָס פאַר אַ קאָמוניסט ביסטו! דו ביסט אַפּנים אַ בעל־גוף!" אַלע פייערים האָט מען באַוועלט, זיי קאָנען אונז ניט אָנקוקן. און איך בין דאָך אַליין אַ פּויער. און דאָס זעלבע איז איך מיט דער אינטעליגענץ. פון איר נעמט זיך דאָך דער גאַנצער שכל. און מיר טראַכטן נאָר, — ווי זי נאָך מער אונטערדריקן, און איזדעקעווען זיך איבער איר. אָט האָט מען אייער פאָטער אַריינ־געזעצט אין טורמע, — פאַרוואָס? איר פאַרשטייט, איך האָב אים אַליין אַרעסטירט, און נאָכדעם האָב איך אים אַ גאַנצע וואָך אין

הלום געזען. אָדער נעמט דאָס, בשעת אונזערע זיינען אַוועקגעגאַנגען, — וויפֿל מענטשן האָט מען דאָס דעמאָלט דערשאָסן!

— הערט חבֿר... ווי איז אייער פֿאַמיליע?

— כּאַנאָוו.

— הערט, חבֿר כּאַנאָוו. דאָס אַלץ, וואָס איר רעדט, — איז מיר אייך זייער נאָענט. זאָגט מיר, — איר האָט פֿריער אַמאָל געלייענט דאָס עוואַנגעליום?

— איך האָב געלייענט. פֿריער האָב איך טאָלסטאָיען אייך אַ סך געלייענט, איך האָב אַפֿילו געפּרוּווט לעבן, ווי ער לערנט. נאָר ביי אים איז דאָס אַלץ, אַזוי ווי... איך האָב ניט געפֿונען קיין רו.

— איז אָט, אין עוואַנגעליום שטייט: „דער, וואָס וויל ראַטעווען זיין נשמה, דער וועט זי אומברענגען". ס'איז געקומען אַזאַ צייט, וואָס מ'טאָר ניט קלערן וועגן דער ריינקייט פֿון דער אייגענער נשמה, וועגן איר רו. מיט דעם — ווי גרינג וואָלט אַלץ געווען! ניט נאָר אַ קלער: — ניי, וואָס — דקות, טויט! קליינינקייטן. אמת, ווי לייכט וואָלט דאָס אַלץ געווען? צי מאַטערט דען אייך איצט דאָס, וואָס איר דאַרפֿט שטאַרבן? איך זע: אייך מאַטערט דאָס, וואָס פֿאַר אייך איז דער טויט, און הינטער אייך — בלוט און שמוץ, שמוץ, אין וועלכן איר האָט זיך די גאַנצע צייט געבאָדן.

כּאַנאָוו האָט איבערראַשט געקוקט אויף ווערען.

— ווי האָט איר זיך דאָס דערוואוסט?... יאָ, יאָ. איר פֿאַרשטייט, — אָט, ווי איר האָט געזאָגט — אין שמוץ זיך געבאָדן.

— אָט. אין דעם באַשטייט דער גאַנצער גדול, וואָס קיין אַנדער וועג איז ניטאָ. מיט שלום, מיט גוטן, מיט ליבע, קאָן מען קיין זאַך ניט דערגרייכן. מ'מוז גיין דורך שמוץ און בלוט, הגם דאָס האַרץ זאָל דערביי פּלאַצן. מען דאַרף נאָר געדענקען, צוליב וואָס דו גייסט דאָס. און איר האָט געדענקט, — אַנדערש וואָלט דאָס אייך ניט געמאַטערט. און מ'דאַרף געדענקען, און מ'דאַרף ניט באַגיין קיין אומזיניקע אַכזריותן, אַזוי ווי פֿיל פֿון אונזערע. דערפֿאַר וואָס דער קאָפּ האָט זיך פֿאַרדרייט פֿון דער מאַכט און

דער אומבאַשטראָפטקייט. אין דער טויט, — נו, וואָס־זשע איז, אַז מ'שטאַרבט!

ס'האָבן אָנגעהויבן צו גיין נאָך אַנדערע פאַרמשפּטע.

ווערא האָט גערעדט, און אַלע האָבן זשעדנע געהערט. ווערא האָט געזאָגט: אַז זיי אַלע קומען אום צוליב דעם, אַז ס'זאָל זיין אַ נײַ לעבן, וואָס איז נאָך ביז איצט אויף דער וועלט ניט געווען, אַ לעבן, וואו ס'וועט ניט זיין קיין קנעכט און קיין הונגעריקע, הערשער און באַצווינגער. און קאַמף פאַר אָט דעם גרויסן ציל קומען זיי אום, דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט טראַכטן נאָר וועגן זיך אַליין, ניט געוואָלט ליידן און זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. זיי וועלן שטאַרבן, אָבער זייער בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן פאַר אַ דערהויבענער זאַך; זיי וועלן שטאַרבן, אָבער די זאַך וועט ניט שטאַרבן, זי וועט גיין אַלץ ווייטער און ווייטער.

אויף דעם פאַרפעצטן טיש האָט טונקל געדרייבערט אַ קליין קאַניצל. אין דער שטיקנדיק־שטינקענדיקער לופט האָט זיך דורך די קראַטעס פון דעם פענסטערל דורכגעריסן אַ ביסל פרישע לופט, וואָס האָט געשמעקט מיט באַרג־בלומען.

אַ שיינער ברונעט מיט פייערדיקע אויגן, אין אַ מאַטראָסן־העמדל, האָט געפרעגט:

— און ווי זאָגט איר, חבר, — דער סאָציאַליזם וועט גיך קו־מען?

ווערא האָט דערפילט, וואָס פאַר אַן ענטפער ער דאַרף.

— איצט שוין גיך. אין דייטשלאַנד איז אַ רעוואָלוציע, און אונגאַרן איז שוין ראַטן־מאַכט, אומעטום שטייען אויף די אַרבעטער.

— און צוויי חדשים אַרום וועט ער זיין?

— נו, נישט אין צוויי חדשים אַרום... — ווערא האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און האָט אַ שמייכל געטאָן. — און צוויי דריי יאָר אַרום.

— דאָס איז גאָרנישט. אַדאַפּיל קאָן מען נאָך וואַרטן, — דער מאַטראָס האָט זיך פריילעך צעלאַכט. — אָט דערפאַר טאַקע זיינען זיי אַזוי מלא חמה: זיי פילן, אַז ס'איז שוין זייער סוף.

אַן אַרבעטער, אין אַ פּידזשאַק, מיט קלוגע לאַכעדיקע אייגן, האָט זיך אָנגערופֿן:

— און ס'איז נאָך גאָר קיין סוף ניט. ס'וועט ביי אונדז קיין סאָציאַליזם ניט זיין. ניט אַזאַ פֿאָלק.

כאַנאָוו האָט אומגעדולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— נו, דו, קאַפּראַלאָוו, — אַלע מאָל אַזוי!

דער מאַטראָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים.

— וואָס הייסט, ס'וועט ניט זיין?

— ס'וועט ניט זיין. ס'וועט גאָרניט אַרויסקומען. דאָס פֿאָלק וועט ניט קענען. עס האָט ניט ליב צו אַרבעטן. עס אַרבעט נאָר דעמאָלט, ווען פֿאַר זיך אַליין. און די בורזשויען וועלן אונדז ווידער פּאַקן, אַזוי ווי פּאַפּערלעך מיט אַ נעץ.

ווערא האָט מיט פֿאַרוואונדערונג געקוקט אויף אים.

— פֿאַרוואָס־זשע האָט מען אייך אַהער אַריינגעזעצט?

כאַנאָוו האָט זיך צעלאַכט.

— ער האָט ביי די דאַטשניקעס צוגענומען ביכער פֿאַר דער געזעלשאַפֿטלעכער ביבליאָטעק, און זיי האָבן אויף אים אָנגעוויזן. און אָט איז ער אַריינגעפֿאַלן, ווי אַ באָק צווישן שעפּעלעך.

מען האָט זיך געשפּאַרט. געשפּאַסט, געלאַכט. זיי זיינען זיך פֿאַרזעסן ביז שפּעט ביינאַכט און זיך געלייגט שלאָפֿן, ניט טראַכטנ־דיק וועגן דעם מאָרגעדיקן, און זיינען געשמאַק געשלאָפֿן.

* * *

אַן עולם מענטשן האָבן געגראָבן הינטער די מיסט־גריבער אַ גראָבן, — און אים האָבן געדאַרפֿט ליגן זייערע טויטע קערפּערס. די מענער האָבן געקלאַפּט מיט די קירקעס אין דעם האַרטן באָדן, די פֿרויען און די אַלטע־לייט האָבן מיט רידלען אַרויסגעוואָרפֿן די ערד. די פּנימער זיינען געווען שוואַרץ, די מענטשן האָבן געציטערט פֿון דער אינדערפֿריעדיקער קעלט און אויפֿרעגונג. אַרום זיינען ווי אַ רינג געשטאַנען קאָזאַקן מיט אָנגעשטעלטע ביקסן.

די זון איז אײַפגעגאַנגען איבער דעם פֿאַרנעפּלטן ים. דער אָפֿיציר איז געזעסן אויף אַ שטײן און מיט דעם פּוס געמאַכט קע־סטעלעך אויף דעם זאַמד און מיט פֿאַרוואונדערונג זיך אײַנגעקוקט אין אײנע פֿון די אַרבעטערינס. זי האָט די גאַנצע צײַט געלאַכט, געשפּאַסט, אונטערגעגעבן השק די חבֿרים. ניט דער מוט און ניט דער שפּאַס האָט דעם אָפֿיציר פֿאַראינטערעסירט, — ער האָט דאָס שוין ניט אײנמאָל געזען. געחידושט האָט אים, וואָס אויף דער מײדלס געזיכט האָט זיך ניט געזען קײן סימן פֿון אויפֿרעגונג, קײן שפּור פֿון שרעק. דאָס געזיכט האָט געשײַנט מיט אַ ניצחונות־דיקער פֿרײד, וואָס האָט זיך געריסן פֿון דער נשמה אַרויס, אָט ווי זי וואָלט זיך געגרײט צו אַ גרויסן יום־טובֿ, צו דער גליקלעכסטער מינוט פֿון איר לעבן.

דאָס מײדל האָט זיך אויסגעגלײַכט, גליקלעך אַ קוק געטאָן אויף דעם ים, וואָס האָט זיך געבלויט אונטער דער זון, אויף דער שטאָט, וואָס איז געלעגן צופֿוסנס און האָט געגלאַנצט אויף דער זון מיט די גאָלדענע צלמים אין גײַסע ווענט פֿון די ווילעס, און האָט טיף אײַנגעאָטעמט דעם ווינט. לעבן איר, מיט גע־וואוינטע, פֿויערשע באַוועגונגען, האָט מיט אַ קירקע געאַרבעט אַ הײכער באָלגאַר אין העל־גרינע פּאַסטאַלעס.

— הבֿר כאַנאָוו, אמת, ווי גוט?

בײַ דעם אָפֿיציר איז אויף דעם גאַנצן לעבן פֿאַרבליבן אין זכרון איר געזיכט. ער וואָלט ניט געקענט זאָגן, צי עס איז געווען שײן, און דאָך האָט ער אַזאַ שײנקײט שוין קײנמאָל ניט געזען.

— שטעלט זיך! מיט דעם רוקן צום גראָבן!

כאַנאָוו האָט אײַפערדיק אָפּגעשטופּט קאַפּראַלאָוון, וואָס האָט זיך געשטעלט לעבן ווערן, ער האָט אויסגעגלײַכט זײַן ברײטע ברוסט און נצחונותדיק אָפּגעאָטעמט. קײנמאָל נאָך האָט זײַן נשמה ניט געוואוסט פֿון אַזאַ מאָרנע־לײַכטער, גליקלעכער פֿרײד, ווי איצט, אונטער די אָנגעשטעלטע רערן פֿון די ביקסן. ער האָט אָנגעהויבן זינגען, און די איבעריקע האָבן אונטערגעכאַפּט:

שטײט אויף, איר אלע ווער ווי שקלאַפֿן
פֿון הונגער לײדן לעבן מוז!..

דער מאַטראָס האָט ברענענדיק מיט די אויגן, געפּאָכט מיט דער פֿיסט אין דער לופֿט.

— זאָל לעבן די ראַטן־מאַכט! זאָל לעבן דער סאָציאַליזם! ניט לאַנג שוין וועט איר, פֿאַרשאָלטענע...

דער אָפֿיציר האָט ווילד אויסגעשריען:

— פֿלי...

* * *

די דאַטשע אויף דעם שאָסיי. מאַן און ווייב. און אַזוי ווי פֿריער ווילדע אויגן, פֿול מיט יאוש. און פּונקט אַזוי ווי פֿריער אַ ווילדע, אומגעלומפּערטע אַרבעט אין דער באַלעבאַטישקייט פֿון גאַנץ פֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. ער — מיט איינגעפֿאַלענע באַקן, מיט אויגן, ווי ביי אַן אָקס, וועלכן מען האָט דערלאַנגט מיט אַ שטיק האָלץ צווישן די הערנער. ביי איר, אָנשטאָט דעם גאָלדיקן אָרעאָל האָר, — אויסגעצויגענע הינטישע האָר; די אויגן לויפֿן אַרום פֿון אונטער דעם שטערן, ווי ביי אַ פֿאַרהאַוועטער קעלבל. און געזיכטער פֿול מיט שנאה און האַס איינער אויף דעם אַנדערן.

— איך וועל דיר ניט באַגיסן די אַבריקאָסן! פֿאַרשטייסט צי ניין? מיר קומען אַזוי אויך אום פֿון דער אַרבעט. ווער דאַרף דאָס די אַבריקאָסן!

— דו פֿאַלסט פֿון די פֿיס? לעבסט ווי אַ פּריץ, אַלץ פֿאַלט אויף מיר. נו, וואָס זאָל איך טאָן, וועל איך שוין מוזן באַגיסן די אַבריקאָסן אויך.

— נו, פֿאַרשטיי כאָטש, לידאָטשקאַ! באַנעם דאָס כאָטש מיט דיין שכל.

— אַך, לאָז געמאַך! אַלץ, אַלץ איז ער גרייט אויף מיר אַרויפֿצוּוואַרפֿן. ווי אַ קלעשטש, ווי אַ פּאַראַזיט האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף מיר און נאָגט און נאָגט דאָס לעצטע ביסל חיות אויס... און עסט נאָך, און עסט מיך פֿון פֿרימאָרגן ביז שפּעט ביינאַכט. אָט אַ פֿאַרשאָלטן לעבן!

* *
*

פיר פורן שטייען פאַר דעם קאַפע. דאָרפישע יונגען מיט רויטע פנימער פון ווינט. ס׳שפילט אַ האַרמאָניק.

קאַטיע האָט געפרעגט:

— איר זייט מאָבילידירטע?

אַ יונג, מיט אַראָפגעהאַנגענע שטיוול פון דער פור, האָט געענטפערט מיט אַ געלעכטערל:

— נו, יאָ, — ס׳הייסט, מאָבילידירטע.

— איר פאָרט מלחמה האַלטן?

— ניין, ניט מלחמה האַלטן.

— וואָס דען?

דער יונג האָט געשוויגן אַ ווײַלע.

— אייך ברענגען שלום.

— ווי אַזוי?

— אָט ווי אַזוי. גענוג מלחמה, שוין דערעסן. אין אַ חודש אַרום וועלן מיר קומען צו אייך צוריק מיט רויטע פאָנעס און אָט אַזוי וועלן מיר אייך ברענגען דעם שלום. — ער האָט צעפירט די הענט, אָט אַזוי ווי ער וואָלט אין זיי געהאַלטן אַ גרויסע, שלאַבעריקע פילקע. — און עס וועט זיין שלום ושלווה.

— איך פאַרשטיי ניט. איר וועט אַריבער צו די באָלשעוויקעס?

— נאָך וואָס? ניין. מיר וועלן אייך גאַנץ פשוט, הייסט דאָס, ברענגען דעם שלום. צו וואָס זאָלן מיר מלחמה האַלטן מיט אונזערע? אָט האָבן די באָלשעוויקעס גענומען מיינע צוויי ברידער, מיט זיך אַוועקגעטריבן, און מיך טרייבט מען אַהער. און בײַ אַלעמען איז אַזוי. ווער דאַרף דאָס אָט דיזאָזיקע מלחמה? פשוט, מיר וועלן זיך צונויפריידן און אַוועקגיין.

* *
*

און איין קלאָרן איפדערנאַכט, בשעת די ציקאַדעס האָבן שוין אָפגעקלונגען און די ליליע שאָטנס זיינען אַרויפגעקראָכן אויף די

אַרויסשטאַרצנדיקע פאָרבערג, און אין דער פאַרנאַכטיקער פאַרשלאָפנקייט האָבן זיך די כוואַליעס מיט אַ שטילן הישן געלייגט אויף דעם זאַמד, — איז איוואַן אילאַיטש געלעגן ביי זיך אויף דער טעראַסע, און לעבן אים איז געזעסן קאַטיע און האָט געוויינט. מיט אַ קלאָגעדיק קינדיש קול האָט זי געטענהט:

— ס'ווילט זיך מיר שוין מער ניט לעבן! צו וואָס? ווידער אין דעם הריבן לאָך קלייבן אַ שפּענדל צו אַ שפּענדל, אויסבאָוועז הינער, שפּייזן אַ הזירל... איך וויל נישט! צו וואָס די גאַנצע מאַטערניש, צו וואָס פּטרן אַזויפיל כוחות?

איוואַן אילאַיטש האָט מיט קלאָרע אייגן געקוקט אויף דעם טונקל-געוואָרענעם פּערלדיקן ים. ער האָט לאַנגזאַם געזאָגט:

— ס'איז גוט צו לעבן, אַז מען האָט פאַר זיך אַ ליכטיקן ציל, און אַזוי... דאָס לעבן האָט זיך אויסגעלעבט, פאָראַיס — איז גאָרנישטאָ. די רעוואָלוציע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שמוץ. צי וועלן די מנצח זיין, צי יענע — נאָר דער נצחון איז ניט קיין פרייד ווי דיקער, און די מפּלה איז ניט קיין ביטערע. איין הינט פרעסט דעם צווייטן, און דעם לעצטן וועט דער טייוול איינפרעסן. און די רעאַקציע, וואָס וועט קומען, וועט זיין נאָך שוואַרצער, ווי די פריערדיקע.

— גאָט, ווי מיד איך בין דאָס! געוויס, וועט די ערד אויך אַזוי מיד ווערן אין איר לעצטן טאָג!

איוואַן אילאַיטש האָט אַרויפגעלייגט זיין דאַר געוואָרענע האַנט אויף איר האַנט, וואָס איז אין פאַרגרעבט און פאַרברוינט געוואָרן, שטיל אַ שמייכל געטאָן און פּלוצים געזאָגט:

— קום, לאָמיר שטאַרבן.

קאַטיע האָט אויפגעציטערט, זיך אויסגעגלייכט און זיך איינגעגעסן מיט אירע אייגן אין זיינע.

— זיך נעמען דאָס לעבן! — זי איז אויפגעשפּרונגען. — ביי מיר איז דורכגעפלויגן אַזאַ געדאַנק... ניין, אין קיין פאַל ניט! זיך אונטערגעבן, אַנטלויפן! זיך פאַרקלייבן אין אַ ווינקעלע און דאָרט שטאַרבן, ווי אַ פאַרסמטע מויז! אין קיין פאַל ניט! ס'איז אַ קמצנות בנוגע דעם לעבן, ס'איז אַ אָרעמקייט!... ניין, איך וויל שטאַרבן,

נאָר זיך ראַנגלען! זאָל מען מיך צעשנײַדן מיט אַ זעג אויף דער העלפט, זאָל מען מיר די הויט אַראָפּשינדן, נאָר זאָל ניט געדאַכט ווערן דאָס וואָרט אַנטלויפן!

איוואַן איליאיטש האָט שטילערהייט געוויינט און געקושט איר האַנט.

— און פאַרוואָס קומען?... מײַן מײדעלע, ווי איך בין דאָס דיר מקנא! ווען איך, זאָל דײַן יונג!

זי האָט אים אַלס ענטפער געקושט דעם גרויען, צעשויבערטן קאָפּ און טרערן זײַנען גערונען איבער אירע באַקן.

— טײערער מײנער, געליבטער!... דײַן ערלעכקײט, דײַן אײדלקײט, דײַן ליבע צום פאָלק, — דאָס אַלץ איז גאָרנישט, גאָרנישט, קײנער דאַרף דאָס ניט האָבן.

און קאַטיע האָט דערזען, — אין איוואַן איליאיטשעס אויגן האָט געשײַנט אַ העל פײַערל, און דאָס גאַנצע געזיכט האָט געשײַנט, פּונקט אַזוי ווי בײַ ווערן אין לעצטן טאָג.

דער אָוונט איז געוואָרן געדיכטער. דער גרינער אָוונטיקער שטערן האָט העל געלויכטן צווישן די פעלזן. אַ באַזונדערע, זעלטענע שטילקייט איז געלעגן איבער דעם ישוב, און ס׳האָט זיך קלאָר געהערט דאָס וואָיען פון אַ הינטל אין דאָרף. זיי זײַנען לאַנג געזעסן אינאיינעם, דריקנדיק איינער דעם אַנדערן די הענט און האָבן געשוויגן.

איוואַן איליאיטש איז געגאַנגען שלאָפן. קאַטיע האָט זיך אויך געלייגט, נאָר זי האָט ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. די נשמה האָט געפלאַטערט און געבענקט, און שטילערהייט געוויינט.

קאַטיע איז אויפגעשטאַנען, אָנגעטאָן אויף דעם הוילן לײַב אַ לײַכט קלייד פון טשאַדרע און איז באָרוועסערהייט אַרויסגעגאַנגען אין סאַד אַרײַן. ס׳איז געווען קיל און טרוקן, די ווײַבע לופט איז צעגעפאַלן צו די הוילע הענט און פיס. ווי שטיל! די לבנה האָט זיך פאַרהילט אין אַ שטייף וואָלקנדל, דער טאָל האָט זיך באַדעקט מיט פינסטערניש, און די בערג אַרום האָבן געלויכטן מיט אַ העלבלויען-זילבערנעם שײַן. פון דערווייטן האָט זיך קלאָר אַרויסגעזען די ווײַסע וואַנט פון אַ דאַטשע — פון איינער, ווידער

פֿון אַ צווייטער, אַ דריטער. דער טאָל איז ווידער געוואָרן באַלויכטן און געשיינט מיט דעמזעלבן טרוקענעם, זילבערנעם שיין, און דער שאָטן איז אַוועק הינטער די בערג. און די שוואַרצע קוסטעס פֿון מאַי האָבן געגרילצט די גרילן.

* * *

קאַטיע האָט מקבר געווען איוואַן אילאַיטשן. פֿאַרקויפֿט דאָס מעבל, די איבעריקע זאַכן און איינמאָל אינדערפֿרי איז זי, מיט קיינעם זיך ניט געזעגנט, אַוועקגעפֿאָרן פֿון דעם ישוב, ניט באַוואוסט וואוהין.

סוף.

1920—1923

ווילנער פארלאג פון ב. א. קלעצקין

ווארשע, לעשנא 36, וו. 22

ד"ר פ. ראָזענטאַל (פ. אַנ-מאַן)

דער קאמף פאר וועלט-הערשאפט און וועלט-וועגן

אין 25 קאַפּיטלען   יידיש א. פרידקין.

אינהאלט:

די גרענע פון מיטללענדישן פעריאָד. — די געאָגראַפישע פאָרשטעלונג פון אלטערטום און מיטלאלטער.—די קאָלאָניעס פון די פיניקיער און גריכן.—די רוימישע מלוכה און די רוימישע קאָלאָניעס. — דער קאמף פון רוים מיט די קארטאגענער.—די אראבישע הערשאפט.—די נאָרמאַנער און זייערע קאָלאָניעס. — די איטאליענישע האנדלס-רעפּובליקן, ביזאנטיע.—די אָפּצווייגונג פון די האנדלס-וועגן אויף צפון.—דער קאמף פאר דעם מזרח-אייראָפּעאישן פליין: רוסלאנד, פוילן, ליטע.—די הערשאפט פון די מאָנגאָלן —די נייע תקופה.—די אנטדעקונגען און עראָבערונגען פון די שפאניער.—ענגלאנד קעגן שפאניע.—דער אָנהייב פון די ענגלישע קאָלאָניעס. — די הונדערט-יאָריקע מלחמה צווישן ענגלאנד און פראנקרייך. — דער סוף פון אָקעאנישן פעריאָד. — דער פּאנאָקעאנישער פעריאָד.

288 גרויסע זייטן — פרייז 4.50 גילדן.

א. ווייטער כתבים.

ערשטער באַנד: א. ווייטער—זיין לעבן און זיין ווירקן פון א. י. גאָלדשמידט. 1 בעלעטריסטיק. 2 דראַמע. 3 לידער; עסיי, פובליציסטישע ארטיקלען. IV פון ווייטערס איבערגעבליבענע כתבים. קורצע רשימה פון א. ווייטערס ווערק.

324 זייטן — פרייז 4.50 גילדן

צווייטער באַנד: דראַמען—פארטאָג; אין פייער; דער שטומער.— פרייז 3.30 גילדן

פאָדערט קאַטאַלאָגן, פּראָספּעקטן!

ביבליאָטעקן, בוכהענדלער, קלובן, פאַראיינען — ראַבאַט.

אדרעס: Wyd. B. A. Kleckina Warszawa, Leszno 36/22.

ווילנער פאַרלאַג ב. א. קלעצקין

וואַרשע, לעשנאָ 36, וו. 22, טעל. 71=210, פּאָסט-טשעק-קאָנטאָ 58-98.

פּ. קאָגאַן

געשיכטע פון די מערב-אייראָפּעישע ליטעראַטורן

יידיש פּ. היילפּערין

מיט פּאָרטרעטן אויף באַזונדערע בלעטער

קורצער אינהאַלט פון ערשטן באַנד.

I. די מיטלאַלטערישע ליטעראַטור. דער צושטאַנד פון אייראָפּע, איטאַליע און פלאָרענץ אין דאַנטעס צייטן.—דאַנטע—די „געטלעכע קאָמעדיע”.—דער בוי און אַלעגאָרישער זינען פון דער פּאָעמע. — די שייכות צווישן דאַנטען מיט דער רענעסאַנס עפּאָכע.

II. די מיטלאַלטער און דער רענעסאַנס.—וויסנשאַפט, קונסט, פּעדאַגאָגישע, מאָראַלישע און פּאָליטישע אַנשויאונגען אין דער עפּאָכע. — איטאַליענישער רענעסאַנס.—דייטשער הומאַניזם.—ענגלישער הומאַניזם.—פראַנצויזישער הומאַניזם.—סערוואַנטעס.—„דאָן קיכאָט”.—די אַלמענטשליכע באַדייטונג פון ראָמאַן. וויליאַם שעקספּיר.—דער טעאַטער אין שעקספּירס צייטן.—שעקספּירס קאָמעדיעס, דראַמעס און טראַגעדיעס.

III. דער XVII י. ה. — ענגלאַנד. — מילטאָן.—דער „פאַרלוירענער גן-עדן”.—מאָליער און זיינע קאָמעדיעס.—ראַסין. — קאָרנעל.—די פאַרבינדונג צווישן דער פּסייזאָקלאַסישער פּאָעזיע מיט דער ליטעראַטור פון XVIII י. ה.

IV. די אויפקלערנריקע און די סענטימענטאַלע ריכטונג וואָלטער. — רוסאָ. — די פּסיידאָקלאַסישע ריכטונג אין ענגלאַנד.—ריטשאַרדסאָן.—באָמאַרשע.

V. די דייטשע ליטעראַטור אין XVIII יאָרהונדערט. — לעסינג. געטע. שילער

VI. דער ראָמאַנטיזם און די פּאָעזיע פון „וועלט-שמערץ”. — נאָוואַליס.—בייראָן, זיין פּערזענלעכקייט און זיין שאַפן.

פּרייז 9 גילדן.

דאָס איז אַ בוך, וואָס איז שוין לאַנג נויטיק דעם יידישן לעזער. אַ בוך, וואָס פירט אריין דעם יידישן לעזער אין קרייז פון אַלמענטשלעכן שאַפן.

פאָדערט אויספירלעכע קאַטאַלאָגן

אדרעס: Warszawa, Leszno 36/22 Wyd. B. A. Kleckina